STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01169

# BALUTER VEBERS

Iosef Okrutny

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Lewis & Josephine Schneider*
*in honor of*
*Jeremiah & Olivia Link*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף אָקרוטני

# באַלוטער וועבערס

הילע פראָיעקטירט: **משה פייגנבלום**

יוסף אָקרוטני

# באַלוטער וועבערס

*

אַרויסגעגעבן פון
פאַרבאַנד פון לאָדזשער און אומגעגנט אין אַרגענטינע
ה'תשי"ג בוענאָס־איירעס 1953

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyryght by
**J. OKRUTNY, Buenos Aires**

**JOSEF OKRUTNY**

# BALUTER WEBERS

(Los Tejedores de Balut)

●

Editado por la
**UNION RESIDENTES DE LODZ Y ALREDEDORES**
**EN LA ARGENTINA**

BUENOS AIRES 1953

לזכרון פון מיין טאַטע־מאַמע
העניך און רחל טורקאָ נשמתם עדן
די תמימותדיקע ייִדן, וועלכע זענען
צוזאַמען מיטן פאָלק פון לאָדזשער געטאָ
אין חודש אדר ה׳תש״ב אומגעקומען
על קידוש השם אין די דייטשע פייערן.

# פון מחבר

1

מחמת דעם וואָס צווישן דער צייט פון אָנשרייבן דאָס דאָזיקע בוך און זיין דערשיינען אין דרוק ליגט דער גרויליקער שטח פון אונדזער חורבן, פון וואָגל און היימלאָזיקייט — מוזן קומען אָט־די אַריינפירנדיקע שורות. דרייצן גורלדיקע יאָרן! דעם מבול פון פייער און בלוט, וואָס די היטלערישע האָרדעס האָבן געבראַכט אויף ייִדיש פאָלק אין פוילן האָט דער מחבר אויסגעמיטן על־פי־נס, אָבער אין שווערע נסיונות איז אים חלילה נישט געווען קיין דוחק. בשפע זענען זיי אים באַשערט געוואָרן אויפן וועג פון אַנטרינונג פון דער צעשטערטער היים און אויך איבער דעם גאַנצן לאַנגן נע־ונד — פונעם נאַצי־פאַרכאַפּטן לאָדזש דורך סאָוויעטיש ביאַליסטאָק, וואַלגע־סטעפּעס, מדבריותדיקע מיטלאַזיע, סיביר און מאָסקווע. דאָס צווייטע קאַפּיטל פון שברת הלב און שפיכת דמים כמשמעו איז געקומען נאָכן צוריקקער אין דער אָפּגעמעקטער מו־טערשטאָט. ווּו דו קערסט זיך און ווענדסט זיך איז אַלץ אויסגעריסן מיטן וואָרצל. דאָס לאַנד איז פול מיט דיינע קברים, דיינע חורבות און ס'אַנטרינען — צומאָל ווי אין האַרבסט 1939 — איז לגמרי נישט אַזוי לייכט סיי פּסיכיש, סיי פיזיש.

דער וועג פון מחבר איז דער וועג פון זיין כתב־יד. אויסנעמלעך האָט פון דער שרפה זיך געראַטעוועט נאָר דער כתב־יד פון „באַלוטער ווע־בערס״. אַלע שריפטן זיינע אין מאַנוסקריפּט ווי די וואָס זענען שוין גע־

ווען אין דרוק, זענען אַן שפּורן געגאַנגען פאַרלוירן. אַזאַ גורל האָט געהאַט דער ראָמאַן „טריבער פּרילינג“ וואָס איז אָנהייב 1939 אַריין אין דרוק אַ דאַנק דער הילף פון וואַרשעווער פענקלוב; אַזוי איז געווען מיט אַ נאָוועלן־בוך אין ווייסרוסישן מלוכה־פאַרלאַג אין מינסק, אין 1941. אַן ענלעכע מערכה האָבן געהאַט די אַנדערע כתבים. במשך פון די דאָזיקע יאָרן זענען זיי פאַרברענט און פאַרניכטעט געוואָרן אין די געטאָס פון לאָדזש, ביאַליסטאָק און לסוף אין דעם אַנטי־יידישן וואַרשע פון וואַנען מיר איז אויסגעקומען שפּעטער צו לויפן אין שרעק פאַר אומקום אויף אַן אַנדערן אופן.

2

אָנגעשריבן אין ערב־מילחמהדיקן פּוילן, אין 1939, האָט דאָס בוך „באַלוטער וועבערס“ דורכגעמאַכט אַ ריי גלגולים. דער כתב־יד איז מיר נאָכגעגאַנגען פּוסטריט. ווען איך האָב איינער אַליין, אין אָקטאָבער 1939, געמוזט נישט ווערן פון לאָדזש, האָט מען אין וואָכן שפּעטער דעם מאַ־נוסקריפּט דורכגעשמוגלט איבער פאַרברענטע שטעט פול מיט יידן־תליות און שוידערלעכן עלנט. ווינטער 1940, ווען אין דער סאָוועטישער פּאָליטיק איז אויפגעקומען אַ טענדענץ פון התקרבות לגבי די קולטור־שאַפערישע כוחות פון די ניי־באַזעצטע געגנטן, איז אין דעם פּליטים־צענטער ביאַליסטאָק געקומען אַ דעלעגאַציע פון סאָוועטישע יידישע שרייבערס בראש מיט פּרץ מאַרקישן, שמואל האַלקינען, לייב קוויטקאָ, אהרן קושניראָוון און י. דאָברושינען; דעמאָלט איז געבליבן אַז דער מלוכהשער פאַרלאַג „דער עמעס“ זאָל אַרויסגעבן די „באַלוטער וועבערס“. און שוין אין מאַרץ־חודש פון דעם זעלביקן יאָר בין איך אַרויסגערופן געוואָרן קיין מאָסקווע, ווו עס איז געשלאָסן געוואָרן דער קאָנטראַקט אויף דעם בוך, וואָס האָט געזאָלט דערשיינען אונטער דער רעדאַקציע פון דעם ליטעראַטור־וויסנשאַפטלער מאיר ווינער.

איך זאָג: געזאָלט דערשיינען, מחמת אונטער דעם וואָרט ליגט ווידער ביטערער גורל און פּאָליטיק.

עס איז געקומען דער פאַרדעטערישער היטלערישער איבערפאַל אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד, אַ נייע מוראדיקע מילחמה פאַר אונדז. פון דאָס ניי געמוזט לויפן כדי צו ראַטעווען זיך דאָס געביין. דאָס סאָוועטישע ביאַ־

ליסטאָק איז געלעגן אין ראַדיוס פון די ערשטע פייער־פּרווון מצד די דייטשישע אָנגרייפערס. לעבנס־סכנה קוקט ווידער אין די אויגן אַריין און אַלץ וואָס איז ליב און נאָענט ווערט אָבער־אַמאָל פאַרלוירן אין בהלה. אַזוי איז אויך אומדערבאַרעמלעכן הפקר איבערגעבליבן מיין נייע באַשיידענע היים אונטערוועגס, אין ביאַליסטאָק אויף טיאָפּלאַיאַ דוואַדצאַט' ווו עס איז פאַרניכטעט געוואָרן אין מאַנוסקריפּט אַ גרויסער טייל פון דעם שוין אָנגעשריבענעם צווייטן באַנד „באַלוטער וועבערס".

אָבער אויך דער גורל פונעם ערשטן בוך, אין מאָסקווע, איז געוואָרן אָפּהענגיק פון דער לאַגע אין לאַנד. די דייטשישע חיילות האָבן מיט רעש זיך אַריינגעשניטן אין דער טיף פון ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע; האָבן אָקופּירט די באַלטישע רעפּובליקן און דער ראַדיאָ האָט טאָג און נאַכט מיט אימה אַלאַרמירט די אומצייליקע סאָוועטישע פעלקערשאַפטן: מאָסקוואַ וו' אָפּאַסנאָסטי, מאָסקווע איז אין געפאַר. דער פאַרלאַג „דער עמעס" האָט זיך עוואַקווירט ערגעץ אויף אוראַל און אינעם בריוו פון דירעקטאָר לעוו סטראָנגין איז מיר מיטגעטיילט געוואָרן, אַז צוליב די געשאַפענע אומשטאַנדן האָט דאָס בוך געמוזט מאַטריצירט ווערן. „זייט רויק, אייערע „וועבערס" ווערן אָפּגעהיטן און ביי די ערשטע מעגלעכקייטן וועט דאָס בוך דערשיינען". אַן ענלעכן בריוו איז מיר אָנגעקומען נאָך דער רעעוואַקואַציע פונעם פאַרלאַג, סוף 1944. אין 1945 און 1946 ווען איך האָב, אין מיין לעצטן סאָוועטישן עטאַפּ, געוווינט אין מאָסקווע — און דעמאָלט איז שוין געווען אַ רייד וועגן רעפּאַטריאַציע, וועגן פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד, איז שוין געוואָרן קלאָר: די וואָס פאָרן צוריק וועלן נישט זוכה זיין אַז זייערע ביכער זאָלן דערשיינען אין סאָוועטישן פאַרלאַג.

מיט איינשטעלעניש איז מיר געראָטן פון פאַרלאַג „דער עמעס" צוריקצובאַקומען די קאָפּיע פונעם כתב־יד, וואָס האָט נאָך דעם נאָך דורכגעמאַכט אַ שפּאָרן וועג פון וואַנדערונגען.

3

סוף 1949, ווען איך האָב געהאַט די אומזיכערע געלעגנהייט זיך אַרויסצורייסן פון דעם פאַרוויסטן וואַרשע, האָט ווידער נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן ראַטעווען מאַנוסקריפּטן. ווידער געמוזט איבערלאָזן אַן אויסגעוואַרעמט אָרט, פון דאָס ניי איז געבליבן אַ קבר פון צעשטערטע

האָפענונגען. דעם מאַנוסקריפּט פון „באַלוטער וועבערס״ איז על־פּי מקרה נאָך אַ מאָל באַשערט געוואָרן דורכצוקריגן זיך דורך לענדער און ימים, צו דערגרייכן די ברעגעס פון מדינת ישראל און מיך, זיין מחבר, האָט דער גורל געפירט דורך שוואַרצע גרענעצן קיין אַרגענטינע ווידער אויפֿצוהייבן די וואַנט פון דער געזונקענער היים. דער ייִדישער טיש דאָ איז גאָט צו דאַנקען אַ גאַנצער, אַ באַלעבאַטיש פּאַרגרייטער, נאָר דאָס ליכט וואָס שפּרייט זיך אויף אים איז מיר נאָך אַלץ פאַרטונקלט. די חורבה־שאָטנס פון דער לייבלעכער היים דריקן און זיי הערן נישט אויף צו מאָנען אַ תיקון.

איך פּרוּוו עס טאָן מיט מיינע קנאַפּע כוחות, און הלוואי זאָל מיין אָרעמע פּעדער נישט געשטרויכלט ווערן. „באַלוטער וועבערס״ איז די התחלה פון אַ גרעסער פאַרטראַכט ווערק.

## 4

דאָס בוך וואָס ווערט דאָ איבערגעגעבן אין רשות פון לייענער, איז אויפגעשריבן אויפן פאָן פונעם אָנהייב פון דער אינדוסטריאַליזאַציע אין אַמאָליקן פוילן. מיין היימשטאָט לאָדזש איז די לייזונט פאַר דער לאַנד־שאַפט, פאַר דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון מענטש, וועלט און בילד וואָס זענען געוועזן אייגן דער דאָזיקער שטאָט פון אַרבעט און גערანגל.

„באַלוטער וועבערס״ איז דאָס ערשטע בוך פון אַ ברייטערער שיל־דערונג פונעם פשוטן ייִד אין זיין מיטנוואָך און אין זיין בידנע יום־טוב. עס איז די דערציילונג פון דעם גראָען מענטש וואָס רייסט זיך אינסטינק־טיוו פון די פּענטעס, וועלכע בינדן אים מיט שימלדיקע דורותדיקע גע־וווינהייטן.

דאָס בוך „באַלוטער וועבערס״ שטרעבט נישט צו געבן אַ היסטאָ־רישן געמעל פון דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט ביז דעם אויפקום פון פרייהייטלעכן געדאַנק אינעם אָרעמען ייִדישן געסל. דאָס ווערק וויל נאָר געבן די קאָנווע, די שטימונג פון יענעם אַמאָל, געזעען מיט די אויגן פונעם אויטאָר. ער פּרעטענדירט בשום אופן נישט אויף געשיכטלעכער פּינקטלעכקייט.

זאָל נאָך צוגעגעבן ווערן אַז „באַלוטער וועבערס״ דערשיינען אין דער ערשטיקער רעדאַקציע ווי עס איז פון מחבר צוגעגרייט געוואָרן צום

דרוק אָנהייב 1940; איך האָב נאָר אַריינגעפירט קליינע שפּראַכלעכע שינויים כדי נאָכן אומגעקומענעם גרויסן לאָדזשער יידישן קיבוץ צו לאָזן ווי אָן איבערבלייב זיין כאַראַקטעריסטישע לעקסיק.

**5**

איך האַלט פאַר מיין חוב דאָ צו דאַנקען מיינע בני־עיר פונעם פ אַ ר־ באַ נ ד פ ו ן ל אָ ד ז ש ע ר א ו ן א ו מ ג ע ג נ ט א י ן אַ ר ג ע נ־ ט י נ ע בראש מיט דער פאַרוואַלטונג, וועלכע האָבן מיט פערזענלעכע מי מיטגעווירקט אַז „באַלוטער וועבערס" זאָל קענען דערזען די ליכטיקע שיין. אין דער ערשטער ריי קומט אַ האַרציקן יישר־כוח די פריינד י ע ק ב ק ר ײ צ ע ר און פ נ ח ס ג ו ט ר ײ ך, דעם פרעזידענט און וויצע־פרעזי־ דענט פונעם פאַרבאַנד פון לאָדזשער און אומגעגנט, דעם סעקרעטאַר ה ע ר ש ז ע ל מ אַ ן און מ אָ ט ל ל ײ ב.

מיין טייערן חבר, דעם בינע־קינסטלער ז ל מ ן ה י ר ש פ ע ל ד מיט וועמען עס פאַרבינדט מיך דאָס געדעכעניש פון אונדזער יונגשאַפט אין דער לאָדזשער שול פון יאַראָטשינסקין, אַ באַזונדערן דאַנק פאַרן ברענגען מיר מעבר לים דעם כתב־יד, וועלכער ווערט איצט דערפירט צו זיין אייגנטלעכער באַשטימונג.

**י. אקרוטני**

בוענאָס־איירעס, דעצעמבער 1952.

# אויפגעטרייסלטע פונדאמענטן

## קאַפּיטל איינס

# ערגעץ אין א העק

### א.

אַ גרויסע פלאַכטע פעלד צופוסנס דער אַלץ וואַקסנדיקער שטאָט; אומענדלעכע שטרעקעס וויסט לאַנד, פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז; דאָ און דאָרט אַן עלנט כאַטקעלע, אַ הילצערנס, אַ שוואַרצס פון אייביקן זונ־בראַנד און זאַווערוכעס, אַ הייזקע ווי אַ מכשפים־נעסט פון אַ קינדער־מעשהלע אַרויס. דאָס איז געווען העט, העט לאַנג צוריק. שפּעטער־צו, קורץ פאַר דער „פּאָווסטאַניע״, האָבן זיך שוין אויף אָט די ברייט־פונאַנ־דערגעשפּרייטע פוסטע פליינען און בערגלעך באַוויזן שפורן פון מענטשלעכן קיום. אין מאַנאַטאָנעם ליכט פונעם טיפן בין־השמשות, וואָס פלעגט זיך פרי שטעלן אויף דעם־אָ וויסטן לאַנד, האָט נישט ווו, נישט ווען גענומען בלינצן אַ קאַלט, ווייט פלעמל. אַ סימן — מענטשן האָבן זיך ערגעץ־ווו באַזעצט. נאָכדעם האָט זיך אויף דער־אָ ערד אַרויספאַר־קליבן אַ מאָדנער געביי, וואָס האָט, ווי אַ ריזן־פויגל מיט מעכטיקע פליגל געשראָקן דאָס אויג, אַ פאַרבלאָנדזשעטס צום ווייטן האָריזאָנט. דאָס איז געווען אַן ערשטע ווינטמיל, וועלכע האָט אין מרה־שחורה פון איר אייגענער עלנטער עקסיסטענץ זיך אונטערגענומען צו שפּייזן מיט זאַט ברויט די מענטשן, וואָס וועלן שפּעטער דאָ אויפקומען און זיך מערן.

אפנים, אַז מחמת קנאה פאַרן גליקלעכן גורל, וואָס האָט געטראָפן דעם ערשטן „וויאַטראַק״ צו זיין דער ערשטער שפּייזער פון די הונ־געריקע מענטשן, זענען שפּעטער דאָ אויפגעקומען נאָך אַנדערע ווינטמילן.

באַלעבטער, הימלעכער איז געוואָרן דער אַרום. דער בין־השמשות איז אַהערצו שוין נישט געקומען אזוי איילִיק, ווי פריִער. די שטענדיק באַוועגטע פליגל פון די ווינטמילן האָבן פאַרטריבן די נאַכט, מער נישט געלאָזט זי נערן מיט הוראות וועגן שדים, וואָס פלעגן אַ מאָל דאָרט לויערן אויף שריט און טריט. מענטשן האָבן זיך ווינציקער געשראָקן פאַר די פינצטערע פחדים, וואָס האָבן שטענדיק דאָ אַרומגעבלאָנקעט, קינדער אין די וויגן געמאַכט וויינען, ביי זקנים דאָס חיות צוגענומען.

אַזוי אַרום איז איינציקוויז געבוירן געוואָרן די מילנער־גאַס. וואָס אַ מאָל איז דאָרט געוואָרן הימלעכער; הייזל ביי הייזל האָט זיך ברייט אָוועקגעזעצט, באַלעבאַטישקייט און האַרמידער אויסגעשפּרייט אַרום זיך. די מילנער־גאַס ציט זיך זייער לאַנג און שמאָל. דערצו איז זי אין דער מיט עטוואָס אויסגעבויגן ווי דער האַלדז פון אַ באַטשאַן. דאָס רוב פון אירע נידעריקע הייזלעך זענען ווייס אָפּגעקאַלכט אַזוי, אַז די גאַנצע לאַנגע, אַ ביסל אויסגעבויגענע גאַס, וואָס אונטערן גראָען, כמעט גלעזערנעם הימל, דערמאָנט טאַקע אין אַ באַטשאַן גרייט צום פלי.

מילנער־גאַס לויפט ווייט, ווייט און פאַרלירט זיך ערגעץ אויף טיפע פעלדער, צווישן זומפּן.

ווי שראַמען אויף אַ שלאַנקן לייב זענען, אין משך פון דורות, לענגאויס דער מילנער־גאַס אויסגעוואַקסן זייטיקע געסלעך. איטלעך געסל, אַ שמאָלס, אַ קורצס; נידעריקע הייזלעך, שוואַרצע, שיפּע דעכער מיט אַ גרינלעכן הימל איבער זיי. איז איטלעך געסל אַ שניט אויף דער תמי־מותדיק־שטוינענדיקער צורה פון אָט דער לאַנגער גאַס, וועלכע האָט גענומען איר אָנהייב פון פעלד און פאַרענדיקט זיך אויף פעלד.

הויף־גאַס, גאָרטן־גאַס, פעפער־גאַס.

— דוואָרסקע, אָגראָדאָווע — געזען אַזוינס?

די מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט, האָבן געשטוינט: פאַרוואָס „הויף־גאַס", אַז ס'איז נישטאָ קיין זכר פון אַ פּריצישן הויף? די קליינ־שטעטלדיקע לייט, וואָס זענען דאָ אַהערגעקומען זוכן פרנסה, האָבן נישט אויפגעהערט צו בליפן. אפילו קיין גערטל איז אין ערגעץ דאָ נישט פאַר־פלאַנצט — טאָ פאַרוואָס-זשע „גאָרטן־גאַס"? און טאַקע די „פעפער־גאַס"! מ'דאַרף דאָך באמת זיין אַ בהמה פון גראָז אַראָפּ, נישט צו

פאַרשטיין און נישט צו וויסן, אַז אין אונדזערע קאַנטן וואַקסט נישט קיין פעפער. דאָס־אָ שמאָלע, קליינע געסל, וואָס קען זיך פאַרגינען אין מיטן העלן טאָג זיך אַנידערצוליייגן אונטער גאָטס גרויסע הימלען און איינפּאָפן ווי אַ פוילע קאָץ; ס׳אַ געסל מיט איין הייזקע, וואָס דרימלט שטענדיק. האָסטו דיר פעפער־גאָס! די פריש־אָנגעקומענע תושבים פון די געסלעך האָבן נישט אויפגעהערט זיך צו חידושן, הלמאי זייערע גאַסן האָבן אַזעלכע משונהדיקע נעמען. אָבער קיין עגמת־נפש האָבן זיי דערפון נישט געהאַט. פשוט נישט קיין צייט געגומען זיך אַריינצוטראַכטן אין דעם וואָזשנעם עסק. אין דער דאַוון־שטוב, ווו חברה־ייִדן האָבן זיך שבת איינגעזאַמלט כדי אָפּצוגעבן אַ שבח זיין ליבן נאָמען, וואָס ער גיט דאָס לעבן, האָט עמעצער יאָ געפּרווט באַשיידן דאָס רעטעניש מיט די נע־מען פון די גאַסן:

— רבותי, איך ווייס פאַרוואָס אונדזער מקום הייסט מיט אַזעלכע אויסטערלישע צונעמענישן! — האָט איינער מיט אַ לעבהאַפט באַוועגט פּנים זיך אָנגערופן צום עולם.

— דהיינו? — זענען לייט געוואָרן נייגעריק.

— ווייל דער יעקע, דער אַלטע דאַטש מיט דעם לילקע־ציבעק אין מויל, איז דער ערשטער באַלעבאָס אין דער־אָ גאָס, און ער הייסט פעפער.

— ווי, ווי הייסט ער, דער אַלטער בעטראַנער?

— פעפער הייסט ער, דער דאַטש. הייגריך פעפער. אַ ווילער מענטש, דער יעקע. אַלעמען זאָגט ער: „גוט מויגן״, „גוטן טאָך״...

— אַזוי! אַזוי!... האָט דאָך אַזאַ אַלטער דאָסער יאָ דערלעבט אַ זכיה ביי פּאָניען. אַ גאַנצע גאָס אויף זיין נאָמען... — האָבן ייִדן נישט אויפ־געהערט זיך צו וווּנדערן.

— און פאַרוואָס די הויף־גאָס, די גאָרטן־גאָס? — פרעגט מען דעם ייִדען.

— וואָס? דאָס בין איך אויך מחויב צו וויסן? צ׳האָט מיך געדונגען צו דעם?

אָט דאָס האָט דער קלוגער ייִד טאַקע נישט געוווסט. ער האָט זיך נאָר משער געווען, — האָט ער אַהיימגייענדיק פון דער מנין־שטוב עס מסביר געווען זיין באַגלייטער. — אויף די דאָיקע ערטער זענען מסתמא

געווען אַמאָל גאָרטנס, סעדער און פּריצישע פּאַלוואַרקן. ס'האָט געמוזט זיין אוודאי פּאָר פּאַניאַטאָווסקיס צייטן, און אפשר נאָך פריער. שווערן דערויף וואָלט ער נישט געוואָלט.

ב.

די ניי־אויפגעקומענע געסלעך צופוסנס דער שטאָט זענען באַווינט געוואָרן פון יידן און קריסטן. די יידן מיט זייערע מישפּחות זענען זיך אַהערצו צונויפגעפאָרן פון אַלע עקן פוילן־לאַנד. אין די דראָבנע שטעט־לעך איז זיך מיט כמה יאָרן צוריק פונאַנדערגעגאַנגען אַ שמועה, אַז ערגעץ אין דער מדינה איז דאָ אַ מקום, וואָס איז גרויס ווי דער ים און ברויט־זשעדנע מענטשן קענען דאָרט בהרחבה פאַרדינען אַ לעבעדיקן גראָשן. אין דער אמתן זענען אין דעם דאָזיקן גרויסן מקום ווי איבער־נאַכט אויפגעוואַקסן פאַבריקן און פאַבריקלעך, וועלכע האָבן געגעבן קאָרג ברויט דעם פאָלק, וואָס איז געווען פאַרנומען ביי מאַשינען און מחוץ די מאַשינען. אַ וועלט אַ נייע האָט זיך דאָ אויסגעבריט. ס'האָט זיך געהערט, אַז די פאַבריקן צעשיקן זייערע סחורות איבערן ווייטן, טיפן רוסנלאַנד, אַזש ביזן פּראָסטיקן סיביר. יידן האָבן געלעבט בשלום מיטן פּויערים־פאָלק און מ'האָט געשמועסט, מ'ווייסט נישט דאָרט פון קיין שנאת־ישראל. פאַרקערט, יידישע אָרעמעלייט האָבן מקרב געווען זייערע גוייִשע שכנים, גערעדט מיט זיי גוייִש און צוגעטיילט אויך אַ ביסן ברויט. די גויים האָבן אַזוי גוט געפילט צו די יידן, אַז זיי האָבן זיך אויסגע־לערנט יידיש רעדן. מ'האָט אָפט מאָל געהערט דאָס יידיש־לשון פון אַ נכרי און מ'האָט נישט געקענט וויסן, צי דאָס איז אַ ייד, אָדער אַ זייעריקער.

פונקט אַזוי ווי עס איז געווען אין די שמאָלע געסלעך אַראָפּ־שטאָט, איז אויך געווען אין די רייכערע געגנטן. יידן גבירים האָבן אויסגעבויט פאַבריקן, האָבן אַריינגענומען פויערים, זיי געלערנט האַלטן אַ „שיצן" אין האַנט, אַרויסגעקיילט פון שווערן קאָפּ דעם קעלבאַס מיטן בראַנפן און מיט דער צייט זענען זיי געוואָרן גאַנצע מייסטערס. אַזוי איז געווען מיט די דייטשן פון בעמען און זאַקסן און אַזוי מיטן פויערים־פאָלק פון פוילן־לאַנד. דער ייד איז געווען צופרידן מיטן קריסט און דער קריסט מיטן ייד. איינס האָט געלעבט פון ס'אַנדערע און זיי האָבן זיך איינאַנדער געשאַנעוועט.

קאַפּיטל צוויי

# משה אינעוואָליצער

## א.

טעג און נעכט האָט ס׳פאָלק אויף פורלעך זיך געשלעפּט צו דער נייער שטאָט, וווּ עס איז דאָ פּרנסה בהרחבה. און געפאָרן איז מען בציבור. גאַנצע שטעטלעך ייִדן האָבן פונאַנדערגעטרייסלט זייערע איינגעוואָרצלטע היימען און זענען געלאָפן אין דעם מקום, מיט וועלכן עס האָט געקלונגען ווייט אַרום. אַלע וועגן און שטעגן זענען געווען פול מיט מענער, ווייבער און קינדער. גרויס און קליין האָבן געצויגן צום אויסגעבענקטן אָרט, וווּ מ׳קען לעבן און לאָבן, בעת אין דער היים, אין די איינגעזעסענע ישובים, קומט אָן ס׳שטיקל ברויט מיט טויט־אַנגסטן. ווייל אַלץ איז דאָרט ווי איינגעפרוירן. דער פויער לעבט אין זיין פּרוכנע כאַטע, עסט זיין אייגן אויסגעהאָדעוועט ברויט און קליידט זיך אָן אין דעם גראָבן העמד פון זיין אייגענעם לייַן. קיין זייף ברויכט ער נישט, נאַפט ניצט ער אויכעט נישט. דאָס דאָרף ליגט אין האַרטן שלאָף און ס׳דערנעבנדיקע שטעטל מיטן ייִדן־פאָלק זינקט אין הונגער־גסיסה. נישט דער ייִד האָט פאַר וועמען צו נייען אַ וואַטאָווקע און נישט ער האָט רעכט וועמען צו פאַרקויפן זיין דזשעגעכץ און זיין נאַפט.

אַ חושכדיק לעבן!

דער ייִדישער קרעכץ האָט זיך געטראָגן פון ווייטע פאַרלוירענע שליאַכן. דאָס געוויין פון קליינע קינדער, וואָס האָבן מיט טאַטע־מאַמע

לאַנגע מעת־לעתן געוואָגלט אויף דאָרפּישע וועגענער איבער גרוביקע טראַקטן — האָט זיך אין שוואַרצע נעכט אויפגעלייזט אין עקבערנדיקן יאָמער, אַן אויפשווילנדיקער אין טויבע קרעטשמעס אונטערוועגנס. רוענדיק די קאַלטע האַרבסט־נעכט אין פּאַרוואָרפענע איינפאַר־הייזער, האָבן די פאַרצאָגטע מאַמעס ערשט זיך אויסגעוויינט אויף זייער ביטער מזל. פאַרמאַטערטע, אויסגעפּרוּוירענע, האָבן די קינדער מיט הילכיקער יללה פאַרשלונגען די מאַמעשע טרערן. דער־אָ אומעטיקער כאָר האָט זיך געהערט, כאָטש אַ ביסל פאַרדומפּט, דעם גאַנצן ווייטערדיקן וועג, ביז מען איז אָנגעקומען אויף דער געבענטשטער ערד.

— שוין, געלויבט צו גאָט, מ׳איז שוין אין דער היים.

די מענטשן פלעגן אָפּדעכצן, גלייך אַ שטיין וואָלט זיי אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן, אַ שווערער שטיין פון טיפער, נישט באַגריפענער זאָרג צוליב דער מורא פאַר אייביקער אויסגעוואָרצלטקייט, וואָס באַגלייט וואָגל־מענטשן. אין דער היים איז מען אָבער אַלץ נאָך נישט געווען.

ווייבער זענען ערשט מיט קנאַכיקע הענט פאַרקראַכן אין די בוזעמס אַריין. פון דאָרט האָבן זיי, ווי פון אַ ברונעם אַרויס, אַרויסגעהויבן אַ טאָרבעלע מיט געלט. דעם מאָן פלעגן זיי אויסציילן אַ ביסל זילבערנע און גאָל־דענע מטבעות און אַליין, צוזאַמען מיטן קליינוואַרג, זיך אַוועקזעצן אין מיטן גאַס. אַרום דער מישפּחה איז געלעגן דאָס ביסל „בעטל״: צוויי הילצערנע בעטן פון דעמבע־האָלץ, ברוין אָפּגעפּאַרבט. די בעטן זענען געווען אויף הויכע, שטאַרקע פיס, זיי זאָלן קענען אויסטראָגן די משא פון אַ דריי דורות קינדערהאָבן, קינדער האָדעווען און זיכערן אַ גוט געלעגער אויף דער עלטער, אַז מע דערלעבט עס. נעבן די צענומענע בעטן האָט יתומדיק געגלאָצט אין הימל אַריין אַ גרויסע, שוואַרצע פאַרזשאַווערטע דיניצע מיט אַן אָפּגעבראָכן אויער; אַ שעפּ־לעפל מיט אַ לאַנגן אָננעמער. ווייטער אַ ביסעלע האָט זיך אויף קויטיקער ערד געוואַלגערט אַ בינט בעטגעוואַנט מיט שווערע, וואַרעמע איבערבעטן, אַ סך קישנס און „יאַש־קעס״. אין דער זייט האָט נעבעכדיק, מיט אַן אָפּגעשיילטן באָק אויף קולי־קולות זיך געריסן אַ טונקל־גרינע הילצערנע וויג מיט „ביעגונעס״, כאָטש אַזאַ דראָבנע קליינוואַרג איז שוין נישט געווען אין דער מישפּחה.

די מאַמע, אין אַ באַרכאַנענער יאַקע מיט אַ געבלימלטער ראַגעווקע אויפֿן קאָפּ, זיצט אין מיטן דער קופּע פֿון דעם דאָזיקן עשירות און באַטראַכט דעם נייעם אַרום. זי קוקט חידושדיק און מוז דאָס מוזיניקל איינגעמען מיט טרייסט־ווערטער:

— געצעלע, דער טאַטע איז געגאַנגען קויפֿן אַ נייע שטוב.

— געצעלע, דער טאַטע וועט דיר ברענגען אַ פֿערדעלע.

— וויין נישט, זיידעשי.

און אַז דער מאַן איז נעבעך גיך נישט צוריקגעקומען, האָט די מאַמע זיך אויסגעשמועסט מיט אַן עלטער יינגל:

— קיוועלע, ווו גייט מען זוכן ב׳טאַטן? ווער ווייסט, צי אַן ערל האָט אים נישט באַגזלט...

— ווי, — קנייפּט זי זיך דערנאָך די באַקן, אַז ס׳קליינוואַרג זאָל נישט באַמערקן איר צרה, — ווי דערלעבט מען אים שוין צו זען!

דער טאָג האָט זיך דערווייל אַוועקגעאיילט; ער האָט זיך געהויבן אַן אַנגעברוגזטער מיט אַ כמאַרנע הימל. ער האָט איר געקוקט אין פּנים אַריין — האָט זיך דער ייִדענע אויסגעדאַכט — מיט תרעומות, הלמאי זי האָט אין אַזאַ פֿרעמד אָרט דעם מאַן אַוועקגעלאָזן איינעם אַליין.

דאָס האַרץ האָט אַ צופּ געטאָן פֿון פּאַרכטיקער שרעק, ס׳האָט זי איינגעקלעמט ווי אין אַ רייף. אַ טרער, אַן אַרויסגעצויגענע פֿון דער אַנטגאַנגענער, ברוסט, האָט געגליווערט אין איר אויג.

עס איז שוין געוועז אָוונט און „דער אַלטער" איז נאָך נישט צוריקגעקומען מיט דער שטוב, וועלכע ער האָט באַדאַרפֿט דינגען.

איבערן הויזגעזינד האָט זיך, ווי אַ געצעלט, פֿונאַנדערגעצויגן דער גרינער, וואַליקער הימל מיט אַ רויטלעכער, פֿאַרנעפּלטער לבנה. די מאַמע זיצט אומבאַוועגלעך אויף דעם בערגל אָרעמקייט. די קינדער, ווי שטומע לעמער, איינגעטוליעט איינס אין דאָס אַנדערע, קלעפּן אַרום דער מאַמען. אויף אַ שטיק ליידיקייט וואָס נישט ווייט פֿון זיי האָט זיך פֿון מאַטן לבנה־ליכט אַרויסגעהויבן אַ הויפֿן קרויט־הייפּטלעך, אויסגעשאָטענע אונטערן הימל־קופּאָל ווי אַ באַרג קליינע, קאַלטע לבנהלעך, מער גלאַנציקע און ליכטיקערע ווי די, וואָס אויבן, איבערן קאָפּ.

## יוסף אקרוטני

### ב

עס האָט געקלעקט איין טאָג, אַז די מישפּחה, וואָס איז אָנגעקומען פונעם פאַרוואָרפענעם קליינשטעטל, זאָל זיך אַרומזען, ווו זי געפינט זיך אויף דער וועלט. צומאָרגנס האָט מען זיך אויפגעכאַפּט אין אַ שטוב, וואָס ליגט אין אַ העק, כאָטש מ׳ווינט אין אַ גאָלדענער שטאָט. דאָס הויז איז אַ הילצערנס, אַ גרויסער געביי מיט הויכע גאָרנס און לאַנגע קאָרידאָרן, פינצטערע ווי אין זעק. אין יעדן קאָרידאָר אַ סך טירן. איטלעכע טיר — אַ שטוב. די שטוב איז שמאָל. אַז מ׳שטעלט אַריין צוויי בעטן לענגויס דער וואַנט, ווי אַ לאַנגע „בון", איז זי שוין פול. עס קלעקט קוים אָרט אַריינצושטעלן אַ טיש מיט אַ באַנק. פאַרן איבעריקן ביסל מעבל און הויזלעכע חפצים מוז מען זוכן אַ „גוט אָרט". נישטאָ עס ווו אַהינצוטאָן, סיידן אויפן בוידעם, וואָס איז אַ שטיק משוגענע פּוסטקייט ערגעץ אונ־טערן דאַך. עס איז נישט מעגלעך אין שטוב זיך אויסצודרייען, מ׳האָקט זיך אָפּ די זייטן, קלאָגט זיך די מאַמע. כדי דאָס קליינוואַרג זאָל זיך נישט פּלאָנטערן ביי די פיס, מוז עס תמיד זיצן אין די בעטן אָדער אַרומלויפן אין דרויסן. דער דרויסן איז אָבער אַ הוילער, אַ נאַקעטער. אַרום איז טויט־שטיל ווי אויף אַ בית־הקברות. קינדער האָבן זיך נישט מיט וואָס צו שפּילן דאָ, האָבן נישט זייערס גלייכן אַרומצוואָיעווען. פאַר דאָס גיט די־אָ עלנטע ענגעניש אַ פאַרגעלטונג מיט ליכט. אין דעם שמאָלן שטיבל דרינגט אַריין אַזאַ שלל ליכטיקייט, אַקוראַט אַלע ווענט וואָלטן געווען גלעזערנע, אָפענע און דער ברייטער, ווייטער הימל קוקט דורך זיי אַריין אַ צעפּראַלטער, אַ פליציקער. אין דער אמתן גיסט זיך אַריין דאָס ליכט נאָר אין דעם איינעם פענצטער, וואָס בלינצט אַרויס, אַ פאַרשעמטס, צו דער דרום־זייט פון דער וועלט.

אַ ברייטס, אַ הויככ שטייט דאָס הויז פריי און עס קוקט דערשטוינט אויפן אַרומיקן פוסטן פעלד. אָפּט סווישטשעט דאָ אַ ווינט, ער ברעכט זיך זיינע גראָע פליגל אָן די ווינקלען פון דעם אַליינענקן געביי.

וויי! עס איז אומעטיק צו שטיין איינער אַליין — כאָטש אַ הויז — אויף דער סומנער ערד. מה־דאַך, ווי שווער עס איז אויפן געמיט פון אַ מענטש וואָס זעט, ר׳ווינט אַליין, כמעט אָן שכנים, ווייט פון שטאָט. נאָר אַ טרייסט

האָט אונדזער ייִד: ער זעט, אַז מע קלייבט זיך דערנעבן אויפצובויען אַ ניי הויז. ס׳זענען שוין אָנגעוואָרפן שטיינער, ציגל און קלעצער.

נישט ווילנדיק גיט זיך אַ טראַכט:

און איז פון גאָט ברוך־הוא באַשאַפן געוואָרן אַזאַ מין ראַם פּאַר דער ליידיקייט, וועט ער מסתּמא שוין צושיקן וועמענען אָנצופולן די דאָזיקע ליידיקייט. מענטשן וועלן האַפּנטלעך קומען, קומען און ס׳וועט זיין אַ ווידמענעכץ און אַ מערעכץ.

... אָבער, גאָטעניו, צו וואָס נעמט מע זיך דאָ?

אין היימישן אינעווּוליץ האָט מען געהאַנדלט. אויפן דאָרף איינגעקויפט אַ האָזן־פעלעכל, אַ קעניגל, אַ קאַלב און אין שטאָט דעם פויער פאַרהאַנדלט אַ פּאָר שטיוול, אַ קאָסע, סיץ אויף אַ קליידל און שמירעכץ צו די רעדער. דאָס ווייב אין קלייטל, ער — אין מאַרק. פון די קינדער האָט מען אויך געהאַט אַ נוץ. אָבער דאָ? ווייט פון מענטשן, פאַרוואָרפן פון שטאָט. און אין שטאָט איז אַזוי האַרב מיט דירות. דאָרט, אין דער היים, האָט מע דערציילט, אַז דאָ, אין דעם לאַדזש, וואָס איז גרויס ווי דער ים, קושט מען די הענט, וואָס טוען עפּעס. הי איז אַן אַנדער לעבן. מען צערייסט זיך פּאַר אַרבעט און מע באַצאָלט גוט. סוחרים קוקן זיך אויס די אויגן, ביז זיי זעען איינעם פון דער פּראָווינץ. קומט אַזאַ איינער, ווערט ער פּאַר־צוקערט. און האָט אַזאַ אַ סך קינדער, באַגילדט מען אים. אַזעלכן באַזעצט מען אין אַ גרויסער שטוב, מ׳שטעלט אים אַריין מכשירים, מען ווייזט ווי אַזוי און אין איינס־צוויי קען ער שוין טאָן א מלאכה. ער, דער קרעמער פון אינעווּוליץ, טאָמלט צו טאָן אַ מלאכה. צו זיין אָנגעוויזן אויפן קער פון ווינט, אויסצושטיין צרות פון קונימס משוגעתן, איז ווער מיר בייזס גינט. מלאכה איז מלוכה. מ׳זיצט אין דער היים, אונטערן דאַך. נישט די קעלט שמייסט אויס דאָס פּנים, נישט די זון ברענט אָפּ דעם קאָפּ און נישט דער רעגן נעצט דיך אַדורך ביזן ביין. מלאכה גיט אַ באַטעמט שטיקל ברויט — —

משה אינעווּוליצער האָט זיך לאַנג געדרייט אין פּוסטן דרויסן און נישט געוווּסט, אין וועלכער זייט צו פּאַרקערעווען זיין טראָט. זאָל ער גיין רעכטס, ווי עס באַדאַרף זיך נוהג זיין אַן אָרנטלעכער ייִד יעדן אין

דער פרי, האָט ער מורא, ר'וועט פאַרבלאָנדזשען; זאָל ער זיך פאַרנעמען אויף לינקס, שרעקט זיין האַרץ, אַז ס'וועט אים חלילה נישט אָפּגליקן אין דעם נייעם אָרט, ווו דער, וואָס אין הימל, דאַרף אים צושיקן גוטע מלאכים. שטייט ער אַזוי, דער ייִד פון אינעווליץ, צופוסנס דעם גרויסן הויז מיט די אומצאָליקע פענצטער און אין זיין קאָפּ טומלט עס. דאָס האַרץ הילכט ווי אַ קוזשניע. וואָס טוט ער, וואָס טוט ער? טאַטע זיסער, באַהיט מיך פון א מכשול, באַשירעם מיך פון אַ פעלן שריט — שיק מיר צו א גוטע מחשבה! אין זיינע אייגענע אויגן האָט ער באותו רגע אויסגעזען נאָך קלענער, ווי ער איז.

דאָס בערדל איז אים געוואָרן אויסגעשפּיצט, האַרט, ווי אַן אויס־געריבן בעזעמל. עס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט זיינע שריט, ער האָט גע־הויבן די שטיוול צום גיין און נישט געקענט זיך אַ ריר טאָן פון אָרט. ער האָט זיך דערשפּירט — ווי קיין מאָל נישט — אַזוי נישטיק, נידער־געשלאָגן. „וואָס האָט זיך מיט אים געטאָן? פאַרוואָס איז ער געלאָפן אין דער וועלט אַריין זוכן בעסערס, אַז דאָ איז אים ערגער ווי אין דער היים... אוי, טאַטע קרויך, פרווו מיך נישט מער!"

די גאַנצע וועלט, זיין קליינע וועלט, וואָס איז אויסן געבליבן אין אינעווליץ, דאָס חנעוודיקע שטעטעלע מיט די לויטערע הימלען און מיט דער שוואַרצערד; די אַלע באַענטע און ווייטע דערפער און וועלדער, מיט די ייִדעס און עלטער־ייִדעס, זייערע פּרנסות און גדולות — אָט די חדווהדיקע וועלט האָט אין דער־מינוט זיך אַ דריי געטאָן פאַר זיינע אויגן. ער האָט דערשפּירט ווי אַלע אברים צעגייען זיך אין אים; אָט גליווערן זיי, זיי ווערן אים אָפּגענומען. דער קאָפּ איז אים אַ קלאָץ, די פיס — העלצער. דאָס ליכט לעשט זיך, עס טונקלט, ס'האָט זיך פאַרלאָשן. עס האָבן זיך געעפנט פינצטערע תהומות, פעלדזן־שפּאַלטן מיט עקדישן — — און איז משה אינעווליצער געקומען צו זיך, האָט ער, גאָרנישט טראַכטנדיק, גענומען גיין. ווהין איז נישט קיין נפקא מינה. אגב איז ער נישט געווען אין שטאַנד זיך אַליין צו פרעגן די קשיא: ווהין גייסטו, משה? אין קאָפּ איז אים נאָך געשטאַנען אַ מישונג ווי נאָך אַ שיכרות. ער האָט געשפּאַנט אָן אַ ציל. ר'האָט נאָר געפילט, אַז ער באַדאַרף בייטיק האָבן מענטשן. עס איז ביי אים געווען אַן אינסטינקטיווער געפיל, אַז

עס וועט אים גוט זיין מיט מענטשן. דווקא פרעמדע מענטשן וועלן אים לייכטער מאַכן.

דער אינעווּליצער האָט מיט אַ מאָל זיך דערזען אויף אַ פיר־עקעכיקן מאַרק. אַרום דעם מאַרק — הייזער, קליינע מויערן מיט דאַך־פּענצטער־לעך, וואָס זעען אויס ווי שפּאַרבערס, וואָס וועלן אָט־אָט אַראָפּפליִען און איבערשרעקן די פאַרהאַוועטע מענטשן. איין שערענגע הייזער לויפט אַוועק פון מאַרק ווייט, ווייט אַרויף און זי ענדיקט זיך גאָרנישט, ווייזט זיך אויס משהן. דער מאַרק איז אַ קליינער, נאָר ער איז פול מיט מענטשן. זיי שטייען ביי טישלעך, ביי ביידלעך. אויף יעדן טישל און אין יעדן ביידל כלערליי סחורות: שטיוול, ווייבערישע געשנורעוועטע שיך, ווויִ־ליקעס, קינדערישע זעקלעך, אַ שטויסל זייף, אַ היטל צוקער, אַ זעקל אַרבעס, אַ זאַק מעל, אַ שקאַרמיץ קאַווע, פּעקלעך טיי. פון איין טישל טראָגט זיך גאָר אַ רויך, אַ געקרייזלטער, עסיקער רויך, וואָס שפּאַרט פון אַ דיך, בלעכן קוימענדל. ס׳אַ „טשייניע״ אָן ווענט, נאָר מיט אַן אייזן דעכל. דאָ, ביי דעם ביידל, באַקומט מען אַ גלאָז הייסע טיי, אַ פרישע גריסקע, אַ זעמל און — בשתיקה — אַ כוסע אויבעט.

דער אינעווּליצער שטייט און שטוינט. די וווּנדער עסן אים אויף: אַ מאַרק! אַ מאַרק, ווי אין אינעווּליץ, אָבער דאָך אַן אַנדערער. שאַטס נאָר, וויל דער ייִד מאַכן אַ סדר אין זיינע אַנגעפּלייצטע געדאַנקען: וואָסער טאָג האָבן מיר היינט פון זיין ליבן נאָמען? דאַכט זיך — מיטוואָך. יאָ, מיטוואָך. נעכטן איז געווען דינסטיק. ראַכטיק, דינסטיק. ער האָט אַזוי אויסגערעכנט, אַז ר׳זאָל מיטן בני־בית קומען אַהערצו אום דינסטיק, אין אַ מזלדיקן טאָג. האָט מען היינט מיטוואָך. ווי־זשע קומט עס אין אַ פּראָסטן מיטוואָך אַ מאַרק־טאָג? און ווו האָבן זיך אַהינגעטאָן די פּויערים? און די וועגענער מיט סחורה, מיט די הינער און די קעלבער און די חזירים? אין דעם ייִד האָט עס אַ שפּיל געטאָן מיט שטעטלשן מאַרק־ניגון, מיט געגונער, מיט חזירשן קוויטש, מיט פערדישן הירזשע און גויִשן שיכורן, היימלעכן געזאַנג. עס האָט אין אים באַצייטנס אַ נאָג געטאָן די בענק־שאַפט צו דער היים, דער דורותדיקער, צו וועלכער ער איז געווען צו־געבאָפּלט.

ער שנאַפּט אַרום דעם גאַנצן מאַרק, דער ייִד. ער געפינט נישט קיין אָנצייכעניש פון אַ פויער, פון אַ פויערטע. חידושים, כ׳לעבן. ייִדן האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אין גאַס אַריין מיט זייערע קראָמען און ביידלעך און קיין פויער ז׳נישטאָ אויף אַ רפואה!

דער שטעטלשער ייִד האָט לאַנג נישט געקענט שטיין אַזוי פאַרחושט פאַר אָט דעם וווּנדער, ווייל פאַר אים האָט זיך אָקערשט אַנטפּלעקט אַ פרישע נייעס. דער מענטש איז געבליבן פאַרתמט: אַראָפּצוצו — האָט ער געזען — לויפט פונעם מאַרק אַוועק אַן אַנדער געסל, וואָס איז פול מיט הייזלעך און טונקעלע געפּאַקטע קראָמען. און טשיקאַווע: מיט די פּראַנטיקע טירן און פענצטער שטייען די דאָזיקע הייזלעך אויף בערגלדיקער ערד, די אונטערשטע טיילן זייערע קניִען שוין אין אַ טאָל. דער אינעוווליצער האָט שווער געהויבן די פיס, געגאַפט. ווי אַ נייגעריק ייִנגל איז ער פאַרקראָכן אין אָט דעם זייטן־געסל, וואָס רייסט זיך אַוועק פונעם פיר־עקעכיקן מאַרק. אָ, חידושים! ס׳אַ גאַנץ שטעטל, עס רוישט, ליאַרעמט מיט קרעמער און קונים אָט די שמאָלע גאַס און הינטערווײַלעכץ שווענקען זיך אירע „פאָדוואַלניעס” אין אַ טיפן, ברייטן וואַסער. און א גערוך טראָגט זיך פון דאָ־אָ, אַז ס׳האַקן אַזש די שלייפן.

משה האָט געשפּרייזט איבער דעם טונקעלן געסל מיט די קלייטלעך; דורך די ליקן, וואָס צווישן איין הייזל און דעם אַנדערן, האָט ער אַראָפּ־געקוקט אונטן, צום שטראָמיקן, שפּירעוודיקן וואַסער. ער האָט געשטעלט אומזיכערע טריט, גלייך ער וואָלט געטרעטן אויף אייער. ר׳האָט מורא געהאַט, דער ייִד, ער זאָל, חלילה, נישט אַריין מיט אַ שטיוול אין אַ זומפּ. ער ווייסט, אַז נאָענט פון אַ יעזשער, צי פון אַ טייך, איז די ערד טייל מאָל אַ ווייכע, אַן אונטערגעשווענקטע, ס׳איז אַ סכנה צו גיין אַזאַ וועג. מיט איבערגעשראָקענע און איינצייטיק פאַרחידושטע אויגן האָט ער געקוקט סיי צו די קרעמלעך, וואָס אויבן, אין גאַס און סיי צום וואַסער אונטן, פאַזע די מפּולתן. ער האָט געטראַכט, דער ייִד אַ מבולבלער: ווי אַזוי רירן זיך פון דאַנעט, אַז דאָס שטייט ווי אַ פּלויט! ווי אַזוי אַריבערקומען דאָס־דאָ, אויב מ׳וויל גרייכן ווייטער אַרויפצו, אויב מ׳וויל אָנשפּאַרן אין דאָרף אַריין? וווּאַ־ווּאַ, ווּאַ, אַן אָנשיקעניש! — און די אויגן האָבן אין אים געשפּילט.

## באַלוטער וועבערס

אין דמיון פון דעם אינעווליצער איז כסדר געשטאַנען דער פויער פון זיינע קאַנטן: אַ פעסטער גוי אין אַ שאָפענעם פעלץ, אַרומגענומען מיט אַ פּאַווראָזלע און אַ רויטע חסידישע פאַטשיילע אַרום האַלדז. ער האָט גע־טראַכט, משה, אַז אָט דעם פויער באַדאַרף מען אַראָפּברענגען אַהער, אין דער דאָזיקער שטאָט אַריין. ער, מאַשקע, וועט מיט אים האַנדלען פּונקט ווי אין דער היים. ער וועט אים דערקענען, דער גוי, אָבער ווו געפינט מען דאָ אַן אופן אַריבערצוציִען דאָס סרחהדיקע וואַסער!

משה אינעווליצער האָט לאַנג נישט געקענט איינשטיין אויף אַן אָרט און טראַכטן זיינע טראַכטונגען. מענטשן האָבן אים איבערגעוועקט מיט זייערע געשרייען און — אפילו נישט ווילנדיק — אים א שטורכע געטאָן מיט די עלנבויגנס.

וווהין גייט ער דאָס, דער משה? ער חידושט זיך אַליין איבער זיך און ר׳קריכט פון דעסטוועגן ווייטער.

וואָס האָט ער מורא צו האָבן, קלערט ער ווידער. ער איז, זעט ער, צווישן אַ סך יידן. וועט ער אין וועג אָנבאַגעגענען דאָס וואַסער און ס׳וועט נישט זיין קיין ווייטער, וועט ער פאַרקערעווען אויף צוריק.

אָבער לויף נישט, משה! — וועקט זיך אין אים אַן אומקלאָרער אומרו אויסגעמישט מיט קינדערשער נאַיִווקייט — קוק זיך צו צו מענטשנס מי.

עס שטייט דער פרעמדער ייד און חידושט זיך פון דאָס ניי:

— אָ, וואָ! אַ מקום קדוש! מה טובו אוהלך יעקב... — זינגט אין אים אַ געזאַנג פון אומעטומיקן ייד, וואָס פאַרגעסט קיין מאָל נישט ווער ער איז, אפילו ווען ער איז נישט אין דער היים.

דער אינעווליצער קען נישט אָפּרייסן דעם בליק פון דעם שיינעם, הויכן בנין, וואָס איז אויפגעטראָגן געוואָרן אויף אַ בערגל. אַ שיל, צי נישט אַ שיל? — גאַפט ער מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צום הימל־ראַנד, וואָס רעמט איין אין טיפן בלאָ דעם שיינעם שפּיץ פון הויכן דאַך. באמת, אַ שיל! ער זעט אין סאַמע אויבנאָן די לוחות. פון פאָרנט שניידן זיך אַריין אינעם מקום קדוש ברייטע, הויכע, שטיינערנע טרעפּ און ביי די טרעפּ שטאַרקע, געקאָוועטע טירן מיט קאָלירקע שויבן, אויסגעשטעלטע אין מגן דווידן.

פכע, פכע!.. משה, אַזוינס האָסטו אין ערגעץ נישט געזען! ער איז דאָך שוין אויסגעווען אַ וועלט, דער מענטש, און אזא תפארת נאָך נישט אָנבאַגעגנט. אָפּאַטשנע איז דאָך אויכעט אַ שטאָט, האָט אויך אַ שיל, אָבער אַזאַ חפץ? ווו איז נאָך דאָ אַזאַ יופי, ווי הי! אפילו קעלך, אפילו ראָדעם? אַלץ גובערניעס, און אַזוינס איז אין ערגעץ נישט בנמצא. ווי קומען יענע שילן צו דער-אָ, אין דער גרויסע משונהדיקער שטאָט, ווו גאָרנישט איז אַזוי נישט־ייִדיש, ווי הי!..

דער ייִד קען זיך גאָרנישט זעטיקן מיט דעם דאָ. ער קען נישט איינשטיין, משה אינעווליצער. ער מוז צוגיין נעענטער און א שמועס טאָן מיט די מויערער, וואָס פאַרקען זיך נאָך ביי דער פאָדערשטער וואַנט.

— איר זאָלט מיר געזונט זיין, — האָט דער אינעווליצער זיך פאַר־קאָקעצט, רעדנדיק צו אַ ייִד מיט אַ ליים־באַשפריצט, האַרט פּנים — ווער ט׳אויפגעשטעלט דאָס אַ חפץ?

דער מויערער קערט אויס דעם קאָפּ צום אורח. ער גיט אומיסטן אַ שטאַרקן שפּריץ מיט דער קעלניע ליים אויף דער וואנט ארויף; דער אינעווליצער גיט אַ שפּרינג אָפּ, אַן איינגעמושבטער, אין אַ זייט, גלייך מ׳וואָלט אים אָפּגעבריט.

— ס׳הייסט, ווער? — פרעגט צוריק דער ייִד, וואָס גלעט אויס די וואַנט פון מקום־קדוש. — אונדז האָט מען אויפגעשטעלט, אונדז! — און זיינע אויגן זענען בפירוש געווען מלא־כעס.

דער מויערער האָט כמעט אַ געשריי געטאָן, ווייזנדיק בעת־מעשה זיין מאָזאָלנע האַנט.

—כ׳מיין, — איז משה אַ פאַרלוירענער דאָך באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע — פון וואַנען אזוי פיל געלט אויף דעם?

— ני, און פאָזנאַנסקעלע גנב איז קליין צו געבן געלט אויף אַזאַ זאַך?

— סטייטש, אַ גנב דער פאָזנאַנסקעלע, וועלכער האָט געגעבן אַזאַ אוצר גאָלד? — רעדט דער אינעווליצער קוים אַרויס זיינע שעמעוודיקע רייד.

— אַ פּראָווענצער אודאי, הע? — איז דער מויערער געווען טשיקאַווע.

— יאָ, פון דער פרעמד... — פילט זיך דער ייִד שולדיק.

— איר ווונדערט זיך, זע איך, וואָס איך זאָג אייך, אַז פּאָזנאַנסקעלע גנב האָט געגעבן געלט אויף דער שיל־מויער. אוודאי האָט ער געגעבן. ווער דען האָט געזאָלט געבן?! ער איז אַ גרויסער גביר, אַ מיליאָנשטשיק, דער פּאָזנאַנסקי. און אַ חזיר, אַ פאַרד איז ער אויך. ייִדן, טאַטעס פון קינדער, האָט ער געפּאטשט, ווייל זיי האָבן געמאָנט אַרבעט ביי אים אויף דער פאַבריק. „וואָס, מחלל שבתניקעס ווילט עך זיין, עכברושים״ — האָט ער זיך צעשריגן אויף די ציין — „אויף מיר ווילט עך ברענגען אַזאַ עברה?.. צ׳וועט׳ס דאָס נישט דערלעבן!״... איטלעכן פון די אַרבעטאָרער האָט ער ביסטרע געקוקט אין די אויגן אַריין און אַראָפּגעלאָזט אַ פּלעם אין באַק, פּעטש געטיילט ווי שלח־מנותן, דער... יאָ, יאָ, אַזאַ איז ער, דער מיליאָנשטשיק פּאָזנאַנסקעלע. און ער האָט אונדז באַגנבעט אויכעט. ער האָט באַדאַרפט געבן ס׳גאַנצע מעות אויף דער שיל, האָט ער געגעבן נאָר אַ טייל.

— איז דאָך אויכעט שיין! — וויל דער אינעווליצער דן־זיין לכף זכות דעם מיליאָנשטשיק פּאָזנאַנקעלען.

— אוודאי איז עס אויך שיין, — שפּעט־נאָך דער אויסגעהאָרעוועטער מויערער־ייִד מיטן מידן פּנים — אַז אַזאַ איינער גיט גיכער געלט אויף צו שטעלן אַ גאַנצע „טיפלע״ פאַר ס׳זייעריקע, אַז ער בויט אויף הייזער צו וווינען פאַר ס׳זייעריקע; פאַר אייגענע זשאַלעוועט ער, פּאָזנאַנסקעלע. ר׳האָט זיך, נעבעך, באַרריסן מיט דער גאָב פאַר אונדזער מקום־קדוש... פּיש־פּישש!

— ר׳מוז נישט זיין קיין נאַר, דער פּאָזנאַנסקי, — האָט דער אינעוור־ליצער צייט צו חקרנען. — ר׳ווייסט מסתם, וואָס ער טוט.

— ר׳ווייסט, — צישעט דער מויערער און שווייגט אָפּ האסטיק.

אין אַ וויל אַרום רייסט זיך שוין אַרויס פון דעם קליינעם, ברייטן ייִדעלע אַ טיפער קרעכץ:

— מען איז, נעבעך, ביי „זיי״ אין גלות. מען מוז „זיי״ אויכעט וויזן אַ שיין פּנים, כאָטש אינעווייניק שטעכט.

דער מויער פירט די הילצערנע קעלניע איבער דער שיל־וואַנט. צוקוקנדיקערהייט ווערט זי גלאַטיק. די נייע רויטע ציגל ווערן באַדעקט מיט אַ גראָען, שטאַרקן ליים־פּאַנצער. דער ייִד איז פאַרטאָן אין דעם

טועכץ און הערט נישט מער דעם פּראָווינצער. ער מיינט רייך, אַז יענער טשעפּעט זיך אָפּ און ר׳הערט אויף אים צו פּייניקן מיט זיין פרעגעניש.

משה אינעווליצער באַטראַכט אַלץ נאָך די שיל־מויער און קען נישט פּאַרטיק ווערן מיט זיך. עס טאַטשען אים נאָך אַ סך קשיות, וואָס האָבן, ווערליק זיין שכל, אַ שטאַרקע שייכות מיט אָט דעם גרויסן מקום.

— איר זאָלט מיר לעבן, רב קרוב, — וויל דער שטעטלשער ייִד וויטער שטילן זיין נייגיריקייט — פון וואַנען נעמט זיך צו אַזאַ איינעם אַזאַ פאַרמעג?

— ס׳הייסט, פון וואַנען? — רעדט שוין דער מענטש בייזלעך. — פון האַנדל! ווייסט איר שוין פון וואַנען? געווען אַ ייִד, וואָס איז גע־גאַנגען איבער די דערפער מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס. ער איז אויס־געריסן געוואָרן פונקט אַזוי ווי איך, ווי איר, ווי אַלע אָרעמע ייִדן. ר׳האָט געהאַט מזל, ס׳האָט׳ן אָפּגעגליקט...

וואָס אָפּגעגליקט, ווי אַזוי אָפּגעגליקט? משהס נייגיר האָט זיך נאָך מער צעברענט. צי דער פּאָזנאַנסקי האָט געקריגן אַן אומגעריכטע ירושה, צי ר׳האָט געפונען אַן אוצר, אָדער ער האָט גאָר דערווישט אַ נאַרישן פּריץ אין אַ פּאַלוואַרק? ער האָט געהלשט צו וויסן ווי אַזוי עס איז מיט אַ מאָל פון דעם פּאָזנאַנסקעלען געוואָרן אַזאַ גביר־אַדיר. נאָר פרעגן האָט ער שוין נישט געקענט. ר׳האָט מורא געקראָגן פאַרן ייִד, וואָס האָט געפּלעסקעט מיטן ליים אויף דער שיל־מויער; ער האָט איינגעזען, אַז יענער קען זיך אָפּבייזערן אויכעט. און אין דער פרעמד זיך איינשאפן שונאים איז נישט קיין ענין. דעם ייִד וועט ער אָפּלאָזן. פאַראַן, אַנעהאָרע, אַנדערע ייִדן; נישט אַלע זענען דאָך אַזעלכענע!

דער טאָג דער גרויסשטאָטישער, דער פרעמדער, האָט זיך פאַר אונ־דזער משהן ערשט רעכט אַוועקגעשטעלט מיט אויפגעריסענע אויגן.

קאַפּיטל דריי

# די מעשה פון מזל

אויף דער נאַכט האָט משה אינעווליצער קוים זיך דערקליבן אַהיים צו ווייב און קינדער. ער איז געווען מיד און מאַט, כאָטש קיין ממשות־דיקס וועגן פרנסה האָט ער זיך נאָך גאָרנישט דערוווסט. ער האָט גע־זוכט און נישט געוווסט וואָס ער זוכט. דער טומל און דער בייגיר האָבן אים אין גאַנצן פאַרכאַפּט, דערפאַר האָט ער צומאָל נישט געשפּירט זיין גרויסע מידקייט.

אַהיימגעקומען איז אים געבליבן נאָר צו דערציילן די חידושים פון דער אומגעהאַרישער שטאָט. זיצנדיק זענען די קינדער שלעפעריקע אַוועקגעפאַלן אין מיטן פון דעם טאַטנס טשיקאַווע מעשיות. זי, חנה־רויזע, איז די איינציקע געבליבן הערן. ר׳האָט דערציילט פונעם מאַרק, ווו עס איז נישטאָ קיין פויער אויף אַ רפואה, פונעם שמאָלן, פינצטערלעכן געסל, וואָס שטייט אויף אַ בערגל און טונקט זיך די אונטערשטע פאַרקאָרטשע־טע טיילן אין די מוטנע וואַסערן פון אַ סטאַוול, וואָס סרחעט. לסוף האָט ער איר דערציילט וועגן דעם פּאָזנאַנסקעלען, וועלכער האָט פאַר גויים אויפ־געבויט אַ תיפלה און פאַר ייִדן, להבדיל, אַ שיל.

נאָכן נאַכטעסן איז די ייִדענע צו אים צוגעשטאַנען:

— זאָלסט מיר געזונט זיין, משה, — דאָס איז עס אין גאַנצן? דאָס איז דען אַ תכלית — ס׳קוקן, ס׳הערן היסטאָריעס? פון מעשיות וועט נישט זיין קיין שטיקל ברויט אין מויל אַריין. ביסט, געלויבט דער אייבערשטער דאָרפאַר, נישט קיין עושר. די קינדער זאָלן געזונט זיין, וועלן דיר חלילה

דעם קאָפּ אָפּעסן, אויב דו וועסט נישט האָבן זיי וואָס צו געבן. פּאָלג מיך, קוק זיך אַרום וועגן פּרנסה, אַז די קינדער זאָלן אויכעט קענען עפּעס צוהעלפן. פון סתם אַרומדרייען זיך קען מען זיך חס־ושלום פאַרדרייען. פּאָלג מיך, משה...

— ווי דען, איך מיין חלילה אַנדערש? — לויכט אויף משה אינעווי־ליצער. — כ׳על דען זיצן מיט פאַרלייגטע הענט? מיינסט, דאָ זענען נישטאָ קיין דערפער? ס׳אי׳ דאָ, אוי, איז דאָ! מע דאַרף נאָר אַהין אָנשפּאַרן. מיטן פויער בין איך ברוך־השם היימיש. דעם זיידע ר׳ געצעלעס פאָטער איז שוין קינדוויז געווען אויסגעקאָכט מיטן פויער. פון מיינע קינדער וועל איך אויך מערצעשעם האָבן א ניץ. די שטאָט איז גרויס, הערסט, אַזוינס האָסטו נאָך נישט געזען! ס׳עט גיכער זיין דער קונה, ווי דאָרט, אין דער היים.

דערצוונגדן פון זיין התפּעלות זיצט די יידענע, האָרכט אַ פאַרגאַפטע און הייבט נישט אָן צו וויסן וואָס דאָ צו טענהן, כאָטש אינעווייניק אין איר קאָכט עס: אַ ייד נעמט און פאַרשפּילט זיך ווי אַ פּיצל יינגעלע מיט טשאַטשקעס. ס׳איז׳ן געפעלן שאָנקייטן! פרעמדע מאַיאָנטקעס איז אים אָן עסק! זי קוקט אויפן מאַן ווי אויף אַ פאַרנאַרטן לאָ־עלינו און שווייגט.

— ווי אַזוי, מיינסטו, — כאַפּט ער אָפּ דעם אָטעם און שטעלט אָן די אויגן אויף דער יידענע — איז אָט־אָ־דער פאָזנאַנסקעלע רייך געוואָרן? אויכעט פון מסחרן איבער די דערפער. מען הערט זיך אָן גאַנצע מעשהס וועגן דעם פאָזנאַנסקעלע, ווי אַרומעט ער איז אַריינגעקומען אין די גדולות — מעגסט וויסן, חנה־רויזע, שאַדט נישט, וועגן אַזאַ מיליאָנטשיק.

קענטיק, דער קוק דעם מאַנס האָט זי אַ ביסל אָפּגעקילט. און זי איז טאַקע געוואָרן נייגיריק אויכעט. גלייכגעזעצט זיך, האָט די יידענע אַ שוויגנדיקע געלאָזן אים זיך קוויקן מיט זיינע מעשהס.

ישראל פאָזנאַנסקי הייסט דער היגער גרויסער גביר, — האָט ער גע־צויגן די ווערטער — שוין קליינערהייט, זאָגט מען, האָט ער ביי זיי אין קעוואָל וואָס אויף דער ווייסל, געהאַט מער מזל ווי אַלע אנדערע קינדער אין חדר. בסך־הכל איין לייטישער מלמד איז דאָרט געווען. אַלע בעסערע באַלעבאַטים האָבן זיך געשטופּט צו אים מיט זייערע קינדער, איז אָבער דער גרעסטער פאַרגעניגן געווען פון דעם מלמד צו קנייפּן די יינגלעך,

צו האַקן זיי איבער די פינגער מיטן סענקאַטן שטעקן, וואָס איז שטענדיק געהאָנגען אויף זיין אַקסל. שוואַרצע פּרענגעס האָבן די קינדער געהאַט פון זיין קאַנטשיק. ישראליק, דאָס זינדל פון קלמן חסיד, האָט דווקא פון דעם־אַ בייזן רבין געקריגן אַ גלעט איבערן קעפּל; שמחת־תורה, ביי די הקפות, האָט מען אַלע יינגלעך אין שיל געגעבן איין הקפה, מיט כל־הנערים — ישראל קלמנס, כאָטש אַן אָרעם קינד, האָט געהאַט אַן עקסטרע הקפה. מ׳ווייסט נישט פאַר וואָס, דאָס יינגל איז אפילו נישט געווען דער בעסטער לערנער, — געווען שאַרפּערע קעפּלעך אין קעוואַל — אַלע האָבן ישראליקן ליב געהאַט ס׳לעבן. נאָך דער חתונה האָט ער זיך מיטן ווייבל אַריבערגעקליבן קיין לאַדזש. די שטאָט איז דעמאָלט נאָך געווען גאָר קליין, געציילטע גאַסן געהאַט, נידעריקע הייזער — אַ פּיצל שטעטל צווישן אומהיימלעכע וועלדער און ווּיסטע וועגן. ער האָט גענומען אַ זעקל אויף די פּלייצעס און איז געגאַנגען זוכן פּרנסה אין די דערפער. ס׳גייעס, ווייסטעדעך, פעלן נישט. פאַרשטעקט איין פאַלע אין דעם גאַרטל, די צווייטע פאַלע צוגעבונדן צום זאַק אויף די אַקסלען און היידאַ יעדן פאַרטאָגס אין דאָרף אַריין. וואָס גאָט ברוך־הוא האָט באַשערט, האָט ער געהאַנדלט. און תמיד האָט׳ן אָפּגעגליקט. ער האָט געהאַט שיין פּרנסה, נאָר קיין עשירות נישט געמאַכט. אַ קאָפּ האָט ער אָבער געהאַט! איז אים איינגעפאַלן צו פירן אין דאָרף אַריין שטיקלעך לייוונט, וואָס די שטאָטישע דאַטשן האָבן אויסגעאַרבעט, און ר׳האָט מיט דעם געטראָפן. דאָרפס־לייט האָבן צעכאַפּט ישראלס סחורות. און האָבן די פויערים גערן געהאַט קאָלירטע קאַרטלעך און קאָלירטע לייוונט, איז ישראל געפאַלן אויף דער המצאה אַליין צו פאַרבן די סחורות. און עס האָט׳ן ווידער אָפּגעגאָלטן. פון דע־מאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה הלך־וגדול. דער ייִד איז געוואָרן רייך און רייכער. ס׳פאַלק איז וואָס אַ מאָל געוואָרן צופרידענער פון ישראלס סחורות און ס׳האָט זיך געריסן נאָך זיי.

דערנאָך, אַז ער איז געוואָרן קורח־רייך, האָט ער אויפגעשטעלט אייגענע מויערן, גרויסע גאַסן פאַרבויט. ר׳האָט פון אויסלאַנד געברענגט אַ סך מאַשינען אויסצואַרבעטן סחורות, וואָס האָבן אַ שם אין דער גאַנצער מדינה און אין ווייטן רוסלאַנד.

ווען רב ישראל פּאָזנאַנסקי איז אַריין אין די גדולות און זיך אָנגע־

הויבן פירן אויפן ברייטן שניט, האָט ער אין איינעם אַ טאָג פאַרבראַכט אין פאַליי פון זיינעם אַ ידיד, אויך אַן עושר, אַ פאַבריקאַנט.

שמועסנדיק, רעדנדיק, האָט יענער פלוצלינג אַ זאָג געטאָן צו פּאָזנאַנסקין:

— הער נאַר, ישראל, כ׳האָב פאַר דיר אַ געשעפט...

— דהיינו, וואָס פאַר אַ געשעפט? — איז ישראל קלמנס געוואָרן נייגיריק.

— הער אויס! — האָט יענער זיך צוגעבויגן צו אים — אונדזער הייליק לאַנד, ארץ ישראל, דאַרף אויפגעלעבט ווערן. עס וועט וואַקסן און זיך בויען, אויב ס׳וועלן נאָר דאָרט זיין ייִדן, נישט בלויז אַ כתה לערנערס און אַלטע לייט, וואָס פאָרן אַהין רק שטאַרבן. אונדזער הייליק לאַנד דאַרף האָבן לעבעדיקע ייִדן, ס׳מוז האָבן אויך פאַבריקן. אונדזערע פאַבריקן דאָ, אין גלות, שטייען אויף זאַמד אָדער אויף משוגענע וואַסערן. ס׳אַ מורא, זיי וועלן דאָ צעטראָגן ווערן, צי חלילה איינשלאָפן, כאָטש עס דאַכט זיך אַנדערש: באשר אַ ביינדל וועט זיך לאָזן אָפּלעקן. איך פיל — ס׳וועט זיך נישט האַלטן. אַלע גליקן זענען אַ שוידער־חלום. דאָרט, פאַרקערט, גלייב איך, קען מען אַ סך אויפטאָן, ישראל מיין פריינד! איז דעריבער מיין עצה, זאָלסט דאָ פאַרקויפן אַלץ און אַריבערקלייבן זיך אין לאַנד פון אונדזערע אבות. ס׳האַרץ זאָגט מיר, אַז וואָס פריִער — אַלץ בעסער. ס׳עט טאָקע פאַר אַ טייל לייט אויסקוקן אַ ווילדע זאַך, אָבער... עס קען אויסקומען אויפן גוטן.

רב ישראל קעוואַלער האָט פאַרחידושט אויסגעהערט די רייד פון זיין ידיד און נישט געוווּסט וואָס אים צו ענטפערן. פלוצטאַלבן צו צעקייען אַזאַ האַרבע מחשבה איז אים געווען מסוכן שווער. יענער האָט אים אָבער געצויגן פאַרן אַרבל:

— ני, וואָס ענטפערסטו מיר אויף דעם? ס׳אַ גרויסע זאַך. איכ׳ל אויך נישט דאָ זיצן. אַ ייִד ביז׳עד! דאָרט איז אונדזערס. מ׳דאַרף נישט זיין אָפּגעפרעמדט פון אייגנס — הערסט, איך טו אַזוי!

האָט פּאָזנאַנסקי אים אַזוי געזאָגט:

— כ׳קען דיר פריִער נישט ענטפערן אויף דיינע רייד, איידער איך וועל זיך שואל־עצה זיין מיט מיין ווייב.

## באַלוטער וועבערס

איז ר׳ ישראל דעמאָלט אַהיימגעגאַנגען און דערציילט דעם ווייב, וואָס דער ידיד נפש האָט געזאָגט.

הערנדיק אַזוינס, האָט די יידענע זיך פאַרקלערט. לסוף האָט זי גע־טענהט, אַז זי ווייסט אויך נישט קלאָר, וואָס ס׳איז גלייכער צו טאָן. מען דאַרף זיך איבערלייגן, ישראלשי, שלאָף זיך איבער געזונטערהייט. ס׳ברענט דאָך נישט, העי?

צומאָרגנס האָט דאָס ווייב געזאָגט צו איר מאַן, ר׳ ישראל קעוואָלער:

— ביי אונדז, יידן, פירט זיך, אויב מען וויל זיך מאַכטיקן ביי אַ געשעפט, פאָרט מען פרעגן דעם רבין.

און ישראל פאַזנאַנסקי איז טאַקע געפאָרן פרעגן אַן עצה דעם רבין ביי וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן.

צום רבין איז גראַד געווען שווער אַנצוקומען. קוים מיט צרות האָט ר׳ ישראל קעוואָלער אויפן צווייטן טאָג אָנגעשפּאַרט אין רבינס חדר אַריין.

נאָכן אָפּגעבן „שלום" האָט דער רבי אויסגעהערט דעם ענין מיט ארץ־ישראל און פאַזנאַנסקיס פאַבריקן. דער רבי האָט זיך לאַנג פאַר־טראַכט און מיט אַ ציטערדיק קול געלאָזט הערן די רייד פון זיין הייליקן מויל:

— ישראל בן קלמן! מ׳דאַרף זיך פאַרלאָזן אויפן שם־יתברך. דו פאָלג מיך, גיי אַרויס אויף דעם און דעם וועג און שריי: „ווו איז פאַזנאַנסקיס מלאך?"...

איז פאַזנאַנסקי דעמאָלט אַהיימגעפאָרן צום געזינדל און געטראַכט ס׳טראַכטן, וואָס דער רבי האָט אים געגעבן.

אויף צומאָרגנס איז ר׳ ישראל אַ פאַרקלערטער געזעסן אויפן גאַנעק פון זיין הויז און געזען אַדורכגיין אַן אָרעם, אָפּגעריסן יידל. נישט לאַנג זיך מיישב געווען, האָט ר׳ ישראל צוגערופן דאָס יידל און אים געפרעגט, צי ר׳וועט גיין אַ שליחות פאַר זיינעטוועגן.

— יאָ, — האָט דאָס אָרעמע מענטשל געענטפערט און געהערט דעם גבירס רצון.

— טאָ וויפל ווילסטו שכר־הליכה?

האָט דאָס ייִדעלע געזאָגט, אַז ר׳וויל פיר הונדערט רובל פאַר דעם שליחות.

גוט. ישראל פּאָזנאַנסקי האָט מסכים געווען. דאָס ייִדל אויך. נאָר ער מוז — האָט ער געזאָגט — פריִער גיין אָנפרעגן דעם ווייב, צי ער מעג פאַר דעם געלט גיין דאָס שליחות.

אַהיימגעגאַנגען צום ווייב, האָט די ייִדענע אים געהייסן פלינק לויפן נעמען די פיר הונדערט רובל און טאָן זיין טואונג.

אַז דאָס ייִדל איז צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז דאָס ווייב איז מסכים, האָט ר׳ ישראל געטענהט חרטה:

— איצטער קריגסטו פאַרן וועג נאָר דריי הונדערט רובל.

האָט דאָס ייִדל ווידער נישט געוואָלט מסכים זיין אָן דעם וויסן פונעם ווייב. ער איז פון דאָס ניי אַהיימגעלאָפן פרעגן. דאָס ווייב האָט געהייסן נעמען די דריי הונדערט קאַרבוינעס פאַרן גאַנג. איז דאָס ייִדל ווידער אַ מאָל צוריקגעקומען אַ פאַרסאָפּעטער, האָט ר׳ ישראל אים שוין געוואָלט געבן נאָר צוויי הונדערט שכר-הליכה.

איז דעם אָרעמען ייִד, נעבעך, שלעכט געוואָרן. ער האָלט גאָר שמאָל מיט דעם פאַרריסענעם גביר. אָבער אָן דעם ווייבס הסכמה וועט ער גאָר נישט טאָן.

און ער איז ווידער אַוועק צום ווייב פרעגן, צי ער זאָל מסכים זיין צו נעמען פאַר דעם שליחות צוויי הונדערט רובל.

דאָס ווייב האָט געענטפערט, אַז צוויי הונדערט איז אויך אַ שפּאָרע אפּותיקא.

פּאָזנאַנסקי האָט אָבער שוין נישט געוואָלט געבן מער ווי הונדערט רובל.

שוין פאַרמאַטערט פון לויפן אַהין און הער, איז דאָס אָרעמע ייִדל לסוף איינגעגאַנגען — אָן דעם ווייבס דעה — אויף הונדערט קערבלעך.

ר׳ ישראל האָט דעם ייִדל געגעבן הונדערט קאַרבוינעס און אים געוויזן מיטן טייט-פינגער:

— גיי זשע אַרויס אויף דעם-אָ וועג און רוף אויפן קול: „ווו איז פּאָזנאַנסקיס מלאך?” דערנאָך וועסטו צוריקקומען.

און דער ייִד האָט געטאָן אַזוי, ווי דער גביר האָט אים געהייסן: געגאַנגען און גערופן.

גייענדיק איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ מלאך, וואָס איז געווען פון קאָפּ ביז די פיס באַהאָנגען מיט גאָלד, זילבער און בריליאַנטן — אין סאַמע רייכקייט. האָט דער מלאך געפרעגט דעם איינגעדאַרטן, פאַרחושכטן ייִדעלע, וואָס זיין פאַרלאַנג איז.

אַ שפּלער האָט דאָס ייִדל אים געענטפערט, אַז ער זוכט פּאָזנאַנסקיס מלאך.

דער מלאך האָט דעמאָלט דאָס אָרעמע ייִדעלע אַרייַנגעפירט אין אַ גרויסער סאַליע, וועלכע איז געווען פול מיט כלערליי מלאכים: שיינע און מיאוסע, רייכע און אָרעמע, יונגע און אַלטע, גוטע און בייזע, הויכע און קליינע, זינגענדיקע און וויינענדיקע און שרייענדיקע. מיט פאַרוווּנדע־רונג האָט דאָס ייִדל באַטראַכט אַלע מלאכים און מיט נייגיר געפרעגט דעם גאָלד־פּאַרפּוצטן מלאך:

— אדוני, און ווו איז פּאָזנאַנסקיס מלאך?

— אָט איז ער! — האָט דער זעלביקער רייך־אָנגעטוענער מלאך זיך אַליין פאָרגעשטעלט.

...און ער האָט מבטיח געווען פּאָזנאַנסקיס שליח, אַז ער, דער מלאך, וועט זיין באַלעבאָס אויף דער ערד — פּאָזנאַנסקין — קיין מאָל נישט פאַרלאָזן, אין ערגעץ וועט ער אים נישט פאַרגעסן.

פאַרשטייט זיך, דאָס ייִדעלע איז געווען מלא־שמחה פון צונויפטרע־פעניש מיט פּאָזנאַנסקיס מלאך און ר׳האָט געבעטן, אַז ער זאָל אים פאַר איין וועגס ווייזן זיין אייגענעם מלאך. דעם ייִדעלעס, מיינ׳עך.

מ׳האָט געגעבן עפּעס אַ פאַרהוילענעם צייכן און פון הינטערן אויוון איז אַרויסגעקראָכן אַ מלאך אַלט, פינצטער, לאָם און קרום; אין דער האַנט האָט דעם ייִדלס מלאך געהאַלטן אַ פּיפּקעלע, אין וועלכן ער האָט אַרייַנגעשטופּט גרעזעלעך טאַבעק.

און דער פינצטערער מלאך האָט צום ייִדל געזאָגט מיט אַ להכעיס־שמייכעלע:

— ס׳דיין גליק, וואָס איך בין גראָד איצעט פאַרנומען מיט מיין פּיפּקע.

אויב נישט דאָס־דאָ, וואָלטסטו דאָס היינטיקע שליחות אויך נישט אויס־געפירט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

געענדיקט דערציילן די שיינע געשיכטע וועגן דעם מיליאָנטשיק פּאָז־נאַנסקעלע, איז דער אינעווליצער געבליבן זיצן אַנטקעגן ווייב מיט אַ דער־צונדן פּנים. ער האָט ליכטיק געשמייכלט. די פאַנטאַזיע וועגן דעם מלאך פון די גוטע גורלות האָט אים אויף אַ רעכטן אמת דערוואַרעמט און דעם קאָפּ פאַרדרייט. ער האָט נישט געזעען ווי דאָס לעמפּל האָט פאַרחלשט פאַרקנייטשט דאָס שפּיציקע צינגל און אין שטיבל איז געוואָרן שטאַרק שאָטנדיק. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ סוף־חודשדיקע נאַכט, אַ שוואַרצע, אָנצוטאַפּן די פינצטערניש.

דאָס ווייב האָט אומגעריכט פאַרנומען משהס אַ זיפץ. זי האָט שוין געוווּסט: ס׳איז זיין אָנצוהערעניש, אַז ס׳איז אים נישט ניחא, ס׳זאָל זיין אין גאַנצן שטיל. אין דער אמתן שפּילן אים נישט קיין קאַנאַרקעס אין קאָפּ; דער מוח פּלאַצט אים פון איין קלערן און טראַכטן — וואָס וועט דאָך זיין דער סוף?

— אַזאַ מעשה פּאַסט זיך פּאַר אַ פרום ספרל, — רופט זיך אָפּ די יידענע טרייבערנדיק דאָס האַרטע שווייגן.

— אַזאַ מעשה?... — הערט זיך פאַראיבל פון דעם אינעווליצער. — ס׳איז דאָך אָבער די ריינע נעוואָרעט! אפילו קינדער ווייסן דערפון.

— זעסטע׳דעדן! — זאָגט זי.

— ר׳איז דאָ פּאַרבליבן, פּאָזנאַנסקע, און ר׳האָט דערווייל ס׳גן־עדן דאָ. אַזאַ גרויסער בר־מוצלח — שאָקלט ער פאַרטראַכט מיטן קאָפּ. — און מן הסתם ׳עט ׳עם אָנגעזאָגט ווערן, ווען ר׳זאָל אָוועק... איי־איי, איי, אונ־דזער ווייט, הייליק לאַנד פון אברהם, יצחק ויעקב, טאַטעלע דערבאַרעמ־דיקער!

און ביי משה אינעווליצער פלאַקערן אויף די אויגן ווי ביי אַ שכור.

די יידענע גיט אַ קרעכץ אין דעם אָנגעזינקענעם חושך אַריין:

— מיין מאַן, עשירות איז אַ גורל־זאַך!

— לאָמיר האָפן צו זיין ליבן נאָמען... — זאָגט משה אינעווליצער.

און ס׳הויזגעזינד האָט געמאַכט נאַכט.

קאַפּיטל פּינ־

# די גאָלדענע שטאָט

צומאָרגנס האָט פאַר משה אינעוואַליצער ווידער זיך אַנטפּלעקט אַ נייעס:

דאָס אָפּגעלעגענע געסל, וווּ ער וווינט, הייסט — דאָס גראַשן־געסל.

צי דערפאַר, ווייל אין דער גאַס, וואָס איז אָפּגעשניטן פון אַ ווילד פעלד, זענען די הייזער כלומרשט ווערט אַ גראַשן;

צי דערפאַר, ווייל די מענטשן וואָס לעבן דאָרט, פאַרמאָגן נישט אַ גראַשן ביי דער נשמה;

צי דערפאַר, ווייל אַ סך פון דער־אָ גאַס גייען אין די הייזער בעטלען גראָשנס? —

ער האָט נישט געקאָנט תופס־זיין, משה אינעוואַליצער, דעם טעם פון דעם־אָ נאָמען. אים האָבן כסדר די וווּנדער געגעסן: ר׳האָט נאָך נישט געזען אַ שטאָט, וואָס האָט אַזעלכענע גרויסע, משונהדיקע הייזער מיט קליינע שטיבעלעך (ווי זיינס), וואָס האָט אַ מאַרק־טאָג אין סאַמע מיט־וואָך, — דערצו אָן איין פויער! אַ שטאָט, וואָס לאָזט אין סאַמע אויבנאָן אַדורכלויפן אַ שפּירעוודיק סטאַוול אָן אַ בריקל צו קענען גיין אין דאָרף אַריין; אַ שטאָט, וואָס האָט אַזאַ פאַזנאַנסקעלע, אַ שטיק ייִדלטשינע, וועל־כער איז אַזוי משוגע־רייך, אַז ער ווייסט נישט, וואָס עס איז בילכער: אַ שיל, צי — שטראָף מיך נישט פאַר די רייד — אַ טומאה.

אַ שטאָט אַזאַ, דאָס לאָדזש, — רייסט זיך דער ייִד ב׳יאַשטשיק — אַ בייז באַשריגעניש אויף איר, און אַלץ אַזוי נישט היימיש.

נאָר נישקשה. משה איז נישט קיין מפיל־קינד. ער וועט זיך אַרויס־דרייען פון דעם קוואַל, אין וועלכן ער געפינט זיך אין אָט דעם מדבר. ר׳וועט מערצעשעם בלייבן אַ מענטש נאָ פּליאַצו. עולם וועלט, עולם אייביק. ווו עס זענען נאָר פּאַראַן יידן, וועט אַזאַ משה אינעוווליצער נישט אונטערגיין. בפרט, אַז ער האָט שוין קינדער, וועלכע קענען העלפן אונטערשטופן דעם וואָגן. כ׳בין נישט ווערט אָנצורופן זיין ליבן נאָמען — פּרנסה וועט ער, האָפנטלעך, געבן.

אַראָפּגעקומען אין גראָשענעם געסל האָט דער ייד זיך שוין אַרומגע־קוקט ווי אַ היימישער. ס׳דאַכט זיך אים, ער איז שוין הי אַ יאָר. מיט זיינע יוכטענע שטיוול האָט ער אַ שפּאַן געטאָן צום שכנותדיקן הויז, אַ בליק געגעבן אין אַ פענצטער אַריין. ר׳האָט געזען: אינעווייניק, אין שאָטנדיקן ליכט, באַוועגט זיך עפּעס, עס רודערט זיך מיט לעבן, מיט צאַפּל.

אַריין אַהין, האָט דעם אינעוווליצער אָנטקעגנגעשלאָגן דער ריח פון איינגעזויערטער באַלעבאַטישקייט, פון געקעכטס, פון בעט און פון האָר־מידער.

— גוט מאָרגן!... כ׳האָב געטראָפן, זע איך, אין אַ יידישער שטוב אַריין. — האָט משה זיך געמאַכט האָרץ צו זיין היימיש מיט דער פרעמ־דער שטוב.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר! פון וואַנען איז אַ ייד?

— כ׳בין אַ שכן פון דאַנען. געקומען אַריינקוקן צו אַ ייד, ווי מע לעבט דאָ. — זאָגט דער אינעוווליצער מיט אַן אָפּגעשפּאָלטן קול, מחמת די מענטשן האָבן אויף אים געקוקט אַ ביסל קיל. ס׳האָט אויף אים אַ בלאָז־געטאָן מיט ערשטיקן אומגלויבן.

— מסתמא נישט קאַ׳ היגער? — וויל דער באַלעבאָס, אַ ייד מיט אַ קנאָכיק פּנים און אַ קאָפּל אויפן קאָפּ, טרעפן דעם אַריינגעקומענעם מיט אַ וואָרעם וואָרט.

— וואָס דען? נישט קאַ׳ היגער. אַריינגעפאַלן דאָ נאָ כיפּ־טראַף... אין שטעטל ז׳נישטאָ לאַ־עלינו קאַ׳ פּרנסה. געהערט דאָ רוכעוועט זיך, מ׳קאָן פאַרדינען אַ קערבל.

— ר׳זענט אַליין הי, צי מיט בני־בית?

— וואָ׳דען, אַליין? קינדער, אָנעהאָרע, פינעף, אונטערגעוואַקסענע.

— נישט געדאגהט! — טרייסט דער ייִד אין קאַפּל — איר׳ט נישט פאַרלוירן גיין דאָ. אַבי, באָרעכאַשעם, געזונטע הענט. זיי זענען גוטע שפּיזערס. איך אַליין וועל אייך נאַרייען אַ טועכץ.

פון אומגעריכטער פרייד שפּאַרן אַרויס די אויגן פון אינעווליצערס בערדיקן פּנים. דאָס האַרץ שפּרינגט אין אים:

— פאַר מיר, צי פאַר די קינדער? — פאַרכלינעט ער זיך מיט דעם פרעג, אַזש די ווערטער קומען אַרויס ווי נישט דערענדיקטע.

— פאַר אייך און פאַר די קינדער אויכעט.

— איך קען נישט קיין שום מלאכה, ר׳ שכן. — טאַמלט דער פרעמ־דער ייִד. — כ׳האָב אַלע יאָרן געהאַנדלט. אַ קינד פון סוחרים... — רעדט משה אַ פאַרלוירענער, אַן איינגעזינקענער אין זיך; ער ציט די ווערטער ווי שטיינער פון וואַסער. די רייד קומען אַרויס אָפּגעשפּאָלטענע און עס שפּירט זיך, אַז ער וויל האָבן עפּעס אַ פאַרענטפערניש פאַר אָט דעם פרעמדן מענטש.

— נישט קיין בייזס. איר׳ט זיך פלינק אויסלערנען. אַז דאָס קענען טוען קינדער, וועט איר׳ס אוודאי קענען. — שטאַרקט אים דער ייִד אין קאַפּל.

— אדרבה, — שטיקט זיך ווידער דער אינעווליצער מיט דעם איינעם וואָרט, און ער גלייבט נישט זיינע אייגענע אויערן, אַז דאָס, וואָס ער הערט אָקערשט, זאָל אויף אַן אמת זיין אָנגעבאַרייט פאַר אים.

— וואָס מיינט איר, ס׳איז אַזאַ „באַבוק“? — ווענדט זיך דער שכן צום אינעווליצער זעענדיק, ווי ביים פרעמדן בייטן זיך די פאַרבן אין פּנים. — שרעקט זיך נישט אַזוי! איר ווייסט, וואָס פאַר אַן אַרבעט איך וועל אייך נאַרייען? אָט־אָ־די! דער ייִד מיטן יאַרמלקעלע אויפן קאָפּ פירט צו צום אינעווליצערס אויגן אַ שפּול מיט וואָל. ער ווייזט אים: ס׳איז זייער פּראָסט. דאָס מאַכן מיינע אייגענע קינדער אויכעט. אפילו אַ זקנה באַווייזט די זעלבע קונץ! נישט קאַ׳ שרעק! איר זעט? מע זעצט זיך אַוועק ביי אַזאַ רעדל, מיטן פוס שטויסט מען אַ טרעטער און עס דרייט זיך דאָס רעדל. און שוין. מיט די פינגער ברויך מע נאָר פירן אַ פאָדעם איבערן פּאַפּירענעם העלדזל. ס׳אַ גאָרנישט מיט נישט.

ביים אינעווליצער צוקט דאָס פּנים און ער קען אַלץ נישט אָפּרייסן דעם בליק פונעם רעדל, אויף וועלכן עס וויקלט זיך אַ שפּול וואָל.

— איר וועט מאָרגן מיט מיר מיטגיין קאָ׳ ווילקע*) — האָט דער שכן פאַרענדיקט זיין שווערן „שיעור״ מיטן פרעמדן אין די גראָבע שטיוול.

פאַרן אַוועקגיין דעם אורחס, האָט דער ייִד נאָך געפרעגט דעם אינע־וליצער:

— האָט איר כאָטש אַ גרויסע שטוב פאַר די שפּול־רעדלעך?

ער האָט רעכט שוין נישט געענטפערט. ר׳האָט בלויז אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ. ס׳האָט געקענט הייסן פאַרן צוגעלאָזענעם שכן: כ׳האָב יאָ אַ גרויסע שטוב און כ׳האָב נישט קיין גרויסע שטוב. כ׳וועל מיך אַלציינס אָנפּייניקן ביי דעם נייעם סדר, וואָס פירט זיך דאָ אין דעם גאָלדענעם מקום.

אויף דער שוועל האָט משה מיט די פינגער אַ וויש געטאָן די מזוזה און אין קאָפּ האָט זיך אים געשטעלט אַ טאָפּלטע מחשבה:

— די קינדער וועלן יאַקאָש ווערן לייט, אָבער וואָס וועט זיין דער סוף פון אים גופא?... וועט ער דען קענען זיצן אין שטוב און קאָפּיען אַ טרעטער? דרייען אַ רעדל, פירן אַ דרים פאָדעם צווישן די פינגער? מנע!

ס׳איז ביי אים געבליבן קודם־כל אַרויסצושטעלן די וויג פון שטוב. די ייִדענע וועט זיך מוזן נעמען אין זינען אַריין צו סעקן אַליין. ס׳זאָל זיך איר, חלילה, נישט פאַרגלוסטן דאָ ווידער צו קינדלען. נישטאָ דאָ קיין אָרט פאַר אַ וויג. מע מוז מאַכן פּלאַץ פאַר די רעדלעך.

— טשיקאַווע, וויפל קאָסט אַזאַ רעדל?

און אַ גאַנצן טאָג האָט זיך אים געפּלאָנטערט אין מוח: דער שכן, די פּאַפּירענע העלדזלעך, די וויג, און וואָס ס׳וועט זיין מיטן טיש, אויב ס׳וועט נישט זיין גענוג אָרט פאַר די שפּול־רעדלעך?

---

*) די אַמאָליקע רייכע געגנט פון לאָדזש, ווו עס האָבן געוווינט די פאַבריקאַנטן.

## קאַפּיטל פינף

# דאָס געוויין פון אַ ייִדענע

מ׳האָט אַרויסגעשטעלט די וויג, אין שטוב האָט מען געמאַכט פּלאַץ פאַר די רעדלעך. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן: נישט דאָס קווענקלעניש פון משהן, וועלכער האָט זיך נישט געקענט צעשיידן מיט אַן אַלט מעבל־שטיק און נישט דאָס האַרץ־ווייטיק פון חנה־רויזען. ביי דער ייִדענע האָט עס אויסגעזען, דאָס אַרויסוואַרפן די וויג, ווי מ׳וואָלט אַרויסגעריסן אַ טייל פון איר לעבעדיקן אינגעווייד. סיי די וויג איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון שטוב, סיי דער טיש איז איבערגעקערט געוואָרן מיט די פיסלעך אַרויף און אַזויערנאָך — טאָג ביי טאָג — זיך געצעפּלט אויף אַ בעט.

משה יאַק משה. דער מענטש איז נישט קיין היימזיצער. אָבער די ייִדענע קען דאָס איבערקערעניש אין שטוב נישט אַריבערטראָגן. זי דרייט זיך אַרום אין קליינעם שטיבל און ס׳דאַכט איר אָפט מאָל, אַז דער טיש שטיקט זיך ליגנדיק אויף אַזאַ־אַ אופן. זי פאַרגעסט זיך, חנה־רויזע, און זי פילט נישט בשעת־מעשה, אַז אין אירע אויגנווינקלען פּערלען זיך איינצלנע טרערן. אויף דעם כאַפּט זי זיך ערשט שפּעטער, ווען איר בליק ווערט פאַרנעפּלט און זי געפינט נישט קיין וועג פונעם ציגלנעם קעכל אַוועק. דעמאָלט פאַרשעמט זי זיך פאַר זיך אַליין. זי איז גליקלעך, וואָס די קינדער זענען פאַרנומען ביי ס׳זייעריקע און האָבן איר, דער מאַמען, נישט געטראָפן אַ וויינענדיקע.

שפּעטער, אַז זי שטילט זיך אַ ביסל מיטן אייגענעם געקרעכץ, פאַרגינט זי זיך אַוועקצוזעצן אין אַ זייט און צוקוקן זיך צו די קינדער. נישט

ווילנדיק גייט ווידער אויף פון איר אַ באָך טרערן. אירע קינדער מיט די ליכטיקע פּנימלעך וויגן זיך, זעט זי, ווי די דערוואַקסענע, די מיושבע, איבער די הויכע רעדלעך־געשטעלן, האַרעווען. און עס צעברענט זיך אין איר אַן אומגעריכטער ווייטיק. אין דער פרוי טויכט אויף די טונקעלע שפּירונג פון דער אייגענער חרובער מוטערשאַפט; זי דערשפּירט זיך געבראָכן איבער די אויסגעטריקנטע קוואַלן פון לאַנגאַניקע בענקשאַפטן. אויס!... אויס! — שרייט עס אין איר. עס ווילט זיך אַזוי נישט וויינען, ווי עס וויינט זיך אַליין: וואָס עס איז געוואָרן פון חנה־רויזעס שיינע האָפענונגען!

זי האָט שוין נישט פאַרנומען איר אייגענעם זיפץ, כאָטש אירע אויערן זענען אָפן, ממש אָנגעשפּיצט. און אַ האַרץ האָט זי, חנה־רויזע, אַ הערעווודיקס. ס'איז ווי אַ זיידן בלעטל: שפּירעוודיק פאַרן דינסטן ציטער, פאַרן פּליסטער פון דער טונקלקייט און אויף דער שטומער גרימאַסע פון אַ יעדער ווידמונג אויף דער ערד.

דערפאַר איז זי אַזוי גרינג צום וויינען, חנה־רויזע.

דאָס שווייגן פון די פאַרטועטע קינדער און ס'איינטאָניקע זשוזשען פון די שפּול־רעדלעך האָבן אויף אַ לאַנגער וויל פאַרשטאָפּט איר געהער, פאַרטעמפּט דעם בליק. נישט זי האָט געהערט און נישט זי האָט געזען, דאָס ווייב פון משהן, דעם זון פון ר' געצעלע אינעווליצער זכותו יגן עלינו. דאָס נפש אירס האָט אין גאַנצן געדרימלט, שטייענדיקערהייט אַנטשלאָפן געוואָרן אַנטקעגן דעם טאָג־ליכט, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין שטוב מיט האַרבסטיקן גראָ. בלויז איר האַרץ איז געווען וואַך. עס האָט געפלאַטערט און עס האָט זיך צונויפגעשרומפּן ווי פון גרויסע ווייטיקן, וואָס מען שפּירט אויפן בראָכשטול.

זי האָט לאַנג נישט געבלאָנדזשעט צווישן דער וועלט און יענער, חנה־רויזע; זי איז אויפגעקומען פונעם חלום, וואָס זי האָט געחלומט אויף דער וואָר און נישט אויף דער וואָר. אויפגעריסן די אויגן האָט זי אַ פאַרווירטע אַרום זיך געטאַפּט מיט די מבולבלע בלאַסע פינגער. זי איז נישט געווען זיכער, צי זי האַלט זיך אויף דער ערד.

שווער זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן קראַבאַנזש פון בעט איז דער קאָפּ איר געווען שווער, קוים וואָס זי האָט אים געהאַלטן אויף די אַקסלען. זי

האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב ווי נישט מיט אירע אויגן. און די אויגן אירע זענען איצט געווען משונה צעשפּאַרט און נישט־דאָיק. רגעס לאַנגע האָט זי אַליין נישט געדענקט, אַז דאָס איז זי. אַ שפּירונג פון טיפער פאַרגעסנקייט, פון פרעמד זיין זיך אַליין, האָט אָפּגעטעמפּט אירע חושים. אַ מין אָנמאַכט איז עס געווען, בעת וועלכער עס שפּירט זיך נאָר דאָס נשמהדיקע, דאָס ווייט אויסציטערנדיקע און טונקעלע, פאַר וואָס עס זענען נישטאָ די געוווינטלעכע קלאַנגען אין דעם מענטשישן לשון. חנה־רויזע האָט געשנופּט מיט דער נאָז, געצוקט מיטן פּנים. אינסטינקטיוו האָט זי געוואָלט אַרויסרופן פון זיך פאַרגעסענע ריחות. אין אירע נאָזלעכער האָט זיך געדושעט דער גערוך פון בלוט, פון טומאה און ס׳מענטש האָט פּלוצ־לינג אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט זיך איבערגעוועקט פון דעם אָנמאַכטיקן חלום אויף דער וואָר. ערשט איז אין איר אויפגעגאַנגען די אַנוגג, אַז זי האָט אָקערשט אַ קינד דערשטיקט. מיט די אייגענע הענט אומגעבראַכט.

די ייִדענע האָט געריסן פון זיך שטיקער, אויסגעקנייפּט זיך דאָס פּנים, אַז זי זאָל אויפשטיין, זי זאָל נישט זינדיקן אין די געדאַנקען. זי האָט, גאָט באַהיט, קיין מענטשלעך נפש נישט אומגעברענגט, קיין בלוט נישט פאַרגאָסן. ס׳אַראַ נאַרישקייטן איר פּלאָנטערן זיך אין קאָפּ! חנה־רויזע האָט צו זיך געהאַט טענות, הלמאי זי גייט אַרום לײדיק, רק זי טראַכט. הלוואַי זאָל מיט איר נישט עפּעס געשען...

זי האָט זיך אָנגעטאָן כוח אויפצושטעלן זיך, צוצוגיין צום קעכל, אַ בליק טאָן צום געקעכטס, רעדן מיט די קינדער.

אויף אַלעם אין שטוב האָט טריב אָנגעהויכט חנה־רויזעס העשנדיק שווייגן. זי האָט ביי זיך נישט געקענט פועלן, זי זאָל עפענען ס׳מויל, כאָטש זי האָט עס געוואָלט. וואָס וועט זי רעדן מיט די קינדער, אַז ס׳געוויין איז איר נענטער ווי דאָס לאַכן!

ביי דער אינעווייניקסטער האָבן ווידער זיך צעעפנט אַלע פאַרשלאָפענע חושים. איר איטלעך גליד, יעדער נערוו האָט זיך איינגעהערט אינעם אַרום, מיט מויל און אויערן איז זי געוואָרן וואַך ווי אַ האָז אין פעלד, ווו ס׳לויערן געפאַרן. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אַ שטומע, נאָר דאָס האַרץ אין איר האָט זיך געוואָרפן, מחמת זי האָט נישט מיט איר געהער פאַרנומען

אַ נאַגנדיק, פּינצטער געוויין פונעם פּירהויז, ווו ס׳האָט געיאָמערט די וויג פון אירע אויסגעוויגטע און נאָך נישט אויסגעוויגטע קינדער.

און שטילערהייט, טיף אין זיך, האָט מיט דער פאַרשעמטער וויג מיטגעווײנט חנה־רויזע די אינעווליצערן. זי האָט איינגעזען: ס׳איז איר אָנגעהתמעט געוואָרן פון גורל, זי זאָל אויסגעוואָרפן ווערן אין אַזאַ מקום, צו ליידן ענגשאַפט און צו פּייניקן די נשמה. שוין־זשע איז זי, חנה־רויזע, אַזוי פאַרעלטערט אַז זי זאָל זיך פאַרזאָגן שוין נישט צו ברויכן קיין וויג? צי איז דאָס דער דרך פון די הייליקע אבות ואמהות צו פאַרשניידן אַ בוים אין מיטן ליכטיקן זומער? די יידענע גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז זי איז, אמת, נישט אַזוי יונג; פאַרעלטערט איז זי אָבער אויכעט נישט, און פירן פירט זי נאָך ברוך־השם. אפשר וואָלט זיין ליבער נאָמען איר נאָך באַשערט אַ קינד, וואָס זאָל פאַרקלינגען מיט זיין גוטן שם דאָס גאַנצע פאָלק ישראל און דעם טאַטן מיט דער מאַמען ליכטיק מאַכן זייערע אויגן. איז דאָך דער בעל־שם־טוב געקומען אויף דער וועלט ביי פשוטע לייט און די היינטיקע גוטע יידן: דער אָסטראָוועצער, דער וואָרקער, דער ראַדאָשיצער?

חנה־רויזע דריקט אין זיך די וויטיקן פון איר האַרץ. אַלץ קלאָגט אין איר. הלוואי זאָל זי דאָ, אין דעם ווילדן אָרט, נישט איינגיין פון שברת הלב. איר משהן וויל זי גאָרנישט אַזוי פיל דן־זיין. וואָס האָט ער, זינדיקער, געזאָלט טאָן? אינעווליץ איז — נישט געשען זאָל עס — געוואָרן אַ טויטע שטאָט. און ס׳דאַרף איז אויסגעפּגרט. איטלעך דאָרף איז ערשט אַ צווינ־טער מיט לעבעדיקע פּגרים. אַצינד איז נישט גוט נישט דאָ און נישט דאָרט. ווי הימל און ערד וואָלטן זיך אָפּגעשמועסט קעגן אונדז, און מע באַדאַרף דאָך חס־האָבן אויפן אייגענעם נפש און אויף די נפשות פון די קינדער. אַז אַלע יידן צעלויפן זיך, איטלעכער וויל זיך ראַטעווען, ברויך משה נישט בלייבן קיין אויסגענומענער.

שטייענדיק ביים טאָפּ זידנדיקע גריץ, שטיקט די יידענע אין זיך די טרערן. זי וויל זיך נישט אויסדרייען צו דער שטוב, ווו די קינדער עוסקן זיך ביי די שפּול־רעדלעך. נישט גלייך, זיי זאָלן זעען דער מאַמעס אויס־געבלייכטע פּנים, די רויטע אויגן. זינט מע האָט אָוועקגערוימט די וויג און — אויף ביינאַג — איבערגעקערט דעם טיש און די רעדלעך האָבן גענומען וואַרפן דאָס שטיבל, איז זי טאַקע אויס מענטש. נישט זי טוט

איבער אַ ספּודניצע, נישט אַ קאַפּטן. זי עסט נישט און טרינקט נישט, גלייך זי וואָלט אָפּגעקומען אַ תשובה, וואָס מ׳האָט איר אַרויסגעגעבן פאַר אַ גרויסער זינד. רק זי פאַרבאַרגט דאָס איינגעקוואַרטע פּנים. משהן, טראַכט זי, איז מקנא צו זיין. גאַנצענע טעג איז ער נישט אין דער היים. ער קומט ווען ס׳איז פינצטער. ר׳האָט נישט קיין צייט פאַר דער פּיין וואָס טאָטשעט זי אַ לאַנגן טאָג. אַ גאַנצן טאָג נעמט ער נעבעך נישט אַ מינדסט אין מויל אַריין. ער וויזט זיך ערשט אין אָוונט, קומט צוזאַמען מיטן יִנגל וואָס גייט אין חדר אַריין אין שטאָט. צוליב משהן האַלט מען אָפּ ס׳מיטיק ערשט אויפדערנאַכט. מ׳שטיינס געזאָגט — אַ שטוב אָוועקגעשטעלט הי, משה אינעווּליצער. זי דאַרט אַ גאַנצן טאָג. די שטוב לעבט דער עיקרשט פאַרן אויפדערנאַכט, און דער אויפדערנאַכט, אין זינד גערעדט, איז די ר׳עב־אייגענע קלאָג.

איטלעכן אויפדערנאַכט, ווען ער קומט אַהיים, ברענגט דער אינעווּלי־צער אַ פרישן זיפּץ, אַ שווייגנדיקן טיפן יִדישן זיפּץ. בלויז חנה־רויזע הערט אים. זי באַנעמט אים מיטן גאַנצן לייב און לעבן. אָוועקגעשטעלט פאַרן מאַן אַ טעלער גריץ, דרייט זי זיך אויס מיטן שאָטנדיקן פּנים צום בעט, וואָס האַרט נעבן טיש און וואַרפט זיך, ווי אין קאָנווּלסיע, אין בעט־געוואַנט אַריין. זי ליגט און שטיקט זיך מיט איר שווערן, אָנגעדראָלענעם אוי־־ווי. דערנאָך טראָגט זיך פון איר אַ הייס, אָפּגעריסן געוויין. דאָס גאַנצע גרימען זיך פון פּריקרען טאָג לייזט זיך ערשט אויף אין אירע טרערן. משהן בלייבט שטעקן דער ביסן אין האַלדז, ער פילט זיך מאָדנע שולדיק. לאַנג קען ער נישט זיצן מיט זיין ווייטיקדיקן שווייגן, בעת וועלכן ער שפּירט אויף זיך די תרעומותדיקע בליקן פון די מידע קינדער, וואָס שפּירן זיך אויכעט אויסטערליש שולדיק אין דעם אומפאַרשטענדלעכן רוגז פון דער שטוב. מיט דער גרויסער משא פון זיינע אייגענע אָקערשט אויפגעברויזטע געפילן פאַרשטייט ער זי און ער הייבט זיך, דרייט זיך אויפן זיץ, אָבער ער דערנענטערט זיך נישט צו איר, כדי זי צו טרייסטן. שאַדט נישט, קלערט ער אין מיטן דרינען — זאָל זי... אַז ס׳איז שווער, מאַכן טרערן גרינגער. נעבעך, זי וויינט שוין צו אָפּט, די יִדענע, וואָס קען ער העלפן! ס׳באַשערט דורכצוגיין נסיונות אין דעם־אָ מקום. אַז ער, ברוך־הוא וועט וועלן, וועט מען אויך דאָ ווערן שטיקלעך לייט. ער דרייט זיך

דען נישט אויס די פיס טאָג־בטאָג? ער ווינטשט דען איר שלעכטס? אַ שונא איז ער זיין חנה־רויזען? ער קוקט אַריבער צו איר, זעט זי אַ צו־בויפגעקנוילט טונקל פעקל שמאַטעס, וואָס צוקט אויף יעדע ווייל. נישקשה, טרערן איז יידישע אַרנטלעכקייט; זיין ליבער נאָמען הערט זיך צו צו אַזאַ געוויין.

אַ סך מאָל האָט זי צוגעשמאָלצן משה אינעווליצעס מאָגערע וועטשערע מיט אירע צניעותדיק־פּיינפולע טרערן און דער ייִד האָט זיך צוגעוווינט צו זיי.

אַנומלט — עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, מען האָט פון מיטן שטוב שוין געהאַט אַוועקגערוימט די שפּול־רעדלעך (כדי צו קענען מאַכן ס'געלעגער), האָט חנה־רויזע, אַן אויסגעטשוכעטע פון איר חלק געקלאָג, אָפּגעמאַכט ביי זיך צו רעדן מיטן מאַן. זי מוז! זי האָט שוין מער נישט קיין כוח צו דריקן אין זיך.

אַ מורמלענדיקע האָט אין חלל זיך געוועבט די פינצטערניש פון דער נאַכט, וואָס האָט געגענט אַ לאַנגע, אַן אומרויקע. די קינדער, אויסגעסדרטע אויף דער ערד צווישן טיש און דער שוועל, האָבן שוין טיף געכראָפּעט.

— משה? — האָט זי אָנגעהויבן אומדרייסט, נישט אויפהייבנדיק דעם בליק אין זיין זייט.

— ני, — האָט ער אַ שנויפּל געטאָן, גלייך ער וואָלט נישט געהאַט קיין חשק אָפּצורייסן זיך פון זיין שטילן קלערן. דעם קאָפּ פאַרבראָכן אויף די הענט און פאַר אים אויפן טיש — דאָס אַראָפּגעדרייטע לעמפּל, האָט עס אויסגעזען, ווי דאָס לעמפּל הערט זיך צו צוגלייך מיטן אינעווליצער צו דער שושקנדיקער שטילקייט.

— שלאָפסט? — האָט זי געוואָלט זיין זיכער, צי ער הערט זי.

— אַ נפקא־מינה? — איז זיין קול נישט ניחאדיק.

— וואָס 'עט זיין דער סוף? — רעדט זי טריב.

— ס'עט גוט זיין, האָף איך.

און רעדנדיק איז ער געקראָכן אין בעט אַריין.

— אוודאי, ביסט דאָך אַ ייִד. ביטחון האָסטו גענומען אין ירושה. — ווערט חנה־רויזע ביטער.

— מיין נישט, כ׳גיי אַרום ליידיק אין גאַס. כ׳זוך, כ׳נישטער. — פאַרענטפערט ער זיך.

— וואָס קומט אַרויס דערפון? — שטייט זי נישט אָפּ.

— כ׳וועל נעמען האַנדלען.

— מיט וואָס, משה? — קערט זי אויך שוין אויס ס׳פּנים צום טונ־קעלן בעט. זי וועט אַליין נישט זיצן.

— מ׳עט שוין זען.

— אדרבה, — איז איר קול שוין איינגעבראָכן.

אים גיט עס אַ צופּ.

— כ׳האָב דען אַן עצה? — פאַרענטפערט ער זיך ווידער. — כ׳האָב גערעכנט אַנדערש...

— וואָס האָסטו גערעכנט?

— כ׳האָב גערעכנט צו קענען טאָן אַ מלאכה.

— ׳עסט טאָן, ווי דער אייבערשטער וועט פירן, — איז איר שטים שוין נאָענט צו טרערן.

ער האָט נישט געענטפערט. די טעג, טונקעלע, שטעכיק־קאַלטע, ווי ס׳איז זיין פינצטער געמיט, ציִען זיך פאַרביי זיינע פאַרזשמורעטע אויגן. ס׳איז אים טרוקן אין מויל פון רעדן און פרעגן וועגן זיין תכלית דאָ; עס קרעלט אין האַלדז פון שטויב, פון איבלדיקן אַוויר. גיי, דערצייל איר דאָס אַלץ, — רעדט ער צו זיך, אויסציִענדיק דאָס לייב אונטערן איבער־בעט — אַז ער אַליין קען זיך נישט די דעה געבן־טאָן: זאָל ער האַנדלען? מיט וואָס האַנדלען? און מיט וועמען האַנדלען, אַז קיין פּויערים זעט מען נישט אויף דער ליכטיקער שיין. ס׳אַ שטאָט, ווו מע אַרבעט דער עיקרשט, רק מ׳אַרבעט.

חנה־רויזע האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. זי האָט געוואָלט הערן, צי „אירער" איז אין מיטן דרינען איינגעשלאָפן. כאָטש אין דרויסן האָט געריסן אַ העפּטיקער ווינט — אין די שויבן האָט עס געפּויקט ווי שדים וואָלטן געריסן די פינצטערניש — האָט זי דאָך פאַרנומען, אַז משה דרייט זיך אויף די קישנס, ער איז וואַך. זי האָט געהערט אַ שניפּ־טאָן מיט דער נאָז, ווי ס׳איז זיין טבע.

— משה... — האָט זי ווידער געפּליקט די גליוורנדיקע שטילקייט.
— שוין ווייטער?... — איז אים געווען פשיקרע, הלמאי זי „פּיניקט“.
— וואָס ווידער? — האָט זי פּאַראיבל פאַר דעם־אָ רעדן.
— ווילסט דווקא איבערוועקן די קינדער?
— נאָר דו ביסט אַ הייסער טאַטע... איך בין, נעבעך, אַ שטיף־מאַמע צו זיי... — האָט זי תרעומות און איר קול פּויקט ווי דער שלאַבעריקער דאַך־בלעך אין דרויסן.
— בין איך אַ שטיף־טאַטע, נאָר לאָז שלאָפן!
— ׳עסט דוינזשען זיך אויסצושלאָפן. ס׳אַ גרויסע נאַכט!
— שוין? האָסט שוין אַלץ אָפּגעזאָגט?
זי שווייגט. אומגעריכט טראָגט זיך פון איר בעט אַ פאַרשטיקט שלוכצן. אין דערנעבנדיקן בעט האָט אַ האַרץ זיך צעעפנט ווי אַ בלום, כדי אין איר בעכער אַריינצונעמען די גאָב פון וואַרעמען שפּריי־רעגן. משהן האָט אַ פאַרקוועטש־געטאָן אונטערן לעפעלע. זי ליידט, די ייִדענע, טראַכט ער, זי איז נישט קיין רעדערן. זי דריקט אַלץ אין זיך. ס׳האַרץ איז איר פול. האָט נישט פאַר וועמען זיך אויסצורעדן, נישטאָ דאָ קיין קרוב, קיין גואל.
— וואָסי, חנה־רויזע? — קען ער מער נישט אויסהאַלטן איר געוויין.
— גאָרנישט... — שטיקט זי זיך.
— ס׳אי׳ דאָך יאָ עפּעס. — שטייט ער צו.
— האָסט אַ דאגה... ס׳האָט מיר אַ דריק־געטאָן...
— אפשר אַ וואַרעם שטערצל, חנה־רויזע?
— ניין, ס׳שוין אַריבער...
שווייגן.
— ווילסט שלאָפן, חנה־רויזע?
— כ׳על שוין שלאָפן.
— שלאָף נישט! — קריגט ער מורא פאַרן ווייבס מעמד.
— שלאָף, שלאָף! — באַרויִקט זי אים.
ווידער שווייגן. דער ווינט זריקעט זיך אָן דער וואַנט, ער דריגעט דין אויפן פענצטער. די קינדער כראָפּען אויס ריטמיש זייער געשמאַקן שלאָף.

— משה! — רייסט זי פון ס׳ניי איבער סיי אירס, סיי דעם מאַנס טראַכטן אונטער די פולע איבערבעטן.

— וואָס, חנה־רויזע? זאָגסט עפּעס? — הערט זיך מילדקייט אין זיין פרעג.

— וועסט צעהאַקן די וויג. — רעדט זי שווער אַרויס, קוים איינהאַלטנ־דיק זיך פון אויסברעכן אין אַ נייעם געקלאַג.

— וואָס פאַלט דיר איין? — אַרט אים איר פּלוצלינגע המצאה.

— מ׳באַדאַרף זי נישט. — קרעקט זי זיך מיט די רייד. — זי שטערט.

— אייל דיך נישט אַזוי... — האַקט ער אָפּ טרוקן.

— איך אייל מיך דען? — פאַרענטפערט זי זיך. — צו וואָס זאָל זי זיך וואַלגערן?

— לאָז׳ס דיך נישט אַרן. ביסט דאָך נאָך יונג, חנה־רויזע.

זי האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און געדושעט זיך מיט אַ נייעם אָנפאַל פון געוויין.

די שטוב האָט זיך געוויגט איבער די שפּאַרנדיקע פינצטערנישן.

## קאַפּיטל זעקס

# יאוש און בטחון

### א.

כאָטש ער האָט גאַנצע טעג גאָרנישט אויפגעטאָן, איז ער געפאַלן פון די פיס; מיט זיין קלערן און טראַכטן וועגן תכלית האָט משה אינעוולי־צער גאָרנישט מתקן געווען. און שטענדיק געווען פאַרפאָרעט. אין דער פרי האָט ער זיך אַרויסגעאיילט פון שטוב, הגם ער האָט נישט געהאַט צו וואָס זיך צו איילן. ס׳איז שוין געווען זיין רגילות דאָס פרי׳ע אויפשטיין, אָפּצו־כאַפּן ס׳דאַווענען און לויפן אין מאַרק אַריין. היות דאָ האָט ער נישט געהאַט דעם שטעטלשן מאַרק, איז ער אין שאַרן באַגינען ווי אַן אָפּגעגאָסע־נער האָן געבליבן שטיין אַ מאָל אין אַ רעגנדיקער און אַ מאָל אין אַ נעפּלדי־קער גאַס. אַז אַרום זיין שטוב אין גראָשענעם געסל איז אונטער דער צייט שוין אויסגעוואַקסן אַ נייע, הילצערנע געביידע, האָט ער נישט באַוויזן צו זעען. ר׳האָט נישט געהאַט קיין צייט זיך אַרומצוקוקן, וואָס ס׳טוט זיך אונטער זיין אייגענער נאָז; ער האָט נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ נייע שכנים עס וווינען שוין נעבן אים. אין דער פרי זענען פון גראָשן־געסל מיט טראַסקעריי אַרויסגעפאָרן ייִדישע בעלי־עגלות מיט ברייטע פלאַטפאָרמעס, מיט ריסאָר־וואָגנס און מיט דראָזשקעס. אין אָוונט פלעגן די פערד פראַנק און פריי לאַנג אַרומשפּאַצירן אין פינצטערלעכן געסל; גאַנצע נעכט האָבן זיי אין די שכנותדיקע שטאַלן געכראָמטשעט שעצקע, געמאַלעגיירעט פון די זשלויבן און אימהדיק געהירזשעט. דעם אינעווליצער האָט מען געקענט

הרגענען ער זאָל וויסן, וואָס עס טוט זיך אין „זיין גאַס“. אים האָט נאָר געצויגן די שטאָט, כאָטש זי האָט טיילווייז שוין אויסגעזויגן זיינע כוחות. ער גייט, דרייט זיך אויס די פיס און צו תכלית אַלץ נאָך נישט דערגאַנגען. אויך חנה־רויזע איז געווען אויסגעטאָן פונעם גראָשן־געסל, כאָטש קיין שנאה האָט זי נישט געפילט צו דעם העק. די וויסטקייט דאָ און ס׳מאַטערנדיקע קלערן האָבן זי שוין אָוועקגעלייגט. גאָרנישט גייט איר אָן. רק זי איז פאַרטאָן מיט זיך, מיט איר עסנדיקן קרעכץ און מיט די קינדער, וועלכע זי האָט באַדויערט. ס׳איז איר אַ שאָד געווען, וואָס אין אירע קליינע פרנסה־געבערס ווערן פאַרלוירן דיינים, פיינע ייִדן און אַן איידעלע, פרומע רביצין. וואָרום וואָס, מ׳שטיינס־געזאָגט, קען אַרויס־קומען פון אַ פּראָסטן עבד־כנעני, אַ צוגעבונדענעם צום בייטשידל פון זיין האַרס הויז?...

דער פאַרצרהטער משה אינעוויליצער האָט דערפאַר אַ ביסל אויפ־געלעבט, אַז ס׳איז געקומען דער שבת. דעמאָלט האָט ער אויף זיך אַרויפ־געצויגן אַ וואָרעמען שמייכל, אויסגעגלעט זיך די ברייט־צעוואַקסענע, שיטערע באָרד און בנעימות געשפּאַנט אין שטאָט אַריין, צום דאַווענען. כאָטש איין מאָל אין וואָך דאַווענען מיט אַ מנין. די ייִנגלעך זענען מיט אים מיטגעגאַנגען.

דער ייִנגסטער, געצעלע, אַ געלס מיט זומער־שפּרענקעלעך אויפן שאַרפן נעזל און אויפן געוועלבטן שטערן, איז ווי אַ קאָקאָשקעלע גע־שפּרונגען פאָרויס מיטן טאַטנס טלית־זאַק, וואָרן אין דער געגנט דעם אינעוויליצערס, איז נישטאָ קיין עירוב.

אין דער מילנער־גאַס, ווו עס איז געווען די חברה, האָט אַ צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ ביים חושכדיקן ייִד. עס איז אים מיט אַ מאָל וואָרעם געוואָרן אונטערן לעפעלע. אַזוי פיל ייִדן, אָן נעהאָרע, אויף איין אָרט! אָט אַ הויז, נאָך איינס, און אַ צווייטס און אַ דריטס. דאָס הייסט אַ שטאָט — האָט ער חידושדיק געוויגט מיטן קאָפּ. נאָר טשיקאַווע: ווי מענטשן דאָ לעבן. וועדליק ער זעט, איז נישקשהדיק מיט זיי. נאָכן דאַווענען מאַכט מען קידוש אין דער מנין־שטוב, מע טרינקט אַ לחיים מיט אַ שיינעם פאַר־בייטעכץ פון לעקעך און אייער־קיכלעך. און ווי שיין די ייִדן ברידערן זיך דאָ! באמת, ווי עס וואָלט געווען איין גרויסע מישפּחה. בנאמנות,

ס׳הויבט אים אָן צו געפעלן. ס׳אַ אפילו לייטישער ווי אין אינעווליץ, ווו איינער האָט דורכגענומען דעם צווייטן, מע האָט זיך אויפגעגעסן פון קינאה־שינאה.

משה אינעווליצערס שפולער־יינגלעך האָבן זיך אויך „פּאָכראַפּיעט״ נאָכן שבתדיקן דאַווענען אין דער חברה. די אייגעלעך האָבן ביי זיי גע־גלאַנצט הן פון דער פריילעכקייט, וואָס זיי זענען צווישן אַזוי פיל מענטשן, הן פון דעם גלעזעלע י״ש, וואָס האָט אַ קאַטאָוועסדיקן ברי־געטאָן די קישקעס. היינט זענען זיי מיטן פאַרמרוקעטן טאַטן היימישער ווי אַלע טאָג, ווען אַלץ איז אָנגעדראָדלט. שטענדיק דאַכט זיך: אָט וועט די גאַנצע שטוב אויף זיי אויסשיסן מיט צאָרן, אָדער מיט געכליפּ זיך וואַרפן. דערפאַר פאַרגראָבן זיי שטענדיק די אויגן אין די צאַפּלענדיקע שפּולן, וואָס וואַקסן ביי זיי בייכיקע אויף די פּאַפּירענע העלדזלעך.

אַהיימגייענדיק צום מאַלצייט, קיפּלען די יינגלעך דעם אינעווליצער:

— טאַטע, קום דורך דאַנעט! מיר ווילן זען...

משה האָט זיי יעדעס מאָל נאָכגעגעבן. עלעהיי זיי וועלן האָבן אין שטוב עפּעס צו דערציילן. ער איז מיטגעקראָכן, דער טאַטע, וווהין די זין האָבן אים געצויגן. זיי זענען אַריין אין גאָרטן־געסל. קליינע, הילצערנע הייזלעך מיט שיפּע, שוואַרצע דעכער. קיין לעבעדיקן נפש זעט מען נישט אין דרויסן. דאָס געסל ליגט אַ פאַרהאָרבעטס, אַ פּוילס און עס שלאָפט. שטיל ווי אין אַן אויער. משה אינעווליצערס יינגלעך זענען נבהל־ונשתומם:

— דאָ ווינט מע נישט, טאַטע? די הייזער שטייען אוודאי פּוסטע...

— מע ווינט, מ׳ווינט!

— ווער ווינט דאָ, טאַטע?

— יידן.

— וואָס פאַראַ יידן?

— טשאָלקעס מיינע, עך פאַרשטייטס נישט? יידן, ווי אַלע יידן, מיט הענט און מיט פיס, און מיט בערד.

— וואָס טוען זיי, טאַטע? ס׳זענען דאָך נישטאָ קיין קראָמען... ס׳אַזוי סמוטנע ווי אַרום אונדז.

— סמוטנע!... מענטשן אַרבעטן; עוסקן זיך ביי עפּעס.

— וואָס, טאַטע, אַרבעטן זיי? — זענען די קינדער אַלץ בייגיריק.

— סחורות אויף קאַפּאָטעס, אויף הויזן, אויף העמדער אַרבעטן זיי אויס.

— אוי!

פון פאַרבליפטקייט שרייען זיי אויס מחמת דאָס, וואָס זיי הערן אָקעט־מ׳זעט, הערן זיי ס׳ערשטע מאָל. — העמדער אַרבעט מען אויס, קאַפּאָטעס אַרבעט מען אויס. ווי אַזוי?... און זיי האָט זיך עפּעס אויסגעדאַכט, אַז דאָס אַלץ קומט פון ערגעץ־ווו אַ פאַרטיקס, אַ געוואַקסנס.

אין אַ צווייטן געסל דאָס זעלביקע פרעגעניש:

— דאָ אויכעט יידן?

— וואָ׳דען? אוודאי יידן!

— זיי מאַכן אויכעט סחורות?

— צ׳זעט׳דען! ס׳דאָ אַ פּאָר געוועלבלעך, האַנדלט מען אויכעט. מ׳פאַר־קויפט ברויט, זאַלץ, גרויפּן. עסן מוז מען אויך, יונגאַטשעס מיינע. — עץ ווילט דען נישט אַכלען? — און ער גיט דעם קלענסטן, געצעלען, אַ קיצל אונטער דער גאָמבע.

קליינוואַרג שפּירט זיך הייטער און נעמט שפּרינגען פון גאַס אין גאַס. דער פאָטער גייט זיי נאָך אַ ייִנגליש־פאַרגאַפטער.

— נישט אַלע האַנדלען דאָ, טאַטע? — באַפאַלן זיי אים ווידער מיט אַ פרעגן. — און וואָס איז דאָס? טאַטע, קיק נאָר!

— נאַראָנים, אומעטום איז ס׳רעב־אייגענע. ווו מענטשן זענען, מוז מען אַרבעטן, און מ׳מוז האַנדלען. אוודאי קענען אַ סך מענטשן נישט האַנדלען אין אַזוי ווינציק געוועלבלעך ווי ס׳איז דאָ. בלויז עטלעכע שטייען אין די קראָמען.

— און שטיוול ווו מאַכט מען? און ווו באַקט מען ברויט? טאַטע, טאַטע — —

דער ייִד ווערט באַהאַגלט מיט פראַגן. ער שטייט אומבאַהאָלפן קעגן דער קינדערישער תמימות און ווייסט נישט וואָס זיי צו זאָגן. לסוף שטעלט זיך דער ייִד אַוועק אין מיטן גאַס און לאַכט פלוצלינג: — נאַראָנים, נאַראָנים! — שרייט ער, און די ברייטע, שיטערע, אַפּגעבליאַקירטע באָרד לאַכט מיט און ציטערט. איטלעך הערעלע טרייסלט זיך ביי אים און די אויגן זענען פאַרקוועטשט און נאַסלעך.

די קינדער בלייבן שטיין דערשטוינטע קעגן פֿאָטער און זיי דערקענען אים נישט: איז עס ער, דער רעב־אייגענער טאַטע?

די יינגלעך האָבן זיך שיער־נישט פֿונאַנדערגעוויינט פֿון אָט דעם אימה־דיקן געלעכטער, דעם טאַטנס, וואָס האָט אויף זיי געשפּריצט מיט גאַל, מיט ביטערן יאוש.

ווען משה איז געקומען צו זיך, האָט ער דערשפּירט, אַז אַרום בויך טוט אים ווי פֿון דעם שווערן, משונהדיקן געלעכטער, וואָס איז אים פּלוצלינג באַפֿאַלן. ער האָט זיך גיך אָנגעקליידט אין זיין געוויינטלעכן ערנסט, צוזאַמענגעצויגן די ברעמען און געזאָגט:

— ס׳אַראַ נאַראָנים עץ זענט, קינדערלעך! צ׳פֿרעגט מיך, ווו מען מאַכט שטיוול, ווו מ׳באַקט ברויט... אַזעלכע לאָבזעס גייען ענק אָן... אומעטום באַקט מען ברויט און זעמל, אומעטום צוועקט מען שטיוול. די אַלע נאַרישקייטן גייען מיר נישט אין קאָפּ אַריין. ענקער טאַטע קלערט שוין גאַנצע וואָכנעס, צו וואָס זיך צו נעמען הי; ווו נעמען אַ קאַרבל איז וויכטיקער, ווי צו פּטרן דאָס קאַרבל.

אין דעם האָט דער ייִד זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט זיך פֿאַר די קינדער שטאַרק באַנאַרישט מיט זיינע רייד. מיט אַ מאָל אָפּגעהאַקט און גענומען גיך־גיך גיין, משונה הויבנדיק די גרויסע שטיוול. די קינדער קייכן פֿון געלעכטער, קוקנדיק אויפֿן טאַטנס געגנגל.

— און ווי הייסט די־אָ גאַס, טאַטע? — פֿרעגן זיי, נאָכשרייענדיק.

— פּעפּער־גאַס. — ענטפֿערט ער, שנעל וואַרפֿנדיק מיט די הענט, ווי שלאָקרירעוודיקע.

די יינגלעך האָבן זיך פֿון דאָסניי הילכיק פֿונאַנדערגעלאַכט. זיי האָבן זיך געפֿרייט, וואָס דער טאַטע איז אויפֿגעלייגט, וואָס ער חוזקט אַ ביסל, — תנועות אַזעלכע האָבן זיי ביי אים נאָך נישט געזעען.

חנה־רויזען איז דערנאָך געפֿעלן געוואָרן, וואָס די קינדער האָבן איר דערציילט פֿונעם קידוש אין דער חברה, פֿון די געסלעך, ווו ייִדן אַרבעטן און האַנדלען צו ביסלעך. מיט דערלייכטערונג האָט זי זיך צוגעקוקט צום מאַנס אויפֿגערוימטקייט, ווען ער האָט מיט די קינדער וועגן דעם נאָך געשמועסט ביים טיש.

## באַלוטער וועבערס

### ב.

נאָכן שבתדיקן מאַלצייט האָט זי פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די פּריש־פאַרבונדענע ראָגעווקע און אָנגעטאָן דאָס יום־טובדיקע שייטל מיטן ברייטן, ווייסן שרונט אין דער זייט.

— וואָס עפּעס פלוצטאַלבן, חנה־רויזע? — האָט דער אינעווליצער געפרעגט דעם ווייב מיט אַ געבאָרגטן שמייכל.

— כ׳וויל אויך אַ מאָל אַראָפּגיין פאַר דער טיר...

— אַ שיינער אַראָפּגיין פאַר דער טיר... ס׳איז פויל מיך אַ גאַנג!

— כ׳על נישט מיד ווערן.

— ווּעסט נאָך פאַרבלאָנדזשען... ס׳אי׳ נישט אינעווליץ, חנה־רויזע.

— אומעטום איז איין וועלט: דאָרט קלענער, דאָ גרעסער. צווישן מענטשן גייט מע נישט פאַרלוירן — האַלט זיך די ייִדענע ביי ס׳איריקע — כ׳גיי.

— וואַרט צו, וועל איך מיטגיין. — האָט ער געזאָגט, כאָטש ר׳האָט זיך געפילט פויל.

די ייִנגלעך זענען געבליבן אין דער היים. אַז ס׳זאָל זיי זיין היימלעכער האָבן זיי צוזאַמען געזאָגט „ברכי נפשי״. גיטעלע, דאָס איינציקע שוועסטערל זייערס, איז געזעסן ביים פענצטער און אין אירע ביר־אויגן געשפּיגלט דעם אָנגעכמורעטן דרויסן, וואָס ליגט ליידיק אין קנוילנדיקער ווייטעניש און אין שטיקער הימל.

איבערן פעלד, איבער האַלב־פּוסטע גאַסן האָבן מאַן און ווייב געשפּאַנט ביז זיי האָבן דערגרייכט „אין שטאָט אַריין״. דאָ און דאָרט האָבן זיך געהויבן קוימענס פון קרומע און האַלב־פּלאַכע דעכער. די לופט איז געשטאַנען אַ קילע. ס׳האָט געשמעקט מיט רעגן, כאָטש דער הימל איז געווען אָן וואָלקנס. ער איז געווען אַ שווערער, אַ באַלאָדענער מיט אומעטיקן גראָ.

חנה־רויזע איז געגאַנגען פאָרויס — ער, הינטער איר. זי אין שוואַרצן פלושענעם זשאַקעט, וואָס מ׳האָט איר נאָך אויפגענייט צום חתונה־אויסשטייער, ער — אין אַ שוואַרצן סאַק מיט אַ פלאַש־גרינעם סאַמעטענעם קאָלנער. זי אין נייע געשנורעוועטע שבתדיקע שיך, משה — אין די פּריש־געשמירטע וואָכעדיקע שטיוול.

גייענדיק האָבן ביידע ווי ברוגזע צו אייַנאַנדער נישט אויסגערעדט אַ וואָרט. הפּנים, צווישן זיי האָבן שוין אויסגעטריקנט אַלע קוואַלן פון לאָקנדיקן סוד; צעקניפּט אַלע פאַרהוילענע קניפּן פון בלוט, וואָס עס טורעמט אויף און יאָגט מיט געברויז די פאַרגייענדיקע יוגנט. מ׳איז גע־בליבן נאָר ביים בשותפותדיקן עול פאַרן חומר, וואָס מאָנט ברויט און זאַלץ פאַרן גייענדיקן טאָג. געגאַנגען שטומע, מאָדנע פאַרטועטע אין זיך. ס׳האָט אויסגעזעען ווי חנה־רויזע וואָלט זיך געאיילט ערגעץ און איילנדי־קערהייט אַרומגענישטערט מיט די אויגן. נאָך האָט עס אויסגעוויזן — זי זוכט עפּעס פאַרלוירנס אָדער אַזוינס, וואָס האָט זיך איר געחלומט, בכן דאָ און דאָ וואַרט עס אויף איר. ווען זיי האָבן זיך אַריינגעשניטן צווישן די געדיכט־פאַרבויטע גאַסן, האָט זי פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג. משה אינע־וויליצער איז איר נאָכגעגאַנגען פוסטריט.

אין מיטן־דרינען האָט די ייִדענע זיך אָפּגעשטעלט, געוויזן דעם מאַן מיט די אויגן: זעסט?

זיי זענען געשטאַנען פאַר אַ גרויסן פּלאַץ פול מיט וועגענער. שווער־געקאָוועטע רעדער האָבן זיך געטראָגן אָט־די פּאָלוואַרקישע פורן, אַרומ־געשטעקטע מיט שטרוי־מאַטעס. אויפן אינעוויליצער האָט אַ בלאָז געטאָן מיט דאָרף, מיט פויער, נאָך וואָס ער האָט שטאַרק געבענקט. אַ סך וועגענער אַזוינע זענען געשטאַנען אויף דעם פּלאַץ און אַרום די וועגענער — פּאַ־ראַבקעס. דער פּלאַץ מיט די פּראָסטע דאָרפישע פורן און מיט די פּרי־צישע פּאַראַבקעס זענען געווען געהילט אין שלעפעריקער שטילקייט, גלייך זיי וואָלטן פּלוצלינג פאַרסטאַיעט געוואָרן נאָך דער וואָך קאָכעניש. באַ־שיימפּערלעך, דער מאַרק האָט געהאַלטן שבת. אויך די גויִים אַרום די וועגענער האָבן דרך־ארצדיק געשוויגן, שבת־געהאַלטן באַגלייך מיט די ייִדן.

— זעסט?... — האָט די ייִדענע דעם מאַן צוגעוואָרפן אַ וואָרט.

— וואָס זע איך? — שטוינט ער פון איר פרעג, כאָטש ער איז משער, וואָס זי מיינט.

— זעסט נישט, ס׳אַ מאַרק? ס׳וואַרט דאָ אַ שפּאַרער פּדיון, הע? אומע־טום די אייגענע וועלט.

— אוודאי, אוודאי איז עס אַ מאַרק מיט פאַרשלאָפענע פויערן... ס׳נעמט אַ געלעכטער פון דיינע רייד, חנה־רויזע!

— לאַך, לאַך, אויב ס׳איז דיר אַזוי ווויל...

— וואָ׳דען, כ׳על נישט לאַכן?

— וואָס ווילסטו? — שטייט צו די ייִדענע — ס׳אי׳ דאָך שבת! ווער זאָל דאָ האַנדלען אום שבת!... אַז ס׳איז שבת, איז שבת אומעטום. דער ערל קען אָן ייִד נישט אויסקומען. אדרבה, זאָלן זיי פּרווון, צי זיי וועלן קענען... וואַרט צו, זאָל מען נאָר אָנצינדן אַ ליכט, וועסטו זען, ווי ס׳וועט זיך רודערן...

— וואָ׳דען, ס׳עט זיך נישט רוכעווען? זיי קוקן נאָר אויס אויפן בעקער־שטערן, די פויערן — הערט זיך קרענקונג אין זיינע רייד.

— וואַרט, וואַרט, ׳עסטו זען — איז זי געטראָפן פון זיין מין רעדן.

— כ׳גיי שוין וואַרטן!...

מאַן און ווייב קענען זיך דאָך נישט אָפּרייסן פונעם שטילן מאַרק־פּלאַץ מיט די דרימלענדיקע שווערע פערד־ און וועגענער.ביידע קוקן זשעדנע און זענען זיך מאָדנע איבעריק איינס דאָס אַנדערע.

— מאַאַן לעבן! — רופט זי זיך אָן דערנאָך אין שטילער חרטה — ווו עס זענען דאָ לעבעדיקע מענטשן, מוז זיין מיסחר. אַ לעבעדיקער מענטש מוז עסן, און עסנוואַרג וואַקסט נישט הינטערן אויוון, נאָר אין פעלד, אין דאָרף. האָסט דאָך אַ ראיה: ווי לאַנג דו ביסט הי האָסטו שוין געזעען כאָטש איין פאַראַקערט פעלד, איין פאַרפלאַנצטן גאָרטן? דאָ פאַרנעמט מען זיך צו פאַרטרייבן ס׳דאָרף. מ׳וויל שטאָט, דורכויס שטיין און אייזן. ליגט דאָ ערד, איז זי פול מיט שטיינער און זאַמד. אַ האַנט רירט זיך נישט צו צו איר. מענטשן זענען דאָ אַהערגעקומען מיט אַן אַנדערן מיין. אַרומשמייען איבער די־אַ גאַסן איז זיי ליבער. און אפשר זענען זיי קליי־גער? פון דאַנעט וועלן זיי אפשר אַרויסשלאָגן ס׳ברויט. אָבער די שטאָט קען נישט אויסקומען אָן דעם פויער און דער פויער קען זיך נישט באַגיין אָן דער שטאָט. איי, ביי אונדז אין אינעווויליץ? מילא — מה... ס׳האָט געלעבט אַ מאָל אַ מענטש אַ ווילער, אַ גראָטענער איז ער, נעבעך, אַהיים־געגאַנגען... דאָס רעב־אייגענע איז מיט אַ שטאָט. אינעווויליץ איז דען נישט געווען אַ מקום־פּרנסה? אויפגעקומען וואָזשנערס, איז זי אָפּגערוקט גע־

וואָרן אָן אַ זייט... עס איז איר אויסגעגאַנגען דער פּאַס. פּעלן דען בית־עלמינס? איז אינעווייניק אויך געוואָרן אַ בית־עולם. אַ לעבעדיקער מענטש באַדאַרף זיך ראַטעווען...

אַ ביסל ווייטער, געפינט אויס חנה-רויזע, איז אויך פאַראַן אַ מקום פון חיונה פאַר ייִדן. אָט זעסטו, זאָגט זי, האָסטו אַ קאַזאַרמע. דאָ שטייען זעלנער מיט פערד. זעלנער ברויכן עסן, בהמות קענען אויך נישט אויס־קומען אָן אַברעק. און אַ שינעל מוז אויכעט זיין און שטיוול זענען אויך נישט פאַר הינט. ווער ברענגט דאָס אַלץ צונויף, משה? דער סוחר, דער בעל־מלאכה. אַבי דו ביסט זיך אומזיסט מייאש, משה. באַרעכן, וויפל מענטשן אין דעם גרויסן מקום ברויכן עסן, כ׳מיין: נישט בלויז אַרבע־טאָרערס. נישקשה, אַ סוחר האָט דאָ אויך עפּעס אויפצוטאָן. מ׳באַדאַרף זיך נאָר אויסטויגן.

משה אינעווייניקער האָט זיך געפילט שולדיק אַקעגן דעם ווייבס קלוגע מוסר־רייד. אין אמתן, פאַרוואָס איז ער אַראָפּגעפאַלן ביי זיך? ס׳איז גאָרנישט מענטשלעך, גאָרנישט ייִדישלעך, דאָס פאַרצווייפלען. און ער איז נישט אַזאַ תם און נישט קיין זקן, ער זאָל זיך שוין נישט קענען קיין עצה געבן מיטן שטיקל ברויט אין דעם נייעם אָרט.

ער האָט פאַרשטאַנען דאָס דריקעניש דעם ווייבס, די כמורנעקייט אין שטוב, און זיין שטאַר פּנים איז איר זיכער נישט ניחא. עס באַקומט איר נישט דער ביסן, וואָס זי נעמט, פאַרגינט זיך נישט דעם טריט. זי איז אַן איינגעבראָכענע פון אייביק אָן. אַצינד איז איר ערגער ווי אַ מאָל. זי מוז קוקן אויפן פאַרדינסט, וואָס די ייִנגלעך ברענגען אַריין אין שטוב. יעדער שלונג איז איר גיפט. איז דעריבער ביטער איר לייגן זיך און איר אויפשטיין.

האָט ער איר דערפאַר געוואָלט אָנטאָן אַ נחת, חנה־רויזען.

— קום, — האָט ער איר געזאָגט, — איך וועל דיר וואַזן אונדזער שיל. ס׳אַ בית־מקדש, זאָג איך דיר.

— לאָז געמאַך! — האָט זי געענטפערט בייזלעך און דעם מאַן אַ פיר געטאָן אין אַ שכנותדיקן געסל אַריין. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און ווי אויפגעלעבט.

— געדענקסט, — האָט זי מיט מיטאַמאָליקער ווייכקייט זיך געוואָנדן צו משהן. — מיט וואָכן צוריק בין איך מיט די קינדער דאָ געלעגן אונטערן הוילן הימל. דו ביסט געגאַנגען זוכן אַ דירה. גיב נאָר אַ קוק!... ס׳איז שוין אויסגעוואַקסן אַ ניי הויז, און נאָך איינס! עס איז אַ וואַקסע־ניש ווי אויף היווין. מענטשן רייסן זיך אַהערצו, אַריינצולייגן זייערע כוחות, זייער געלט. אָסור, צי אין אַ דייזשע וואַקסט אַזוי גיך דאָס טייג, ווי דאָ די הייזער. און אומעטום זיצן שוין מענטשן. אַלע דאַרפן זיי באַקליידונג און באַשיכונג. אַבי דו זאָגסט, האָסט זיך נישט אין וואָס דאָ אָנצוכאַפּן... גלייב מיר, ס׳וואָלט גלייך געוועזן אויך זיך אַריבערצוקלייבן אַהערצו. ס׳איז נעענטער צום מאַרק. און ווו ס׳איז אַ מאַרק, איז נעענטער צו פּרנסה. ווייסטעך, מ׳זעמיר קאַליאַמאָוו געווווינט צום האַנדל.

— מ׳עט זען... — האָט ער אָפּגעפּטרט דעם ווייבס פּלאַן מיט אַ זאָג.

אַהיימצוועגס זענען מאַן און ווייב ווידער געגאַנגען שטילשווייגנדיקע. הפּנים, ביידע האָבן זיי געטראַכט דאָס זעלביקע: וואָס ׳עט זיין דער תכלית! אומגעריכט האָט זי איבערגעריסן דאָס שווייגן:

— וואָס ׳עסטע זאָגן, משה?

ער האָט זיך משער געווען, וואָס זי איז אויסן.

— מ׳עט שוין זען! — האָט ער פון ס׳ניי געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט. איצט אָבער האָט דאָס וואָרט אָפּגעקלונגען אַנדערש, וואַרעמער ווי פריִער. מער נישט אָפּשטעלנדיק זיך זענען זיי איצט געגאַנגען, מחמת ס׳האָט גענומען טונקלען.

אַ ביסל שפּעטער, נעענטער צו דער שטוב, האָט דער מערב זיך גע־פלעמלט אין פלעקיקן פּורפּור. משה אינעווליצער האָט אויפגעהויבן די אויגן און געזאָגט צום ווייב:

— ווייסט צו וואָס כ׳וועל זיך נעמען?... כ׳על האַנדלען מיט זעק.

— סטייטש, מיט זעק?... — קוקט זי אים אָן.

— זעסט ווינטמילן? זיי ברויכן זעק...

די ייִדענע האָט געקוקט. וואָס זעט זי?... אַ המצאה — זעק! וואָס זעק, ווו זעק? באַהיט זאָל מען ווערן. אַ מבולבלע האָט זי געדרייט דעם קאָפּ

אַהין, אַהער און ס׳האָט איר געדריקט אין האַלדז. אירע אויגן האָבן נישט געהאַט ווו זיך אַהינצוטאָן; אַ מענטש ווערט לאַ־עלינו פאַרנאַרט. די פּיס האָבן זיך איר צעוואַקלט. שפּאַנענדיק ביי זיין זייט, האָט זי נישט ניחאדיק געהערט דעם אָפּהילך פון די אייגענע טריט. און אַז זי האָט אויפגעהויבן דעם בליק האָט זי אין טונקלענדיקן רוים איצט געזעען ווי מעלאַנכאָליש באַוועגן זיך די פליגל פון אַ ווינטמיל.

— לאָז זיין מיט זעק, אַבי צום לעבן... — האָט זי ווי פאַרשפּעטיקט אַ שווערן זיפץ געגעבן, גלייך אַ ווייטיק וואָלט איר פּלוצלינג אַ דרענג געטאָן די ברוסט.

ג.

דעם שבת־צונאַכטס האָט משה אינעווליצער דעם „ויתן לך״ געזאָגט מיט מער דביקות, ממש געזונגען.

## קאַפּיטל זיבן

# די נייע פּרנסה

דער איינפאַל צו האַנדלען מיט זעק איז, משמעות, געווען אַ ווונק מן השמים. משה אינעווּליצערס פּרנסה האָט שיין אָנגעשלאָגן. אין די מילן האָט מען זיך אָנגעכאַפּט אין דעם זעקל־יידל גלייך מיט אים וואָלט זיך צו זיי באַוויזן אַ גואל.

„ס׳טייטש, צי איך ברויך זעק? אַ שאלה, צי מע ברויך״...

זעק האָט מען באַדאַרפט זינט מען האָט אָנגעהויבן מאָלן מעל אין אָט־דער שטאָט, זינט מען האָט אָנגעהויבן עסן ברויט דאָ און עס האָט אָנגעהויבן רייצן דער חשק צו מאַכן די פּאָר קערבלעך. ביז משה אינעווּלי־צערס המצאה אויפצוקויפן די גענוצטע מעל־זעק, האָבן די מילנערס אַליין געבייט זעק; אַ ברירה האָבן זיי געהאַט? איז אַ בעקער געקומען נאָך מעל, צי אַ געוועלבניק, האָט דער מילנער געמוזט האָבן גרייט פול אָנגעשאָ־טענע זעק מיט מעל, סיידן ער האָט דעם קונה געוואָלט איבערלאָזן פאַר אַ צווייטן מילנער. און אַזוינע האָבן זיך אָנגעקאָטשעט איבערנאַכט. און מעל־הענדלערס, וואָס האָבן וואַגאָנעסווייז אָנגעבראַכט מעל פון רוסלאַנד, האָבן זיך אויך שוין אָנגעהויבן יאָווען. איז מיט אַ קונה וואַרפט מען זיך נישט. דערפאַר טאַקע איז ס׳זעקל־יידל געקומען ווי אין דער פּאה אַריין.

אין תחילת האָבן די מילנערס זיך עפּעס געשראָקן פאַרן פרעמדן מענטשל מיט דער ברייטער שוואַרצער, אָבער איינגעמעליקטער באָרד. אמת, צוליב זיין נישט הויכער, געוויינלעכער געשטאַלט וואָלט ער זיך נישט געוואָרפן אין די אויגן אַריין; די שימל־ווייסקייט פון זיינע גראָבע,

באַשיימפּערלעך שווערע שטיוול און דער גלעזערנער, מגושמדיקער גאַנג זיינער האָבן אַרויסגערופן נאָר נייגיר. אַלע האָבן זיי געמיינט, ס׳איז אויפגע־קומען אַ פרישער מילנער, ווידער אַ קאַליע־מאַכער. נאָר אַז זיי האָבן גע־הערט: אַ זעק־סוחר, געגנוצטע זעק איז זיין מיסחר, האָבן זיי זיך אויף דאָס ניי געחידושט — הלמאי איז ער אַזוי איינגעמעליקט? אין די האַרמאָ־ניע־קנייטשן פון די שטיוול אַזאַ מעל־שטויב, די ברעמען פאַרפרישעט, די אַקסלען וויס ווי מיט פראָסט־טוי באַהויכט. אפילו די נאָז זיינע טראָגט דעם חותם פון מעל. ביי דעם מענטש האָבן אַרויסגעקוקט בלויז צוויי שוואַרצע, גלאַנציקע אויגן, אַ ביסל פאַרטראַכטע.

אין די גאַסן, וווּ דאָס ווייסע ייִדל האָט זיך באַוויזן, האָבן זיך אַרויס־געגרוקט צעפּאַטלטע קעפּ מיט שטוינענדיקע, פרומע בערד־פלאַנטערס:

— אוי־וואַאַ, וואָס איז דאָס?...

געהערט, אַ זעק־סוחר, האָבן די מילנערס זיך נאָך נישט אויפגע־הערט צו חידושן. דאָס נייעס האָט זיי פון דעסטוועגן הנאה געטאָן. און אַז זיי האָבן געפרעגט וועגן מקח, האָט דער ייִד געטענהט: כ׳על לאָזן [illegible] וואָלוול.

— אָבער דאָך? — זענען די מילנערס צוגעשטאַנען.

— אַ גילדן, — האָט דער אינעוווליצער אַ שליידער געטאָן דאָס וואָרט מיט אַן אימפּעט פון אַ מענטש אַ פּזרן און זייטיק געוואָרפן אַ בליק אויף זיינע שפּעטערדיקע פרנסה־געבערס. זיין אויג האָט אים נישט אָפּגענאַרט, משהן. ר׳האָט באַלד אָפּגעפילט, אַז דער ראָזמאַך וועט העלפן. ס׳איז גע־וואָרן פון געשעפט. ביז איצט האָבן די זעק געקאָסט אַ סך טייערער, מ׳האָט זיי געמוזט אויפנייען נייע, פונעם באַלעם לייוונט. און האָט מען נישט געקענט זיך באַוואָרענען מיט געגנוג זעק, האָט מען בשעתן פּדיון זיך די פינגער אָפּגעביסן.

דער אויפטו פון משה אינעוווליצער איז געווען אַ פראָסטער, און טאַקע דערין איז געלעגן די גאַנצע חכמה. ער האָט אויפגעזוכט אַלע בעקערס אין שטאָט, געקראָכן אין זייערע באַקשטובן אַריין און אויפגעקויפט ביי זיי די אויסגעליידיקטע אַלטע מעל־זעק. ס׳האָט זיך געמאַכט: די זעק זענען נאָך געווען פול, דער זאַק־ייִד האָט פון דעסטוועגן פאַרויס באַצאָלט, געוואָרט ביז די זעק וועלן ווערן אויסגעלערט. לייט האָבן טאַקע זיך אַליין

נישט געגלייבט: אַן אויסטערלישער דער דאָזיקער... ער געטרויעט; אויפֿן וואָרט קוקט ער! שטענדיק להוט אויף די פּאָר קערבלעך, האָבן די בע־קערס גערן געמאַכט די משא־ומתנס, און פֿאַרקויפֿט וואָלוול. פּאַר אַ זאַק מיט אַ לעכל, מיטן קלענסטן לעכל אפֿילו, האָט דער אינעווליצער באַצאָלט אַ האַלבן מקח. אויך ביי די געוועלבניקעס האָט ער אָפּגעקויפֿט די ליידי־קע זעק, אויף וועלכע עס איז ביז אַהער נישט געווען קיין בעלן. שמאַטעס מיט לאַכעס זענען אויך אַ מקור פֿון פּרנסה, האָבן לייט זיך געוויצלט. דער איינגעמעליקטער ייִד האָט אָבער נישט געמאַכט זיך הערן. ער האָט געטאָן ס׳זייניקע. אין גראָשן־געסל ביי משה אינעווליצער האָט זיך אָנ־געקליבן אַ גרויסע קאַמער מיט זעק; ווייט אַרום זיך האָבן זיי פֿאַרשפּרייט אַ געדיכטן, ווייסן שטויב. אויך די קליינע וווינונג משהס האָט בשפֿע געגאָסן פֿונעם מעל־שטויב, וועלכער האָט זיך שווער אויסגעשפּרייט אויף די לייסטן פֿון דעם זקניש־געזונקענעם ברוינעם קאָמאָדעלע, אויף די שוואַרצע אייזערנע סאַגאַנעס און אויף די „פּוגעס" פֿון דער מאַסיווער גרין־גע־שמירטער טיר. ווו משה האָט זיך צוגערירט איז געבליבן אַ קלעפּיקער ווייסער שליאַד פֿון זיינע בגדים און פֿון זיינע מעל־פּאַרליאַפּעטע שטיוול־זוילן. די אָפּגעשויערטע פּאָדלאָגע (מחמת טיפֿער ווייסקייט האָט זי אָפּגע־גלימערט אַזש געל) האָט זיך ווי אַ פֿרום געצוואָגן פּנים תּמיד געשעמט מיט די בלאָטיקע טייג־בלעטלעך, וואָס האָבן זיך אויף איר אויסגעקנאָטן פֿון דעם אינעווליצערס פּאָדעשוועס. חנה־רויזע האָט דאָס מושב פֿאַרליב־גענומען, כאָטש זי האָט אין אָנהייב נאָך נישט געזען קיין צעבראָכענעם גראָשן פּרנסה פֿונעם מאַנס מיסחר. פֿון משהס אָפּטן פֿאָרען זיך אין שטוב און אין דער הויף־קאַמער האָט זי נאָר אַרויסגעשפּירט, אַז ס׳קומט אָן אַ זעטיק שטיקל ברויט אין הויז אַריין. זי האָט צומאָל נישט געפֿרעגט וואָס און ווען. ס׳ביסל קלוגשאַפֿט האָט איר אונטערגעזאָגט, זי זאָל נישט פֿרעגן. זי וועט שוין וויסן. און אפֿשר וועט דער מאַן איר דערציילן אַלץ פֿאַראַמאָל? אָבער משה האָט נישט דערציילט. אין אָוונט, ווען ער איז אַהיימגעקומען אַ מיד־מאַטער, האָט ער ברייט צעלייגט די צוויי פֿיס אין די פֿאַרמעליקטע, בלאָטיקע שטיוועלעס. פֿאַרקנייטשט דעם שטערן, גלייך ער וואָלט צונויפֿ־גענומען די ערגעץ צעשפּריצטע געדאַנקען, האָט ער אויפֿן קול אַ רוף געטאָן אין שטוב אַריין:

— אפשר ׳עט שוין געניג זאָגן?...

ער האָט געמיינט די זין, די קליינע אַרבעטאָרערס, זיי זאָלן שוין אַוועקגיין פון די רעדלעך.

און האָט מען דעם טיש אַוועקגעשטעלט אויף זיין אָרט און די רעד־לעך האָבן אַנגסטיק טרוקן אָפּגעזיפצט (מ׳האָט זיי דערוויל אַרויפגעלייגט אויף אַ בעט), האָט דער אינעווליצער גענומען פון זיך אַראָפּוואַרפן די שטיוול.

— אָר־וואַ־אַ, איז דאָס אַ שטעטל! — ער האָט אויסגעציילט די ווער־טער, נישט קענעדיק גובר זיין די האַרטע טרעטערס, וואָס האָבן ווי צוגע־וואַקסענע נישט געוואָלט אַראָפּ פון די אָנגעלאָפענע פיס — צ׳הערט, די פיס זענען נישט מאַאַנע... — האָט ער זיך הנאהדיק ביטער פאַר־קרימט. — כ׳שפיר זיי נישט. ס׳אַ שפּאַס אַזוי פיל אויסצוקריכן איבערן טאָג!...

אין דעם מענטשנס רייד האָט זיך דאָך נישט געהערט קיין תרעומות. פאַרקערט, ס׳איז איז זיי געווען אַ פאַרבאַהאַלטן גרויסן־זיך מיט זיינע אויפטוען.

און די צונג זיינע האָט זיך געריסן צו דערציילן פון משה אינעוולי־צערס ווייטע געגנג יעדן טאָג פון דער וואָך. ס׳האָט איר פאַרשמעקט, דער צונג, אַ מעשה וועגן אומענדלעכע, פּוסטע פעלדער, ווו ס׳באַוועגן זיך ווינטמילן; וועגן פינצטערע, קעלערדיקע באַק־הייזער און וועגן אומבאַקאַנ־טע גאַסן מיט קרעמערס, וועלכע קוקן אויס דעם זעק־סוחר, בענטשן די שעה פון זיין קומען. צום גומען האָט זיך אים זיס געקלעפּט דאָס וואָרט, וואָס האָט געדאַרפט דעם הויזגעזינד אויסזאָגן פון זיינע אָנשטרענגונגען, וואָס שפאַרן זיך צו אַ הויכן דרך. ס׳אַ גרויסע מי, טייערע, — האָט ער גע־צמאָקעט דעם לאָקנדיקן געדאַנק. אָבער ער האָט גאָרנישט גערעדט וועגן דעם. ער האָט זיך געכוחט איינצוהאַלטן דעם סוד און ר׳האָט אים גע־וואָרעמט אין זיך. אַ נאָגנדיקע מידקייט האָט גיך פאַרוועבט זיינע אויגנ־לעפלעך.

איבער דער אָונטיקער טונקעלער שטוב איז אויפגעגאַנגען די אַנונג פון גרויסער דערוואָרטונג.

### באַלוטער וועבערס

חנה־רויזע האָט געמאַכט ס׳געלעגער פאַר די זין. זי אַליין האָט זיך געלייגט די לעצטע. נעבן איר איז געשלאָפן גיטעלע, דאָס לעבעדיקע אָפּבילד פון איר טייערער באָבע איר צו לאַנגע יאָרן.

די נאַכט איז ווי אַ שיף גרינג אַוועקגעשווומען צו ווייטע, ליכטיקע ברעגן.

## קאַפּיטל אַכט

# די שטאָט איז גרויס און ברייט

פאַר משה אינעוווליצער האָט די שטאָט זיך אויסגעשפּרייט וואָס אַ מאָל ברייטער און לענגער. טאָג איין, טאָג אויס האָבן די גאַסן מיט די הייזער אים פאַרשלונגען. אַרום זיך האָט ער גאָרנישט מער געזען, ווי זיך אַליין — ער מיט אַלע באַקשטובן, מיט די קראָמען און די גראָע פאַר־מעליקטע ווינטמילן, וואָס האָבן מרה־שחורהדיק זיך באַוועגט הינטער דער שטאָט. דער ייִד איז מער נישט געווען פאַרהאַוועט. ער האָט זיך נישט געאיילט. דאָס נישט איילן זיך איז געווען אין זיין טבע, אַ דורותדיקע איינגעשאַפּט פון די אינעוווליצערס. משה איז געגאַנגען געלאַסן, כאָטש די שטאָט האָט פאַר זיינע אויגן מער זיך אויסגעצויגן, זיין מי האָט זיך געכפּלט. וואָס לענגער און גרעסער די שטאָט האָט זיך פאַר אים אַוועק־געלייגט, אַלץ זיכערער האָט דער מענטש זיך געפילט. מאָדנע פאַוואָליע האָט ער געשפּאַנט (גלייך ער וואָלט אינסטינקטיוו זיך גערעכט אויף אַ שפּרונג פון עפּעס אַ בעסטיע. און קעגן אַזאַ מוז מען זיך וערן! זיין גרייט...), כאָטש אַרבעט איז אים געווען אָנגעבאַרייט לרוב. שטענדיק אַזוי. גייענדיק פון בעקער צום געוועלבניק האָט דער אינעוווליצער כסדר געגריזשעט עפּעס אין געדאַנק. נעפּלדיקע רעיונות האָבן אים געצויגן, געשלעפּט מיט כוח פון אָרט צו אָרט. מ׳דאַרף זיך אויסהיטן פאַר אַן איבעריקן בליק, מ׳טאָר חלילה קיין קינאה נישט גורם זיין ביי יענעמען. קראַנטער שטיל, פון דער ווייטנס, און דער רבונו של עולם וועט העלפן... ששאַ, שאַ, משה!

פון דעם גאַנצן מטושטעשן מחשבותן איז אין אים סוף־כל־סוף אויפ־

געקומען אַ דייטלעך געפיל אַז ער, דער פּראָסטאַק, וועט מיט גאָטס הילף עולה־לגדולה זיין. משמעות, ס׳אָרט איז דאָ פּאַר דעם. ר׳וועט ווערן גרויס. און ר׳האָט איינצייטיק געשפּירט, אַז ס׳שפּאַרט פון אים אַ געלוסט איבער־צויאָגן משהן דעם קרעמער פון אינעווליץ, וועלכער איז ערגעצוו נישט־געוואָרן. ער מוז ווערן אַ מענטש. ער מאָלט זיך ס׳שוין אויס: ער וועט פון וואַלד פירן קלעצער, שערענגעס פויערישע וועגענער מיט קלעצער — וועט אויפבויען אַן אייגענע גערוימע שטוב, שטעלן אַ שפּייכלער, אַ גרויסן שפּייכלער. סוחרים וועלן ציִען צו אים פון מרחקים — — — סחורה וועט אַ מאָל פּאַרפעלן, וועט מען אים פּרִיער־אויס אָוועקלייגן הויפנס געלט, מ׳עט זיך בעטן ביי אים: ר׳ משה, געדענקט אַן אייגענעם. אַ קאָפּ אייניזע־עניש פּאַר אַ טאָטן פון קינדער. מ׳עט זיך מיט אים רעכענען — — געוונג, — ציקט אויף אין אים אַ כעס פון אַ תקיפותדיקן אוחז־ביד, וואָס פּאַרגעסט בינו־לבינו ווער ער איז, ווו ער איז — ר׳ משה אינעווליצער ברויך זיך מער נישט באַהאַלטן אונטער אַ געלאָטעט כאַלאַטל. שטאָט מעג זיך ב״ה רעכענען מיט אים; ר׳ משה האָט נישט קיין מורא, אַז קהל זאָל אים נישט באַרייסן. ער אַליין איז ברוך־השם אַן עומד פון קהל.

און כאַפּט ער זיך, ר׳זיצט נאָך אין אַ שטיק דלות, איז ער ווידער בייז, בייז אויף זיך. ר׳וויל נישט מער, אַז זיין הויז זאָל זיין כולו זיפץ; ער באַשטייט, מען זאָל זיך רעכענען מיט אים. שוין צייט צו זיין אַ מענטש מיט מענטשן באַגלייך. דאָס חלק פיין איז שוין איבערגענוג פּאַר זיינעטוועגן. אַ לויב דעם השם־יתברך, ס׳איז אָנגעשטאַנען אַ שטיקל שעת־הכושר.

אין זיין טראַכטן און ספקן האָבן דעם מענטש טייל מאָל באַפּאַלן קאַלטע אַנגסטן און ער האָט געפּרוווט די געדאַנקען פּאַרטרייבן ווי פּגעדיקע פליגן. אויף צו להכעיס זענען זיי אָבער געווען צודרינגלעך, די שפּיציקע חלומות זיינע. זיי האָבן געמאָנט רעספּעקט פּאַר דער אַפּותיקאַ, וואָס ער האָט שוין באַוויזן אין דער שטיל צו באַהאַלטן אונטער די קראָקוועס פון בוידעם און אין דער זעק־קאַמער.

צווישן לייט האָט דער ייִד נאָך געקרעכצט, געוואָלט זיך אַליין פּאַרשרייען מיט אַ ייִדישלעכן אָכץ, מיט איבעררייִדן אַ מאָל וועגן כלל־זאַכן; ר׳האָט אפילו געפּרוווט צווישן מענטשן זאָגן אַ הלצה, און עס האָט זיך עפּעס נישט געלאַכט דערפון. דאָס געלט, האָט ער געשפּירט, ברענגט אים יגון־ואנחה.

וואָס זאָל ער טאָן, כדי נישט אַרויסצוווייזן, אַז ס׳קניפּל ס׳באַהאַלטענע קוועטשט אים? און אַז נישט באַווייזן זיך, וואָס זשע פּאַראַ פּאָזשיטעק פון אַלעם?!... נישט גוט, משה. הפּנים, עס איז וואָר, אַז גאָלד פאַרדאַרבט דעם מענטש, פירט אים אַראָפּ פון דרך־הישר — — דער ייִד האָט ממש נישט געקענט רויִק איבערשלאָפן די נאַכט. ס׳האָט׳ן געפּייניקט. און ס׳איז שוין אַן אַנדערער משה אינעווליצער, גאָר אַן אַנדערער. מיט זיין גאַנצן מהות האָט ער אומגעריכט פאַרנומען דעם טומל פון זיין בלוט: זעק, זעק, גיט אַהער זעק! וואָס מער זעק — — — דאָס איז עס! דאָס איז דער תמצית. מער האָט ער נישט געהאַט קיין צייט זיך אַריינצוטראַכטן, ניכטער צו באַרעכענען ווי ער האַלט אין דער וועלט. אַזוי קורץ די צייט, ווי ער איז אַרויס פון דער היים, פון אינעווליץ — און ווייט איז ער פאַרפאָרן פון דאָרט! כאָטש ער איז פון אינדערפרי ביז שפּעט נאָך זונזעצן אַרומגעלאָפן ווייטע שטרע־קעס — שוין געשפּירט אַן אויסגעהוילטקייט אין זיינע גלידער, דאָך האָט עס אים נאָך אַלץ געטריבן ווייטער: גיי, משה, ווער געוויר ביי לייזער לעקעך־בעקער, כאַפּ זיך אַריין צו חיים טאָמאַשאָווער.

אין דער היים פלעגט ער גאַנצע אויפדערנאַכטן זיצן אין דער קאַ־מער איבער שטויסן מעל־זעק. מיט ווייטיקן אין רוקן, מיט פאַרשטייפטע פינגער האָט ער אויפגעזוכט צעריסענע סחורה און, געבויגענערהייט, מיט אַ שפּאַגאַט־נאָדל לאָטען די זעק. צום נאַכטמאָל איז שווער געווען אים אָוועקצורייסן פון דער לאָטעריי.

— די אכילה ׳עט נישט אַנטלויפן... — האָט ער אָפּגעפּטערט ס׳ווייב, אָבי אַריינצוכאַפּן נאָך אַ פּאָר שטעך אין דער פאַרמעליקטער שמאַטע.

ס׳האָט אויך געטראָפן: ווייב און קינדער זענען מיד געוואָרן פון גיין און רופן אים צו וועטשערע. וואַרטנדיק זענען זיי מיט אַנטגאַנגענע הערצער אַנשלאָפן געוואָרן אין אַנטועכץ. משה איז נישט מיד געוואָרן פון דער אַרבעט. ער האָט פאַרגעסן די מידקייט, וואָס האָט פּאַוואָליע און שווער פון ערגעצוווּ געטריפט אין זיינע אָדערן אַריין, אויף די ביינער האַרט געדריקט. דער ייִד פלעגט, אַן איינגעבוקטער, זיך פאַרזיצן איבער אַ לעכערדיקן זאַק און געבן אַ שטאָך אינעם יונגן טאָג אַריין.

אַזוי כמעט טאָג ביי טאָג.

מוזסט אַריינכאַפּן, משה, אַריינכאַפּן!

ער האָט טייל מאָל שוין נישט באַוויזן זיך צוצולענען. אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, אויסגעשווענקט דעם האַלדז און געשטעלט זיך דאַווענען. אַלץ האָט ער געטאָן שלאָפֿנדיקערהייט, שטייענדיק. אַזוי אַ איז דאָס אַרבעטן, דאָס נישט דערשלאָפֿן און דאָס שלאָפֿנדיקע דאַווענען אַריין אין זיין רגילות. די פּרימאָרגנדיקע קילע לופֿט האָט אים רעכט אויסגעוואַשן די פֿאַרקלעפּטע אויגן. די פֿאַרדרימלטע גלידער זענען אים אויפֿגעטרייסלט געוואָרן אויף דעם געדאַנק, אַז היינט מוז ער זיין ביים מילנער אין לאַגעווניק, וואָס אַרויס־שטאָט און אין ר׳ אביגדור מעלערס ווינטמיל אויפֿן קאָנסטאַנטינער טראַקט.

אין מיטנטאָג האָט דער אינעווליצער, הוידנדיק זיך אויף אַ קופּע מעל־זעק אין אַ ריסאַר־וואָגן, געחלשט אַ דרימל צו טאָן אונטערן ליכטיקן הימל. די אויגנלעפּלעך זענען אים צוגעפּאַלן. איבערן גומען איז אים געראָנען דאָס מתיקות פֿון זעטיקן שלאָף און אין די אברים האָט געטריפֿט אַ וואַרעמקייט, וואָס ציט, לאַשטשעט. אַריינגעקנוילט אין דער־אַ וואַרעמקייט, האָט ער זיך צו איר מאָדנע הונגעריק געטוליעט מיט זיין גאַנצן גוף און מיט אַ מאָל געהאַט דאָס זיס־אויפֿשווידערנדיקע געפֿיל, אַז ר׳האָט דערווישט חנה־רויזעס שויס. ער האָט זיך אין איר איינגענורעט. זי האָט אים געשטאַרקט מיטן האָניק פֿון איר קרעפּטיקער ליבשאַפֿט: אוי־אוי, חנה־רויזעלע! לסוף האָט זי אים אָפּגעשליידערט אַן אויסגעליידיקטן.

— ווי ס׳איז גוט זיך צוניפּצוגיסן מיטן לייב פֿון דיין לייב! — און וואַקלענדיק זיך אויף דער־אַ שכורער כוואַליע האָט ער נאָך געטאַמלט פֿאַר איר: מיין ווייב, מיין געטריי ווייב!

פֿאַרכליניעט זיך און זי האָט׳ן נאָענט צוגעדריקט צו זיך, אַן אומווילקן פּרעס געטאָן דאָס שיידל פֿון זיין קאָפּ — —

משה האָט דערשפּירט אַ שאַרפֿן, טעמפּן ווייטיק, אַזוי ווי מען וואָלט אים דורכגעשטאָכן מיט שפּיזלעך. עס האָט אים אַ וואָרף געטאָן. דער מוח האָט זיך ראַפּטעם געוועקט. אַלץ אַרום האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט און משה אינעווליצער האָט אין דער רגע נישט געוווּסט, צי ער זיצט אויפֿן וואָגן, אָדער די זעק ליגן אויף אים. אָט גאָר כאַפּט ער דעם געפֿיל אַז דער וואָגן קערט זיך איבער אויף אים אַרויף. און אסור עס אַרט אים. ס׳טוט

אים הנאה, וואָס אַזוי פיל זעק האָט ער אַרום זיך, אַזוי פיל זעק זיך אָנ־געקליבן פאַר זיינעטוועגן, זעק, זעק!

דער קילער חלום פונעם סוחר האָט זיך אים געשטעלט צו קאָפּנס. אויפגעהויבן די צעעפּנטע אויגן און ער האָט געדאַנקט גאָט, וואָס אַלץ גייט כשורה. ס׳האָט אים נאָר פּאַסקודנע געחלומט. ס׳מחמת מידקייט — האָט ער געטראַכט. עס זאָל אים נישט גערעכנט ווערן... גאָט ברוך־הוא זאָל אים זיין אַן עדות, אַז זיין מחשבה איז ריין... דאגות־פּרנסה יאָגן אים אַרויס פון שטוב און זיי יאָגן אים אַריין. אַ געזינדל אָנעהאָרע מפרנס צו זיין אין דעם פרעמדן אָרט!

ס׳האָבן זיך שוין דערנענטערט די פעלדער פון קליין־לאַגעווניק; עס נייגן זיך אַהער די קרוינען פון וואַלד־ראַנד דעם לאַגעווניקער. נישט ווייט איז די מיל. דער מענטש וועט זיך דערפרייען, אַז ר׳וועט זען דער מוישע איז אַן אָרנטלעכער ייִד. ר׳האָט׳ן צוגעזאָגט צוצושטעלן די זעק ביז נאָכמיטיק, און ער האַלט וואָרט. משה אינעווליצערס וואָרט איז מער ווי געלט. צוגעזאָגט, איז עס קודש. די שטאָט האָט ליב ראַיעלקייט. ס׳נישט קיין פויערים; מ׳קען זיי נישט פּאַרדרייען מיט אַ קלאַפּ אין דער לאַפּע אַריין, מיט אַ „צאַ סליכאַטש או וויאַ?״ מען איז דאָ ניכטערער. ס׳אַן אַנדערער סדר אין לאָדזש.

...משה אינעווליצער האָט אויף אַן אמת דערשפּירט, אַז ער נעמט אויף זיך אַן אַנדערע הויט.

אַהיימגעפאָרן פון לאַגעווניקער מילנער, האָט אים געוואָרעמט דאָס גוטע וואָרט פונעם גוי, וועלכער האָט פון זיינעטוועגן אויפגעציילט הונ־דערט און צוואַנציק מזומנע קאַרבוינים. „דאָברי כלאָפּ, טען מוישע. סוואָי טשלאָוויעק!״ — — פיינע לייט, די שטאָטישע קריסטן, — האָט ער גערעדט צו זיך — מ׳באַדאַרף קענען אַזעלכענע האַלטן... נישקשה, משה אינעוולי־צער האָט זיך נישט צו פאַרשעמען קעגן זיי.

און האָט ער געטראַכט וועגן משה אינעווליצער, האָט ער אין זינען געהאַט זיין איידעלן יחוס, זיינע גוטע, פרומע זיידעס, זיין ערלעכן טאַטן, די געניטע סוחרים, וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט שררות און נושא־חן געווען ביי זיי.

## באַלוטער וועבערס

איפדערנאַכט, פאַרן שלאָפן גיין, האָט בײַ אים אין מוח זיך איבער־געזאָטן אַ סך פון דעם, וואָס ער האָט געטראַכט בייטאָג. און ס׳איז בײַ אים געבוירן געוואָרן אַ פונק־נײַע מחשבה: ער וועט נעמען די ייִנגלעך צום מיסחר. ס׳עט זיי חלילה נישט פאַרשאַטן צו ייִדישקייט. עלעהיי אין שטוב וועט ווערן לײַכטער — אויס רעדלעך! — און דער האַנדל וועט מערצעשעם זיך פאַרגרעסערן. דערנאָך, דער איבערשטער וועט העלפן, וועט ער צו זיי צונעמען אַן עקסטרע מלמד. זיי זענען יונג, זיי וועלן נאָכ־דאָנזשען.

אין שטוב האָט ער וועגן דעם נאָך נישט איבערגערעדט. ער האָט׳ס איבערגעלאָזט אויף אַן אַנדערש מאָל.

## קאַפּיטל נײַן

# תכלית

### א.

משה האָט מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע. ער האָט זיך געשראָקן, אַז ר׳זאָל זיך אַליין, חלילה, נישט איבערנעמען מיט דער פּרנסה. ער האָט געטאַמלט זיך פונאַנדערצורעדן מיטן ווייב מכוח די דאָזיקע זאַכן. ר׳האָט נאָר נישט געוווּסט ווי אַזוי אָנצוהייבן. ס׳איז צייט, זי דאַרף וויסן! — האָט ער זיך געגעסן.

עס איז געשען אַז נאָך נאַכט־עסן זענען מאַן און ווייב איינע אַליין געבליבן אין שטוב. אויפן טיש האָט שטיל געסיקעט די נאַפט־לאָמפּ; פאַר־טראַכטע שאָטנס האָבן טונקל און שווער געפּויזעט איבער די ווענט. די קינדער האָבן שוין באַוויזן דאָ אין שכנות אויסצוגעפינען זייערס גלייכן: חברים, — שפּולערס און וועבער־יינגלעך, וואָס האָבן שוין פאַרדינט געלט און געפירט זיך סטאַטעטשנע. בלייבנדיק אויג־אויף־אויג מיטן ווייב האָט דער אינעוווּליצער געכאַפּט אויף איר אַ זייטיקן קוק און מחמת פאַרלוירנ־קייט גענומען זיך רייבן דעם שטערן. ס׳האָט געקענט הייסן: ער קלערט עפּעס צו זאָגן, ר׳וועגט עס און ציטערט איבער דעם. ס׳אַ פיינלעכע זאַך. זי, אַ ווייב, דאַרף אים צוטרעפן, אַרויסהעלפן פון דער פאַרלעגנהייט. גע־וואַרט, געוואַרט און ער האָט געמיינט: אַט וועט זי טאַקע רעדן. אים איז נישט אויף דער האַנט צו מאַכן די התחלה. אָבער זי? זי האַלט דעם קאָפּ אויף די אָנגעשפּאַרטע הענט און ווי אויף צעשפּרינגעניש שווייגט זי. די

אויגן האָט זי צעפּראַלט, קוקט אין זיין זייט ווי זי גאָר וואָלט געוואַרט אויף עפּעס. פון צייט צו צייט הערט זיך פון איר נאָר אַ נישט־דרייסטער הוסט. משה האַלט דאָס נישט אויס. אים האָט פאַרחלשט דאָס האַרץ פאַרן שמועס וועגן דער פרנסה, וואָס איז אָנגעהאַרע שווער, וועגן דעם, אַז ר׳וואָלט באַדאַרפט האָבן עמיצן, וואָס זאָל אים העלפן. אוודאי, ר׳וועט נישט ליי־קענען גאָטס טובה: ס׳איז אַ מיסחר ווער מיר אַ שטיקל גוטס גינט. ער זעט ערשט אַצינד, און דער עיקר: ווי ווויל עס איז צו האָבן ביטחון. כ׳לעבן, ס׳איז אַ שאָד, וואָס ער איז אומזיסט געזעסן אין שטעטלטשינע און איינ־געגאַנגען — נישט היינט געדאַכט.

...אָט, אָט כאַפּט ער זיך אַרויס. ער הייבט אָן רעדן און ער צעעפנט אויך דעם ווייבס מויל. נאָר אַז עס קומט דערצו — דער קלאַנג דאַרף שוין פאַלן, פאַרפעלט אים כוח; ער ווייסט נישט ווי אַזוי פונאַנדערצוגעמען די צונויפגעדריקטע לעפצן און ר׳האָט געבעטן אין זיך, דער רבונו־של־עולם זאָל כאָטש חנה־רויזען אַריינלייגן אַ וואָרט אין מויל, אַ ברי טאָן איר צונג.

זי זיצט אַלץ קעגנאיבער און באַגעגנט זי זיין בליק, לאָזט זי שעמעוודיק אַראָפּ די וויִעס און הייבט זיי לאַנג נישט אויף, גלייך זי וואָלט אַנטשלאָפן געוואָרן. ביי משה אינעווליצער איז בשעת־מעשה אויסגערונען געוואָרן די גאַנצע מידיקייט, וואָס האָט אָקערשט געצויגן אין די ביינער. אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט ער זיינע גראָבע פינגער ווי די קליסקעס אַריינגעפּירט אין דער באָרד, וועלכע האָט זיך טיף־שוואַרץ אויסגעשפּרייט איבער די באַקן און וויִיט אין האַלדז אַריין. לאַנג האָט ער געקראַצט דעם באַוואַק־סענעם האַלדז און קראַצנדיק איטלעך מאָל געוואָרפן אַ בליק צו איר. ער האָט געמיינט, זי האָט טאַקע געכאַפּט אַ דרימל. דער דאָזיקער שלאָף אירער איז איצט אים געוווען דערווידער.

— קכככ... קככ... — האָט ער זיך אומיסטן געגאַרגלט, געריסן זיך דעם גרגרת, גלייך ער וואָלט מיט אַ מאָל דערשפּירט ס׳קוועלעניש פון אַ דין ביינדל אין ווישט.

ער האָט געוואָלט זי זאָל אויפקומען.

חנה־רויזע הייבט נישט אויף דעם בליק. דעם ייִד נעמט די נכפה. ער גריזשעט זיך.

„אַ פּאָפּעניש אויף איר!...“

ער האָט'ס לסוף נישט אויסגעהאַלטן און טרוקן אויסגעציִשעט:

— שלאָפסט, חנה־רויזע?

— ניין, די אויגן זענען מיר צוגעפאַלן, — גיט זי זיך אַ דריי אויף דער זײַט, כאָטש קוקן קוקט זי נאָך נישט אויפן מאַן.

— וואָס הערט מען אין שטוב? — כוחט ער זיך איבערצורייסן דאָס נישט־ניחאדיקע שפּיל פון שוויגן און וואָרטן.

— ווייסעך? ווי הינע... אַ גאַנצן טאָג ביז'עך אויף די פיס — ציט זי אומגערן די רייד — כ'גיי אום מיט די קינדער, מיט דעם ווערטשאַפט. מ'ווערט לא־עלינו געהרגעט פון די בלויזע שטיגן.

— ס'קומט אַ מאָל אַרײַן עמעצער? — פרעגט ער סתם אַזוי, כאָטש ער ווייסט אַז חנה־רויזע חברט זיך נישט גערן מיט קיין שכנים.

— ווער זאָל אַרײַנקומען?

— ס'הייסט — ווער? ס'ווינען דאָך מענטשן אַרום!

— ווינען זיי...

באַשיימפּערלעך זענען די רייד איר שוין דערעסן. דער שמועס האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט. ער האָט נישט גערעדט דאָס, וואָס עס האָט זיך געוואָלט זאָגן. ס'האָט אים געברענט אין מוח און דאָס ווייב האָט דאָך נישט אָפּגעפילט, אַז דער מאַן האָט מיט איר צו שמועסן פון גאָר ערנסטע זאַכן: וועגן פרנסה, וועגן תכלית.

און אפשר האָט זי, פונקט ווי ער, מורא געהאַט פאַר אַ בייז אויג, — האָט ער געמיינט. בעסער נישט צו רעדן דערפון, טראַכט זי, די יידענע, — ליבערשט זאָל קומען אַנצורינען און אַנצושווימען פון אַלע זייטן. אַז עס וואַקסט די פרנסה האָט זי בפירוש שוין געזען; דאָס האָט זי דאָך געפילט: אין דער שפע וואָס אין שטוב און אין דער רו. וואָס האָט באַזאַכט אָפּגע־קלונגען פון משהס זיכערן וואָרט, פון זיין פעסטן טריט.

— מודה אני לפניך!... — האָט ער פרום און פריידיק געמורמלט אין זיך, פאַרשאַרצנדיק די געדיכטע ברעמען און זי, ס'ווייב, איז אין די לויבן פאַרן השם יתברך אים נאָכגעגאַנגען פּיסטריט. אָבער דאָך האָט עס אים נישט געלאָזט רוען: „וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיי־יין?“

משה אינעווייניקער האָט נישט געקענט מער אויסהאַלטן דעם גראַנגל

מיט זיך. טאָג־טעגלעך איז ער אַוועקגעפאַלן פון גרויס מידקייט, פון לויפן ווייטע שטרעקעס צו די בעקערס, צו די געוועלבניקעס און צו די מילנערס. נאָך מער האָט אים געגעסן דאָס כסדרדיקע קלערן: אַ ווייב דאַרף וויסן, אַ ווייב איז מען משתתף צו אַלעמדינג: צו גוטס און נישט געשען זאָל עס — און צו שלעכטס! מען רייסט די סחורה פון די הענט אַרויס און מער ווי צוויי הענט האָט ער נישט! אָך, אָך, וואָס פאַראַ גרויסן שאָדן ער האָט; בידים מינערט מע זיך אַליין! ס׳אומגליק איז, וואָס נאָר ער אַליין ווייסט עס. וואָס זשע וועט זיין?... מיט איר האָט ער אַלץ נאָך נישט גערעדט וועגן דער פּרנסה אָנעהאָרע. און צוריקגעשמועסט: איז ער גערעכט? אוודאי. ר׳האָט פּשוט מורא איבערצוחזרן דערוועגן. ס׳טאָקע אַ תּירוץ, אָבער נישט קיין סגולה, אין אַזאַ קוואַאַל... יאָ, די אייגענע פיר וועגט טאָרן נישט וויסן דערפון! די פאַראיבעריקטע פאַפירענע געלטער ליגן איינגעוויקלט אין אַ שמאַטקע. ר׳האָט׳ס פאַרשטעקט אין דער זעק־קאָמער אין אַ שפּאַרע אונטער אַ בעליק. די גאָלדשטיקלעך האָט ער אין אַ טאָרבעלע פאַרבאַהאַלטן אונטער אַ קראָקווע פון בוידעם. טוען האָט ער דאָס געמוזט בשתיקה, פּשוט זיך אַרויפגעגנבעט אויפן בוידעם, כלומרשט געגאַנגען עפּעס זוכן צווישן די שטוביקע חפצים, וואָס וואַלגערן זיך דאָרט. מיטן זילבערגעלט און אַ סידורל דריי־רובלדיקע און פינף־רובלדיקע אַסיגנאַציעס האָט ער ווייטער געטריבן דאָס מיסחר, און ס׳האָט געקלעקט. האָבן אים אַ מאָל פאַרפעלט אַ פּאָר קערבלעך, פלעגט ער געבן אַ ווונק:

— מאָרגן, מערצעשעם... גוט?

און באַלד צוגעגעבן מיט אַ שטיקל גבירישער זיכערקייט:

— איכ׳ל נישט אָנזעצן!

— ס׳ברענט נישט ביי מיר — האָט מען אים געענטפערט. — איך געטרוי אייך אפילו אַ הונדערטער, אויב איר ווילט.

דעם אינעווליצער האָט מען באמת שוין געטרויט געלט. אַ באַגלייבטער מענטש געוואָרן.

## ב.

דאָס קוועלעניש אויפן האַרץ האָט ער שוין נישט געקענט אַריבערטראָגן. ער מוז האָבן אַ העלפער, שרייט אין אים אויפן הויכן קול דער

מאַנצביל, וועלכער טראָגט אויף זיך דעם יאָך פאַר אַלעמען, פאַרן גאַנצן הויז און פאַרן מאָרגן וואָס קומט שטענדיק אַן אומזיכערער, אַ פאַרשליי־ערטער מיט סודות פון ענגשאַפט און דוחק אין זיינע פאַלדן. משה האָט שוין אפילו געטראַכט וועגן דינגען עמיצן וואָס זאָל אים אַ ביסל פאַר־גרינגערן אינעם מיסחר, ווייל דער טאָג שטייט נישט. וואָס עס לאָזט זיך אַריינכאַפּן אין דער זשמעניע, מוז מען עס טאָן היינט, באַלד. מיטן מאָרגן ביסטו נאָך נישט אינדערהיים, עקבערט עס משהן. און דאָס פיין־געפיל לאָזט אים נישט שלאָפן אויך אין די נעכט. אַ פרעמדן, זאָגסטו, משה? ניין, ניין! — ווילט זיך אים שרייען אין דער לעסטיקער שטילקייט אַריין. אַ פרעמדן טאָר ער נישט „ווייזן אַ וועגעלע". און אפשר אַ שותף, שלאָגט ער זיך מיט דער דעה. אָך, דאָס איז נאָך ערגער. דער בעסטער שותף, האָט די מאַמע געזאָגט, איז דאָס אייגענע ווייב. איז זאָל ער חנה־רויזען נעמען צום מיסחר? ע, ס'אַ משוגעת! ער וויל אַפילוכע נישט קלערן דערוועגן. זי איז צו איידל צו דעם, אויסגעגענדזשעט. זי וועט נישט זיין מסוגל גאַנצע טעג אַרומצוקריכן אַזעלכע ווייטע מהלכס צווישן קרעמערס אין שטאָט און צווישן די מילנערס אין העק אַרום. אגב מוז חנה־רויזע צוהיטן די שטוב, די קאַמער מיט די זעק און גרייטן אַ לעפל געקעכטס. אַנדערש — די קינדער. ס'יונגע כוחות. זיי וואָלטן אים געווען אַ גוטער אַרויסהעלף. יונגע פיסלעך קענען גיין. און — קיין בייז אויג נישט — קעפּלעך האָבן זיי אויך נישט קיין שלעכטע.

אַגומלט, נאָכן נאַכטמאָל רופט ער זיך אָן צום ווייב:

— חנה־רויזע, ווייסט וואָס כ'וועל דיר דערציילן?

זי האָט שוין לאַנג נישט געהערט, ער זאָל זיך צו איר אָנרופן אַזוי צוגעלאָזן. דער מענטש איז לאַ־עלינו פאַרקאָכט, שטענדיק מיד. זי איז שוין געוווינט: ער קומט אַהיים, צעקראַטשעט ער די צוויי שווערע פיס און אַ יינגל שלעפּט פון אים אַראָפּ די פאַרמעליקטע, בלאָטיקע שטיוול. און איידער ער זאָגט אָפּ די פאָר ווערטער נאָכן עסן, ליגט ער שוין אין בעט. איצט האָט זי אויפגעהויבן די אויגן און געפרעגט פאַרחידושט מיט אַ בליק, וואָס האָט לייכטנדיק זיך צעשפּילט אויף איר בלייכן פּנים:

— זאָגסט עפּעס, משה?

— שוין ווידער זיך געעפנט אַ נייע מיל, נאָר נישט קאָ' וויאַטראַק.

— אַ נפקא־מינה דען? יאָ אַ וויאַטראַק, נישט קאַ׳ וויאַטראַק?

— פאַרוואָס איז נישט קיין נפקא־מינה, חנה־רויזע? ס׳אידעך אונדזער פרנסה. נאָך אַ מ׳ל איז נאָך אַ קונד אויף זעק איטלעכע וואָך. און אַז נישט קאַ׳ וויאַטראַק, נאָר עפּעס מאָדישס, וואָס גייט אויף פּאַרע, ברויך מען מער זעק ווי אין אַ וויאַטראַק. אַ ניי־מאָדישע מיל מאָלט אויס אַ סך מער ווי אַ ווינטמיל, דאַרפסטו וויסן זיין, חנה־רויזע.

— כ׳זע נישט די גליקן פון די זעק דיינע. האָרעוועסט, פּראַצעוועסט טאָג און נאַכט און מער ווי ס׳ביסל „פּאַפּע״ זע איך נישט דערפון. אַ מלבוש אויף זיך אַרויף, אַ שיכל פאַר אַ קינד, צומאָל נישט אַ ניי פאַרטעך איז נישט מעגלעך צו קויפן פון דעם שמייעניש.

— וויין נישט, ווייב מיינס! אין אינעווייניק האָסטו דאָס־דאָ אויך נישט געהאַט. גאָט איז אַ פאָטער! וועסט לעבן מיט האָפענונג, וועסטו מערטשעם דיר אַלץ איינקויפן... נאָר נישט דעם קאָפּ זיך קאַליע מאַכן.

— ביסט אפשר גערעכט, משה. אפשר... געלויבט צו גאָט דאָרפאַר. כ׳גיי זיך נישט באַקלאָגן — און זי גיט אַ נישט ווילנדיקן זיפץ. — אַמאָל, זעסטו — זאָגט זי מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם — האָב איך געוווּסט וואָס און ווען. די בידע איז געווען אַ היימישע. כ׳האָב נעבעך שוין געקענט אירע דרכים, און כ׳האָב זי נישט אַרויסגעלאָזן אויסן אויג. כ׳האָב זי געהיטן ווי עפּעס אַן אייגנס. ס׳איז געווען אַזוי ווייל איך האָב געהאַט ב׳גראָשן, אַליין אים אויסגעאַרבעט. דאָ, לא־עלינו, איז אַלץ איבערגעקערט געוואָרן. די שטאָט האָט מיר באַשערט אַ פאַרדרייעניש אויף מיינע שונאים. היינט ווייס איך נישט פון מיינע הענט און פיס. אַז דו רעדסט נישט מיט מיר ווי מיט אַ ווייב, ווי מ׳זעט אויס אין דער וועלט — —

די רייד האָט זי אַ שאָט געטאָן מיט איין זאָג, גלייך זי געוואָלט דערשפּירט אַ ברי?עניש אין די געדערעם. אין איר קול האָט אָבער זיך געהערט געבראָכנקייט, אָט אָט גיט אַ פלייץ אויף אים אַ שטראָם טרערן פון איר. מיט אַ שטילער זידעניש האָבן זיי שוין פאַרהוילן אָנגעשלאָגן אין זיינע געהירן.

אָפּגערעדט, און זי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— שוין ווילסטו כ׳זאָל דיר דערציילן? כ׳באַהאַלט דען עפּעס פון דיר? — פילט זיך שוין שולדיקייט אין זיין ענטפער און דער ענטפער האָט

מיט איבערדריסיקייט אַ שנייד געטאָן די פשיקרע אָנגעוואָלקנקייט אין שטוב — זעסטעך, ס׳איז גאָט צו דאַנקען דאָ פּרנסה. די קאַמער שטייט פאַר דיר אָפן. פאַראַן באַכאַשעם שפּאַר סחורה. זעסטעך, מע ברענגט צו פירן, מ׳פירט אַרויס. און אין שטוב פעלט דיר חלילה גאָרנישט. ס׳דרייט זיך דער גילדן... דאַכט זיך, ביסט נישט קאָ׳ פּיצעלע, מען ברויך דיר נישט שטעקן אַ פינגער אין מויל אַריין.

— אָבער פאַראיבעריקן, פאַראיבעריקן מיר נישט, מיינ׳עך! — קאָ־קעצט זי אויס איר לאַנג פאַרקלעמט קלערעכץ. — ס׳שטיקל ברויט קוים־קוים.

— מאַיאָנטקעס ווילסטו האָבן? שוין, שוין? דער אייבערשטער וועט העלפן, ׳עט מע זיך דעראָביען.

משהן איז נישט לייכט דאָס רעדן. ער קאָרבט אין דעם שטערן. ער פּויקט מיט די פינגער אָן טיש, גלייך דאָס וואָלט אים פאַרגרינגערט אויסצוסדרן די געדאַנקען אין זיין צעטומלטן קאָפּ. דערנאָך הייבט ער אָן פון דאָס ניי:

— ווייסטו וואָס? ס׳עט שוין גענוג זיין מיט די רעדלעך. כ׳על די קינדער צונעמען צום מיסחר.

געהערט אים רעדן ווי אויף אַ מרחק, אָבער געכאַפּט זיך אויף זיין מיין האָט זי אַ ביסעלע דערנאָכדעם. זי האָט זיך געטאָן אַ שטעל אויף ווי אַן אָפּגעבריטע:

— וואָס טוט זיך מיט דיר? דער באָבעס ירושה לייגסטו צו צו דיינע קינדער?... איך זע פון זיי אַ לעבעדיקן גראָשן. ווילסט — ווערט זי באַלד קילער — רעד מיט זיי. איך מיין: ס׳איז נישט גלייך. אַ חוץ דעם זענען זיי נישט געוווינט אַרומצולויפן אין די גאַסן. ז׳האָבן שוואַכע פיס.

— און איך בין שטאַרק? און איך האָב אייזערנע פיס? — שטעלט ער אַרויס אויפן ווייב אַ פּאָר פאַראיבלדיקע אויגן.

— דו האָסטעך נישט קאָ׳ ברירה! — מיינט זי גאָר פשוט.

— און דו האָסט יאָ אַ ברירה, ייִדענע?

— איך האָב דען די דעה? — הערט זיך ווידער געבראָכנקייט אין אירע רייד.

— איך לאָז דיך נישט? האָב יאָ די דעה! — שטעלט ער כעסדיק אַרויס זיינע אויסגעשטשערבעטע געלע ציין — וואָס מויכלסטו: דעה-שמייע...

— כ'מיין, איבער אַלעם: איבער דיר, איבער די קינדער — קאָכט אין איר אויך שוין דער באָסט. — פרנסה־געבער גרויסער!

זי האָט אינדעם נערווועז אַ דריי אויס געטאָן דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט געוואָלט זיך איבערצייגן, צי די קינדער ־ענען אויף אַן אמת נישטאָ אין דער היים. אַ גליק איז דער מאַמען, וואָס זיי האָבן שוין ערגעץ אַריינ־צוגיין.

— טאָ טשי באַלי?*) — הייבט עס אים שוין — כ'זאָל דיך מיטנעמען אומעטום, פרעגן דיך עצות ביי יעדן שריט? גוט, וועסט מיטראַגלען מיט מיר, וועסט שלעפּן, לויפן מיילן ווייט, ווי איך. וועסט קריכן אין די באַק־שטובן, אין די געוועלבער. וועסט שוין האָבן די דעה, חנה־רויזע, וועסט שוין אַלץ וויסן געענוי.

ער איז געוועזן אין גאַנצן דערצונדן.

— חנה־רויזע, — זייעט ער די ווערטער דורך די ציין — ס'איז פּרנסה. פּפאַר-נאָאָ־סעעעע!... מ'קען מאַכן אַ גילדן, העע־עררסטטט־ט!... און מיט אײן דאָעס אויף צוויי חתונות קען איך נישט זיין, פאַר־שטיי־ייי־סט? — אַז כ'גיי צו די מילנערס, לאָז איך אַדורך די קרעמערס, די בעקערס. טאָ פון וואַנעט וועל איך האָבן סחורה? כ'על דאָך נישט קענען נאָסטאַרטשען אַלעמען!

— כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי... הלוואי וואָלט איך אַזוי פיל נישט פאַר־שטאַנען — איז זי געקרענקט פונעם מאַנס רמזימדיקע רייד.

אַרויסלייגן איר אויפן טעלער, אַז ר'האָט שוין פאַראיבעריקט געלט. אַז ס'איז אַ גאָלדן מיסחר, האָט ער זיך געהיט, כאָטש זי איז אַ ווייב און נישט קיין פאַלשע. הגם ס'האָט אים געלאָקט דער חשק פון די טונקעלע באַהעלטענישן אַרויסצושלעפּן דאָס שיינע סידורל פאַפירנגעלט און ס'טאַר־בעלע גאָלדשטיקלעך, מיט דעם אַ בלענד צו טאָן דער נאַרישער ייִדענע פאַר די אויגן, רייצן זיך מיט איר, וואָרן זי האָט אַ חמור־קאָפּ, פאַר־

---

*) דאָס טוט דיר וויי?

שטייט זיך נישט אויפן ווונק וועןןרייד זענען איבעריק, — האָט ער פון דעסטוועגן דאָס נישט געטאָן. ער איז אַן איינגעהאַלטענער, משה אינעווע־ צער, כאָטש עס האָט אין אים געקאָכט פאַר וואָס זי קוקט אַזוי פאַרביסן און זי לאָזט אים אַליין פלאַצן מיט דער פרייד, וועלכע ווערט אָקערשט פאַרוואַנדלט אין אַ ווייטיק. הלמאי אַן אייגן ווייב ווייסט נישט זיין געמיט, באַנעמט נישט זיין טראַכטן וואָס ער טראַכט פאַר איר, פאַרן גאַנצן הויז־ געזינד. אַ ווייב דאַרף פילן... און ער האָט איצט די פשוטע באַדאַרפע־ ניש צו הערן פון חנה־רויזען אַ מבול רייד. זאָל זי זיך באַדיי אויסוויינען. דאָס אויסלאָדן איר עקשנות וואָלט אים אויכעט געווען אַ דערלייכטערונג. ערשט דעמאָלט וואָלט ער איר געקענט אַלץ דערציילן, אַלץ איר הנאהדיק צעקייען. ער איז זיכער — עס וואָלט זיך אָפּגעריסן די כמאַרע, וואָס הויערט איבער דער שטוב. דעמאָלט וואָלט זי שוין געווען מיט אים, תמיד וואָלט ער אין איר געהאַט אַ שותפטע צו זיין טאָג און נאַכט, צו זיין טוען און צו זיין קלערן.

## ג.

דאָס אָנגעשוואָלענע שווייגעניש אין הויז קען דער מענטש נישט איבערטראָגן; די שאַטנדיקייט וואָס ליגט דאָ אויף אַלעמדינג דריקט אים שוין צופיל. משה פילט: ר׳מוז זי איבערבעטן. פלוצלינג דערשפּירט ער, ר׳איז אַליין אַ שטיק חייב אין דעם. זי, אַ יידענע, איז ווי אַ קינד וואָס חלשט אַ קאַפּ וואַרעמקייט, אַ גוט וואָרט. און ער איז — נישט גערעכנט זאָל עס אים ווערן — אַ קרומער האָקן: קאַרג פאַר זיך און פאַר יענעמען. ר׳ציטערט... איבער וואָס? פאַר וואָס? נישט געשען זאָל עס, ער איז אַ קאַ־ ליקע. ר׳איז ווערט די בייטש. ר׳מוז זי מפייס זיין, פאַרגלעטן די עוולה.

דאָס איבערדרייעניש אין אים האָט דעם ייִד אָקע־מ׳זעט ווייך גע־ מאַכט, ממש צעשמאָלצן. סוף־כל־סוף איז זי זיין ווייב, חנה־רויזע; יאָ, ר׳וועט זי איבערבעטן. אָבער ווי אַזוי? ער ווייסט נישט. פון דאָס ניי האָט ער אָנגעהויבן רעדן, אָבער ס׳איז אַרויסגעקומען דאָס זעלביקע וואָס פריער. כ׳על נישט אָפּטרעטן — האָט עס גערעשט פון אים אַקוראַט ער וואָלט טאַקע נישט געוואָלט געדענקען וואָס ער האָט אָקערשט געטראַכט.

טעג זענען שוין פאַרביי זינט דעם אויסבראָך פון יענעם ירגזון. די קינדער פאַרקלעמען די ציין ווען דער טאַטע קומט אַהיים; זיי האָבן מורא זיך צו רירן פון אָרט. פון שטוב אַרויסגיין קענען זיי יאָקאָש אויך נישט, גלייך אַן אימה מיט פאַרשטשעמעטע פויסטן וואָלט געלויערט אויף יענער זייט שוועל.

פיינלעך דריקט די אומבאַשטימטקייט פון וואַרטן אויפן אומבאַוווסטן וואָס מ׳פילט אַז ס׳מוז קומען און ס׳קומט נישט און עס לויערט.

ווי קיין מאָל גאָרנישט האָט ער, דער מאַנספאַרשוין, אומגעריכט אַ רעד געטאָן:

— ווייסט כאַטש סאַראַ מיל מ׳האָט דאָ אויפגעשטעלט? אַ דאַמף־מיל. אַ גאַנצער גמאַך! וואָלסט געמעגט אַ קוק געבן. אויפגעשטעלט האָט זי אביגדור מעלער, אַ גרויסער גביר. אַ חוץ דעם האָט ער זיין אייגנס אַ פּאָר וויאַטראַקעס.

די רייד האָבן אַזוי פּלוצלינג און אַזוי האַסטיק אַן עקבער געטאָן איבער דער געשפּאַנטער שטילקייט אַז די ייִדענע האָט ראַפּטעם זיך אַ הייב געטאָן פון איר אומדרייסטקייט.

— וואָס ז׳דאָס אַ דאַמף־מיל?

— אויף פּאַרע גייט זי, נישט דער ווינט טרייבט זי, און זי האָט נישט קאָ׳ סמיגעס. אויך נישט אויף וואַסער גייט זי — טייטשט דער אינעוולי־צער דעם שווערן סוד פון דער נייער מיל אין שטאָט און ער האָט בשעת־מעשה הנאה צו הערן זיך אַליין. — פאַרשטייסט, ס׳איז אַ גרויסער ציגלנער געביי. אינעווייניק גייט אַ גאַנצע מאַשינעריע וואָס ווערט געטריבן פון פּאַרע און זי שפּאַרט פון אַ גרויסן קעסל, אַן איינגעמויערטן אין אַ גוואַלטאָוור־נע אויוון. דער אויוון ווערט טאָג און נאַכט אונטערגעהייצט; שטענדיק קאָכט דער קעסל, ר׳זידט מוראדיק און דער כוח פון דער פּאַרע טרייבט די מאַשינעריע. ס׳גייען, ס׳לויפן רעדער, רעדער איינס אונטערן אַנדערן, איינס איבערן אַנדערן און די מאַשינעריע טרייבט, יאָגט די מילשטיינער — —

— פּאַרע האָט אַזאַ כוח, זאָגסטו?

— ס׳אַ שאלה! פּאַרע איז אַ גרויסע גבורה. פּאַרע טרייבט די קאַליע אויכעט.

— הו, הו־הו!... — צעעפּנט זי שוין ברייט די אויגן וואָס זענען ערשט געווען אומדרייסט צו קוקן אים גלייך אין פּנים אַריין. — וואָס איך הער! מוז דאָך זיין אַ רייכער מאַן דער אביגדור מעלער. אַזעלכע מאַשינען מוזן קאָסטן מאַיאָנטקעס.

— אונדז געזאָגט, טאַטע זיסער!

— פאַראַן אַ סך אַזעלכענע מילן היי?

— אַזעלכענע נישט, נאָר ווינטמילן זענען דאָ.

— ייִדישע, משה? — איז זי נייגיריק.

— ייִדישע און גוייִשע.

און פאַרשאַרצנדיק די ברעמען רעכנט ער אויס מיט אַ באַרימערייַ פון אַ גאַנצן ווייסער: ר׳ זישע מעלערס, ר׳ ברוך מילנערס, ר׳ איטשע קאָפּלס און ר׳ אביגדור מעלערס. ר׳ אביגדור איז, מייַנ׳עך, דער רייכסטער.

חנה־רויזע האָט חידושדיק געשלונגען דעם מאַנס רייד.

## קאַפּיטל צען

# פאַטער און זון

### א.

אין דרויסן איז געשטאַנען האַרבער ווינטער. שאַרפע פרעסט באַגלייט פון פייפנדיקע ווינטן האָבן דעם איינגעבאַבלטן משה אינעווליצער געהויבן אינדערלופטן. די וואָג פון זיין גוף האָט ער ערשט דערשפּירט, ווען ער האָט זיך געפונען אין אָפענעם פעלד, ווו ער האָט געשפּאַנט אין די ווינטמילן אַריין. נישט ער איז געגאַנגען, נאָר געפלויגן, אונטערגעהויבן געוואָרן פון וואָיענדיקן ווינטער. ער האָט געשטעלט פיס, געמאַכט שפּרייז און ווינציק זיך גערירט פון אָרט. די שטרעקעס האָבן זיך אָט פונאַנדערגעצויגן ווייט, ברייט און אָט זיך צונויפגעשרומפּן, עלעהיי אַ צונויפגעקראַמפּטע פויסט. גייענדיק קעגן ברילנדיקן געוואָי פונעם פראָסט, האָט ער זיך דערשפּירט גרינג ווי אַ פעדער, און דאָ ווידער איז ער שווער ווי אַ וואָגן מעל אויפן גרוביקן וועג. דער שניי פידלט אונטער די פּאָדעשווע, בלענדט די אויגן, אַז צייטנווייז פאַרלירט ער דעם חוש פאַר אַלטבאַקאַנטע זאַכן. דער אינעווליצער האָט איינפאַך נישט דערקענט די ביימער, אין וועלכע ער האָט געהאַט די צייכנס, וואָס האָבן אים פאַרהיטן פון פאַרבלאָנדזשעניש אין די הינטערשטאָטישע וועלדער און די שטענדיק פוסטע פעלדער. און ווי אויף להכעיס זענען זיינע טעג לעצטנס פאַרשלונגען געוואָרן פון די ווינטמילן, וואָס אַרויס־שטאָט. די מילנערס האָבן דווקא אין די פרעסט געמאָנט אַ סך זעק. די שטאַרקע ווינטן האָבן אָן אויפהער

געברומט און געבילט אויפן פרייען פעלד און מיט טאָפּלטער לייכטקייט באַוויגן די פליגל פון די מילן. מ׳האָט געמאָלן אָן אויפהער, נישט געווען קיין צייט דעם אָטעם איבערצוכאַפּן סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט. און אין שטאָט איז געווען אַ סך גבבייטלט מעל, אַ סך ראַזעווקע און קלייען לרוב. די שפּייכלערס האָבן זיך געבראָכן פון שפע. מ׳האָט טאַקע מערער געגעסן אויכעט, אַ סך מער ווי בעת די לינדע ווינטערס, ווייל ס׳איז געווען וועלוועלער דאָס ברויט פאַרן מענטש און וועלוועלער די קלייען אויף פאַשע פאַר די בהמות. ביי משה אינעווליצער זענען אויסגעכאַפּט געוואָרן אַלע זעק. ממש פאַרפּלאָנטערט געוואָרן ביז איינעם. אַזוי פיל ווי מען האָט פאַר־לאַנגט האָט ער דאָך נישט געהאַט צו געבן. כאַטש צערייס זיך: נישטאָ! האָרעווענדיק איינער אַליין אין קאַמער און אין גאַס איז ער פּשוט נישט אויסגעקומען מיטן קורצן טאָג. אויף צופיקעניש זענען די טעג געפאַלן אויף אים ווי די פלעדערמייז. זיי האָבן קוים צעעפנט דאָס גראָע אויג, אַ זשמורע געטאָן, שווער זיך צעפלאַטערט מיט טראָפּנס אומהיימלעך ליכט און באַלד זיך געגומען אויסשפרייטן מיט שרעקיקער טונקלקייט. דער גאַנצער נידעריקער הימל איז גיך פאַרהאַנגען געוואָרן מיט אַ פינצטער־ניש, ווי מיט צעצויטלטע שמאַטעס.

דער ייִד האָט זיך געגעסן פון עגמת נפש, הלמאי ער לאָזט גערנווייליק פאַרשניידן די באַשערטע פּרנסה.

אין גיכן האָט אָנגערוקט דער ווינטערדיקער יום־טוב פאַר ייִדישע קינדער, חמשה עשר בשבט.

אין אָוונט האָט דער אינעווליצער, אַהיימגייענדיק, דעמאָלט מיטגע־קויפט פולע שקאַרמיצן מיט באָקסערן, טייטלען, שיפּטאַלן, ראָזשינקעס און ניסלעך.

די ייִנגלעך ביי די שפּול־רעדלעך האָבן זיך געוווּנדערט איבער דעם נייעס: מיט אַ מאָל אַזאַ פּזרן געוואָרן דער טאַטע! און זיי האָט געחידושט, וואָס דאָס ייִנגסטע ברידערל, געצעלע, איז דאָס מאָל אַהיימגעקומען מיטן טאַטן אַזאַ לייכטנדיקער. כסדר האָט ער אַריינגערוקט אַ הענטל אין קע־שענע, יעדעס מאָל עפּעס אַנדערש אַרויסגעשלעפּט און זיך געגרויסט מיט די פולע הענט „חמשה עשר״; ער האָט אפילו זיך באַרימט מיט אַ גאָלדענעם

מאַראַנץ, וועלכער האָט אין זיין קינדערישער דלאָניע אַ פינקל געטאָן ווי אַ שטיקל זון איבער דער שטוביקער טונקלקייט.

— צ׳מיינט, ס׳קאָסט מיך עפּעס? — האָט דער אינעוווליצער געבראָקט אַ ליגנט — אַ פּרוטה אויכעט נישט... די קרעמערס האָבן מיר דאָס מיט כּוח איינגעשלייערט: נעמט אַ היים, האָבן זיי געזאָגט. מיר שיקן פאַרן קליינ־וואַרג... חמשה עשר פון אַ מומע, וועט איר זאָגן... נאָר געזונטערהייט. איר׳ט מיך נישט בדיל הדל שטעלן...

דערנאָך האָט דער ייִד זיך אַנידערגעזעצט און מיד געקוועטשט מיט די אויגן; ער האָט וויכטיק געשוויגן. אין שטוב האָט דערוויל זיך גע־טומלט מיט יענעם געצאַמטן געטועכץ, וואָס זאָגט אָן: שאַ, דרך־ארץ... ווען די ייִדענע האָט געהאַט צווישן די קינדער פונאַנדערגעטיילט די שיינע פּרוכט (אין הויז האָט אויף אַ וויילע אַ ווייע געטאָן מיט צוויט און מיט ליכט פון אַ נישט־דאָ׳קן זומער), האָט דער אינעווליצער מפסיק געווען אין זיין שווייגן, כאָטש גערעדט האָט ער אייגנטלעך נאָך נישט. ר׳האָט זיך נאָר שווער אויפגעהויבן פון זיין נידעריקן זיץ, צוגעגאַנגען צום געהייצטן קעכל און אַנטקעגן דעם צעזשאַרעטן פייער געוואָרעמט די אויסגעשטרעק־טע רויטע הענט. ס׳קוויקן זיך מיט דער וואַרעמקייט האָט זיך אָבער פון אים אַרויסגעריסן:

„אָ, וו׳אַ קרירה!״

נאָך דעם האָט ער מיט אַן אינערלעכער צופרידנקייט אַ זאָג געטאָן אַזוי ווי ער וואָלט זיך אַליין בייגעקומען אין נסיונדיקן שטילן געראַנגל:

— ווי ווערט מען שוין עלטער מיט אַ פיר וואָכן?

גערעדט ווי אין דער וועלט אַריין און די ווערטער האָבן אין שטוב אָפּגעהילכט מיט מאַנצבילשע טרערן. זיי האָבן אַ צוף געטאָן. די קינדער האָבן זיך אַזש אומגעקוקט.

— וואָס עפּעס, — האָט ס׳ווייב אַ פאַרלוירענע זיך אָנגערופן — ווילסט אונטעריאָגן די צייט? נישקשה, שטאַרבן ׳עט מען דווינזשן... און אַז מען לעבט, דערלעבט מען אַלץ. פיר וואָכן זענען נישט קיין עולמות.

— אוודאי, צרות דערלעבט מען... — האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַ זאָג.

— קלאָג נישט, ייִד. וואָס פאַראַ צרות האָסטו? זינדיקסט, מאַנספּאַר־

שוין, ביסט, באַרעכאַשעם, געזונט, ברויט איז פֿאַראַן, קאַרטאָפֿל זענען פֿאַראַן און וואָרעם אין שטוב איז אויכעט.

— כ׳קלאָג? — זענען די אויגן אים פֿאַרלאָפֿן — כ׳קלאָג נישט. ס׳האָט געקענט זיין בעסער. ס׳אייגענע ווייב און די לייבלעכע קינדער וואָלטן נאָר נישט געווען פֿאַלש.

— הייבסט שוין ווידער אָן? ס׳זענען דאָך דיינע קינדער... נעם זיי צום מיסחר, אויב ס׳קושעט דיך אַזוי. מאַך פֿון זיי אַ תל. כ׳שטער דען? זיי וועלנ׳ס דיר העלפֿן, די העלפֿערס! איך — וואָס איך קען, טו איך. זאָל איך אויך מיטגיין אין גאַס אַריין? וועל איך מיטגיין. נאָר זשאַלעווע זיך נישט. — האָט חנה־רויזע גערעדט מיט אַן אָפֿן פּנים, כאָטש נישט אָן ביטערניש.

דעם ווייבס רייד קוועלן אים. סיי מוסר שפּירט ער אין זיי און סיי באַהאַלטענע וואָרעמקייט. לסוף ברעכט עס פֿון אים אויס אין דעם נאָכ־טראַכטן, וואָס טליעט ווי צוגעטראָטענער פֿלאַם.

— הערסט, שמחה בונם, — ווענדט ער זיך פֿלוצטאַלבן צום עלטסטן, וועלכער וויגט זיך לייכט איבערן שפּול־רעדל. — מאָרגן „דערזשעסטו״ אַוועק די קאָקעמייקע און גייסט מיט מיט מיר. די מאַמע וועט דיר צו־גרייטן אַ וואָרעמען שפּענצער און אַ פּאָר וואָרעמע גאַטקעס. ביי מיר וועסטו ווערן מער לייט ווי ביי דעם־אָ...

דער זון, אַ זיבעצניאָריקער, מיט אַ געוועלבטן שטערן און פּונקט אַזאַ בלאַסער ווי די מאַמע, האָט אַוועקגעדרייט די אויגן פֿונעם פֿאָטער. ווי פֿון אַן אויסגעהוילטער ברוסט האָט ער ברוגז גערעדט אין שטוב אַריין:

— כ׳וויל נישט קריכן צו מילנערס, צו בעקערס. כ׳האָב׳ס נישט ליב... כ׳על זיך לערנען זיין אַ וועבער.

— אַ קלעבער! — האָט דער פֿאָטער צום גראַם אונטערגעכאַפּט דעם זונס וואָרט — אויך מיר אַ מלאכה. די מענטשן פּגרן ביי דעם פֿון הונ־גער. „נעם די טאָרבע, גיי אין די הייזער, נעם די טאָרבע, גיי אין די הייזער...״ — זינגען אומעטום די וועבער־געזעלן. זייער טרויעריק ליד איז דאָס, ווען זיי ציִען דעם „צוג״ אַהין און אַהער. זיי זינגען עס נישט סתם אַזוי, פֿון פֿריילעכקייט וועגן. אַ וועבער איז אַן אייביקער קבצן. גיי

אין גאַס אַריין, וועסטו הערן ווי וויבער וויינען אויף די פּרנסות פון זייערע מאַנען די וועבערס. דער וועבער האָט געשווירן, ער זאָל קיין מאָל נישט האָבן אַ גראָשן ביי דער נשמה... נעבן די שיך גייען זיי אַרום, פון די לייז ווערן זיי אויפגעפרעסן... אַ וועבער ווילט זיך אים זיין, מיין סינאָק!

— אַ קבצן... — האָט דאָס יינגל נאָכגעמורמלט, כ'וויל נישט זיין קיין סוחר, געפּרווירן ווערן אָדער פאַרשפּעט ווערן אין די גאַסן. אַ סוחר זעט רעכט נישט אָן די הימ. כ'זע שוין.

— שווייג! — האָט דער ייד שוין אַ קוויטש געגעבן. — ס'עט זיין ווי איך וויל. האָסט נאָך אַ נאַרישן שכל. מאָרגן גייסטו מיט אין שטאָט אַריין. מ'פרעגט דיך נישט קיין דעות.

— כ'על נישט מיטגיין... — בורטשעט שמחה־בונם אַ באַליידיקטער.

— 'עט מען זען, ווער ס'עט אויסנעמען. — זאָגט דער פאָטער מיט רוגזה.

— 'עט מען זען... — חזרט איבער דאָס יינגל אין דער שטיל.

— און דו, — ווענדט זיך דער אינעווליצער צום פּופּצניאַריקן חנן, — דו וועסט אַכטיק געבן, אַז אין קאַמער זאָל אַלץ זיין אין אָרדענונג. וועסט אויסשדרן די זעק, איבערקלייבן די געלעכערטע און זיי אָרנטלעך פאַר־לאַטן. שאַדט נישט, מעגסט טאָן אַ האַנטלאַנג. שפּעטער־צו, מ'עט מאָלן יום־טובדיק מעל, וועסטו גאָרנישט האָבן צו טאָן. נאָך פּסח וועל איך דיך אויך מיטנעמען. וועסט ווערן אַ מענטש.

פאַרן שלאָפן גיין האָט משה געוואָלט נאָך אויפהייטערן די יינגלעך מיט אַ גוטער הבטחה:

— אויף פּורים 'על איך ענק אויפנייען סאַקלעך און קויפן נייע שיך. די שטיוול 'עט מע אויסשמירן און אַוועקשטעלן אויפן צווייטן ווינטער, מ'זאָל'ס דערלעבן מיט אַ גוט געזונט.

ב.

די יינגלעך זענען געווען צוגעווינט צו די שפּול־רעדלעך און צו דער מרה־שחורהדיקער שטוב, וואָס אין אָפּגעלעגענעם סומנע גראָשן־

געסל, די שטאָט האָבן זיי נאָך נישט געזען, נאָך נישט גערייצט געוואָרן פון איר גרויסקייט, פון אירע שיינקייטן. פאַרקערט, פון די מעשהס וואָס דער טאַטע האָט דערציילט, האָט דאָס מקום ביי זיי נישט איבעריק אויס־גענומען; ס'איז גאָרנישט אַזאַ איי־איי־איי מיט דער־אָ שטאָט. די שיל אויפן בערגל? ס'איז אויך נישט אַזאַ געוואַלד מיט דעם. האָבן זיי דאָך אין חומשל געלערנט וועגן בית־מקדש, וואָס אַזאַ תפארת איז מער נישטאָ אונטער דער זון. צווייטנס, איז די שטאָט נישט אַזוי ווייט פון שטוב. זיי וועלן זיך שוין אָ מאָל אַרויסקלייבן מיט די חברים און אַלץ גוט באַזעען. דעם טאַטנס רייד, אַז ס'איז שענער צו זיין אַ סוחר, מע קומט צווישן קלוגע מענטשן, מ'פאַרדינט גיכער אַ לעבעדיקן גילדן, האָבן זייערע יינגלשע הערצער נישט פאַרכאַפּט. פאַרקערט, דעם טאַטנס דרך האָט ביי זיי גאָרנישט נושא חן געווען. צוקוקנדיק זיך צו זיין האָוון, צום נישט בכבודיקן הולך, האָבן זיי דערשפּירט אַ נאָך שטאַרקערע צוגעבונדנ־קייט צו דער קליינער היים, וואָס איז פאַרוואָרפן אין העק, צווישן עלנטע פעלדער. זיי האָבן ליב באַקומען די גולמדיקע, הילצערנע רעדלעך, אויף וועלכע זיי האָבן געגומען קוקן ווי קליינע קינדער אויף זייערע ליאַלקעס. די שטאָט מיט די גרויסע מויערן האָט נישט געלאָקט זייערע באַגערן. ביי זייערע זיבעצן און פופצן יאָר זענען משה אינעווויליצערס זין געווען צוגעבונדענער, היימישער צו די שכנהשע בעלי־מלאכהשע יינגלעך, ווי צום טאַטן מיט זיין איינגעגלויבטקייט אין די מיסחרים. אַז משה אינע־וויליצער איז צו זיי צוגעשטאַנען:

— קינדער, צ'עט פאָלגן נ'טאַטן, וועט ענק גיט זאַן...

און אין בייזן:

—איך 'על פירן ס'רעדל, נישט ס'רעדל וועט מיך פירן! צ'הערט?! —

דעמאָלט האָבן די קינדער דעם טאַטן געענטפערט מיט אַ פאַרעקשנטן, כמעט בעטנדיקן: „ניין, מיר ווילן ליבערשט אין דער היים".

פון זיי האָבן שטאַמלענדיק אַרויסגערעדט משה אינעוויליצערס לאַנ־גאַניקע חלומות, זיינע באַגערן צו זיין אַנדערש, ווי ער איז, צו גיין אַן אַנדערן דרך, ווי דער, אויף וועלכן ער איז אַוועק.

משה אינעוויליצער האָט דאָס סקאָמלען פון זיינע פאַרפלויגענע טרוי־מען איצט נישט געקענט פאַרנעמען: די ווינטמילן, די בעקערס, די קרע־

מערס, די זעק, די באַהאַלטענע אפּותיקא האָבן פאַרטעמפּט זיין געהער, דעם מוח פאַרטונקלט.

...און שמחה־בונם דער עלטערער האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון דעם טאַטנס הענט.

אין דרויסן האָט אויפגעבראָכן נייער טאָג: ס׳איז אַזוי גרא, אַזוי בלאָ־לעך, אַקוראַט עס וואָלטן געווען צעהאַנגען דער מאַמעס פריש־געוואַשענע, געקראָכמאַליעטע ליילעכער. גרא, בלאָ... דער טאַטע האָט שטאַרק גע־סקריפּעט מיטן קראַבאַנזש פון בעט. ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן די פּאַרליאַפּעטע, נישט ווייסע און נישט שוואַרצע בגדים; סאַפּנדיק האָט ער אַרויפגעשלעפּט די פּאַרדאַרטע, שווערע שטיוול און דעם טאָג באַגעגנט מיט אַ רגילותדיקן זיפץ. ער האָט זיך געדרייט איבער דער שטוב, עפּעס געמורמלט צו זיך; מער ווי דאָס מורמלען צו דער דרימלענדיקער שטוב, האָט ער געלאָזט הערן זיין צעפּאַרענעם שווערן טראָט. און, ווי געווינטלעך יעדן קאַיאָר, האָט זיך נאָכן ייִדס אויפשטיין איבער דער שטוב דורכגעטראָגן אַ טרוקענער ריטש מיט דער טיר.

ווען דער אינעווליצער איז שוין געווען אַרויסגעגאַנגען נקיות, האָט שמחה־בונם אויף דער גיך, כמעט אַ נישט־אַנגעטוענער, זיך אַרויסגע־שאַרט פון שטוב. פאַרוואָרפן טאַטע־מאַמעס הויז, דאָס שפּול-רעדל און דער בחור האָט זיך נישט אַהיימגעוויזן, ביז וואַנען דעם טאַטן איז דער כעס איבערגעגאַנגען.

און דער כעס האָט אין דעם ייִד געזאָטן און געשוימט במשך פון יאָרן.

דער יונגערער, חנן, האָט יאָ געהאָרכט דעם פאָטער און זיך גע־פּאָרעט צווישן די שטויביקע מעל־זעק אין דער קאָמער, וואָס אונטן, אין פוסטן הויפל. ביי אַן איינציקן שפּול־רעדל האָט זיך געעסקט בלויז דער צוועלף־יאָריקער הערשל.

אין שטוב איז געוואָרן אַ ביסל געררוימער. דערפאַר האָט אַן אומעט גערעוועט פון די ווינקלען אַרויס. דער טיש איז שוין בייטאָג געשטאַנען אויף דער פּאָדלאָגע, נאָר פון די בעטן (צוגעווינטע צום טיש מיט די טאַמעוואַט־איבערגעקערטע פיס און צו גיטעלען מיטן דינעם צעפּל, מיט דער רויטער פויגל־שלייף) האָט געפאָכעט מיט מרה־שחורה. די שפּול־

רעדלעך, וואָס זענען אַרונטערגעשטופּט געוואָרן אונטער די הויכפּיסיקע בעטן, האָבן געשריגן מיטן עלנט פון לעבעדיק פאַרשטויסענע.

חנה־רויזע האָט זיך אַרומגעדרייט אַ דערדריקטע. זי האָט אָפט גע־וויינט אויפן עלטסטן זון, וואָס איז אַוועק פון שטוב אַ קינד, אַוועק מיטן ליידיקן. ווער ווייסט, ווו ער וואַלגערט זיך, האָט זי געקלאָגט. איר האָבן אויך ווי געטאָן פאַר די שפּול־רעדלעך, וועלכע האָבן געפעלט פאַר איר אויג. איר איז פאַרגעקומען, אַז ס׳איז אויסגעפליקט געוואָרן אַ שטיק אָרנטלעך לעבן, וואָס איז תמיד שטום געווען, אַזוינס, וואָס האָט גערעדט צו איר דורך דעם זשוזשנדיקן שווייגן. אין דער ייִדענע האָט אַלץ גע־קלאָגט.

### קאַפּיטל עלף

# שמחה בונם און זיין חבר שכנא

## א.

שמחה־בונם איז געווען אַ בושת־פּנים. אַרויסגעמאַכט זיך פון דעם טאַטנס הענט און נישט געוווּסט, ווו אײַן, ווו אויס. נאָך גוט זיין חבר פון טשעמנע געסל, דער וועבער־געזעלן שכנא, דער מיט די לאַנגע פיס און הויכן, כאָרכלענדיקן האַלדז, וואָס האָט גאַנצע טעג געטיילט זיך דעם ביסן מיט שמחה־בונמען. „ווו וועסטו גיין? זיי נעבן מיר, ס'עט שוין עפּעס אַרויסקומען!“ שכנא איז געזעסן ביים וועב־שטול, געשאָסן מיטן „שיצן“ הין און צוריק, געוויגט זיך איבערן געשטרייפטן בלאָען סעפּער־טוך, וואָס איז געוואַקסן אויפן „ברוסט־בוים“. שמחה־בונם האָט זיך איינגע־קוקט אין דער אַרבעט און ביי אים האָט זיך געוואָרפן דאָס האַרץ פון אומזיכערקייט מיט זיך. ער האָט אָפּגעפילט: דער טאַטע זוכט אים, רייסט זיך צו אים מיט באָסט און מיט פאַרקראַמפטע פויסטן. געפינט ער אים, שמחה־בונמען, וועט ער מיאוס אָפּשניידן. דאָס ייִנגל דערמאָנט זיך: דער טאַטע איז אַ גוטער; ער האָט אפילו אַ גוט וואָרט פאַר די קינדער, דורסט זיי נישט, ווי אַנדערע טאַטעס. משה אינעווליצער מוסרט נאָר, וואָרנט. ער רעדט צומאָל נישט, אויב דאָס פּירעכץ פון די יורשים גע־פעלט אים נישט. נאָר פאַלט ער אַ מאָל איבער אַ קינד, גיסט ער אויס אויף אים דאָס גאַנצע באָך. ער פלאַקערט אין גאַנצן פון אויפגעוועקטן גרימצאָרן. דער ייִד איז דעמאָלט גאָרנישט ענלעך צו זיך. ער ווערט

רויט ווי אַ פּראָסטער פויער, אַ שיכורער, וואָס האַלט זיך נישט אויף די פיס, נאָר דאָס מעסער, די האַק פּאַכעט לייכט אין זיינע צעיאַכמעטע הענט. משה אינעווליצער, אַז ער נעמט זיך שוין שלאָגן די קינדער, שלאָגט ער נישט ייִדישלעך, מיט אַ קאַנטשיק, צי מיט אַ רימען פון די הויזן. ער דרייט אויס דעם שטעקן, וועלכער באַגלייט אים אַלע טאָג אין זיינע ווייטע געגנג, און מיטן „הענטל" מעסט ער אויס די פּלייצעס, פּלעט דעם קאָפּ, האַקט אונטער די פיס. דאָס בלוט יושעט פון די קינדער ווי פון געשאָכטענע קעלבער. נאָך אַזאַ „רעכענען זיך" פון טאַטן, ליגט מען צו בעט מיטביילן און צעקאַליעטשעטע אברים, מיט צעלאָמיעטע ביינער. פון שטוב ווייזט מען זיך לאַנג נישט אַרויס מחמת בושה, מחמת דעם צעמזיקטן פּנים. נאָך אַזאַ מהומה איבערן הויז, בלייבט אַ פאַרצאַפּלטע שטומקייט, אַ דריקנדיקע דערוואַרטונג פון עפּעס בייזס, דראָענדיקס. נישט בלויז די „ניצול־געוואָרענע" קינדער האָבן מורא אַ הויך וואָרט אויסצו־רעדן, פרייער זיך צו באַוועגן; אויך די מאַמע דרייט זיך אַרום אַ שווייגעוו־דיקע, גלייך זי וואָלט באַקומען אַן אומגעריכטן זעץ איבער דעם מוח, אַזאַ קלאַפּ, וואָס צעטרייסלט אין גאַנצן.

אַז די מייסטערשע, שכנאס, האָט צום וועב־שטול דעם געזעלן דער־לאַנגט אָנבייסן — צוויי פּאַסעכער ברויט מיט אַ טעפּל קאַווע — האָט שכנא אַ העלפט אונטערגעשטופּט דעם חבר. שמחה־בונם האָט זיך גע־קווענקלט, נישט געוואָלט נעמען. שכנא האָט צו אים געמוזט אַ סך רעדן, ביז ר'האָט אים איבערגעדברט. כאָטש שכנא האָט אים שטילערהייט געקיפּלט: „נעם שוין, נעם", האָט עס אויסגעזען, ווי שמחה־בונם וואָלט נישט געוועזן דערביי. דעם ייִנגל האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז ערגעץ ווייט, זייער ווייט פון דער היים, און נישט אין דער זעלבער שטאָט. טאַטע־מאַמע ווייסן נישט פון זיין געביין, האָט זיך אים געפּלאָנטערט אין זיינע פאַרוועבטע געהירן; און אין זיין האַרץ האָט זיך אים מאָדנע אויסגעוויזן, אַז ער איז שוין אַ גוטער וועבער־געזעלן, פאַרדינט אַ סך געלט. נעבן אים, אויף דער זיצבאַנק, וויגט זיך אַ לערן־יונג. ס'טוט אים הנאה, וואָס ער קען שוין אַן אַנדערן לערנען. מע לויבט אים: ער פאַר־דינט כשר זיין ברויט. צו טאַטע־מאַמע שרייבט ער אומגעריכט אַהיים אַ בריוו, בעט זיי איבער, פאַרוואָס ער האָט יונגווייז נישט געוואָלט האָרכן.

ר'האָט אָבער נישט קיין חרטה, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין קרעמער — שרייבט ער. — ער האָט זיך געזעגנט צוגעזען צום טאַטנס פאַרשוואַרצונג ביים האַנדל. און כדי צו דערקוויקן טאַטע־מאַמען, וועלכע ער האָט שוין לאַנגע יאָרן נישט געזען, האָט ער צוגעלייגט אַ פינפרובל־דיקן: „אַ מתנה פון עלטסטן ברודער פאַר דעם איינציקן שוועסטערל גי־טעלע זאָל לעבן"...

פאַרהילט אין נעפּלדיקע טראַכטונגען האָט שמחה־בונם אויף דער זיצבאַנק זיך געוויגט צוזאַמען מיט שכנאָן, וועלכער האָט זיך געצאַפּלט מיט הענט און פיס. מיט זשעדנע אויגן האָט ער געשלונגען יעדן באַוועג פון זיין חבר סיי אויבן, סיי אונטן. זיינע בליקן האָבן געגנישטערט ביי שכנאס הענט, איינגעשפּאַנטע אין אַ הענגענדיקן שטריקל מיט אַ שמאַטענעם אָנבעמער, וואָס ער האָט געצויגן איין מאָל אַהער, איין מאָל אַהין — אויף רעכטס און לינקס. דאָס הילצערנע שיפעלע, וואָס ער האָט קליגעטשקע גע־טריבן, איז מיט אַ לאַנג אויסגעצויגענעם זשוז אַ לויף געטאָן דאָ אין איין קעסטעלע אַריין און דאָ אין קעגנאיבערדיקן קעסטעלע. פון קעסטעלע צו קעסטעלע האָבן זיך געצויגן קאָלירקע פעדים, וואָס האָבן זיך מיט שכנאס אַ יעדן צוקלאַפּן מיט דער „לאַדע" איינגעקרייצט אין אַ געדיכטן, ברייטן שטראַלן־רעגן פון בלאָע און רויטלעכע זיידענע פעדעם, אַראָפּ־געפאַלענע פון אויבן, אַריבער זיין שטערן. און דאָ, פאַרן בליק איז גע־וואַקסן אַ שיין געוועב. מיד אַ ביסל פון נאָכשפּירן שכנאס האַנט־באַוועגונ־גען אַרום ברוסט־בוים, האָט שמחה־בונם געפילט אַ באַדאַרפעניש זיך אַראָפּצולאָזן אונטער דער זיצבאַנק און לאַנג זיך פאַרקוקן אויפן געטאַנץ פון שכנאס פיס אויף די ביי־ערדיקע שמאָלע הילצערנע טרעטערס, וואָס צאַפּלען און וואַרפן זיך אין אַ נעץ פון געקניפּטע שטריקלעך: אַראָפּ, אַרויף, רעכטס, לינקס. און ווידער אַ מאָל דאָס זעלביקע. ער וואָלט געוואָלט לאַנג אַזוי זיצן אויף די שפּיצפינגער אונטער דער זיצבאַנק און צוקוקן זיך צו שכנאס באַשטענדיקן טאַנץ אויף די שמאָלע הילצערנע לייסטן. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן. ער איז אַ בושת־פּנים, שמחה־בונם. אַ פאַרשעמטער פון זיין אייגענעם איינפאַל האָט ער נישט דרייסט זיך אַ ביסל אָפּגערוקט פון שכנאָן און פון דער הייך זיך איינגעקוקט צום פיס־געפּלאָנטער פון דעם לאַנגן חבר זיינעם. נאָך מער איז שמחה־בונמען

נישט באַקומען זיין לידיק זיצן אין דער דאָזיקער פרעמדער שטוב, בעת שכנא האָט מיט זיין גאַנצן גרויסן גוף זיך אַריבערגעוואָרפן איבערן גע־וועבטן געוואַנט; די לאַנגע פיס מיט די ברייטע לעפל האָט ער, ווי די שפּאַדלעס, אַוועקגעכאַפּט פון די טרעטערס און אַ צייט געגישטערט מיט די הענט איבער דעם סופלאָזן בלאָען און רויטלעכן פעדים־גאָס. דעמאָלט האָט דאָס יינגל נישט געוווסט, ווו ער זאָל די אויגן אַהינטאָן. דאָס פּנים האָט אים געברענט פון בושה. קוקן סתם אַזוי אין פענצטער אַריין, בעת די גאַנצע שטוב איז פאַרפאָרעט מיט אַרבעט, איז לעקישעוואַטע. אויך אַריבערוואַרפן זיך איבערן פאַרטיקן געוואַנט, פונקט ווי עס טוט שכנא, וועט דער גאָרער אַרום אַרויספלאַצן אין אַ געלעכטער. וואָס־זשע טוט ער? עס איז אים ענג, דושנע. ער כאַפּט אַ קוק אויף שכנאס קאַפּויר־ליגנדיקן הינטן, וועלכער שפּאַרט אַרויס פון די צעפּליקטע הויזן, און ער מוז זיך אָנטאָן אַ כוח נישט אַרויסצושיסן מיט אַ קלינגענדיקער כיכעריי. קוים ער האָט זיך גובר געווען. געזען, קיינער באַמערקט נישט, האָט ער בגנבה אַ צופּ געטאָן דעם חבר:

— וואָס איז, שכנא?

— די קעטע האָט געריסן. מע דאַרף אַריינגעמען די פעדים.

אַ צווייט מאָל האָט אים געאַרט עפּעס אַנדערש:

— שכנא, פאַרוואָס טרעטסטו דאָ אויפן ערשטן פושימל, דאָ אויפן דריטן און נישט: איינס, צוויי, דריי, פיר?

— וועסט נישט פאַרשטיין... — שמייכלט דער יונגער וועבער־גע־זעלן — ס׳איז מאַרין...

— אויב מען טרעט אונטן כסדר אויף אַלע פושימל, איז נישט גוט? — איז שמחה־בונם נייגיריק צו וויסן דעם סוד פונעם פיס־געטאַנץ אויף די פושימל, האַרט ביי דער ערד.

— אַזוי טרעט מען אויף באַסט־סחורה... וועסט זיך שוין אויסלערנען.

ווען די מייסטערשע האָט צום וועב־שטול צוגעגעבן אַ שיסל קרופּ־ניק, האָט שכנא אַרויפגעצווונגען אויף זיך אַ הייטערן שמייכל:

— מייסטראָווע, כ׳על בעטן נאָך אַ לעפל.

די ייִדענע האָט אַ מרוק געטאָן און פון דער ווייטנס צוגעוואָרפן נאָך אַ בלעכענעם לעפל.

שמחה־בונם האָט זיך ווידער געשעמט, נאָר געגעסן האָט ער. שכנא איז פונסניי צו אים צוגעשטאַנען, געמוסרט חבריש: ביסט אַ פּיפּע... וועסט פאַרפאַלן ווערן, אויב דו וועסט אַראָפּלאָזן די אויגן... דאָס ייִנגל האָט זיך געריטלט, אַ קוועטש געגעבן מיט די אויגן, גלייך ס'וואָלט אים אַ שווינדל געטאָן אין קאָפּ. און מיט אַ צעטומלטער האַנט געפירט דעם לעפל אין מויל אַריין. איבער דער שטוב האָט ער זיך נישט אומגעקוקט, כאָטש ער וואָלט וועלן וויסן, ווי ס'זעט אויס אַרום אים. רק ער האָט געקוקט אויף שכנאן און רק אויפן געוואַנט, וואָס האָט זיך געשפּרייט פאַר זיין בליק. אין די פענצטער איז געשטאַנען אַ מוטנע שיין. אין דער נידעריקער שטוב האָט זיך דער טאָג אַריינגעגאָסן וואָס אַ מאָל טונקעלער און בלייַיק שווער זיך פונאַנדערגעלייגט איבערן גרויסן חלל, וואָס איז געווען פול מיט הילצערנע געלענדערס. אויך שכנאס פנים האָט זיך געשאָטנט.

שפּעט אויפדערנאַכט, ווען די אויגן האָבן שוין געשניטן פון מידקייט, מחמת דעם גאָר נאָענטן נאָפּט־פלאָם, וואָס האָט זיך געהוידעט אויפן סקריפּנדיקן שטול, איז שכנא אַרויס „אָפּאַכטן" פון דער אַרבעט. דער וועב־שטול איז אַ גולמדיקער געבליבן שטיין אין דער אַראָפּגעזונקענער פינצטערניש.

## ב.

...די חברים האָבן שפּאַצירט אין דרויסן. אין גראָשן־געסל, וואָס איז אונטערן אייזיקן נאַכט־הימל געלעגן אַ צונויפגעקנוילטס, האָט שכנא אָפּגעשמועסט מיט שמחה־בונמען, „אַז ערשט אום שבת וועט ער אים פירן אין שטאָט אַריין צו אַ מייסטער".

אין שטוב האָט דער וועבער־יונג דערנאָך צונויפגעשלעפּט אַ קופּע צוזאַמענגעוויקלטע טיכער און דערפון אויסגעבעט אַ געלעגער פאַר זיך און פאַר שמחה־בונמען. איינגעגראָבן אין די רויע טיכער, האָט דאָס אײנעווליצער ייִנגל אַריינגעעטעמט אין זיך דעם האַרבן ריח פון דושנער, שטויביקער וואָל, פון הייסן זייד און אויסגעדעמפטן שווייס פון צונויפגעדרענגטע לייבער.

שמחה־בונם האָט צומאָרגנס און איבערמאָרגן געשטיקט אין זיך די צאַפּלדיקע דערוואַרטונג אויפן שבת, וואָס דאַרף אים אויסלייזן פון שכנותדיקן טשעמנע געסל, ווו עס טשאַטעוועט אויף אים דער בייזער טאַטע. דערווייל האָט דער וועבער־יונג שכנא זיך געטיילט מיט אים זיין ברויט און זיין געלעגער און געלערנט אים דעם אלף־בית פון וועבעריי.

— איינס — דריי, צוויי — פיר איז מאַרין; איינס — צוויי איז באַסט..

און מיט דער באַלעבאָסטע זיך געקריגט צוליב שמחה־בונמען:

— וואָס אַרט עס די מייסטראָווע? איהנס בעט גיבן זי אים נישט, איהנס מיטיק אויכעט נישט... נישט איהנס דאגה.

שמחה־בונמען האָט ער בשעת־מעשה באַרויקט:

— האָסט שוין געזען אַזאַ סדום־מענטש? זי קריגט די נכפה אַז דו זיצסט נעבן מיר... זי וועט פּלאַצן און דו וועסט זיין ביי מיר, ווי לאַנג איך וועל וועלן!

און ר׳האָט דעם חבר געשאָנקען אַ ברייטן, טרייסטנדיקן שמייכל:

— שקאָשע, ס׳גייט צום ברען... דו וועסט זיך שוין לערנען אויף זומער־אַרבעט...

אינעם יינגל האָט דערווייל געפרוירן ס׳בלוט.

# ארום יונהדל פּילצערס פּלאַץ

קאַפּיטל צוועלף

# די פּעפּער־גאַס

## א.

פּעפּער־גאַס איז האַסטיק געוואַקסן. דאָס ערשטע הייזל פונעם יעקע מיט דער לילקע־ציבעק, היינריך פּעפּער, איז איצט שוין געשטאַנען אַ נעבעכדיקס, אַ צוזאַמענגעשרומפּנס, ווי אַ פאַרגעסענע שוואָם אין וואַלד שפּעט האַרבסט. אויף דער טרויעריקער ערד האָבן ראַש אַרויסגעשאָסן נייע הייזער: קליינע, ברייטלעכע, הילצערנע, ווי אויף דער מילנער־גאַס, מיט זשמורנדיקע באַלעבאַטישע פענצטער. באַלד דערנאָך האָבן גרויסע מויערן מיט אַן איינגעהאַלטענעם קוויטש זיך געריסן אין דעם אומדרייסט־צעטרייסלטן לאַזור אַריין: „שאַ, דערעכערעץ!” פּעפּער־גאַס איז גיך גע־וואָרן אַ יחוסדיקע, אַ ברייטלעכע מיט היימישן געפּילדער. טאָג ביי טאָג זענען אין דער־אָ גאַס מיט אייזערנעם ריטש אָנגעקומען נייע קליינשטעטל־דיקע בוידן מיט פרישע מישפּחות. אין מיטן גאַס האָט מען אַראָפּגעלייגט פּעקלעך בעטגעוואַנט און פונאַנדערגעשאָטן כאָפּטעס קינדער. אין דער לופט האָט זיך געקוילערט מאַמעשער געשריי און געכליפּ פון קליינוואַרג. ס'האָט געטראָפן, אַז נאָך אַ טאָג טראַסקעריי פון זשאַווערנדיקע רעדער האָט אַ געזעמל מישפּחות אויף איבערנאַכט געהאַט זייער אָפּלאָג אונטערן ברייטן הימל־טוך פון דער פּעפּער־גאַס. וואָרן אין דירות איז געוואָרן גאָר אַ דוחק און די מילנער־גאַס מיט די שכנותדיקע געסלעך זענען שוין געווען געדיכט באַזעצט מיט פאָלק.

און דאָס מענטשנוואַרג האָט געיוירן אויף פעפער־גאַס. די הייזער זענען געווען פול געפּראַפּט פון מישפּחות, וואָס האָבן אָן אויפהער גע־צויגן אַהער פון די ווייטסטע מקומות אין קרוין־פּוילן. געווען שטובן, אין וועלכע עס האָבן זיך צונויפגעשפּאַרט צו עטלעכע מישפּחות, און אַלע האָבן געקרעכצט, ווען ס׳איז געקומען צום אויסלייגן זיך צום שלאָף און געקרעכצט, ווען מען האָט באַדאַרפט זיך אויפהייבן פונעם געלעגער. הענט און פיס און לייבער פון זיידע, טאַטע און זין זענען געווען צונויפגעפּלאָנ־טערט, און די ביינער זענען געוואָרן צעלאָמיעט, צעבראָכן. און אַרבעט האָט מען באַדאַרפט טאָן פון פריִען באַגינען ביזן שפּעטן אָוונט; און האַנדלען אין גאַס און אין קראָם האָט מען געמוזט, כדי צו באַזאָרגן מיט ברויט, מעל, גרויפּן און מילך דעם שכן, דעם קרוב און דעם פרעמדן, ווייל אַלע האָבן באַגערט עסן.

## ב.

האַרט ביי פעפער־גאַס גאַפּט אין הימל אַריין אַ פּלאַץ, וואָס האָט מיט שרייִקער פוסטקייט אויפגענומען איטלעכע ייִדענע, איטלעכן אָרעמאַן, וואָס איז געווען להוט צו פאַרדינען אַ גראָשן ביי אַ קוישל גרינס, ביי אַן עמערל הערינג, צי ביי אַ טישל מיט געבעקס.

דער באַלעבאָס פון דעם מאַרק־פּלאַץ איז געווען ר׳ יונה פּילצער. אין ירושה געקריגן דאָס שטיק פוסטע שטיק ערד, האָט ער עס מיט ברעט־לעך־שטאַכיטן אַרומגעצאַמט און אַ שטוב אויף אַ גאַנעק זיך אויפגע־שטעלט אינעווייניק. אַ ייִד אַ פּראָסטאַק, איז ער אַרומגעפאָרן אויף יאַרידים מיט אַן אייגענעם איינשפּאַנער און אונטערוועגנס געהאַקט קאַפּיטלעך תהילים.

דער פּלאַץ האָט ווי אַ גענעצדיק פּיסק געקוקט אויפן אַרום און נישט ווו, נישט ווען ווי אַן איינציקן צאָן באַוויזן אַ וויבלטשינע מיט אַ גראָשנ־דיקן מיסחר. אַזאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים פּלויט און געוואַרט.

ר׳ יונה פּילצער, אַ גרויסגופּיקער, אַ ייִד אַ ברייט געשטעל מיט פּעטע, אַראָפּהענגענדיקע באַקן, האָט געוווינט אין גאַנעק־שטיבל, וואָס אויפן אייגענעם פּוסטן מאַרק־פּלאַץ. אין פּראָסטיקע טעג פון ווינטער, נאָך ניטל,

איז ער שוין נישט אַרויסגעפֿאָרן פֿון שטאָט. ער איז געזעסן אין זיין גאַנעק־שטוב, געבראָקט דעם תהילים אויף זיין פֿרומען אופֿן, געוואָרעמט זיך ביים געהייצטן אויוון און געאומערט קוקנדיק אויפֿן פּלאַץ, ווו אַן אָרעם ווייבלטשינע פּרירט ביי אַ פּאָר געשרומפּענע עפּלעך.

— זע נאָר, צביה, ס׳אַ צער־בעלי־חיים, ווי דאָס מענטש ווערט אונטן געסטאָיעט... גיי, מאַך איר כאָטש אַ „פּאָטשאָנטעק״...

צביה, אַ וואויל־געלערנטע, וועלכע שטאַמט פֿון אַן איידעלער היים, האָט געהאָרכט דעם מאַן. איר בויגיקע הויכע פֿיגור האָט זי איינגעהילט אינעם מאַנס שאָפּענעם פּעלץ און איז מיט די הילצערנע טרעפּ אַראָפּ צו דער ייִדענע. זי האָט גענומען אין זשמעניע אַריין אַ צוויי־דריי עפּעלעך, האַרטע ווי די שטיינדלעך, אַריינגעשטופּט דער סוחרטע אַ מטבע:

— נאָט אייך, לייזט אַ סך געלט.

ר׳ יונה האָט אָוועקגעלייגט דעם תהילים, געוואָרט צביה זאָל עפּעס זאָגן. דאָס ווייב איז אָבער געווען קאַרג אויף אַ וואָרט. זי האָט אויף דער פּליטע אָנגעוואָרעמט דאָס געפּרוירענע עפּעלע און עס דערלאַנגט דעם מאַן:

— זיי נהנה פֿון אַ פּוילישע ראָזשינקע...

— כ׳לעבן, אַ ראָזשינקע: ס׳איז ווייך און זיס.

מיט די גראָבע, פֿליישיקע ליפּן האָט ער קודם אויסגעפּרעפּלט אַ ברכה איבער דער פּרוכט.

אַ ביסל שפּעטער האָט ר׳ יונה זיך אָנגערופֿן צום ווייב:

— ווייסט וואָס כ׳על דיר זאָגן? מע באַדאַרף די מענטשן פֿאַרטרייבן פֿון פּלאַץ... וועלן זיי שוין פֿאַרשפּאָרן געפּרוירן צו ווערן אומזיסט־אום־נישט. אויב זיי וועלן נישט האָבן ווו צו דזשימיען ביי אַ קוישל פּירות, וועלן זיי זוכן עפּעס אַנדערש.

— וואָס האָסטו צו די בידנע לייט? — האָט דאָס ווייב טענות צו ר׳ יונהן. — זאָלן זיי זיך העלפֿן ווי זיי קענען.

— אַז זיי וועלן דאָ שטיין מיט אַ לאָבזע, וועט זיי גאָרנישט אַרויס־קומען דערפֿון... — האָט ער דערווידערט — כ׳האָב אַן עצה ווי אַזוי זיי צו טרייבן צו עפּעס רעכטס: כ׳על אַראָפּגיין אויפֿן פּלאַץ און אָנזאָגן:

מענטשן־קרוין, צ׳קענט דאָך נישט פאַרלאַנגען אומזיסט. גיטס אַ זעקסער אַ טאָג און שטייטס ענק געזונטערהייט. ווער׳ס זיך זיי לוינען צו צאָלן אַ זעקסער, ווען זיי האָבן פּרנסה, אלא נישט — צו וואָס זאָל איך זיין שולדיק אין דער עבֵרה?...

## ג.

די אָרעמעלייט זענען זיך טאַקע פונאַנדערגעלאָפן פון יונדל פּילצערס פלאַץ. איטלעכער האָט זיך געפונען זיין אָרט פון פּרנסה.

און ר׳ יונדלען האָט גאָט צוגעשיקט אויף זיין פלאַץ אַרויף קראַנטערע סוחרים: יידן, וואָס האָבן פון אַלע עקן פּוילן און רוסלאַנד געטריבן שעפּסן קיין לאָדזש.

ביי יונה פּילצער אויפן פלאַץ איז די לאַנגאָניקע פּוסטקייט פאַר־שטאַרט געוואָרן אין אַ געיאָמער פון שעפּסן, אָפּגעריסענע פון זייערע היי־מישע סטאַדעס.

יידן פון פעפער־גאַס זענען גיך אַזוי צוגעוווינט געוואָרן צום שעפּסן־געוויין אין די נעכט, אַז אָן דעם האָבן זיי נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן.

## קאַפּיטל דרייצן

# יונה פּילצערס פּלאַץ

### א.

מיט אַ מייסטער פּאַר שמחה־בונמען האָט עס נאָך געהאַלטן שמאָל. וועב-שטולן זענען געווען פאַרנומען. וויפל אַ לוין־וועבער האָט געקענט אַרויסקוועטשן פאַרדינסט פון אַ שטול, האָט ער עס געטאָן איצט, ווי לאַנג ס׳אײַזן האָט געגליט. יעדער טאָג איז אַ קרן. ווילקע קען אָט־אָט „אָפּ־דאַנקען״.

דערווייל האָט דער ווינטער אויף אַ רעכטן אמת זיך אַוועקגעשטעלט מיט טונקעלע נעפּלדיקע פרימאָרגנס און שאַרפע אויסגעשטערנטע אָוונטן. אַ פאַרעקשנטער ווינטער, וואָס האָט זיך געצויגן מיט האַרטע, דזשיערנדיקע פרעסט און שנייען ביז איבער די קני.

די אומהיימלעכע טעג האָט שמחה־בונם נאָך אַלץ פאַרבראַכט אין דער פרעמדער שטוב. ווי ביטער גראָז איז זיך אַרײַנגעגעסן דעם ביסן ברויט, וואָס עס האָט מיט גינציקייט אים אָפּגעגעבן זײַן חבר שכנא. אין די אויפדערנאַכטן, נאָך דער אַרבעט, פלעגט דער יונגער געזעלן שמחה־בונמען אַ צי טאָן און צוזאַמען זענען זיי אַרויס „זיך איבערגיין״. עס איז געווען קאַלט, נאָר די לייכטנדיקע פענצטער פון די געוועלבלעך, די אָנגעצונדענע לאַמטערנעס אין די גאַסן־בוידן האָבן געלאָקט. צונויפּ־געטוליעט צו אײנאַנדער האָבן די בחורים, גייענדיק, זיך אַרומגעקוקט אין די זײַטן און געשמועסט, וואָס זיי וועלן טוען ווען ס׳וועט זײַן אַ טאָג

פריי. און ליידיקע טעג וועלן זיין, ווען די קעטע וועט זיין אָפּגעאַרבעט און דער מייסטער וועט דאַרפן פון ווילקע ברענגען אַ נייע קעטע. היינט איז עס אַן אײדעלע זאַך. ווילקע איילט זיך נישט אַזוי אין שבת, פאַר־שטייסט? נאָך פסח הייבט זיך אָן. און וועט ער, שכנא, האָבן אַ ליידיקן טאָג, וועט ער אים שוין זיכער אויסגעפינען אַ מייסטער.

שכנא האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ בעקער־קראָם, געקויפט אַ פּאָר זעמל און זיי אַריינגעשטופּט אין דעם אינעווייניקסטן טאַש.

— עס, וועט דיר נישט זיין לאַנגווייליק.

כאָטש ער איז אויך פון אַ ווייט שטעטל, האָט שכנא פון דעסטוועגן זיך געהאַלטן פאַר אַ היגן. געגאַנגען מיטן אינעווייניקער, האָט ער אין אים אַריינגערעדט, געוויזן איטלעך הויז, יעדעס געוועלב און פון אַלעמ־דינג דערציילט, ווי ער וואָלט עס געוווּסט פון טאַטע־מאַמען, פון באָבע־זיידן, וואָס זענען געווען היגע שבהיגע. דאָס, זעסטו, איז לייזער לעקעך־בעקערס געוועלב, דאָס — יודל קרעלס שענק, און דאָ נאַדיר יונהדל פּיל־צערס פּלאַץ. ברויכסט זעען אַ „רוף״, אַ שפּע! פון גאַנץ פּוילן, פון ווי ווייט קומט מען אַהער דאָ האַנדלען.

וועגן דעם יונה פּילצער האָט ער שטאַרק ליב געהאַט צו דערציילן. ר׳איז אַ פּשוטער מענטש, דער פּילצער: זי, ס׳ווייב זיינס, איז פון אַ גרויס־אַרטיק הויז. זי קען אַ בלאַט גמרא, ווי אַ מאַנספּאַרשוין גייט זי אין אַ ציצה־כנפות. זי איז אָנגעקומען צום קיסר אין פּייטערסבאַריג אָפּשרייען אַ גזירה, וואָס איז געווען קעגן באַלוטער יידן.

— גיסט אַ קוק די־אַ תפילה, — האָט ער שמחה־בונמען אָנגעוויזן אויפן הילצערנעם קאַשטשאַלעכל, וואָס איז אויפגעטראָגן אויפן בערגל אַנט־קעגן ר׳ יונהס פּלאַץ. צוליב דעם טומאהלע האָט מען יידן געוואָלט צונעמען ס׳שטיקל ברויט. ס׳האָט געהאַלטן מ׳זאָל צעטרייבן דעם מאַרק, באשר ער פּאַראומווערדיקט דאָס הייליקע יעזוס־הויז. אַזוי האָבן געטענהט די, וועלכע האָבן דערלאַנגט די מסירה און ס׳איז אָנגעקומען אַ פּאַפּיר: אָפּרוי־מען דעם שעפּסן־פּלאַץ. אויס יידישע פּרנסות. געשריבן פּראָשעניעס צום פּאָליצמייסטער, צום גובערנאַטאָר, און אסור, צי ס׳האָט זיך גערירט. ערשט די פּילצערין, די יידענע, האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק קיין פּיי־טערסבאַריג און געפּועלט:

— ייִדן האַנדלען, ווייל זיי מוזן האָבן ברויט פאַר זייערע קליינע קינדער און זיי ברענגען נוצן דעם קיסר און זיין מדינה. ייִדן האָבן קיין מאָל נישט פאַראומווערדיקט עמעצנס גלויבן, ווייל זיי האַלטן גרויס זייער אייגענע אמונה — — פאַרשטייסט, אַ קאָפּ פון אַ ייִדענע.

שמחה־בונם האָט געעפנט מויל און אויגן: וווּאַ־וואַאַ... אַ וועלט!

עס איז געגאַנגען די אומעטיקע צייט, אַן אויסגעפּולטע מיטן ווייטיקלעכן אָפּוואַרטן אויפן טאָג, ווען שכנא וועט בלייבן אָן קעטע, דעמאָלט וועלן זיי גיין אין גאַס אַריין, דעמאָלט וועט ער זיך אָנדינגען צו אַ מייסטער.

זיינע געהירן זענען דערווייל געווען אָפּן פאַר אַלעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין דרויסן, וואָס עס דערציילט שכנאס מייסטערשע, וואָס אַן אַריינגעקומענער ברענגט מיט.

ב.

...פון טיף ראָסיי האָט מען געטריבן שעפּסן קיין לאָדזש, זיי אַראָפּגעלאָזן אויף יונה פּילצערס פּלאַץ און ייִדן סוחרים אין יוכטענע שטיוול און אין שמוישענע היטלען האָבן דערפון געהאַט פּרנסה. בהמה־טרייבערס, קצבים, שענקערס און אַלע, וועלכע עוסקן זיך ביי דער פּרעסאַרניע, האָבן זיך מיטגעזשיוויעט מיט זיי. אין די גרויסע פּרעסט האָבן די שעפּסןהענדלערס פון דער פּרעמד אויף לאַנגע וואָכן זיך אָפּגעשטעלט הי. דאָ האָבן זיי אָפּגערוט פון די וויטע נסיעות און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פונעם מיסחר. און אַ תירוץ האָבן זיי געהאַט פאַר גאָט און פאַר לייט: שווער זענען די וועגן. טיפע שנייען האָבן פאַרשאָטן די שליאַכן און דער פויער האָט זיך פאַרשטעקט אין זיין מויזנלאָך. אין ראָסיי איז דער ווינטער נאָך שאַרפער. אוממעגלעך זיך צולאָזן אַהין. ס׳איז, בכן, גאָרנישט וואָס אויפצוטאָן. אַזוי ווי „קעפּלעך״ זענען ברוך־השם פאַראַן, דאַרף מען איבערהאַרן די קרירות. דער מקח אויף סחורה וועט אגב ווערן שטאַרקער. ר׳ יונה פּילצער טרייבט אויך נישט. אדרבה, ער איז גאָר צופרידן, עלעהיי דער רובל קומט אים אין בייטל אַריין.

— דער באָבעס ירושה וועט מען נישט דערלייגן, — האָבן די שאָףהענדלער צעריבן די הענט מיט הנאה.

— ס׳גייטזעך נישט צו צערייסן!

— האָסט אַן עצה? — האָט איין שותף געזאָגט צום אַנדערן, — דעם אייבערשטנס ווילן איז דערביי...

און מיטן אייבערשטנס הילף האָבן זיי טאָג ווי נאַכט אין שענק־הייזער זיך געקאָכט ביי קאָרטן און אַ סך געכלאָיעט. די שאַף־הענדלער האָבן געטרונקען גרויסע טשאַרקעס אָקעוויט, פאַרביסן מיט געבראָטענע גענדז, געוואָרפן זיך מיט פינף־ און צוואַנציקערס ווי מיט פלעוועס, און אָפט אַריינגעזאָגט זיך. דאָ איז קיין שותפות נישט געווען; ביים קאָרטן־טיש האָט זיך געהאַלטן נאָר דער צעלאָזענער האַלדז און דער כיטרער בליק. מ׳האָט געשריגן, געגוואַלדעוועט ביי יעדער שקריי, וואָס עמעצער האָט אָפגעטאָן ביים אויסנעמען דעם קאָן. אַנדערע, וואָס האַלטן זיך אין דער מדרגה, האָבן רק געשוויצט ביי אַן „אָקע" אין יונה פילצערס גאַנעק־שטוב און פאַרקאָכטערהייט אונטערגעברומט ניגונימלעך. אָפט האָבן זיי זיך אַריינגעכאַפּט אין שענק־הויז אויף אַ פרעס און פאַרטרונקען מיט טאָ־מאַסעס קרעפּטיקן ביר. אויף שייע בטלן, דעם פרומען שעפּסן־הענדלער מיט די אַרונטערגעקאַמטע פּאות און שטענדיק צעכראַסטעטן העמד, האָט מען אפילו געטייטלט, אַז ער איז דאָ בשכנות נכשל געוואָרן מיט אַ פּרויענצימער, אַ שטאַרק געפּוצטע, וועלכע איז חשוד אין אַזעלכע זאַכן. כאָטש מען האָט אויך אַנדערע פון די סוחרים געזען אָפּט זיך אַריינכאַפּן אין וואָלף־הערשס גאַרקיך, האָט מען אויף זיי נישט אַזוי קרום געקוקט, ווי אויף ר׳ שייען. ער איז אָנגעטאָן עכט יידישלעך, עסט נישט אַ כזית אָן אַ ברכה און פאָרט קיין רוסלאַנד נישט ווי אַ קופּיעץ, נאָר ווי אַ חסיד, אין אַ לאַנגן פאַלטן. דערפאַר פאַרדריסט עס אויף אים. אפילו זיינע שותפים שמייכלען:

— ער קוקט נישט אויף קיין אישה, נאָר אַלע מאָל אויף אַ פּרישע...

— חלילה־וחס — פאַר האָבן אַ געטועכץ מיט אַן אשת־איש קומט כרת.

און מ׳פאַרדרייט די אויגן אין חוזק.

מ׳האָט זיך שטאַרק געוויצלט, כאָטש אין ליבן זיך זענען געווען געכאַפּט אויף אַנדערע כניאָקעס: באַיאָרטע לייט, פיינע יידן. שייע בטלן איז צווישן זיי געווען אַ פאַסיקער קרבן פאַר גערעדעכץ.

הגם ס׳שטייען שאַרפע קעלטן, איז שייע בטלן צעכראַסטעט ביים האַלדז און אַ צעיאַכמעטער בלאָזט ער מיטן מויל, ווי פון אַן אונטער־געהייצטן קעסל: פהו! פההו!...

אַ ייִד פון אַריבער פערציק מיט אַ פעסטער קיילעכדיקער באָרד און אַ גוייִש היטל, ווערט שייע בטלן אין שטאָט צוריק אַן אָפּגעהיטענער ייִד. ער טוט אָן אַ שוואַרץ טוכן היטל און פראַוועט פרומקייט, כאָטש די פאות לאָזט ער ווייטער ליגן אַרונטערגעקאַמטע. דאָס איז שוין צוליב דער פרנסה: ער קומט זיך צונויף מיט פאַרשידענערליי לייט, מיט קיילערס און מיט סוחרים. נישט גלייך זיך צורייצן מיט מענטשן. נאָר פון וואָלף־הערשס גאָרקיך האַלט ער זיך אויך נישט פון ווייטן.

און אַז ביי וואָלף־הערשן, פאַרשטייט מען שוין, אַז נישט בלויז אויף שטילן דעם הונגער גייט מען אַהין אַריין. אַ חוץ אַ שיסעלע באָרשט, גוטע גראַשלעך און געהאַקטע ציבעלעס מיט לעבער, איז דאָרטן פאַראַן נאָך עפּעס. ס׳איז טאַקע שטאַרק אונטערן שטערצל, נאָר מ׳ווייסט. ס׳גענוג אָנשטעלן די אויגן אויף דעם גראָבן גאָרקיכער, אַז ער זאָל פאַרשטיין. עס קלעקט אַ בלויזער ווונק.

— וואָס נאָך ווינטשט אַ ייִד? — איז זיין געוויינטלעכער פרעג.

— אפשר ט׳איר אַ קאָפּיטשקע יי״ש? — קווענקלט זיך אַזעלכער פאַר זיין אייגענער מחשבה־זרה, וועלכע האָט אים אַהערצו אַריינגעבראַכט.

— יאָש איז אַ פויער, מיט אַזעלכע האָב איך נישט קיין געשעפטן. — זאָגט וואָלף־הערש מיטן פולן גלאַנציקן פנים.

— עפּעס שאַרפס, די קישקעס צו דערוואַרעמען, מיין איך.

— אין מאַנאָפּאָל! — כאַפּט זיך אויף מיט אַ טענה דער גאָרקיכער מיטן טלית־קטן. — נאָך האָבן צו טאָן מיטן אַקציזניק. בלויז דאָס פעלט מיר!

אַזוי פירט זיך וואָלף־הערש מיט אַלע געסט פון גאָרקיך, ווי לאַנג זיי זענען אים נאָך פרעמדלעך און זיי זענען נאָך פרעמדלעך זיינע פאַר־באָרגענע דרכים. שטענדיקע איינגייערס שפּאָרן זיך איין די אַלע טענות. זיי עסן אָפּ אַ שטיק פעטע קישקע מיט פאַרפל, פאַרזופּן מיט אַ האַלב טוץ גלעזער ביר, גרעבצן זיך אויס און שטעלן אָן די באַזאָפּענע אויגן

אויף דעם מיושבן ייִד, וואָס נעבן דער טאַשעוואַניע. וואָלף־הערש גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און ס׳איז געַנוג. יענער שטעלט זיך אויף פון זיין זיץ, גיט ווידער אַ גרעבץ און דורכן צווייטן אַלקער הייבט ער זיך אויף אויף אַ שמאָלער הילצערנער טרעפּ. דאָרט אַרומעט פאַרשווינדט שוין דער אורח אויף אַ גאַנצן טאָג און אַ מאָל פאַרגעסט ער אויך אַהיימצוגיין איבער־נעכטיקן.

אויך שייע בטלן איז אַן איינגייער אין דער גאָרקיך. צו די לייט פון פעפער־גאַס דערגייט גיך יעדע נייעס. און רעדט מען וועגן דעם גבירישן סוחר, ווייסט מען שוין אַלצדינג, גלייך מען וואָלט געשטאַנען דערביי.

— די אויסגעסטראָצלטע סטריקעווערן איז עקסטרע פאַר זיינעט־וועגן... מע זאָגט: קיין אַנדערן לאָזט ער נישט קוקן אויף איר. ער באַקליידט זי און באַנייט זי.

— איז ווי צום ווייב מיט די קינדער.

פרומע לייט אויף באַלוט שפּייען אויס:

— טפוי זאָל ער ווערן.

פאַראַן אפילו ווייבער, וועלכע טשאַטעווען זיך דעם ייִד די אויגן אַרויסצודראַפּען.

נאָר קלוגע, באַרעכנטע לייט געלונגט קוים אָפּצועצהן די הייס־געבאָ־דענע ייִדענעס.

— פאָלגטס, וואָבער... ער וועט שוין קומען אויף אַנדערע הענט. — האָט געזאָגט וואָווע געלבאַרט. כאָטש אויך אַ וועבערניק, אַ קבצן, נאָר גע־פאָלגט האָט מען אים.

— געַנוג צרות אויף ייִדן אָן דעם, — האָט וואָווע געגעבן אָנצוהערע־ניש אויף די ביטערע צייטן וואָס זענען אָנגעשטאַנען, און ער האָט זיך אָוועקגעשאַרט פון קרענצל, וואָס האָט זיך אויפגעקליבן פאַר דער פאָרטקע פון יונה פילצערס פלאַץ.

— מע ברויך נאָך אָנהייבן מיט אונדזער איינס... — האָבן וועבער־ייִדן מיט פאַרוועלקטע פּנימער און אביונותדיקע גאָסן־הענדלער אָנגעצויגן אויף זיך קרומע מינעס — אַז מען האָט געַנוג אויסצושטיין פון ס׳זיי־עריקע.

— גזירת מדינה, — קרעכצט מען אין דער קופּע אַריין. — ייִדן זענען קאַליע מאַכערס, זאָגן זיי, ייִדן שעדיקן זייערע פּרנסות, ייִדן מאַכן אַלץ צו וואָלוול...

— נאָר די ייִדן, די ייִדן, אַ וואַרגעניש אויף זיי! — שרייט אויס אין כעס איינער מיט אַ שטריק אויף די לענדן. — דער ייִד איז אפילו נישט ביד צו פייניקן זיך פאַרן בידנעם שטיקל ברויט, פּאַניע גנבו!

— פאַר אַלע איז דאָ אַ רוט אויף דער וועלט. אפילו נאַפּאָלאָנען האָט מע געבענדיקט, נאָר אויף ניקאָלייקען איז נישטאָ קאַ׳ טויט! — זאָגט אַ יונגערמאַנטשיק, וועלכער וואַרפט שטאַרק מיט די הענט, כדי זיך צו דערוואַרעמען.

— אַ ברירה האָט מען? אַז אין ערגעץ לאָזט מען ייִדן נישט אַ גילדן פאַרדינען. אפילו ייִדעלע עכברוש דרייט זיך אַרויס צו געבן אַן אייגענעם צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט, כאָטש מלכות האָט שוין באַפוילן: גויים מוזן געבן אַרבעט גויים, ייִדן נישט... בלויז ייִדן דאַרפן צונעמען ייִדן. נו, איז עס אַזוי?... ווען דאָס לעבן קומט זיי אַזוי אָן, די ייִדישע גבירים! און כל־זמן הנשמה בקרבי, מוז מע דאָך... איז אויף אַזאַ אופן: זאָל זיין פאַר וועלוועלער, אַבי דורכצוקומען...

— ס׳איז משיחס צייטן... טענהט אַן עלטער ייִדל, — לאָמיר נישט מהרהר זיין. אויף ייִדן טאָר מע נישט אויסרעדן...

— איז דערפאַר דער תחום פאַר ייִדן, דערפאַר אַזאַ דחקות? דאָ שטעל זיך נישט, דאָ מעק זיך נישט... — זאָגט דער זייפנזידער פון אַלט־שטאָט, וועלכער געפינט זיך היימישער צווישן די באַלוטער, ווי דאָרט, ביי די פאַרריסענע.

— חכם! דער תחום איז נישט בלויז פאַר אונדז, באַלעטער. ראוועַ, פּזשייטשע, סאַמפּאָלנע, בזשעזשין און זגערזש האָבן זיך דען געשמדט? און אין קעוואַל און ניעשאַווע האָט אדם הראשון אויך נישט געפּ...? אומעטום זענען ייִדן אָפּגעזונדערט, אין ווינקלען אַריינגעשטופּט. אַ צייט, אוי־אוי!

### ג.

און ערגעץ אין וועבער־מנין האָט מען ממשיך געווען:

— געהערט, ייִדן? לאָמיר נישט זיין קאַ׳ קבצנים! — רופט זיך

אָפּ זיינוול אָפּאָטשנער מיטן שפּיציק ווייסן בערדל, ווי דער יויזל אויף די קאָליריקע געמעלן. — מ׳מעג זיין אפילו ייִדן, נאָר מיט גרויסע בייטלען, אַזוינע זענען ביי „זיי״ אויכעט מענטשן. שאַט, כ׳וועל ענק פאַר־ציילן אַ שענערע מעשה: הלל זאַלצמאַן, וועלכער האָט געוווינט ביים סטאַוו, מעג שוין ווינען צווישן די דאַאַטשן און פאַליאַקן. ר׳האָט אַרויס־געשלעפּט דאָס קניפּל און זיך אונטערגעחתמעט שוואַרץ אויף ווייס, אַז ר׳וועט אויפמויערן אַ הויז, אַ צווייסטאָקיקע קאַמיעניצע.

— אַזוי, בינסטו קלוג, — וואַרפט אַן אַנדערער דלפון אַריין אַ שטעכיק וואָרט — אויב ס׳האַלט שוין דערביי, גיי איך זיך אויך נעמען צו מיין אפותיקא.

— ניין, זאָלסט באַהיט און באַשירעמט ווערן, — חוזקט זיינוול. — כ׳באַשווער דיך, זאָלסט עס נישט טאָן! צום ערשטן מוזסטו פונקט ווי זאַלצמאַן ווערן אַ פויער. דאַרפסט אַרויסגיין אויף סטאַרע־וויעש קויפן אַ שטיקל ערד, פאַראַקערן דאָס צוגלייך מיט אַ סך אַלטשטעטישע מעש־טשאַנעס, וואָס האָבן לאַנגע וואַנסעס און צלמים אויפן האַרץ. דערנאָך וועסטו אַזוי גוט זיין און ווערן אַ סוחר, האַנדלען מיט געשוואַרצטן באַנוול און פאַרקויפן אים וועלוועלער פון אַנדערע. ערשט דערנאָך עט מע זעך מיישב זיין...

— און רושיש און דאַאַטש שראַבן קענסטו שוין, תכשיט איינער?

— רושיש צי ער קען, איז נישט קאַ׳ שאלה, — מישט זיך אַריין זיינוול — אין איינס־צוויי קען ער זאָגן „ק׳טשאָרטו מאַטערי״, אפילו פויליש קען ער ווי אַ וואַסער: „כאָלעראַ, פשיאַקרעוו״!

— און די קאַפּאָטע וועסטו דיר אונטערהאַקן, און די באָרד אָפּשערן? אַזוי, אַזוי, גוטער ברודער! — זאָגט ער צו דוד קינצקער, — אַ מענטש פון די פּרינציפּאַלנע גאַסן ווערט מע נישט אַזוי גיך, אויב מע הייסט נאָר משה אייזיק... מעגסט מיינען ראַאַך, אַז מע האָט דיך אַריינגעלאָזט קיין באַלוט.

— באמת, ר׳איז געדעכט — שאָקלען צו אַ פּאָר אירע — אַז מען טרייבט די אָרעמעלייט פון וואַנען זיי זענען געקומען! סטראַזשניקעס גייען איבער די הייזער און זוכן אַן אָרימאַן! פון וואַנען געקומען? —

נעם דיר ס'פּעקל און ראַנץ! אין די הונדערטער ווערן זיי זיך פאַר־שוואַרצט. אַפילוכע באַלוט איז פאַר אַזעלכענע פאַרשלאָסן... לאָדזש, זאָגן די דאַאַטשן, וואָס מ'האָט דאָ אַהערגעבערענגט, מוז זיין אַ רייכע, ריינע שטאָט... יידן זענען אָרעם און אומריין, די ווערעם זאָלן זיי פרעסן!

— מע זאָל שוין האָבן אַזאַ יאָר, ווי ער ווייסט, וואָס ר'רעדט, — לאָזט זיך הערן דער זייפנזידער. — די דאַאַטשן האָבן געמאַכט אַ כתב מיט טרעגערן, דעם בירגערמייסטער, אַז זיי זאָלן ווינען באַזונדער, מ'זאָל די יידן מיט זיי נישט אויסמישן. די יידן שטערן, זאָגן זיי. אויב נישט, — וואַרפן זיי באַלד דעם גט פאַר די פיס: זיי פאַרלאָזן די שטאָט און דער מאַגיסטראַט וועט האָבן אויף זיי אַרויסגעוואָרפן אַ מטמון גאָלד.

— אוי, אוי, דאָס אומגליק האָט מען נאָך פאַרבעטן אין שטאָט אַריין, מיט געלט געקויפט...

שמייכל און ערנסט האָבן זיך געלייגט אויף די פּנימער פון די שמועסערס. די יידן האָבן אין זינען געהאַט די צרות, וואָס זענען זיי צוהאַנדן געקומען. פון דער אַנדערער זייט האָט אָבער אין זיי געקוואָלן אַ שעמעוודיקע פרייד, וואָס אַרויפצו אין דעם בידנעם ראַדאָגאָשטש, באַזעצן זיך דאָך אַ סך יידן. סיי מע וועבט שוין דאָרט סחורה, סיי מען טשוועקעט שיך, מ'נייט העמדער, מ'באַקט ברויט און מ'פאַרקויפט אויך אַ קווערטל נאַפט און אַ קאָפּ הערינג. ראַדאָגאָשטשער קהל הייבט זיך נישט אָן אפילו צו שרעקן פאַר אַ שטיין, וואָס פראַים שליידערן אַריין אין שיל־פענצטער, בעת יידן זענען אַוועק אין אַ טענה צום רבונו של עולם: הלמאי אַזוי, הלמאי אַזוי... און דאָס האַרץ וויינט, ער זאָל זיך דערבאַרעמען, ווי אַ טאַטע דערבאַרעמט זיך איבער זיינע קינדער און ר'זאָל זיי דערנערן, ווי ער דערנערט דאָס ווערעמל אויף דער ערד.

נאָר שטילערהייט, אין די פאַרבאַרגענישן פון פאַרציטערטן האַרץ האָבן די יידן פון די באַלוטער געסלעך גיכער מקנא געווען די גבירישע לייט פון ווילקע, כאָטש זיי האָבן נעבעך, אָפּגעגעבן דעם טייוול די זעל: אָן בושה אָפּגעשניטן די יידישקייט, אָנגעטאָן זיך „דייטש", אוועקגענומען אַלע סימני־ייִד — געבליבן לא־עלינו אָן באָרד און אָן קיילעכיקן קאַש־קעטל. נאָר פאַרפאַלן:

— גזירת המלכות.

אַנדערע זענען געווען נאָך „לייכטער אויף דער נשמה״ בנוגע דער ראַזיקער איבערקערונג:

— ס׳אי גלאַכער אַ ייִד אָן אַ באָרד, ווי אַ באָרד אָן אַ ייִד...

— און דער עיקר: אַבי מען מיידט אויס ס׳גיהנום ביים לעבן.

...דער יונגער אינעווליצער האָט זיך אָנגעהערט אַ וועלט און זיין וועלט האָט זיך אָנגעזאָפּט מיט די ריחות פון דעם אומדערקענטלעכן בלינדן, ווילדן ייִדישן גורל. און מחמת דעם, וואָס די אינעוויייניקדיקע אויסגעהוילטקייט אין אים האָט זיך אָנגעפּולט מיט ווײ, האָט שמחה־בונם נישט אָפּגעשפּירט די לאַנג־דערוואַרטע דערלייכטערונג דערפון, וואָס זיין חבר שכנא האָט ענדלעך פאַר אים אויסגעפונען אַ מייסטער.

עס איז געווען פונקט אַנטקעגן יונדל פּילצערס פלאַץ וואָס איז געווען פול מיטן לעבעדיקן, אומעטיקן באַלוט.

קאַפּיטל פערצן

# דער מײַסטער אברהם באראן

## א.

שמחה־בונם אינעווליצער איז אָנגעקומען אויף דער לער צום וועבער אברהם באַראַן, וואָס אויף דער פּעפּער־גאַס. ר׳ אברהמטשע איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער. דאָס שוואַרצע, טוכענע היטל אויף זיין שמאָלן אוגערקע-קאָפּ איז אים געווען צו גרויס. תמיד איז דאָס היטל אים געלעגן אויף די אויערן. ר׳ אברהמטשעס פּנים איז געווען בלייך, אויס־געצויגן ווי פון אַ קרענק. זיינע אויסגעבלאַקירטע אויגן האָבן גיכער פאַרנומען דאָס קול פון אַ מענטש, איידער די אויערן. די אויערן זענען אים אַראָפּגעהאָנגען רויטע, מיט שווערע מושלעס.

ווען שמחה־בונם האָט זיך אָנגעדונגען צו אַברהם באַראַנען האָט ער, ווי אַ יינגל פון זיין סגאַל, געמיינט, אַז דער מייסטער איז אַ בייזער. דערפאַר רעדט ער קנאַפּ. ער איז שטענדיק אָנגעלאָדן: אָט־אָט וועט ער אויסשיסן. נאָר אַז ר׳איז אָפּגעווען אויף דער לער עטלעכע טעג, האָט ער איינגעזען זיין טעות. דער מייסטער איז נישט געווען קיין בייזער, נאָר אַ טויבלעכער. אַ טויבער ראַסלער. אַז ער איז פאַרטאָגס אַרונטער־געקראָכן צום וועב־שטול, האָט ער רעכט אַ וואָרט נישט אַרויסגערעדט, אַ גאַנצן טאָג נישט אַרויסגעגאַנגען משתּין זיין. נאָר געאַרבעט. מען האָט אים באַדאַרפט יאָגן, ביז ער האָט געפונען צייט אָפּצועסן. הגם נישט קיין יונגערמאַן, האָט מען שפּעט אין אָוונט אים געמוזט אָפּערטרייבן פון

שטול. אפילו מנחה דאַווענען האָט ער, דער פרומער ייִד, זיך קיין מאָל נישט צייט־גענומען. פאַרן שלאָפנגיין, נאָך האַלבער נאַכט, האָט ער אין איינוועגס געגעסן וועטשערע און אַריינגעכאַפּט אַ מעריב מיט צוויי שמונה־עשרהס. „קרישמע" האָט ער געלייענט, בעת ער האָט אַראָפּגעצויגן די אָניצעס פון די פיס און געשמעקט צו זיי ווי להבדיל צו אַן אתרוג אַ פאַר־פאַקטן אין וואַטע.

אין דער אַרבעט איז ר׳ אַברהמטשע געווען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן. ער האָט געוויגן זיין אייגענע האַנט, איידער ער האָט די „לאַדע" צוגעשאַרט צום דורכגעשאָסענעם פאָדעם. ער איז געווען צופרידן פון דער סחורה, ווען זי איז אים אַרויסגעקומען אַ שיינע, אַ געראָטענע.

דאָנערשטיק פאַרנאַכט, ווען ער האָט אָפּגעשניטן „פּאַרטיִען" סחורה, כדי זיי אָפּצוליווערן קיין ווילקע, האָט ער אָנגעטאָן אַ „בעסער מלבוש" (נישט דאָס שבתדיקע, וואָס איז געווען אַן אייביקע שאָד עס אָנצוטאָן, און נישט דאָס פאַרשמאָלצעוועטע כאַלאַטל, וואָס ער האָט יאָרנלאַנג גע־טראָגן אין דער היים, ביי דער אַרבעט), פאַרקניפּט אַ שאַליקל אַרום האַלדז און מיטגענומען שמחה־בונמען.

דער מייסטער איז געגאַנגען פאָרויס מיט אַ האַרט פאַרוויקלטער, לאַנגע פאַרטי סחורה, וואָס איז פעסט געלעגן אויפן רעכטן אַקסל. דער לערן־יונג איז אים נאָכגעגאַנגען הינטערווייַלעכטס, אויך מיט אַ פאַרטי סחורה אויף אַן אַקסל. אויפן וועג האָט אברהם בארֹאָן געקנעלט מיטן לערן־יונג:

— קוק זיך אַרום: דאָס איז דער וועג קיין ווילקע. אַן אַנדערש מאָל וועסטו אַליין גיין ליווערן.

„אינדרויסן", דאָס הייסט אין ווילקע, ביים פאַבריקאַנט — האָט ער אַ ביסל שפּעטער געלערנט שמחה־בונמען — זאָלסטו זיך אויך גוט אַרומ־קוקן, כדי צו וויסן ווער עס נעמט אָפּ די סחורה, ווער ס׳וועגט זי אָפּ, ווער ס׳קוקט זי איבער און ווער עס גיט אַרויס שוס. אַ וועבער באַדאַרף אַלץ וויסן.

ר׳ אברהמטשעס בלייך פּנים האָט זיך נאָך מער אויסגעצויגן אין טויבקייט. ס׳האָט אויסגעזען, ער פאַרוואַנדלט זיך אין גאַנצן אין געהער,

אין אַ מאַכטיקן אָנגעשפּיצטן אויער, הגם עס איז געווען באַשיימפּערלעך אַז שמחה־בונם האָט נישט בדעה געהאַט אים צו ענטפֿערן.

## ב.

„אינדרויסן“:

אין אַ ריזיקער סחורה־האַלע האָט מען מיט גרויס כוונה פֿונאַנדער־געוואָרפֿן אברהמטשע באַראַנס פּאַרטיזען סחורה. איינער אַ פֿלינקער מענטש מיט פֿינקלענדיקע ברילעכלעך האָט, פֿלינק וואָרפֿנדיק מיט די הענט, אַרויפֿגעצויגן די סחורה אויף אַ ספּעציעלן שטענדער. צוגעלייגט גיך ס׳פֿלאַכע געגלאָזטע פּנים, דורכגעקוקט אַזוי־נאָך די סחורה מיט אַ פּיר־קאַנטיקן מעשענעם שפּאַקטיוו, איבערגעציילט די געדיכטקייט, באַטאַפּט צי זי איז נישט פֿייכט און זי אָפּגעוויגן. געקוקט, גלענצלדיק געזשמורעט די ברילן, אַ לויף געטאָן, פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ איבער אַ צעעפֿנט גרויס־בלעטערדיק בוך, פֿאַרצייכנט מיט שפּרינגענדיקע פֿינגער און אַ שטעל געטאָן זיך קוקן צו דער ווייטער טיר ווי ער וואָלט אָקערשט שוין גע־וואַרט אויף אַ פֿריש־אָנקומענדיקן וועבער כדי זיך מיט אים מתעסק צו זיין. לסוף האָט דאָס פֿלינקע, גלאַטע מענטשל אין די ברילן ווי זיך דערמאָנט אָן דעם טויבלעכן וועבער־ייִד און געגעבן אים אַ זאָג אויף דייטשמעריש:

— ס׳גוט, הער באַראָן.

— הע, ס׳גיט?...

אברהמטשע האָט אויסגענויגט דאָס רעכטע אויער צו יענעמס פּנים, צו הערן ווי דער־אָ מאַכט מיט די ליפּן: צי ער האָט עפּעס געזאָגט אָדער ער האָט, מחמת אומצופֿרידנקייט אַזאַ גרימאַסע אָנגעשטעלט אויף אים. חלילה־וחס, ער, באַראָן, באַנעצט נישט דעם שוס, ווי אַנדערע האָבן די טבע. איך לאַשטשע זיך נישט אויף אַזוינס, פֿאַניע פּלאָצקער.

ר׳האָט׳ס געהאַט אָנגעגרייט אויף די ליפּן, אָבער ער האָט זיך נישט געכאַפּט צי יענער האָט עפּעס געזאָגט. סוף־כל־סוף האָט ער גאַרנישט באַ־נומען. מיט די אויגן אַ גראָב געטאָן אין יענעמס שטאַרק פֿאַרנומענעם פּרצוף און זיך אָפּגעקערט:

— זאָל דער נאַר זיך אין זינען האָבן וואָס ער וויל, אַבי ער פאַר־טשעפּעט מיך נישט.

אַהיימצוּוועגס האָט דער מייסטער מיט דעם לערן־יונג געשלעפּט אויף די פּלייצעס זעק מיט שוס. מיט איינגעהאַלטענעם רעש האָט דער ייִד געטראָגן זיין געשטאַלט וואָס אין דעם ברייטן, שוואַרצן פאַלטן און אין שווערע שטיוול, וועלכע האָבן זיך קוים אַרויסגעזען פונעם לאַנגן מלבוש. דער ייִד און דאָס ייִנגל הינטער אים האָבן געמיטן גאַסן, באַלויכטענע פון גלימערנדיקן ווינטער־אָוונט, וועלכער האָט זיך געשפּרייט אי פּרעסטלדיק, אי נעפּלדיק. שמחה־בונם האָט צעשפּאַרט די אויגן, להוט צו דערווישן נייע, נאָך נישט געזעענע זאַכן. ער האָט גערן געהאַט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם זאַק שפּולן און צוגיין צו אָט דעם הויז, וואָס זעט אויס ווי אַ פּאַליי, צו דער לאַמטער, וואָס שפּרייט מיט בלאָען, קאַלטן ליכט, אַלץ באַטאַפּן, איינהערן זיך אין דעם, ווי אין לעבעדיקע באַשעפענישן. ר׳האָט אויך געטאַמלט אַ בליק צו טאָן אין אַ פענצטער אַריין און לאַנג נאָכקוקן אַ סטראַזשניק, וועלכער איז עפּעס אַנדערש, יום־טובדיקער אָנגעטאָן ווי די אינעוויליצער „שמירהס״. אומענדלעך אַ סך זאַכן האָבן, פאַרבייגייענ־דיק, געוועקט זיין אומגעלאָשענע נייגיריקייט. ער האָט אָבער אינמיטן־דרינען מיט שרעק דערהערט די שטים פון מייסטער ר׳ אברהמטשע; ער האָט נאָר נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער ייִד אונטער דעם געהויפּטן זאַק רעדט צו אים.

— וואָס זאָגט דער מייסטער?

דער ייִד האָט איצט צייט. פון פּלייצע שטעלט ער אַראָפּ דעם בייכיקן זאַק, לענט זיך אָן אין אים מיט אַן עלנבויגן ווי אין אַ טיש. ער רעדט געלאַסן, מיט אַ דינע, טויבע שטים:

— האָסט „אינדרויסן״ געהערט די „פּאַכוואַלע״ פאַר מיר? וועסט שוין וויסן, וואָס ס׳הייסט זיין אַ גוטער וועבער? מיך איינעם וועלן „זיי״ פאַר קיין צען אַנדערע נישט אויסבייטן...

דער ייִד מיט די אויסגעבלאַקירטע, קאַצענע אויגן קוקט זיך אום, גלייך ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי אַלע אַרום האָבן רעכט זיך צוגעהערט צו דער לויב, וואָס גייט אים נאָך פון ווילקע. אָבער ר׳ אברהמ־טשע וואַרט נישט אויף שמחה-בונמס ענטפער. ער גיט אַ כאַפּ אַרויף אויף

זיך דעם זאַק שוס, ווי מען נעמט אַ קינד „קאַפּעטשעלע“: הינטערווײַלעכטס האַלט ער אונטער דעם זאַק מיט בײדע הענט אַזוי, אַז דער זאַק, אַ פּאַר־בונדענער מיט צווײ חזירישע אויערן, גלאָצט אַראָפּ פון דער הייך, איבער דעם ייִדס קאָפּ. דער מייסטער מאַכט גרויסע שפּרײַז, אײַלט זיך ווי ר׳וואָלט מיט אַ מאָל זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט עפּעס פאַרשפּעטיקט. אפשר וועט ער נאָך דעריאָגן.

אין דער היים וואַרפט ער גיך אַראָפּ דעם שוס, צערײַבט זיך די שטײפע, פאַרפרוירענע הענט, וואַשט זײ מיט אַן „אוי ווײ מיר נעבעך“ און שטעלט זיך אַוועק אָפּפּרעפּלען די אָוונט־תפילה.

דאַווענענדיק, גיט ער אַ ברום צו שמחה־בונמען:

— ני, מעריב...

דער לערן־יונג האָט זיך אויך געשטעלט אין אַ ווינקל אַרײַן.

אַראָפּגעצויגן דערנאָך די קאַפּאָטע, כּדי אַרונטערצוקריכן אונטערן וועב־שטול, האָט ר׳ אבֿרהמטשע אַ פרעג געטאָן דעם לערן־יונג מיט אַ געדעמפּט קול, ווי עס איז דער שטייגער פון די טויבע:

— האָסט כאָטש געזאָגט צווײ שמונה־עשרהס? געדענקסט, האָסט נישט קאָ׳ מנחה געדאַוונט?

שמחה־בונם איז געשטאַנען אין ווינקל אַ פאַרטועגער אין שווײַגן.

## קאַפּיטל פופצן

# די מייסטערשע שיינדל

### א.

די מייסטערשע שיינדל איז אַ פרומע נשמה. אַ גאַנצן טאָג גייט זי אַרום און שיט מיט ברכות פון איר פולן מויל, ווי פון אַן איבערגעקערטן זאַק. וויפל בענטשונג זי האָט אין איר שפּייכלער, שיט זי אויס פאַראַמאָל:

— אַ געזונט אין דיינע ביינער אַריין... אַ שטאַרקונג אויף דיינע הענט... גוטע מלאכים זאָלן דיך באַגלייטן... זאָלסט געהאָלפן ווערן, צו וואָס דיין האַרץ באַגערט... זאָלסט גיין מיטן רעכטן פוס...

אַ ים מיט פרומע ווערטלעך האָט זי, די מייסטערשע שיינדל.

ווי דער מאַן האָט זי אַ הויכע, דאַרע געשטאַלט, שטענדיק אַן אָנגעקליידטע אין אַ ברייטן פאַרטעך און אין אַ באַיענער יאַקע. די הויב, וואָס איז פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ, גיט איר צו עלטקייט, כאָטש אירע אויגן לייכטן פריש; אויך אירע באַוועגונגען זענען רירעוודיקע, לייכטע, ווי ביי אַ יונגער פרוי. דאָס גלייכן אירע באַקן. זיי זענען פולער, יונגער ווי דער גאַנצער גוף, וועלכער זעט אויס אַלט־ווייבעריש, וועלקנדיק.

די ייִדענע שיינדל האָט אויף זיך געטראָגן די חתימה פון דורות ווייבער צווישן ייִדן, ווייבער וואָס היטן דעם גרויסן עול פאַרן הויז, פאַר מאַן און קינדער און פאַר אַלעם, וואָס האָט אַ שייכות צו דער ביטערער פרנסה. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט באַגינען, אפילו ווען די פראָסט האָט זיך מאָט געזילבערט אויף די אייז־אָנגעשוואָלענע פענצטער און די לופט

אין שטוב איז שאַרף שטאַר, אַז אַ נישט־איינגעדעקטן אָרעם האָט עס אַנ־געגליט ווי מיט אַ ברענענדיקן פלאַם. פינצטער איז געווען די שטוב און זי איז געווען פאַרזונקען אין געשמאַקן שלאָף פון אַרבעט־מענטשן ווען די פרוי האָט זיך געפעדערט. אין דער שטאַרק-אַריינגעדרייטער לאָמפּ וואָס האָט ווי אַ ווייטער פונק קוים־קוים געגליוערט, האָט זי פּאַמעלעך אויפגעבערענגט אַ רויטלעך צינגל. בשעת־מעשה האָט זי געפרעפּלט פאַרגרעבטע, פאַרדריי־טע ווערטער פון אַ פרום־ייִדישן שפּרוך. דערנאָך האָט זי אָנגעלייגט אַ פייער אין אייזערנעם אייוועלע, וואָס האָט, נאָכרייטנדיק אויף לאַנגע, זשאַ־ווערנדיקע רערן געשטאַרט אין מיטן פון דער שוואַרצער גרויסער קאַמער, וועלכע איז געווען סיי די וווינשטוב, סיי די ווערקשטעל.

אַ ביסל דערוואַרעמט די שטוב מיטן היימלעכן פייער, די ווייס־געפרוירענע שויבן האָבן זיך באַלד געטונקלט, האָט די ייִדענע אָנגעהויבן וועקן דעם מאַן. פּאַוואָליע צוגעגאַנגען צו אים גלייך זי וואָלט באַגערט, ער זאָל זיך נישט איבערוועקן, האָט זי קוים אָנגערירט דעם אַרבל פון זיין העמד. „אברהם, אברהם", — האָט זי געשעפּטשעט און דער מענטש האָט געכראָפּעט מיטן שפּיץ בערדל. זיין לאַנגע נאָז האָט זיך געהאָרבעט אַ שטאַרק געלע, אַן אויסגעצויגענע ווי ביי אַ טויטן. די עדערלעך ביי די נאָז-ווינקלען, וועלכע זענען בייטאָג רויטלעך, גיבן זיך איצט אָפּ מיט בלאָקייט, געפרוירענע בלאָקייט, אָן אַ סימן לעבן. אברהמטשע איז געלעגן אויסגעשטרעקט מיט צעוואָרפענע, אויסגעצויגענע הענט ווי ביי אַ דער־טרונקענעם. דאָס שטאַרק בלאַסע פנים האָט זיך דורכגעריסן דורך דער פינצטערניש, וואָס האָט זיך געקנוילט איבערן בעט. דאָס מויל, אָן אָפּנס, האָט טרוקן געסאָפּעט און ווי אַ מיעך אונטערגעבלאָזן דאָס סטאַרטשנ־דיקע בערדל.

— אברהמטשע...! אברהמטשע, שטיי אויף!

מיט פאַרפאַפּטע אויגן האָט דער ייִד זיך אַ ריס געטאָן פון געלעגער און אַזוי־אַ, אין די גאַטקעס, איז ער תיכף פון רגילות צוגעשפּרונגען צום „שלאַבאַן", וווּ עס זענען צונויפגעקנוילטע געלעגן זיינע צוויי יונגען.

— מענדל, — האָט דער ייִד פאַרשלאָפענערהייט געצויגן די פּע־רענע — מענדל, ס'עט שוין געניג זאַן!...

ווי אַ חיה האָט דער יונג אַ בורטשע געטאָן. קיין לויטער וואָרט האָט זיך נישט געהערט פון זיין פאַרלייגטער קעל, נאָר אַ בייזער כאָרכל איז געקומען פון זיינע געדערים אַרויס. תיכף האָט ער זיך אויסגעדרייט אויף דער צווייטער זייט, נאָך מער זיך איינגענורעט אין דעם איבערבעט און פאַרנומען זיך ווייטער צו שלאָפן.

אַז דער מייסטער איז אַלץ נישט אָפּגעטראָטן, געצופּט פון אים שטי־קער — „מענדל, מענדל!...״ — האָט דער זמן־יונג שוין געוואָרטשעט:

— באַאַלד!

און ווידער זיך איינגעדרייט.

נעבן דעם זמן־יונג איז ווי אַ געהרגעטער געלעגן דער לערן־יונג. שמחה־בונם איז געשלאָפן מיט אַן עול. דער ערשטער פּיפּס פון דער מייסטערשע האָט אים איבערגעוועקט, כאָטש דער מוח איז אים נאָך געווען פאַרשלאָפן. מיט הענט און פיס האָט ער זיך נאָך געצויגן צו דער וואַרעמקייט. ווען דער מייסטער איז געשטאַנען נעבן מענדלען, ב׳גוואַלד אים אַרויסגעריסן פון די צוואַנגען פון שלאָף, האָט דער אינעווייניצער נאָך צוגעקוועטשט די אויגן, זיך נישט אַ באַוועג געטאָן. אַזוי־נאָך האָט ער זיך אָבער באַמיט צו ווערן וואַכעדיק, דער לערן־יונג שמחה־בונם.

— מענדל, כ׳וועל דאָך געפּרווירן ביי דיר! שטיי שוין אויף, פּעפּער!

ענדלעך אויפגעזעצט זיך אין דער שלאָף־באַנק, האָט דער זמן־יונג זיך אַרומגעקוקט מיט נישטערנדיקע אויגן: ווי שפּעט קען איצט זיין? דאַכט זיך, ער איז ערשט אַנטשלאָפן געוואָרן — — געקוקט אויפן באַלע־באָס, געקוקט צו די פענצטער, ווי איינער זאָגט: וואָס טוט זיך דאָ? פון דרויסן האָט זיך אַהער אַריינגעגאָסן אַ געדיכטע שוואַרצקייט. פולע נאַכט האָט זיך דורכגעזיפּט דורך די פראָסט־געבלימלטע שויבן און די נאַפט־לאָמפּ בלינצלט אַזוי ווייט אָונטיק.

מענדלען האָט עס דורכגעשווידערט. פון קעלט האָט ער געציטערט אויפן גאַנצן לייב. אין זיין דערוואַכטן קערפּער האָט ווי אַ פונק פון בלי׳ענ־דיקן ווילן, זיך אויפגעכאַפּט אַ באַגער כאָטש נאָך אַ ביסעלע זיך אויס־צושטרעקן אין דער וואַרעמקייט. אגב איז נאָך זייער פרי, טרייסט ער זיך. ס׳איז נאָך צייט.

און אברהמטשע באַראַן איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין די הוילע אונ־טערוועש. די אויגן פאַרקלעפּט, די גלידער — פאַרשלאָפן — און ער שטייט און שלאָפט — און ר׳איז נישט מסוגל אויפצוהייבן אַ פוס פון דער געפּרווירענער פּאָדלאָגע. לסוף האָט ער דערשפּירט אַ שטאָך אין מוח. דער גרויסער עול, וואָס לעסטיקט אויף אים זינט די קינדער־יאָרן, האָט אים אַ שטורכע געטאָן: „אברהמטשע, געגנוג, ביסט אַ לעניוך״... דער ייִד האָט מיט אַ מאָל דערהערט (גלייך די אויערן וואָלטן אים אָקערשט איבער־אַנייס אָנגעוואַקסן געזונטע, שפּירעוודיקע), אַז ביים שכן, וואָס איבער זייַן פּולאָפּ, וואַרפן זיך שוין די וועבערישע „לאַדעס״.

„ס׳שוין אוודאי שפּעט״ — גיט ער אַ מורמל, אַרומגאַרטלענדיק די הויזן מיט אַ זעלנערישן פּאַסיק, ציט אַרויף אויף זיך די ווינטערדיקע שטעק־שיך און קריכט אַרונטער אונטערן וועב־שטול.

## ב.

הגם אין דרויסן איז נאָך שטאָק־פינצטער, האָט אברהמטשע באַראַן ש׳יין געמאַכט טאָג. אין שטוב ווערט מיט אַ מאָל ליכטיק. אָנגעצונדענע נאַפט־לאָמפּן ווערן אויפגעהאָנגען איבער יעדער קעטע. הענט און פיס באַ־וועגן זיך אין אַן איינטאָניקן ריטעם. אין דעם־אָ חלל זעט עס אויס, ווי ס׳וואָלט גאָר קיין טאָג קיין מאָל נישט געווען אויף דער וועלט. נאַכט, די נאַכט איז אַן אומענדלעכע. און אין איר צאַפּלען זיך די מענטשן. קיין טאָג וועט נישט זייַן. נישט מער, דער זמן־יונג איז אַ נישטאָל, אַן אָכלאַפּ. אין מיטן דער אַרבעט האָט ער זיך צייט גענומען צו שלאָפן. איצט, ווען אַלץ צאַפּלט, לעבט אין צאַפּל, קנעפּלט ער זיך נאָך דעם ראָספּער. דער לערן־יונג איז יאָ אַ פּלייסיקער. ער וואַרפט כסדר מיט די הענט און שיקט זייִנע אויגן דאָ אויף רעכטס, דאָ אויף לינקס: ער גיט אַכטיק אויף דער סחורה. ס׳איז גוט, וואָס ער האָט נאָך מורא צו פאַרלאָזן זיך אויף זייִנע קענטעניש, כאָטש ער האָט אַ גוטן קאָפּ. ער מוז זיך גוט אייַנאַר־בעטן — האָט דער מייסטער אברהמטשע אים אָנגעזאָגט — „אַז מע געוווינט זיך צו פון תחילת אָן צו זייַן אַ ראַיעלער בעל־מלאכה, קען מע שוין נישט פּושערן״...

און גיט שמחה־בונם אַ בליק צום מייסטער, קלינגט אים שטענדיק אין די אויערן זיין טויבער זאָג:

— שמחה־בונם, זאָלסט באַהיט ווערן צו זיין אַ גראַטשער...

ר׳ אברהמטשע האָט פון אים הנאה. ס׳הייסט — אים אַליין ווייזט ער נישט אַרויס זיין צופרידנקייט. ער פילט נאָר, אַז דער טויבער האַלט פון אים אַן עולם-ומלואו. ער האָט גוט געכאַפּט דעם פּאַרטל פון „שיסן״, פון אַריינגעמען געריסענע פעדים, פון שטראַמען די קעטע. ער מאַכט אויך נישט קיין „נעסטן״ אין דער סחורה. און נאָך אַ סימן האָט ער, שמחה־בונם: דער מייסטער בורטשעט נישט אויף אים, ווען ער פאַלט אָפּער פון אונטערן וועב־שטול, כדי אַ בליק צו געבן צו דער אַרבעט ביי די איבעריקע שטולן.

די מייסטערשע גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג און קוואָקעט ווי אַ הון. אין שטוב זינגט תמיד דער רעש. ס׳מאַכט זיך אַ מאָל, אַז זי שלוקערצט. אַ חוץ דעם קלאַפּן און קרעכצן פון די שווער־באַלאָדענע הילצערנע גע־לענדערס, הערט מען נישט קיין הויכן טריט אירן. די קינדער זענען אין חדר. דער עלטסטער גייט אין שול אַריין. ער איז אַ „סטודענט״ מיט אַ קריינדל אויפן היטל, וואָס האָט אַ בלאָען לאַמפּאַס. נאָר די מייסטערשע שיינדל לאָזט זיך הערן פון צייט צו צייט. זי גיט פּלוצלינג אַ לאָז־אַרויס אַ שאַרפן קריי, ווי אַ באַן וואָלט אין מיטן־דרינען ראַפּטעם אָנגעלאָפן אויף דער אומעטיקער שטוב. דאָס האָט זי אַזאַ מין שלוקערץ, וואָס שלאָגט איר צו פונעם מאָגן ווי אַ קראַמף. ווען נישט דער אויסטערלישער שלו־קערץ אירער, וואָלט מען גאָרנישט געוווּסט, אַז ס׳איז דאָ אַ ייִדענע אין הויז. זי זיצט אַ פאַרטוענע ביים אייזערנעם אייוועלע, וואַרפט צו שטיקלעך האָלץ, שיילט קאַרטאָפלעס, שוימט אָפּ ס׳געקעכטס אָדער וואַ־רעמט זיך, מחמת לאַנגווייליקייט, די צעדרייטע פינגער מיט די קורצע באָבע־נעגל, פאַרהאַרטעוועטע פון שויערן די פּאָדלאָגע, פון וועש וואַשן און קאַרטאָפל שאָבן. אמת, זי טוט אויך אַ האַנטלאַנג פאַר די ווערק־שטעלן. אַז מען ברויך, זעצט זי זיך אַוועק ביים שפּול־ראָד, פאַרלייגט אַ „ווינדע״ און פאַרריכט אָפּגעשאָטענע שפּולן. דערנאָך זאַמלט זי צונויף די ברעקלעך לעזע־וואָל, לייגט עס אַריין אין אַ זאַק, וועלכן זי פאַר־שטעקט אין אַ ווינקל. פון אונטער יעדן וועב־שטול קלויבט זי צונויף —

ווען די מאַנספאַרשוינען עסן מיטיק — די שטיקלעך אַראָפּגעפאַלענע וואָל, לאָזט נישט חסר גיין אַ מינדסט. אַלץ פּאַקט זי אַריין אין זעקל, וואָס שטייט וואַרטנדיק אין פאַרבאַרגענעם ווינקל. די גרויסע, אויסגעצויגענע ייִדענע מיטן ברייטן פאַרטעך און הויב ריטשט זיך אונטער די ווערקשטעלן ווי אַ קינד, וואָס איז קראַנק אויף דער ענגלישער קרענק און קען זיך נישט שטעלן אויף די פיסלעך. מיטן קלייד קערט זי אַוועק דאָס אָפּפאַל, אַבי אַריינצוקריגן אַ גראָשן. פון אָט־אָ דעם לעזע־וואָל מאַכט זי איר „קניפּל“.

עס טרעפט: דער מאַן באַקומט נישט פון פאַבריקאַנט קיין אויסצאָ־לונג. מען ברויך אָנגרייטן שבת און דאָס טייסטערל איז ליידיק. נישטאָ קיין פּרוטה ביי דער נשמה. דעמאָלט בעט אברהמטשע ביים ווייב:

— שיינדל, גיי באָרג דיר ערגעץ אַ פּאָר גילדן. מאָרגן, מערצעשעם, כ׳על קריגן אין דרויסן, וועל איך אָפּגעבן.

— אַ יישר כוח דיר, מאַנעניו... גיי, באָרג דו דיר!... — גיט זי אים „אָפּפאַרטיק געלט“.

— אַ שאָד מיר די צייט, שיינדל. כ׳בעט דיך, באָרג ביי עמעצן. — שטייט ער צו צו דער ייִדענע.

— ביי עמעצן?... — מאַכט זי אַ קרומע מינע — ביי וועמען?... כ׳פאַרשטיי דיין קלוגן קאָפּ... מיינסט מיינע פּאָר גראָשן... ניין, דאָס וועסטו נישט פּועלן... „דאָס“ רירט מען נישט... משל דיר, אַז די לעזע־וואָל וואַרפט מען אַרויס... — איז דיר שוין לייכטער אויפן האַרץ, אברהמלע?

אברהמטשעס טויבע פּנים ברוגזט זיך. אַ שאָטנדל פאַרקלייבט זיך אויף זיין הויכן, רבנישן שטערן. ער שטייט אַ ווײַלע, גלייך ער וואָלט זיך באַזינט וואָס ער האָט צו טאָן: גיין זיך ערגעץ באָרגן אויף שבת, אָדער אַרונטערוואַרפן זיך אונטערן שטול אַרבעטן. ער קווענקלט זיך און קריכט לסוף אַרונטער צו דער ווערקשטעל, וואַרפט ווייטער מיט דער לאַדע און קאָפּעט די פוסטרעטערס צו דער פּאָדלאָגע אַראָפּ. זיי שפּרינגען אויף און ער שטויסט זיי אַראָפּ. נישט מער: איצט טוט ער דאָס מיט אַ ביסל באָסט. ער האָט זיך פאַרעקשנט. ער וועט איר נישט נאָכגעבן — ער וועט נישט גיין זיך לייען אין דער פרעמד. אויב ער איז איר נישט קיין בטוח, ברויך מע נישט קיין שבת-גרייטן.

## יוסף אקרוטני

### א

שמחה־בונם האָט ביי דער מייסטערשע אַ גוט אויג. אָט זיצט זי ביים גליִענדיקן שוואַרצאייזערנעם איווועלע. די מידע הענט האָט זי פאַרוואָרפן אויפן בויך. איר שאַרפביינים געשטאַלט שניידט פלוצלינג אַדורך די שאַטנדיקייט פון דער האַלבער שטוב, וועלכע שטייט מחוץ די באַלויכטענע וועב־שטולן וואָס טרייסלען זיך אין אומאויפהערלעכן רויש. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, די יידענע, פונעם נידעריקן בענקעלע. מ׳ווערט אויך מיד פון זיצן און אַריינקוקן אין פינצטערע ווינקלען, וואָס גלאָצן מיט שרעקנדיקער וויסטקייט ווי עס איז וויסט אַן אַלטע וואַיענדיקע חורבה. אירע בליקן פאַלן אויפן לערן־יונג און אין קאָפּ טשוכעט זיך עפּעס. פאַרשפּינוועבט ווי אין דרימל איז דער מוח, אָבער ביסלעכווייז כאַפּט זיך אויף אַ מחשבה: זי האָט געטראָפן מיט אַ גוט יינגל... געלויבט צו גאָט, מ׳האָט שוין פון אים אַ נוץ.

זי שפּולט אויפן שפּול־רעדל און די הענט לאָזן זיך אַראָפּ, דער פּוס בלייבט שטיין אויפן שמאָלן טרעטער.

קאַלט און ניכטער איז באַלד איר אויג. דער טאָפּ קרויטבאָרשט צום מיטיק איז ביי איר שוין פאַרטיק, כאָטש די מאַטע ווינטער־זון איז נאָך נישט אַרויס אויפן הימל. די נאַפּט־לאָמפּן וויגן זיך נאָך איבער די וועבשטעלן. דער טאָג ביי שיינדל דער וועבערקע איז אָבער שוין גענוג לאַנג, וואָרן זי איז צייטלעך אויפגעשטאַנען. איצט קען זי אָפּטעמען. שטייט זי און באַטראַכט ערשט שמחה־בונמען, זעט אין זיינע פאַרקאָשערטע, רירעוודיקע הענט, אַז ער איז נאָך זייער יונג — אַ יינגל אין וואַקסן און דאָס האַרץ גיט איר אַן אומגערנווויליקן קנייפּ: „ס׳אַ פיין פּאַר אַ מאַמען !וואָס מוז לאָזן איר קינד אין דער וועלט אַריין!״ באותו הרגע געפינט זי אַ טרייסט פאַר זיך: איר, ברוך־השם אויך אַ מאַמען, האָט דער וואָס אין הימל באַשערט, אַז איר עלטסט יינגל זאָל ווערן אַ מענטש. ער וועט „ענדיקן״ און ווערן אַ בוכהאַלטער און אפשר, ווער ווייסט (אַז ער, ברוך־הוא וועט וועלן), אפשר גאָר אַ דאָקטער. אָט דער חלום וואַרעמט איר ס׳מאַמע־האַרץ. און די פאַנטאַזיע פירט זי אַוועק, די פּראָסטע יידענע, העט ווייט, ווייט. זי ווערט אַ באַאָרנטע פרוי, האָט דערוואַקסענע, געבילדעטע קינדער.

איר בכור גאָדל איז אַ דאָקטער. דאָקטער גוסטאַוו באַראָן... אוודאי, גאָדל קען אַנדערש נישט זיין ווי גוסטאַוו. אַז זי גייט אין גאַס אַריין, פּירט איר דער דאָקטער אונטערן אָרעם און מענטשן טייטלען זיי נאָך — מ'איז זי מקנא.

שיינדל האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די פּיס. קוים־קוים זי האָט זיך געראַטעוועט פון אַריינפאַלן אין אַ טיפן אָפּגרונט; זיך אַ כאַפּ געטאָן אין דעם ליידיקן חלל און אין זיך האָט זי אומגערן דערשטיקט אַ גאָטפאָרכטיקן קרעכץ.

דערנאָך האָט זי, ווי אַן אינערלעך אָפּגעשפּאָלטענע, אַ רעד געטאָן צו זיך: „ער וועט זיכער שוין זאָאַן הינגעריק". געמיינט ווידער שמחה־בונ־מען און טראָגט אים צו אַ גראָב שטיק ברויט מיט גריוון פון פרישן רײשעכץ.

— נאַ, עס עפּעס.

דער לערן־יונג פאַרשעמט זיך, אָבער ר'נעמט צו.

מענדל דער זמן־יונג דערקנאַסט עס. ער גיט תיכף אַ רציחותדיקן קוק אויף שמחה־בונמען און ברומט:

— ס'עט'ן שוין אַרויס באָקאָם... ס'אַ דאָרפישער ליק!

דער צווייטער אַרבעטאָרער, ניסן, וועלכער האָט ערשט קוים מיט צרות פון קליינעם שטעטל אַראָפּגעברענגט זיין ווייב און קינדער, שטעלט מיט אַ מאָל אָפּ דעם צאַפּלענדיקן וועב־שטול און גיט אַ ווונק צו מענדלען:

— דאָס דרעקל פאַרשטייט זיך נישט!... ר'עט'ס אויסבעקניען. זיין בראָך 'עט ער שוין זען שפּעטער.

שמחה־בונם איז פאַרטאָמט. ער הערט גאָרנישט. צו אים דערגייט נאָר אַ מורמלען. ער איז זיך משער, אַז דאָס מרוקעט מען אויף זיין חשבון. וואָלט כאָטש איין וואָרט צו אים דערגרייכט! מיט אַלע חושים באַנעמט ער, אַז די אַרבעטאָרערס זענען אויף אים בייז. פאַרוואָס? ער ווייסט נישט, ער פאַרשטייט נישט. עס עסן אים אַ סך ספקות. זיין גאַנצער מהות ווערט אַרומ־געכאַפּט מיט אַ פיבער פון נייגיריקייט. ווי אַזוי דערגייט ער, וואָס עס וואַרט אויף אים? עפּעס האָט ער שוין אָפּגעפילט, אַז עס איז נישטאָ קיין שלום צווישן די אַרבעטאָרערס מיטן מייסטער ר' אברהמטשע.

פּאַר שמחה־בונמען האָט דער טאָג דעריבער זיך געצויגן לאַנג, אַן אַ סוף — אַ טאָג אַ יאָר. ס׳איז אים געווען ביטער אין האַלדז. די אויגן האָבן געשניטן. דער קאָפּ איז געווען שווער אָנגעגאָסן ווי מיט צעשמאָלצן גלאָז. אין די ביינער האָט ער דערשפּירט אַ ציִעניש, גלייך ער וואָלט געהאַט שטאַרקע היץ. דאָס ייִנגל האָט דערפּאַר אויסגעקוקט, אַז מען זאָל שוין (נישט ער אַליין, נאָר אַלע, וואָרן ער אַליין איז נישט דרייסט דערצו) אַפּערקריכן פון די שטולן, כדי ער זאָל זיך קענען לייגן אין שלאַבאַן אַריין. דעמאָלט וועט אים בעסער ווערן. ער פילט עס אינסטינקטיוו. דאָס ציִעניש אין די ביינער, אין די אָדערן, וועט אויפהערן. איצט האָט ער נישט געקענט צונויפנעמען די געדאַנקען. דערצו האָט אים פלוצלינג צונויפגעקאָרטשעט אַן אומבאַגרייפלעכע שרעק און זי האָט אים דורכגעווייטיקט, ווי ער וואָלט געווען אין גאַנצן אַ בלאָטער.

שמחה־בונם האָט געשלעפּט דעם „צוג״, געשאַרט די „לאַדע״, געטראָטן אויף די „פושימל״ און נישט געוווּסט, וואָס ער טוט. נישט אַ מענטש איז געזעסן ביים וועב־שטול, נאָר אַזאַ טויטער מעכאַניזם, וואָס ווערט באַוויגן פון אַ לאַנגאַניק הויל געדעכעניש, אַז עס איז אַ מאָל געגאַנגען מיט די הענט אַהין, אַהער, און מיט די פיס — אַרויף, אַראָפּ. דעם קאָפּ האָט ער געטראָגן אויף די אַקסלען, ווי אַ הויז. אַזוי מגושמדיק און טעמפּ איז דאָס לעבן אין אים אָקערשט. געקראָכן.

שפּעט אויף דער נאַכט, ווען ער האָט געוווּנען אַ ביסל קלאָרקייט אין מוח, איז מענדלס בייזע פּנים געשטאַנען פאַר זיינע אויגן. דער זמן־יונג איז אויף אים אין כעס. ווען זיי וועלן זיך לייגן — האָט ער אָפּגע־מאַכט ביי זיך — וועט ער אים פרעגן, מיט וואָס ער האָט זיך פאַרזינ־דיקט, שמחה־בונם.

אַז ביידע יונגען האָבן זיך געלייגט אין שלאַבאַן אַריין, האָט שמחה־בונם נישט באַוויזן צו קומען צום פּסוק. ער האָט אין קאָפּ אויפגעשטאַפּלט די ווערטער, וועלכע ער דאַרף זאָגן מענדלען, פרעגן פאַרוואָס ער צערנט אויף אים, — יענער אָבער איז גיך אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ האַרטן, שווערן שלאָף פון אַן אָפּגעהאָרעוועטן.

באַגינען האָט שמחה־בונמען שוין אָפּגעלאָזן די זאָרג הלמאי די געזעלן זענען אויף אים ברוגז. נאָר שפּעטער, ווען ער האָט זיך נישט ווילנדיק

ווידער באַגעגנט מיט זייערע בליקן, האָט עס אים פון ס'ניי געגומען פּייניקן.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס?

ער האָט פאַרלוירן די שליטה איבער זיך. אָט האָט ער געוואָלט אויפשפּרינגען, וואַרפן זיך אויף זיי אין כעס און אין געוויין; באַלד זע־נען אים די הענט אַראָפּגעפאַלן אָנמאַכטיק, גרויסער שווייס האָט זיך געגאָסן איבער זיין פּנים, די פיס האָבן שלאַבעריק זיך געשטרויכלט און דער קאָפּ האָט אים אַראָפּגעשווערט ווי אַ שטיין.

דאָך איז ער בייגעקומען די שטילע נגישות, ווייל ער האָט זיך גע־שטאַרקט, ווייל ער האָט געמוזט שלעפּן דעם יאָך.

## ד.

דאָנערשטיק האָט שמחה־בונם אויף זיינע יונגע אַקסלען גענומען דריי פאַרט:יען סחורה. די שטייף־געוויקלטע לאַנגע וואָלענע קלעצער געוואַנט האָבן הויך זיך געטורעמט איבער זיין קאָפּ און זיי האָבן זיך נאָכגעשלומפּערט אין זיין גאַנג. אין גאַנצן איז ער געווען געהילט מיט דער סחורה, אַז מ'האָט אים קוים אַרויסגעזען די שטיוול, די גייענדיקע, די פרייכנדיקע. שמחה־בונם איז ערשט שוין אַליין געגאַנגען ליוורן קיין ווילקע, וועלכע געפינט זיך אין די רייכע, שיינע גאַסן. אַהיימצוועגס האָט ער אויף זיך געשלעפּט צוויי פול־געפּאַקטע זעק מיט שוס, די זעק זענען געווען צונויפגעבונדענע איינער צום צווייטן. אַז איין זאַק האָט אים אַראָפּגעצויגן צו דער ערד, האָט דער צווייטער, הינטערשטער זאַק, אים קאַפּוירגעשלעפּט. אַזוי איז ער געגאַנגען אַ צעַיואַקלטער, אַ באַלאָדענער: זיינע יונגע פּלייצעס האָבן זיך מיטגעוויגט, געבראָכן זיך אונטער דער גרויסער לאַסט.

מיט דער־אָ משא איז שמחה־בונם אין שטוב אַריינגעפאַלן אַ פאַר־סאַפּעטער מיט איין ווייטוענדיקן אַקסל, וועלכן ער האָט ממש נישט געשפּירט אַ לענגערע צייט.

פאַר דאָס האָט ער זיך דערנאָך אָפּגערוט פון וועג. דריי וועב־שטולן זענען געגאַנגען און ער, דער פערטער איז געזעסן מיט שווערע, איבעריקע

הענט, געזעסן און געקוקט הייבנדיק יעדעס מאָל אַן אַנדער אבר. ווי אַ היילנדיקע זאַלב איז די רו זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער זיינע ביינער און ר'האָט פאַרקוועטשט די אויגן. עס איז געווען אַ רו ווי אַ ווייטיק וואָס ברענט און ציט ביז אונטערן האַרץ.

שפּעטער, אַז שמחה־בונם איז ווידער אַרונטערגעקראָכן אונטער זיין וועב־שטול, האָט ער די לאַדע געשטויסן פון זיך ווי נישט מיט זיינע הענט. דער קאָפּ האָט זיך געבאָמבלט אַ פרעמדער, אַ צוגעשרויפטער.

די מייסטערשע האָט אים מהנה געווען מיט אַ מערביק קיכל:

— נאַ, פאַרזוך... מיין אייגן געבעקס.

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט דאָס יינגל צוגעשאַרט צו זיך דאָס קיכל, קאָנוווּלסיוו געוואָרפן מיט דער לאדע און געשאָקלט זיך אונטערן וועב־שטול אַזוי לאַנג, ווי לאַנג דער טויבער ראַסלער האָט זיך געוויגט איבערן אַנטקעגנדיקן ברוסט־בוים.

די אַנדערע וועב־שטולן זענען שוין לאַנג געשטאַנען פינצטערע, שטילע. אין דרויסן האָט געהודזשעט אַ פּראָסטיקע זאַווייע. אַ קרירה האָט „גענומען" נאָך האַלבער נאַכט.

דער זמן־יונג איז אַ וואַכעדיקער שוין געלעגן אין דער שלאָפבאַנק און געקריצט מיט די ציינער: אַזאַ קליינשטעטלדיקע חיה... אַזאַ קליינ־שטעטלדיקע חיה...

קאַפּיטל זעכצן

# אין אזעלכע טעג

### א.

שבת האָט אברהמטשע באַראַן זיך געשפּירט קראַנק. „אוי, אוי“, איז ער אַרומגעגאַנגען און געקרייסט ווי אַ מעוברתע ייִדענע. אַלץ האָט אים ווי געטאָן. ס׳האָבן אים געצויגן די הענט, ס׳האָט׳ן געריסן אין די פּיס. און נישט געקענט אויסהאַלטן אויפן קאָפּ. דער לאַנגער אוגערקע־קאָפּ איז אים שיער־נישט צעזעצט געוואָרן פון ווייטיק. ס׳האָט אים געטראָגן. דעם ייִד האָט אייגנטלעך גאָרנישט ווי געטאָן; ער האָט זיך אפילו נישט אַנידערגעלייגט אויף אַ מינוט. עס האָט אים נאָר געפּייניקט דאָס לײדיק גײן דעם שבתדיקן טאָג. דערפאַר האָבן אים אַזוי צעוואַקלט די געאַנטע ווייטיקן, די אייגעגערעדטע קרענק. ר׳ב אברהמטשע איז פּשוט נישט גע־ווינט צו רוען. ער איז געווען אַן אײנרייסער. קיין מאָל איז ער נישט יוצא געווען מיט דער אָפּגעטועגער אַרבעט: „אַ בראָך איז צו ב׳אים! ר׳האָט ווייניק פאַרטיק געמאַכט“, — איז געווען זיין שטענדיקע קלאָג. איטלעכע שעה לײדיק גײן האָט ער באַרעכנט ווי אַ היזק, ווי אַרויסגעוואָרפן לעבעדיק געלט. דערפאַר האָט ער דעם שבתדיקן טאָג ממש דורכגעקרענקט. די גוטע מאכלים האָט ער געזשגייעט, געדזשאַמדזשעט ווי גראָז, נישט גע־שפּירט אין זיי דעם זיסן טעם, וואָס שיינדל האָט אין זיי אַריינגעטאָן. איטלעכן טעלער האָט ער אַוועקגערוקט כמעט אַ פולן. ער האָט בלויז פאַר־זוכט. פון זיין צעקרומט, טויב פּנים האָט דאָס ווייב אַראָפּגעלייענט זיין בקשה:

— שיינדל, לאָמיך אָפּ. כ׳בין חולה...

די ייִדענע האָט שוין געוווּסט זיין קרענק. זי האָט גאָרנישט גערעדט. ערשט אויפדערנאַכט האָט זי אים געגעבן די שבתדיקע מאָלצייט. שוין אַזוי געוווינט געווען. און ר׳האָט זיך מיט איר געקוויקט: אָ, וואָ, ס׳איז מעדנים — און ער האָט געטשמאָקעט מיטן לעקער.

שבייסצונאַכטס האָט אברהמטשע זיך אויסגעהיילט „די קרענק״. ער האָט זיך רעכט אָנגעשכורט מיט אַרבעט ביז אין דער זינקענדיקער נאַכט אַריין. דאָס איבערגעשטאַנענע עסן האָט אים דעמאָלט געשמעקט.

אַנדערש איז עס געווען מיט אברהמטשע באַראַנס אַרבעטאָרערס.

## ב.

פרייטיק צו נאַכטס, נאָך דער מאָלצייט ביים מייסטערס טיש, האָט דער זמן־יונג מענדל זיך אָנגעטאָן דעם פאַלטן מיטן באַראַנקאָוון קראַגן און געלאָזט זיך „אין גאַס אַריין״. איידער ער איז אַרויס פון שטוב, האָט ער לאַנג געהאַלטן די קליאַמקע אין האַנט, עטלעכע מאָל זי אַראָפּגעדריקט, גלייך מען וואָלט זי נישט געקענט אָוועקרירן פון איר פאַרזשאַווערטן געלעגער. פאַר שמחה־בונמען איז דאָס געווען אַ צייכן, ער זאָל אַרויס־קומען אויף דער גאַס. ער וועט אויף אים וואַרטן אין דרויסן. שטענדיק אַזוי. דעם ערשטן שבת שמחה־בונמס ביים טויבן מייסטער איז עס צו־געגאַנגען אַ ביסל שווערלעך מיטן צוזאַמענטרעף צווישן דעם זמן־יונג מיטן לערן־יונג. מ׳דאַרפ׳ן צוגעוווינען ר׳זאָל געדענקען ווי זיך צו פירן ביי אַזאַ גנידע — האָט אין דעם מענדלען געברויזט דער כעס אויפן ברויטגעבער, וועלכער גייט־אויס פאַר יעדן גראָשן וואָס אַ מענטש אין ווערקשטעל קען אים מאַכן פאַרלירן צוליבן אַריבערקוקן צו אַן אַנדערן וועב־שטול, צוליבן פאַרזוימען זיך ביים משתין זיין. רק ער צאַפּלט אַליין מיט הענט און פיס אונטערן שטול, אויף וועלכן ער אַרבעט און רק ער צאַפּלט און קריגט די נכפה ווען ער באַמערקט אַז עמעצער לייגט זיך אַריבער איבער דער לאַדע פאַרריכטן אַן איבערגעריסענעם פאָדעם, אַריינ־נעמען אַ פאַרפּלאָנטערטן „גאַנג״. געוואָרפן אין דרויסן אַרויס דאָס ייִנגל האָט ער אין אים אַריינגעאַקערט, געלערנט ווי זיך צו פירן אַקעגן דעם

„טויבן חרש” און דער „בוימלפישערן”; אַוועק אַ טאָג, אַ צווייטער, אַ דריטער און ס׳ייִנגל איז ווידער „געפאַלן” פאַרן מייסטער, נישט געקענט מעיז־פּנים זיין און אַפּערקריכן פון שטול ווי לאַנג דער מייסטער איז געזעסן און „געקאָוועט”, האָט מענדל ווידער אים „אַרויספאַרדינט”, פון דאָס ביי אין אים אַריינגעאַרבעט און געוואָלט אים נעמען אויפן אייגענעם פוס. מ׳דאַרף נישט לאָזן קאַליע מאַכן די מערכה פון די אַרבעטאָרערס, וואָס מוזן פאַרדינען דעם רובל און נישט לאָזן אַזאַ שנעק ווערן אַ שטער. און ס׳ייִנגל האָט דווקא געכאַפּט די מלאכה און פאַרן ביסל פּרעסן האָט ער דעם מייסטער אָנגעשטאָפּט דעם האַלדז. גערעדט אַהין, גערעדט אַהער, נאָר פון צוזאָגן צו זיין גוט און פרום ביזן מקיים זיין איז אַ מהלך. ר׳האָט עס געוואָלט, שמחה־בונם, אָבער אַרויספּלאָנטערן זיך פון דער צו־דרינגלעכער שליטה די באַלעבאַטימס, דאָס האָט ער נישט געקענט. אַזוי זענען געגאַנגען וואָכן, די אַרבעט האָט זיך צעבערענט און אָט, אָט וועט מען דאַרפן לייגן די הענט אין קימפּעט אַריין, ווי עס איז שוין אין דער צרה־די־קער וועבעריי. איז כאַליע כאָטש דו, יאָט באַדאָסטער, האָט עס געקאָכט אין די געזעלן און פון זיי האָט עס גערעדט דורך דעם הייסגעבאָדענעם זמן־יונג.

— פּססס!

— דעע!

ער האָט געציטשעט, געוווּנקען און געפּייפט, אָבער שמחה־בונם איז טויב צו דעם.

מענדל איז געווען אָנגעדראָדלט אויף שמחה־בונמען. קיין שום נאַכט האָט ער נישט באַוויזן זיך פונאַנדערצורעדן מיט אים, כאָטש איטלעכער פון זיי האָט עס געוואָלט. אויפן געלעגער פאַלן גיך צו די אויגן, די מיד־קייט צעגיסט זיך איבער די גלידער און ס׳איז נישט מעגלעך אויפצורייסן דאָס מויל. און צו רעדן איז פאַראַן. „וואָס זאָגסטע איצעט צום מאַנ־סטער? וואָס טענהסטע צו דער מאַנסטראָוועו? אַזאַ חרש, אַזאַ בוימלדאַ־סערן!” — — פול מיט זידלרייד איז געווען מענדלס מויל און ביים איינע־וויליצער האָט דער מוח געמאָנט: „רעד, רעד”, נאָר מ׳דווינזשעט נישט. דאָס מויל מיטן מוח קענען קיין מאָל נישט פּאַרטיק ווערן צווישן זיך, צונויפצורעדן זיך. אין שלאָבאַן־בעט ווערן ביידע יונגען גיך אַנטשלאָפן.

דערפֿאַר האָט דער רוגז צווישן זיי זיך געצויגן לאַנגע, שלעפּעדיקע וואָכן.

— אַזאַ למדן! — האָט געטראַכט איינער.

— אַזאַ פּגע־רע, — האָט געטראַכט דער צווייטער און אַרויסגעמאַכט זיך פֿון יענעם ווי באַלד עס האָט אָנגערוקט אַ נייער טאָג. דער טויבער האָט געקוקט, די מייסטערשע האָט געקוקט, וואָרן אויף קוקן, פּרעסן מיט די אויגן איז באַגרונדפעסטיקט זייער פּרנסה. וועגן דעם קוקן און דעם האַרטעווען זיך אויף דעם קוקן האָט דער זמן־יונג באַלד אין תּחילת זיך געאײַלט צו באַלערנען דעם לערן־יונג.

ג.

עס איז געווען דעם ערשטן פֿרייטיק צו נאַכטס שמחה־בונמס ביים מייסטערס טיש. מענדל האָט עטלעכע מאָל געווונקען צו אים. דער אינעוולי־צער האָט זיך פֿאַרלוירן. די מוציא איז׳ן אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער האַנט. דער ביסן האָט אים געשטיקט. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מענדל איז אים מחנך נישט צו עסן ביים מייסטער, און ער עסט. אוי, ער קויפֿט זיך איין אַ שונא. האָט דאָך מענדל יאָ געגעסן, פֿאַרוואָס זשע זאָל עס אים זיין געשטערט? דער זמן־יונג האָט נישט אויפֿגעהערט צו מרווישן מיט די אויגן, ר׳האָט געווונקען צו דער טיר. אין זיין תּמימותדיקן קאָפּ האָט געראָיעט אַ קנויל פֿון אויפֿגעבלאָזענע געדאַנקען. איינצייטיק האָט אים געפּייניקט דער עלנט, למאַי ער איז אויסגעוואָרפֿן פֿונעם טאַטנס היימלעכן שבת־טיש מיט דער מאַמעס טעמעוודיקע געריכטסן. און דאָ פֿאַרמאַטערט אים נאָך אָט דער מענדל. וואָס ווינקט ער, וואָס טרייבערט ער אים די אָדערן? זאָל ער ליבערשט זאָגן הויך, אויפֿן קול, וואָס ער האָט צו אים? אין דעם יינגל וועקט זיך אַ כעס אויסגעמישט מיט הכנעה פֿאַרן גורל, וואָס האָט אים אַזוי שפּל געמאַכט.

נאָכן מייסטערס טרוקענעם „בענטשן״, וואָס האָט אַזוי אומהיימלעך געגריזשעט אין די געהירן, איז שמחה־בונם געבליבן זיצן ביים טיש מיטן קאָפּ אין די האַנטפֿלאַכן. ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. אין דער אמתן וואָלט ער זיך געווונטשן שוין איצט אַנידערצולייגן

דאָס זעקל ביינער, אויסצורוען זיך, גוט אויסשלאָפֿן. ער איז אַזוי צעלאָ־מיעט. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען זיך ס׳געלעגער, אַז דער מייסטער מ־טן ווייב זענען געבליבן זיצן ביים טיש געבוקט, ווי דרימלענדיקע הינער, איינס קעגן דעם אַנדערן. ער וועט דאָך נישט גיין אַלץ אַראָפּוואַרפֿן פֿון שלאַבאַן, וואָס דינט פֿאַר אַ טיש. והשנית וויל ער נישט זיין דער ערשטער, וואָס וועט קריכן שלאָפֿן. אַ פֿעפֿער פֿון אַ יונג, וועט מען זאָגן, אַ פֿרעסער, נישט קיין ייִדיש אָדער אין זיך. זיצט ער דערפֿאַר אַן אָנגעַ־מלאכהטער און פֿילט נישט, ווי עס קאָכט אין יענעמען. דער זמן־יונג שטייט אַלץ ביי דער טיר, זוכט כלומרשט אין די קעשענעס, קנעפּלט זיך צו דעם פּאַלטן, צעשפּילעט אים ווידער און פֿלינדערט לסוף אויס אויך זיינע הויזן־קעשענעס. ער טוט עס מיט באַשיימפּערלעכער רוגזה און בורטשעט. ער געפֿינט כלומרשט נישט דאָס, וואָס ער זוכט כדי צו קע־נען אַרויסגיין. דער טויבער זיצט שוין ווידער אַ פֿאַרמעקעטער — אויפֿגעכאַפּט זיך ווי צו דער אַרבעט! — און שאַרט צונויף מיט אַ מע־סער די קרישקעס פֿון דער אָפּגעגעסענער מאַלצייט. בשעת־מעשה ברומט ער עפּעס אַזאַ מין ניגונדל. ציִענדיק לאַנג אָט דעם געמורמל ווערט ער אומגעריכט אַנטשוויגן. אַ האַרטע שטומקייט בלייבט פֿאַרקלעמט אין חלל. דער טויבער נעמט וויגן מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט אַריינגעפֿאַלן אין אַ פֿרישן דזשים. און שלאָפֿן איז ער גרייט שטענדיק, ווען ער זיצט נישט ווי אַ צאַפּלמענטש ביי דער לאַדע, וועלכע גייט ביי אים אַ משוגענע אַרויף, אַראָפּ, ר׳איז גרייט זי צו צעטראַגן. מענדל מאַכט זיך נישט זען וואָס עס טוט זיך ביים טיש, ער קנעפּלט אַלץ, קנעפּלט אַ פֿאַרטוענער און הערט נישט אויף צו בורטשען. לסוף צעפּייפֿט ער זיך מיט די אויסגע־שנאָבלטע, שקאַצישע ליפּן. שמחה־בונם האָט נישט פֿאַרשטאַנען אַז די אַלע „סיגעס״ מענדלס זענען צוליב אים, ער זאָל זיך אומקוקן, ר׳זאָל זיך אָנשטויסן וואָס ער מיינט.

דער זמן־יונג האָט מער נישט אויסגעהאַלטן שמחה־בונמס פֿאַרטאַמט־קייט און אַ רוף געטאָן:

— דע, קים נאַר!

כאָטש יענער האָט נישט אָנגערופֿן זיין נאָמען, האָט שמחה־בונם זיך אומגעקוקט. ער האָט זיך געוווּנדערט אויף מענדלס צוגעלאָזנקייט צו אים.

דער איז אַ גאַנצער אויסטויגער צווישן די געזעלן, אַ דרייסטער אין שטוב און ער, דער אינעוווליצער, איז פרעמד דאָ, אַלץ קוקט קאַלט אויף אים.

איבערגעקוקט זיך, האָט שמחה־בונם באַנומען וואָס יענער איז אויסן און באַנאַנד זענען זיי אַרויס אין אָוונט אַריין.

עס איז געווען פינצטער און דער פראָסט האָט צוגעסווישטשעט ווי אויף פלייטן, רעוועגדיקע, רייסנדיקע. אין פאַרבלאָזן, טונקעלן הימל האָבן געמיניעט איינצלנע שטערן. נישט ווו, נישט ווען האָט דורך אַ דינער שפּאַרע זיך אַרויסגעריסן אַ שפליטער הימישע, וואַרעמע ליכטיקייט. די שמאָלע פעפער־גאָס איז בלינדלעך ווי מיט ברילן באַלויכטן פון די אייז־באַדעקטע פענצטער־שויבן — אַרום איז אויסגעשפּרייט פינצטערניש און שרייַיקער נאַקעט. די ערד אונטער די פיס איז שוואַרץ און אויך גרוביק. די אייביקע בלאָטעס זענען געלעגן פאַרשרומפּן, פאַרהאַרטעוועט.

— ביסט אַן אויסטערלישער יאַט! — האָט מענדל אויף דער גאָס אַ שינד געטאָן דאָס שוויגן, וואָס איז שטייף געשטאַנען צווישן אים און דעם לערן־יונג. דעם אינעוווליצער האָט איבער די אויערן־הייטלעך אַ ריס געטאָן דאָס לשון פון דעם וועבערישן קרופּניק־יונג. דו זעסט דען נישט — טראָגט זיך יענעמס אָנגעכמורעטע קול — ווי מע באַדאַרף זיך פירן אין ווערקשטעל? ס׳זענען פאַראַן דריי פרעמדע מענטשן: איך, ניסן און דו. אַז מען אַרבעט, אַרבעט מען. נאָך דער אַרבעט באַדאַרף מע נישט זיצן אויפן מייסטערס פּיעקעליק. נאָר נישט אָנקוקן זייערע פּרצופים. מיטן אַרבעטאַ־רער דאַרף דער מייסטער נישט ווערן קיין שמעלקע. דעם אַרבעטאָרער קאָסט דאָס שטענדיק טייערער. דיין טובה איז דער מייסטער נישט אויסן. זייער גוטסקייט איז גנבה, גזלה. אַ גוטער מייסטער איז אַ האַרץ־גנב, אַ בלוט-זויגער אָפּענערהייט אָדער אונטן אַרומעט; אַ שלעכטער מייסטער איז אַ פראָסטער גנב, אַן אָפענער רוצח. ביידע זענען דיר פּיאַווקעס, טוען דיר גאָרנישט קיין לאַסקעס... מעגסט מיר גלייבן, שמחה־בונם... אמת, אַזוי הייסטו? די צרות, וואָס גייען אויף דיר, האָב איך שוין דורכגעמאַכט, דו, שמחה, ברויכסט זיך פון זיי אויסהיטן, פאַרקוקן זיך אויף אונדז: אויף ניסנען און אויף מיר. אַז מיר ביידע גייען אָפּער פון די שטולן, בלייבסטו נאָך אַרבעטן. דער טויבער חרש מעג שטענדיק זיצן; ער מעג איינגעזונקען

ווערן אונטערן שטול. אונדז באַדאַרף עס נישט אָנגיין.אַרבעטאָרער ברויכן זיין איינס...

שמחה־בונם טאַמלט. וואָס איז ער שולדיק? ער וויל זיך פאַרענטפערן, זאָגן אַ וואָרט. דעם מענדלען וועט ער געבן צו פאַרשטיין, אַז ער, שמחה־בונם, איז נישט מענדל. ער, מענדל, איז שוין אַ גוטער אַרבעטאָרער; זיינס קען ער זיך פאַרדינען אומעטום. ער האָט אוודאי ערגעצוו אַ היים, אויב ר׳בלייבט אָן אַ שטעל. מיט אים איז עפּעס אַנדערש. ער איז אויף דער לער, אין דער פרעמד. ער האָט נישט ווו־איין, ווו־אויס; אויב ער פאַרלירט דעם מייסטערס שטוב, בלייבט ער אויף דער גאַס. ר׳האָט צומאָל נישט קיין באַקאַנטע. וואָס וועט ער טאָן, אויב עס וועט אים אויסקומען צו בלייבן אָן אַלעם? ער וועט זיך וואַלגערן ווי אַ וויעכעטש ביי אומבאַקאַנטע שוועלן, נישט אמת, מענדל? דאָס יינגל קען אָבער נישט דאָס מויל פונאַנדערעפענען. דער זמן־יונג פאַרפלייצט אים מיט זיין שניידיקן גערייד.

— מיין נישט, אַז דער טויבער איז אַזאַ צדיק... — זאָגט מענדל. — לערן־יונגען האָבן שוין ביי אים געהאַט טאַבעק צו שמעקן. ביי דיר איז עס ערשט דער אָנהייב. וואַרט צו. וועסט זעען אַ ביסל שפּעטער. ער וועט שוין אַרויסשטעלן דאָס חזיר־פּיסל. אַ שטיקל ברויט וועט ער דיר קאַרגן. שוין היינט שלעפּסטו די גאַנצע סחורה קיין ווילקע. ברענגט זיך איין אַ פּאָר פּאַרטיי. ער אַליין, דער טויבער גלאָמב, פלעגט טראָגן נאָר איין פּאַרטיי, אויף דריי פּאַרטיען האָט ער שוין גענומען אַ ריסאַרקע. איצט האָט ער דיך געמאַכט פאַרן פערד... וואַרט, וואַרט, ס׳עט זיין נאָך אַ גרעסערע בראָך צו דיר!

דער זמן־יונג האָט געשאָטן זאַלץ אויף זיינע ווונדן. אים דאַכט זיך: ס׳האָט׳ן אָפּגעגליקט; ער האָט אַריינגעטראָפן צו אָרנטלעכע מענטשן. ער וועט זיך ווי עס איז דורכשוואַרצן די שווערע צייט. און דאָ האָסטו דיר מענדלס נביאות... ביי שמחה־בונמען זענען אָפּגענומען געוואָרן הענט און פיס. ער וואָלט כאָטש וועלן אַ הויכן שריי טאָן: „געוואַלד, גזלנים!... ראַטעוועט!...“ דער געאַנטער געשריי איז אים אָבער געבליבן שטעקן אין דער קעל. די אויגן זענען אים אַזש איבערגעגאַנגען. ער קנייטשט דעם שטערן, רייבט אים מיט אַ שלאַבעריקער האַנט, ווי ר׳וואָלט חשק געהאַט

אויף אַזאַ אויפֿן אָפּצווווישן דאָס בייז, וואָס האָט אָקערשט זיך אַריינגעגראָבן אין אים.

ער איז אפשר געדעכט — טראַכט שמחה־בונם — און אפשר, קלערט ער, איז דער אַ נישט־פאַרגינער: ער זעט, ר׳האָט אַ געלענק צו דער מלאכה, די מייסטראָווע האָט אים גערן; זי וואַרפֿט אים צו אַ ביסן, אַ קיכל, און אפשר...

סוף־כל־סוף וויל ער אָנהייבן רעדן, פרעגן מענדלען סתם אָן עצה וואָס ער וואָלט געטאָן, אויב ער אַליין וואָלט געווען אויף זיין אָרט: נישט גע־האַט ווו איין, ווו אויס, נישט געקענט זיך פאַרדינען אַ ביסן ברויט. און בינו־לבינו גייט אויף אין שמחה־בונמען אַ קוואַל טרערן און זיי קרעלן אים אין שלונג.

קענטיק, דער זמן־יונג האָט׳ס דערשפּירט.

מיט אַ מאָל האָט מענדל אָפּגעהאַקט ס׳געדעכץ. ער איז געגאַנגען נעבן דעם לערן־יונג אַ רויקער, גלייך ר׳וואָלט אָקע־מ׳זעט פאַרגעסן, אַז ר׳האָט׳ן אויסגעמוסרט, געזאָגט טכאָכע: אָזוי טו, אָזוי גיי. און אפשר האָט אים גאָרנישט געאַרט, וואָס ר׳האָט די גאַנצע בייזקייט אָנגעהאָנגען אָנעם יינגל. און ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען נעמט ער קנאַקן באַ־ניעקערן און איז מהנה אויך שמחה־בונמען:

— האָסט ליב? נעם אַ פּאָר! — און ער שטופּט אים אין דער האַנט אַריין אַ פולע זשמעניע.

זיי זענען אַרויס אויף אַ גאַס, וועלכע איז שוין באַלויכטן מיט קאַנ־טיקע, נידעריקע לאַמטערנעס וואָס שפּרייטן אַרום זיך אַ קאַרג גרינלעך ליכט. אין דער־אַ גאַס זעט עס איצט אויס ווי דאָ וואָלט זיך אַוועקגע־שטעלט אַ פּאַרטונקלטער שפּעט־זומערדיקער בין־השמשות. שטיל און בלינצנדיק מילד קוקט אַלצדינג. בלויז די פראָסט דערמאָנט אינעם ווינ־טער וואָס שניידט, צופּט אויס די באַקן, שטעכט אין די אויערן. דער ווינט וואָס האָט זיך אין מיטן־דערינען פון ערגעץ־דאָ אַריינגעדרייט יאָגט נאָך די צוויי וועבער־יונגען הינטערווייַלעכטס, טרייבט זייערע קאַפּאָטעס, בלעזלט אויף די טוכענע היטעלעך.

אַקעגן דעם גרינעם דעמערשיין דאָ, האָט שמחה־בונם זיך דערוועגט צו דרייסטקייט. דאָס פּלוצלינגע חולשות האָט אים אָפּגעלאָזן. ער האָט דערשפּירט אַ ביסל כּוח אין זיך:

— וואָס ברויך איך טאָן, מענדל?

ער איז אַריינגעפאַלן אין יענעמס פאַרטועונקייט מיט די קערלעך, אָבער דער, מיט אַ פול מויל זיסלעך־האַרבן טייג, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וואָעס טיִען?... טיִען? ברויכסט גאָרנישט אָפּערגיין פון וועב־שטול! זאָלסט זען נושא־חן צו זאַאָן באַם חרש! — שטיקט ער זיך שוין מיטן חוזק — אַ קאַלב דאָס איז, — האָט ער זיך צעברומט — ר'מיינט, אַז מיטן קריכן וועט ער עפּעס אויפטיִען.

מיט באָסט האָט ער געוואָרפן גאַנצע זשמעניעס קערלעך אין מויל אַריין, האָסטיק זיי געקנאָטן פון באַק צו באַק, געשפּיגן און נישט געפינען מער אַ וואָרט פאַרן מיטגייער.

שמחה־בונם איז שוין ווידער אָפּגעקלאַפּט. ער וועט שוין גאָרנישט פרעגן.

ער האָט געשפּירט: די קעלט באַפאַלט אים.

## קאַפּיטל זיבעצן

# װעבערס האָבן צו דערציילן

### א.

אויף צו מאָרגנס האָט מענדל געפירט דעם לערן־יונג צו ניסנען, דעם באַװייבטן געזעלן.

פונקט װי אין דער װאָכן איז ניסן אויך אום שבת אַרומגעגאַנגען אין דעם אָפּגעטראָגענעם פּאַלטן מיט די אויסגעשטופּטע, געלאַטעטע עלנבויגנס. מחמת קעלט איז ער אויך אין שטוב אַרומגעגאַנגען מיטן אויפגעשטעלטן סאַמעטענעם קעלנערל פונעם אייבער־בגד.

אין ניסנס פּאַציאַטל האָט זיך נאָך געהערט דער שאַרפער ריח פון צוגעברענטן טשאָלנט. דאָס ציגלנע אײװעלע אין װינקל פון שטוב האָט געשריגן מיט אָפּגעשיילטן קאַלך, מיט נישט־דערװאַרעמטן ליימיקן אינגעװייד. די שייבלעך פון דעם איינציקן פענצטער זענען געװען פאַרפרוירן, נישט געבלימלט, נאָר גראָב פאַרפאַנצערט מיט איינגעגעסענעם פראָסט־שניי, װאָס האָט זיך געבלאָעט אַקעגן דעם טאָג־שיין.

ניסן איז נישט בלויז דער קלוגער צװישן די געזעלן, ער איז אויך אַ גוטער. דערזען די װעבער־יונגען האָט ער זיך מיט זיי דערפרייט. ער האָט אויף דער געשװינד אָפּגערוקט אַ הילצערנע באַנק פון אונטערן טיש און געבעטן זיצן.

— אַ שאָד, — האָט ער גאַסטפריינדלעך זיך געאיילט כאָטש מיט אַ װאַרעם װאָרט — װאָס ס'איז שוין נישטאָ קיין טיי.

ער שפּירט זיך אומבאַקוועם צוליב דעם, האָט נישט ווו אַהינצוטאָן זיך מחמת ס׳פעלט אים כיבוד פאַר די אַריינגעקומענע. ער קוקט אויפן וויבל און פאַרלירט זיך אויך פאַר איר.

— אפשר ׳עט מע לאָזן פייערמאַכן? — רופט זיך אָן דאָס וויבל וואָס זיצט, מחמת קעלט, אין בעט באַנאַנד מיט די קינדער. — גיי, רוף די גויע! — בעט זי דעם מאַן און די קינדערלעך רוקן די פויסטלעך אין די צעעפנטע מיילער אַריין, קוקנדיק שעמעוודיק דאָ אויפן פאָטער, דאָ אויף די געסט.

ניסן, אַ קליינער, אַ מאָגערער מיט אַ גרויסן שוואַרצן קאָפּ, ווי איינס וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעשלאָגן פון דער ענגלישער קרענק, גיט זיך אַ מאָדנע הייב און טוט אַ גיי ווי אַ באַוועגטער טינטפלעק. עס געדויערט נישט לאַנג און ער ברענגט נישט אַ גויע, נאָר אַ גויטשיקל, וועלכער לייגט אָן אַ פייער אין אייוועלע.

— אַן עבירה, כ׳לעבן! — זאָגט מענדל זעענדיק ווי מ׳גיט דעם שבת־גוי אַ שטיק חלה — איך וואָלט אויך געקענט פייערמאַכן.

— און אוודאי וועלוועלער, — שמייכלט ניסן און ער נעמט זיך פאַרען אַרום טיש, אַרום אַ נידעריק קעסטל מיט באַמבלענדיקע קייטעלעך וואָס איז דאָ אַ שטיק מעבל, אַ שענקל פאַר גלאָזוואַרג, פאַר קליינע שקאַרמיצלעך און פודעלעך וואָס פאַרפולן אַן אָרעמע באַלעבאַטישקייט.

— גייט שוין, גייט! — האָט פאַראיבל ניסנס ווייב — מאַכט נישט אַזעלכע געלעכטערלעך. מע זאָל באַהיט ווערן... אַ ייִדיש קינד זאָל אַזוינס רעדן.

— נישט קיין געלעכטער, — מאַכט מענדל. — איך מיין אויף אַ רעכטן אמת. וואָס, ס׳עט דען עפּעס אָפּקומען פון מיר, אויב כ׳וועל פייער־מאַכן? אָט גיט מיר אַ שוועבעלע, וועל איך אָנצונדן די לאָמפּ. — גיט זיך מענדל אַ כאַפּ אויף פון דער באַנק, צו באַווייזן, אַז עס איז נישט בלויז מויל־מלאכה.

— ניין, ניין... נישט ביי מיר אין שטוב. גאָט באַהיט! — קריגט דאָס וויבל מורא — כ׳זאָל נאָר נישט געשטראָפט ווערן מיט אַזאַ זינד! נישט הינע געדאַכט — האָט זי באַלד אַ מעשה — האָט אַ ייִד ביי זיך אין שטוב אום שבת געלאָזט עמעצן מאַכן אַזאַ לצנות און מע האָט אָנגע־

ליגט אַ פייער. צומאַרגנס, טאַקע באַלד צומאַרגנס, האָט דער באַלעבאָס פון דער דאָזיקער שטוב, נישט הינע געדאַכט, פאַר קיין שום ייִדיש הויז געדאַכט, צעבראָכן אַ האַנט... טפו, טפו, טפו!

— אָן דעם וואָלט ער אוודאי איבכעט די האַנט צעבראָכן. באַשערט געוועזן אַן אומגליק, איז עס געקומען אַזוי אַרומעט. — לאָזט זיך נישט מענדל.

— זעסטו, — רופט זיך אָן ניסן — און דעם טויבן אברהמטשע איז גאָרנישט באַשערט אַזאַ „גליק".

— וואָס ווילט עץ? — מישט זיך אַריין דאָס ווייבל — ער איז אַן אָרנטלעכער ייִד, ר'היט אָפּ ייִדישע געבאָטן. וואָס צו גאָט, איז צו גאָט און וואָס צו לייט, איז צו לייט. ער דאַוונט, ער וואַשט זיך צום עסן, בענטשט און אַרבעט ווי אַ ייִד.

— אַ ייִד איז ער? — איז ניסן נישט מסכים מיטן ווייב — אַ מער־דער איז ער, אַ קורח איז ער... געלט איז אים בילכער ווי ס'ייִדישקייט. אַ שאָד, אַזעלכע ייִדן מאַכן קאַליע ברויט אויף דער וועלט.

— בעט נישט אויף קיינעמס סוף, — מוסרט אים דאָס ווייבל. — אויף יעדן הונט קומט זיין סוף. דער רבונו של עולם שענקט נישט קיינעם. יעדער קריגט זיין חלק.

— דערווייל שיט ער אָן גראָצאַמעס גאָלד, דער טויבער חרש. אַ פאַבריקאַנט וויל ער דאָך ווערן, דער קניקער. ער פאַרגינט זיך נישט דאָס עסן און אונדז פאַרפייניקט ער: נאָך, נאָך... וויפל „שמיץ" מע מאַכט אים פאַרטיק, האָט ער ווינציק. דאָס בית־הקברות וועט אים זיין צו קליין, דעם מנובל... ר'יאָגט אַרויס פון אונדז דעם דעך און זשאַלעוועט אַ שטיקל ברויט.

אויך מענדל קען זיך נישט שענקען, הלמאי ניסנס ווייב זוכט זכותן פאַרן טויבן. מיט אַ מאָל האָט ער אַרויסגעשאָסן אַ פול מויל כעס אויפן מייסטער און האַסטיק זיך אויפגעשטעלט. אַ היץ האָט אים באַשלאָגן.

— אוודאי איז ער אַ קניקער. ר'עסט אָפּער פון הינטער זיך... — באַמקעט צו ניסן און ער האָט משמעות הנאה, וואָס מען פרעגלט דאָ דעם שלעכטן באַלעבאָס.

שמחה-בונם זיצט אַן איינגעשרומפּענער אין זיך. ער וואָלט געמיינט רייך, ווען ער אַליין וואָלט דאָ טויב געוואָרן. עלעהיי ער וואָלט זיך נישט צוגעהערט די אַלע נבזהדיקע זאַכן. ער וואָלט אפשר נישט אַזוי איינגע־ביסט דאָס לעבן. שיינע פאַרגעניגנס האָט ער דעם היינטיקן שבת... וואָלט ער ליבערשט געגאַנגען אין מאַרק אַריין, אָנגעקוקט די שיינע שיל ביים סטאָוו; ער וואָלט אַהינצו זיך אַריינגעכאַפּט, מיט די אייגענע הענט גע־עפנט די הערלעכע טירן מיט די קאָלירטע מגן־דודן. אַ שאָד די אומ־זיסטע באַלעמיסטווע, אַ שאָד.

ער האָט דערשפּירט אַ וואַרעמקייט הינטער זיינע ווינעס, אַ פייכטלעכע וואַרעמקייט. אָבער ער וויינט נישט. ס'איז אים אפילו נישט איינגעפאַלן צו וויינען. פאַרוואָס? נישט ער הונגערט, נישט ער וואָלגערט זיך אין גאַס. ער איז אַריינגעקומען צו אָרנטלעכע מענטשן. נישקשה, ער וועט זיך טויגן און אים וועט קיין עוולה נישט געשען. מען מעג רעדן אויף אברהמ־טשען וויפל מען וויל — אים אַרט עס נישט. „מע דאַרף זיך נישט מיאש זיין", — דערמאָנט זיך אים דעם טאַטנס אייביקע ווערטל, וואָס ער פלעגט זאָגן צו דער מאַמען אין אַן עת־צרה. — „ס'עט נאָך גוט זיין און וויל־זיין, חנה־רויזע..." און אין די אויערן קלינגט אים ר' משה אינעוויליצערס קול, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט אַזוי פיל האַרץ און פאַרבאַרגענע טרערן. אויף די שפּיגלען פון שמחה־בונמס דמיון איז איצט אָנגעשווומען די אַ ביסל פאַרוויינטע היים אין גראָשן־געסל. דער טאַטע מיט די פאַרמעליקטע שטיוול און וויס־פאַרשטויבטער באָרד, די באָרד, וועלכע מאָלט שטאַרק אונטער זיינע טיף־שוואַרצע, גלאַנציקע אויגן, וואָס זענען אי גוט, אי בייז. עס ווענדט זיך, ווען דער טאַטע קוקט. אָקערשט איצט זענען דעם טאַטנס אויגן מילד, וואַרעם. זיי פינקלען מיט אַ ליבלעך פייערל. זיין וואָרט צו דער מאַמע איז אויך אַ ליכטיקס, אַ געמיטלעכס. אַרום האַרץ ווערט אַזוי פול, פול פון דעם טאַטנס מיושבדיקע רייד נאָכן שבתדיקן שלאָף. דאָס גראָשן-געסל ליגט אַ געלאָסנס צווישן די אַרומיקע פעלדער. אפילו די זעק־קאָמער דרימלט אַ געלאַסענעם דרימל. קיינער טרעט נישט אַריבער די שוועל פונעם שפּייכלער. געצעלע איז שוין אַ גרויס בחורל. דער טאַטע פאַרהאָרכט אים די סדרה פון דער וואָך. גראָד גייט דאָס חומש „בראשית". און אים זינגט אויף דער ניגון פון חומש־לערנען, וואָס געצעלע חזרט אי־

בער פֿאַרן טאַטן: בראשית — אין אָנפֿאַנג — ברא — האָט באַשאַפֿן — אלהים — גאָט: אין אָנפֿאַנג האָט גאָט באַשאַפֿן את הא־א־ארץ — די ערד...

— נייק, נייק — וועקט ער זיך — ערשט גייט ו י ק ר א. — ער פֿאַרבייסט די ליפּן און אין אים צעהילכט זיך אַ פֿאַרשטומט קול:

— ויקרא — ער האָט גערופֿן — אל — צו — משה — צו משהן — וידבר ד׳ — און גאָט האָט גערעדט — אליו — —

ער איז געווען פֿאַרטראָגן ווייט, ווייט, אַזש אין דעם חומשדיקן געסל פֿון זיין היים. טאַטע־מאַמעס שטוב איז געווען באַווירצט מיט די ריחות פֿון שבת־קודש. גאָר פֿלוצלינג איז ער אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון די דמיונות. די גאָלדענע פֿעדים האָט איבערגעהאַקט מענדלס פֿאַרשייט געשריי:

— און מע האָט אים אָנידערגעלייגט, דעם אכזר!...

— ס׳נאָר ווינציק פֿאַר אים! ער באַדאַרף ליגן און „אָפּרופֿן" פֿאַר אַזעלכע צרות. אַזוינס זאָל אַ מענטש אָפּטאָן! — איז אויך דער שוואַרצער ניסן אַריין אין ברעז. — מ׳האָט אים באַדאַרפֿט הענט און פֿיס צעברעכן און נישט בלויז מאַכן די קוליע!... אַזאַ מערדער! — און דער לערן־יונג דערזעט ווי דער וועבער־געזעלן קען נישט שטילן דעם דערוועקטן גרימ־צאָרן אין זיך.

— הער שוין אויף, ניסן. רעד נישט קיין פּראָסטע רייד. ווי מעג מען אַזוינס? קליינוואַרג, ס׳פּאַסט נישט. עס זיצט דאָ אַ יינגל.

אין זינען האָט זי געהאַט שמחה־בונמען, כאָטש ער האָט זיך נישט געלאָזט אָנזען. ר׳איז געזעסן אָן אַ זייט און געשוויגן ווי אַ שטיין, אַזש זיין אָנגעמרוקעטקייט האָט אָנגעוואָרפֿן אַ מרה־שחורה. נישט ווילנדיק האָבן די מאַנספּערשוינען צעוואַרעמטע זיך אַרומגעקוקט, האָבן געזוכט ס׳יינגל. זיי האָבן אים געהאַט פֿאַרגעסן בשעתן געטומל.

— שאַדט נישט. זאָל ער אויך וויסן, אין וואָס פֿאַראַ הענט ער איז אַריינגעפֿאַלן, — מישט זיך אַריין מענדל. — זאָל ער נישט טאַפּן אין דער פֿינצטער. וואַרט׳ס, האָט׳ס געדולד, מאַכט ער און ער פֿאָכעט מיט די הענט, ווי ר׳וואָלט געוואָלט מיט זיי אויסראַנגלען אַן אָרט פֿאַר זיין גערעכ־טיקער טענה.

שמחה־בונם איז געווען געפּלעפּט. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מ׳וויל אים דערדריקן. דאָס האַרץ האָט אים פֿאַרקלעמט. אין קאָפּ אַ טומל

ווי אין אַ פּוסטן שייער, אַן אַוועקגעשטעלטן אינדערמיט פון משוגענע וואָ־יענדיקע ווינטן. וואָס עס איז פּלוצלינג דאָ געוואָרן אין מיטן שמועסן, פאַרוואָס ס׳קאָכעניש צווישן די פּאָר אירע — דאָס האָט שמחה־בונם נישט תופס געווען. מענדל האָט זיך צעשריגן, ניסן געוואַלדעוועט, ס׳ווייבל פאַלט זיי אַריין אין די רייד, עס צישעט אַ באָסט, ס׳ווייַנט בלוטיקע מענטש־לעכע עוולה און אים, דעם אינעווליצער, שווילט אויף דער מוח פון דעם, די אויערן־לעפּלעך וויטיקן, גליִען.

ער האָט געשפּירט אַ משא אויף זיך, אַ פרעמדע משא און דאָס זיצן איז געוואָרן מאָדנע אומבאַקוועם. ער האָט אראָפּגעלאָזן די אויגן, די מענטשן האָט ער נישט געקענט קוקן אין די פּנימער אַריין. אין רוי־טע וואָלקנס האָט די ווינטער-זון זיך געלאָשן און גיך אַריינגעבראַכט דעם אָוונט אין שטיבל אַריין. דאָס פייער אין איוועלע האָט נאָך בלאָס געטליִעט; דער טשייניק האָט דיִן געזונגען מיט רויטלעכער עמאַליע און איינגעוואַרעמט דעם שפּעטן פאַרנאַכט. פּלוצלינג, ווי פון דער פינצטער־ניש, איז איינגעקלעמט געוואָרן דאָס געשריי. די שטילקייט האָט אַזש געאַרט.

אין פּאַציאַטל האָט זיך שאָטנדיק געשפּרייט דאָס אומגעריכט לעס־טיקע שווייגן. די קינדער האָבן זיך אומרויִק געדרייט אין בעטגעוואַנט, געווען נאָענט צו געווייך. אויך ניסנס ווייבל האָט געבענקט נאָך היימ־לעכקייט. די שטילקייט, וואָס האָט זיך געדושעט צווישן די אַרומזיצנ־דיקע, האָט אויף איר אָנגעיאָגט אַ מורא. זי האָט געקיפּלט דעם מאַן:

— ניסן?... ניסן! — און מיט די הענט געזוכט אים אין דער פינצ־טערניש.

— זאָגסטו עפּעס?

— שייך נעמסטו אויף דיינע געסט...

— אַ דאגה! ס׳זענען דאָך היימישע. — און צוגעגעבן שאַרנדיק מיט די הענט אַרום זיך ווי ר׳וואָלט געוואָלט געפינען עמעצן אין דער נאָענט:

— אַ צווייט מאָל וועט מען אויסבעסערן.

און ווידער גליווערט די שטילקייט צווישן די אויפגעקנוילטע אומ־רויִקע לייט אין דער טונקל.

— רעד כאָטש עפּעס, — בעט זי זיך פלוצלינג — שמועס מיט די יונגע מענטשן.

— מ׳עט שוין שמועסן.

— ס׳איז אַזוי אומעטיק.

— מאַכן דיר היימלעך? שעם זיך! די קינדער זענען קליגער פון דער מאַמען. ס׳אי׳ מיר פּזשיקרע! — שפּעט ער פון איר. — אפשר זאָל עך טאַנצן?

— אוי, טאַנצט זיך! אַז מ׳האָט אַזאַ פרנסה־געבער ווי דער טויבער באַראַן, טאַנצט זיך שוין — הערט זיך אַ טיפער ווײ אין דעם ווייבלס רייד. עס איז אָקערשט געווען אומליב דאָס דערמאָנען זיך, אַז מענטשן קומען אַריין צו איר, האָט זי נישט מיט וואָס זיי אויפצוואַרטן. דער גראָשן איז אַן אָפּגעציטערטער. מ׳דאַרף אים שפּאַלטן, כדי קוים־קוים דורכצוקומען. מ׳מוז זיך אָפּזשאַלעווען דעם ביסן אין מויל אַריין — וויינט עס אין איר — „און אַזעלכער" — מיינט זי דעם מאַנס פרנסה־געבער — „לעבט פון איר בלוט, פון בלוט פון אירע קינדער".

— אַ באַראַן צו מיין קאָפּ! באַראַן... אַ חזיר איז ער, אַ נבלה! — שרייט ניסן אַרויס ווי פון חלום און אין שטוב באַמערקט מען ערשט אויף אַ רעכטן אמת דעם צעשויבערטן פאַרנאַכט — אַ מענטש קען אויסגיין ביי זיינע פיס.

דער חלל טרינקט זיך אין דער ריזלענדיקער פינצטערניש, זי ציקט און ווערט מאַדנע אָנגעלאָדן מיט אַ זשעדנע סאָפּן אַזש די מענטשן, וואָס זיצן דאָ, צייכענען זיך ווי שטיקער נעפּל.

מענדל רייסט זי אויף מיט אַ פרעג:

— עך געדענקט די מעשה מיטן לערן־ייִנגל סענדער?

— ווער געדענקט נישט? קינדס קינדער וועלן עס געדענקען, — באַוועגן זיך ווי לעבעדיקע ניסנס רייד, אָנגעזאַפּטע מיט טרויער.

— איז דאָס נישט אַ גזלן, ערגער ווי אַ וואַלד־רויבער? — פּלאַצט מענדל ווידער אַרויס.

— אַ נפקא־מינה? אַלע הינט האָבן איין פּנים. קיינער פון די מייס־טערס איז נישט בעסער. אלע ווילן זיי איינשלינגען די וועלט.

— אַנטדעקט אַ נייעס!

— זעסטו, און אַזאַ כניאָק, אַזאַ חרש האָט אויך שכל אָנצוקלויבן געלט!
רייד קאָלערן זיך ווי די דונערס, זיי רייסן אויף און ווידער גיסט זיך פונאַנדער די כמורע טונקלעניש, ווידער צעלייגט זיך אָן איבערדריי־סיק שווייגן ביז זי, די פרוי, לאָזט זיך הערן א פּישטשענדיקע.

— דערציייל וועגן אברהם גזלן, דערציייל...

זי מיינט דעם מאַן, וועלכער זינקט ערגעץ אין דעם אָנגעהויפטן שאָטן־קנויל און נישט אין די זוניקע וואָלקנס פון קינדער־מעשהס. ער ווייסט פון אַ סך צרות, איר ניסן, ער ווייסט זיי ווי אָנצוטריפן ווי מ׳טריפט אָן א שיין ליכטל אויף א שמחת־תורה־פאָן. — דערציייל!

אויך מענדל שטייט צו צו ניסנען:

— טשיקאַווע. כ׳וויל עקסטרע הערן וועגן דעם חרש... ני, שוין!

## ב.

ניסנען זעט מען נישט אַרויס פון דער פאַרמלאָזער שאָטנהאַפּטי־קייט. פון ערגעצדיקע פאַרהוילעניש דאָ אין דאַכשטיבל שרייט, דאַכט זיך, אַרויס די גזלעוואַטע פונעם אכזר, וועלכן מ׳האָט פלוצלינג אַריינ־געפירט אַהער.

„אַ ווייל, שטיל ייִנגל געווען דער סענדער. די מאַמע האָט איבער אים געציטערט, ווי איבער אַ בן־יחידל. כ׳האָב איינגעלייגט וועלטן, גע־מאָסטן פעלד, געפאָרן צו גוטע ייִדן ביז כ׳האָב אים אויסגעבעטן — האָט זי געקלאָגט ביים געזעגענען זיך מיטן זון, וועלכער איז פאַרבליבן ביי אברהמטשע באַראַן אויף דער לער. די מוטער איז אַהיימגעפאָרן מיט אַ צעבראָכן האַרץ און סענדער, אַן אויסגעהאַדערטער מיט אַ פּאָר גרינע אויגן איז געבליבן אין פּעפּער־גאַס. אונטערן גאָלן הימל וואָלט ער נישט געווען אַזוי הפקר, ווי ביים טויבן. אברהם באַראַן איז דעמאָלט נאָך גע־ווען א פּרישער וועבער, — ערשט געקומען פון לובלינער קאַנט — האָט ער געוואָלט פאַראַמאָל רייך ווערן. פּירע פאַרטאָגס האָט ער דאָס ייִנגל אויפגעוועקט, אַרויסגעריסן אים פון שלאָף ווי א שלייענדל פון וואַסער. דאָס ייִנגל האָט זיך אין גאַנצן געוואָרפן פון קעלט; ר׳האָט נישט געדוינזשעט אויסצורייבן זיך די אויגן און שוין געצאַפּלט אונטערן וועב־

שטול. אַ גלאַט באַסטל פּאַר אים אויסגעפּינען און ראַאַב שמעיה! קליין ביסטו ביי דער מאַמע, ביי מיר דאַרף מע געבן די קישקעלעך, ווי איך האָב געגעין, האָט ער געמרוקעט, דער טויבער גלאָמב. אין מיטן דער אַרבעט האָט ער נאָך געמוזט טראָגן אין חדר אַריין אברהמטשעס עלטסטן זון. דאָס חדר־ייִנגל איז געווען שווער ווי אַ פּרעס־קאַלב. סענדערס דינע פּיסלעך האָבן זיך געבראָכן אונטער דער משא פון דעם ביקל, וואָס האָט אויף אים געריטן. איין מאָל האָט סענדער נישט געקענט דעם חדר־יונג טראָגן דעם גאַנצן וועג, האָט דאָס בענקאַרט זיך צעשריגן, געגוואַלדעוועט, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין. ער איז שוין אַזוי געוווינט געווען, מען זאָל אים נאָכטראָגן דעם הינטן. אויפדערנאַכט, ווען סענדער האָט דורך פינצטערע, בלאָטיקע גאַסן צוריק אַהיימגעבראַכט דעם צאַבאַן, האָט ער זיך פון דאָסניי צעיאָפּעט. די מאַמע האָט אים דעמאָלט געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט; דער טאַטע האָט אויך אָנגעשטעלט דאָס טויבע פּנים: „הע, וואָס איז די מעשה, שיינדל?“ דער סוף איז געווען, אַז שטאָטס נאַכטעסן האָט מען דעם סענדערן געבונדן הענט און פיס און מיט אַ זעלנערישן רימען אויסגעמאָסטן ס׳לייב. דאָס ייִנגל האָט זיך געוואָרפן אונטער די קלעפּ, וואָס האָבן אויף זיין קערפּער איבערגעלאָזן בלאָע און שוואַרצע פּרענגעס. די געשרייען האָבן זיך געטראָגן עד לב־השמים און קנאַפּ זיך אָנגעשלאָגן אין די הערצער פון מייסטער מיט דער מייסטערשע. דעם טויבנס חדר־ייִנגל, צוליב וועלכן די גאַנצע חתונה איז אַרויסגעקומען, האָט דערפון געקוואָלן מיט זיין גאַנצן אויסגעפּרעסענעם פּרצוף. אברהמטשען האָט הנאה געטאָן דעם זונס פרייד פון דעם טרעאַטער, און אין ווילדן ברען האָט ער נישט געהערט דעם ווייבס געשריי: ניטע, ניטע, אברהם... ס׳עט שוין גענוג זיין הייַנטיקס מאָל.

אַ פּאָר טעג נאָך דעם איז סענדער געלעגן באַנעזאַמעט, נישט געקענט זיך רירן פון אָרט. דאָס אויסגעמאָגערטע גופל האָט נאָך מער איינגעסוכניעט, זיינע גרינע אויגן האָבן זיך שטאַרקער צעשפּילט אינעם דינטשיקן פּנימל. עס איז געווען אַ שרעק צו קוקן אויפן ייִנגל.

ווען סענדער איז סוף־כל־סוף אַ ביסל געקומען צו זיך, ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן, האָט ער מער נישט געוואָלט שלעפּן דעם מייסטערס יונג אין חדר אַריין. „נעמטס ענק צו אַ בעלפער... איך בין אַ וועבער“... —

האָט ער זיך געוועהרט. דעם מייסטער האָט געגומען די נכפה: „אַזאַ חוצפה, אַזאַ העזה" — האָט ער אַ גאַנצן טאָג געמרוטשעט ווי אַ קו. די מייסטעראָווע האָט זיך אויך געוואָרפן הייזער־הויך: „אַזאַ שטיק יוקס, ווי דאָס ברעקט זיך מיט מיין קינד. די אויגן זאָלן אים אַרויס!" דערפאַר האָט זי אים מכבד געווען אַרויסצוטראָגן אַלע פּאַמעשעפער, האָט אים געלייגט שלאָפן אויף דער הוילער ערד, געקאַרגט דאָס שטיקל ברויט:

— די דינדאַרנע וועט ער ביי מיר קריגן, — האָט זי מיטן יינגלס הונגער־פּיין זיך געקילט איר אויפגעשוימטן צאָרן.

אַן אַנדערש מאָל האָט סענדער זיך איינגעעקשנט: ער מוז איטלעכע וואָך באַקומען אַ ריין העמד, אַנישט וועט ער גאַרנישט טאָן. ער וועט נישט פאָלגן פון דאַנען ביז אַהער. דאָס יינגל האָט הפנים געמיינט, אַז ער איז אין דער היים. ער האָט שוין באַוויזן צו פאַרגעסן די טויטע „עליה", וואָס ער האָט אַנומלט געקריגן שטאָטס נאַכטעסן.

די מייסטערשע האָט אים געזידלט:

— זע נאָר דעם לויזן־פּויקער, ווי ער רעדט זיך איין ביי מיר! אַ קרענק דיר אין קאָפּ אַריין, נישט קאָ׳ העמד...

סענדער האָט נישט געענטפערט, אַקוראַט ער וואָלט נישט אויסגעהערט דעם בייזן מזמור. ער איז געווען פאַרעקשנט שטום און אין דער שטומקייט האָט זיך אויפגעלייזט די גאַנצע שנאה צו דער כנופיא, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף זיינע פּאָר יאָר. ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרץ, האָט אים געפּייניקט, צוגעלייגט די האַנט צו דער פאַרמערונג פון זיין פּיין. ערשט האָט עס ביי אים אַרויסגעבראַכן מיט פאַרביסנקייט. שבייסצונאַכטס האָט ער נישט געוואָלט אַרונטערגיין אַרבעטן אונטערן וועב־שטול:

— איך וויל אַ ריין העמד, — האָט ער געמורמלט. די ווערעם עסן מיך.

— זע נאָר מיין אומגליק, — האָט דער טויבער זיך געוואָרפן פון כעס — גייסט אַרונטער טוען ס'דייניקע, אַנישט מאַך איך פון דיר קרעפּל־פליישׁ! — און זיך צעשריגן אַ באַנומענער.

דער לערן־יונג האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער גייט נישט. אַ העמד! ווי אַ געוואָרפענער שטיין פאַלט אברהמטשע אפער פון זיין וועב־

שטול, ער רייסט פון ייִנגל אַראָפּ דאָס רעקל, טוט אים אויס די הויזן, פליקט דאָס העמד. ער לאָזט שטיין דעם סענדערן אדם־נאַקעט און שרייט אין אים אַריין:

— שווין גיי אַרויס פון מיין שטוב!

אין ייִנגל האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס הארץ. די אויערן זענען אים פאַרגלושעט פון שרעק, פון צעטומלטקייט; זיי זענען ביי אים געהאַנגען שווערע, וויינענדיקע מיט טויטער בלאַסקייט. עס קוועלט אים אין האַלדז. נישט קיין טרערן דריקן סענדערן אינעווייניק, נאָר אַזאַ מין קראַמף, וואָס איז עלול אין גאַנצן אים אויפצורייסן פון יסורים. ער האָט אוודאי נישט געזען זיין בפירושע נאַקעטקייט אין יענער רגע. די אכזריות האָט ער געשפּירט ווי אַ שאַרפע ברענונג, וואָס האָט געריסן, יסורימדיק גענאָגט זיין אָפּגעשטאָרבן לייב. מסתמא האָט דאָס ייִנגל דעמאָלט איבערגעלעבט דאָס פלאַקערנדיקע גיהנום מיט אַלע אויסטערלישקייטן, — ער וואָלט, מיינ׳עך, ליבערשט געשטאָרבן — ווייל ער האָט אַסמאַטיש געשריגן, קרעכצנדיק געשריגן.

אַ נאַקעטער, אַ פאַרשעמטער האָט סענדער׳ל זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, כדי אויפצוהייבן די הויזן. אין זיין פאַרגליווערטן מוח, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ פאַנצער בלוט, האָט אוודאי גראָד אויפגעלעבט דער אייביקער געדאַנק פון די שווער־געליטענע: עס איז בעסער אויס־צוגיין מחוץ דעם בראַנד פון אזא לעבן... גלייכער צו קריגן אַ נאַגלע טויט... דעם ווילטאָג ביי אַ רב אברהמטשען — זיינע אייגענע קינדער געזאָגט!

— צ׳הערט? אראָפּגעבויגן זיך, אָבער דער פאַרשווין מיטן טויבן, גלאָצנדיקן פּנים האָט האַרט פאַר סענדערס אויגן אַוועקגעכאַפּט די הויזן און זיי ווייטער אָפּגעשלידערט. דאָס פעקל, וואָס ער האָט מיטגעבערענגט מיט זיך, האָט ער אים אויכעט נישט געגעבן. אַ פאַרחלשטן אין אָנמאַכט האָט ער דאָס ייִנגל אַרויסגעשטופּט פון שטוב. די טויבע נבלה האָט אין דעם לערן־ייִנגל געלעסטערט דאָס פילבאַרסטע, דאָס אָפּגעהיטנסטע ביים מענטש — זיין נאַקעטקייט.

אַ הייסער ווינט ווי אין אַ הוטע, ווו מ׳בלאָזט־אויף דינע גלאָז־פורעמס, האָט מיט אַ פלאַקערנדיקן הויך אָפּגעציטערט אין דער טונקלעניש. די

געשפּאַנטקייט האָט זיך ממש געהערט אין דער שווייגעוודיקייט פון די אַרומזיצנדיקע.

— אוי, איך וואָלט אַזאַלכעס נישט איבערגעהאַלטן! — האָט זיך אָפּגע־ריסן מענדלס פאַרלעגן קול.

— אין דעם ייִנגלס הארץ יוואָלט איך נישט געוואָלט זיין... — קרעכצט אַרויס ניסנס ווייבל.

ביי שמחה־בונמען קייקלען זיך הייסע טרערן; זיי ברענען אים די הויט פון פּנים: אַזאַ רשעות!

— — — דאָס ייִנגל האָט זיך אַ נאַקעטער געוואַלגערט אויף דער גאַס. פון חרפּה איז ער געזעסן פאַרקאָרטשעט: דעם קאָפּ אַריינגעצויגן אין די קני, דעם רוקן איינגעבראָכן. אַ גליק, וואָס די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע. פאַרטאָגס האָבן שכנים אים געפונען א פאַרכאַמערטן אויף דער הוילער, בלאָטיקער ערד הינטערן הויז. די מענטשן האָבן זיך איבער אים דערבאַרעמט, געגעבן אַ פּאָר אַלטע הויזן, אַ שטיקל העמד און אַן אויס־געוואַקסן רעקל. אַ הונגעריקער האָט סענדער דערנאָך אויפגעזוכט דעם רויטן יצחק און דער איז געגאַנגען מאָנען יושר פאַר זיינעטוועגן. יצחק — א געלער מיט אַ שטאַרק באַשפּרענקלט פּנים און רויטע האָר, האָט גע־וואָרפן זיינע קאָפּיטעס מיט די קאָפּטשעס און געלאָזט אָנשרייבן אַ פּראָ־שעניע צום בירגערמייסטער. אברהם באַראַן פון פעפער־גאַס זעקס האָט אין מענטשנס אויגן מיאוס געשענדט דאָס וועבער־ייִנגל סענדער האַרפע, האָט ער געשריבן. דאָס ייִנגל סענדער האַרפע איז דאָ עלנט, ער איז אַ יתום און ס'איז זיין רעכט, איכאַק האַמערס פון דער מילנער גאַס נומער זיבעצן זיך אָנצונעמען די קריוודע פון אַן אומבאַשיצטן לעבעדיקן נפש. ער בעט בכן אַ האַרבע שטראָף פאַר דעם אוממענטש אברהם באַראַן. ער האָט אַליין צוגעזען די מיאוסע האַנדלונג זיינע און עס האָבן געזען אויך אַנ־דערע, וואָס דאַרפן זיין עדות — — דער טויבער אברהמטשע איז דערנאָך געלאָפן צום ראש פון שטאָט; ער האָט געשאָטן מיט געלט, כדי דאָס עסק צו פאַררייבן. און כסף וזהב מטהר ממזרים... האָט דער בירגערמייסטער געוואָלט פועלן, אַז דער אָרעמער סענדער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער פּרעטענזיע צום מייסטער. גערופן דאָס ייִנגל, געוואָלט אים ווייך מאַכן. דער גוי האָט אָבער געטראָפן דערנעבן... דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, דעם ראש

אויפגעקאַכט אויפן קליינעם זשידעק, און ער האָט דאָס זייניקע אויסגע־
פירט אויף אַן אַנדערן אופן: ר׳האָט געלאָזט איינזעצן דאָס געליטענע יינגל.
פּאָליציי האָט סענדערן געשמיסן מיט ראַפּניקעס און כסדר אים געפרעגט:
„האָסט אַ טענה צו אברהם באַראַן, צי נישט?״ „יאָ!״ — האָט סענדער גע־
שריגן אין ווייטיק און נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פונעם משפט איבערן
אכזר רב אברהם. געזען, אַז מיטן שמייסן האָבן די זשאַנדאַרן אויך גאָר
נישט אויפגעטאָן, האָט מען דאָס יינגל געבונדן מיט שטריק און אַריינגע־
וואָרפן אין א תפיסה־קאַמער:

— ליג און מאָרדעווע זיך...

אַז די ידיעה וועגן דער מעשה רע איז דערגאַנגען צו חברה וועבער־
געזעלן, איז ביי זיי געבליבן צו פאַרלאָזן די שטאָט. זאָל די רשעותדיקע
שטאָט זיך זוכן אַנדערע געזעלן! ביי אַזאַ אומברענגער, ווי עס איז דער
בירגערמייסטער פון לאָדזש, ווילן זיי מער נישט זיין. און זיי האָבן זיך
געווענדעט צו אים: אדוננו פּריץ, גיב אונדז אַרויס פּאַרפּאַרטן. מיר ווילן
זיך צעפאָרן אין אונדזערע היימישע מקומות אַריין.

געזען די בקשה פון אַלע אונטערגעשריבענע וועבער־געזעלן, האָט
דער בירגערמייסטער באַפוילן:

— איינזעצן אַלע אין תפיסה. אויך בונטאָווטשיקעס!...

און מ׳האָט זיי טאַקע פאַרשפאַרט אויף צוויי מעת־לעת. מען האָט
זיי אויך נישט געקאַרגט קיין קלעפּ און קיין גראָבע רייד אין דער מאַמען
אַריין.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און דער ברוין און בלאָ־געוואָרענער סענדער איז נעבעך אַריינגע-
פאַלן אין אַ קרענק. די גאַנצע פאַר יאָר, וואָס אים איז באַשערט געווען
צו לעבן, האָט ער זיך געמאָרדעוועט. ביי אַ קורצן אָטעם געבליבן, דער
רוקנביין האָט אים געדאַרט. מ׳ווייסט, עס איז פון יענע קלעפּ. יונגערהייט
אויסגעקוקט אַ זקן און יונגערהייט נעבעך אַוועק די ערד קייען — — —

אין ניסנס פאַצעיאַטע איז געשטאַנען אַ קלעפּיקע פינצטערניש. ביי
אַלעמען זענען געווען אַראָפּגעזונקען די קעפּ. אין טראַכטענישן פאַרטאָן

## באַלוטער וועבערס

האָבן זיי אין דעם־אָ סענדערס גורל זיך אַליין דערקענט. שווער געווען אויפן האַרצן. בלויז ניסן האָט זיך אויסגעגלייכט, געשטעלט זיך אין דער בלייכער שיין פונעם פענצטער און אַן אויפגערעגטער געפויקט אין אַ שויב אַריין. איבערן שטיבל האָבן זיך צעשאָטן טויבע קלעפּ ווי די קלעפּ איבער אַ האַרטער טאָוול.

אין אויסגעקילטן חלל האָט געפּליסטערט הוילער טרויער.

## קאַפּיטל אַכצן

# שמחה בונם איז נישט דער אײגענער

### א.

גאַנצע װאָכן דורכאַנאַנד האָט שמחה־בונם געטאָן זײַן אַרבעט בײַם מײַסטער אבֿרהמטשע בעראַן און אין זײַנע געהירן האָט זיך אָװעקגע־לײגט אַ טעמפּקײט. להיפּוך צו דער ערשטער צײַט זײַנע בײַ װעבערײַ, װען זײַן האַרץ האָט זיך געצאַפּלט אין די דינסטע שפּירונגען פֿון געמיט איז ער איצט, נאָך יענעם שבת בײַ ניסנען אין אײַבערשטיבל, געזעסן בײַם װעב־שטול אַ פֿאַרגולמטער. ער האָט נישט געפֿילט קײן שום חשקות. קײן שום װילן האָט נישט באַװעלטיקט זײַן מוח, פֿאַרכאַפּט דאָס האַרץ. אָפּגעטאָן געװאָרן פֿון אים די פּשוטע פֿילעװדיקײט. פֿון געלעגער האָט ער זיך יעדן באַגינען אױפֿגעכאַפּט װי פֿון דער היץ. דער װעב־שטול האָט זיך באַװעגט װי ער װאָלט געגאַנגען אַלײן, אָן שמחה־בונמס רצון, אָן זײַן באַװוסטזיניקן אָנטײל. אמת, װי שטענדיק איז ער געזעסן בײַ דער װערקשטעל, אױסגעשטרעקט צו איר די הענט, מיט די פֿיס געשטויסן די טרעטערס; דאָס איז אָבער צוגעגאַנגען מעכאַניש. דער לעבעדיקער שמחה־בונם איז נישט געװען דערבײַ. אַ טונקעלער, נישט באַגריפֿענער כּוח האָט מיט שמחה־בונמס הענט געטריבן דאָס גרויסע הילצערנע גע־לענדער, אין װעלכן ער איז געשטאַנען װי אַ געפֿאַנגענער. פֿאַר דאָס זענען אין משך פֿון דער דאָזיקער צײַט אין דער סחורה אַרײַנגעפֿאַלן אַ סך „נעסטן" װי מײַז־אױסגעגריזשעטע לעכער. די אױגן זענען אים געװען גלעזערנע, שטאַרק אַרױסגעזעצטע, גאַרנישט זעעװדיקע.

דער מייסטער האָט זיך געוואָרפן אין דער נכפּה, דערנאָך האָט ער שוין געהיקעט אין שמחה־בונמען אַריין: פירסט דאָך מיך אין דר'ערד אַריין, אין דר'ערד זאָלסטו ליגן, גזלן־רוצח! זי, די ייִדענע, האָט זיך אויך געלאָזט הערן, געבעטן זיך ביים לערן־יונג: דערבאַרעם זיך... ער האָט געקוקט אויף זיי ווי אַ פאַרשולדיקט ייִנגל, געבאַמבלט עפּעס מיט דער צונג און פון דאָס ניי גענומען שטויסן די לאַדע, די פושימל.

## ב.

דאַכט זיך: אַלץ האָט זיך געטאָן אַליין, פון רגילות. פון געוווינהייט האָט ער געוווסט די פּאָר שפּאַן וואָס פון דער שלאָפּבאַנק צום וועב־שטול און פון וועב-שטול צוריק צום שלאַבאַן. די פיס האָבן זיך ווי־עס־איז אַליין באַוויגן. אַז ער איז אויף אַ ווײַלע אַרויס פון שטוב צו טאָן אַ מענטשלעך באַדאַרפעניש, האָבן זיך פאַר זיינע פיס געפּלאָנטערט הימל און ערד, האָבן זיך געוואָרפן צונויפגעקנוילטע ווינקלען. אָט האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער זון, אָט האָט ער זיך אַ וויג געטאָן אויף פולכענקע וואָלקנדלעך; אין דעם האָט זיך די ערד גאָר נאָכגעגעבן ווי אַ באַלעם אויף שפּרינגפעדערס. אָפט מאָל האָט ער געשריגן, און ער האָט זיך סתם צעוויינט.

מאָדנע שפּירונגען האָט דער דרויסן געוועקט אין די געוועבן פון זיין נפש.

אַנומלט, אַז שמחה־בונם איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ מינוט, האָט מען אים לאַנג נישט צוריק אַריינגעזען אין שטוב. די ווערקשטעל האָט געוואָרט אַ פאַרזשמורעטע אין דער שטוביקער טונקלקייט בעת די אַנדערע וועב־שטולן האָבן זיך געצאַפּלט אין אומרו. די מייסטערשע, וואָס איז פילעוודיק אויפן לעבן פון אַ וועב־שטול, איז אַרויס אים זוכן.

— אפשר איז ער דאָרט אַריינגעפאַלן, צי אַל די רוחות, — האָט אין איר געקאָכט אויפן לערן־יונג, נישט פאַרשטייענדיק וואָס פאַר אַ פאַר־דרייעניש מיט אים איז פאַרגעקומען פאַר די לעצטע וואָכן.

זי האָט אים געפונען ליגן אַ פאַרחלשטן אין פינצטערן פירהויז. ווען

מ׳האָט אים אָפּגעמונטערט, איז מענדל צו אים צוגעשטאַנען מיט לייט־זעליקייט:

— וואָס איז דיר געווען, שמחה־בונם?

— גאָרנישט, אַ חלום אַ מאָדנער...

— אין מיטן טאָג אַ חלום, כאַכאַ!

דער זמן־יונג האָט פראַסט זיך צעלאַכט. ער האָט אָפּגעלאָזן דעם אינעווליצער און מער אים נישט געשלעפּט אין גאַס אַריין פאַר אַ שטיק צייט. אין די שבת־טעג האָט שמחה־בונם געקאַפּעט אין שטוב ביים מייס־טער אָדער ר׳האָט איינער־אַליין אַרומגעשלייעט אין די אָקערשט אויפ־געקומענע באַלוטער געסלעך.

מיט מענדלען האָט ער נישט געהאַט אַ סך צו רעדן. אַז יענער האָט אים עפּעס געפרעגט, האָט ער אַרויסגעלייגט אַ פּאָר מוטנע אויגן און האַרט פאַרשוויגן.

— משוגע געוואָרן דער יונג!

אין די נעכט איז ער אין תחילת (נאָך דעם זיין ביי ניסנען אין שטוב) שלעכט געשלאָפן. דערנאָך האָט זיך דאָס געענדערט. ער האָט געכאַמערט, נישט צו פאַרגלייכן, ווי אַן אָקס וואָס גייט אין יאָך אַ גאַנצן מעת־לעת. אינדערפרי איז אים שווער געווען אויפצורייסן פון שלאָף.

אָבער נישט לאַנג איז אַזוי געווען. ווייזט אויס, אַ העפטיק פייער האָט פאַרשטיקטערהייט געפלאַקערט אין דעם בחור און עס האָט אים איבער־געברענט. עס איז געווען אַן איבערבראָך וואָס קומט ווי אַ שטורעם, וואָס שניידט זיך אַריין אינעם מהות מיט גרויס שאַרפקייט.

און ווידער זענען גיך פאַרגעקומען גרויסע שינויים מיט דעם יונג. ער איז שוין אין גאַנצן נישט געווען ענלעך אויף דעם, וואָס מ׳האָט דאָ געקענט; שוין נישט געווען דער זעלביקער שמחה־בונם וואָס אינדערהיים, ביי ר׳ משה אינעווליצער אין הויז — די שטילע טויב, וואָס אַ וואָרט איז ביי אים געווען אַ רענדל גלייך. איצט האָט ער שוין דווקא אַ סך גערעדט, הויך אויפן קול זיך געלאָזט הערן. פון אים האָט ערשט אָפּגע־קלונגען אַ רוי, פרעמד געלעכטער. ביים וועב־שטול האָט ער לעבעדיק גערודערט מיט די לעפל פון די הענט, פלינק גערירט מיט די פיס, גע-

צאַפּלט איבער דער לאַדע. איטלעך מאָל האָט ער אַ רעד געטאָן צו די געזעלן:

— מענדל, אויפדערנאַכט וועל איך מיטגיין...

— ניסעלע, די זון איז שוין אַרויסגעקראָכן.

אָבי גערעדט.

וואָס אַ מאָל איז ער געוואָרן מער היימיש מיט דער מלאכה. ער האָט זיך שוין געבערעקט מיט אַ פּראָסטן באַסט, מיט אַ מאַרין.

— מייסטער, — האָט ער דעם טויבן געשריגן גלייך אין פּנים אַריין — כ'וויל שוין אַרבעטן אויף אַ מאַשין!

— וואָס? אפשר דיר שוין געבן אַ זשאַקאַרדל?... ביסט נאָך צו קורץ צו דעם. וואַרט זשע צו אַ קאַפּעלע.

און דער מייסטערשע מיט דער פרומער הויב אויפן קאָפּ איז נישט געווען צום האַרצן, וואָס דער לערן־יונג איז געוואָרן אַ גאַנצער מחותן מיט די געזעלן. „דער יונג איז שוין פאַרשייט ווי אַ ווילד פערד״, רעדט זי צו זיך, באַטראַכנדיק פון דער וווייטנס שמחה־בונמען. — „אַ ראָצער — פּסקנט זי אָפּ — בלייבט אַ ראָצער״...

און זי האָט געהאַט פאַרדראָס, וואָס מען נעמט „אַזוינס״ אין שטוב אַריין. אין אָנהייב זענען זיי ווי די גוטע קינדער: זענען פלייסיק, לאָזן זיך מעלקן, און אַז דער קיבל איז שוין פול, קערן זיי אים אויס מיט דער גאַנצער מילך. אַז מען האָט שוין פון „דעם״ אַביסל נוצן, נעמען זיי דער־פאַר צו די לעבער.

— הלוואי זאָל זי דאָס איבערהאַלטן, — האָט די ייִדענע זיך גע־געסן.

גאָר ניילעך האָט שמחה־בונם גענומען פון דער אַרבעט אויפהערן פריִער ווי דער מייסטער. אויפגעגעסן דאָס שטיק ברויט מיט הערינג אויף וועטשערע און איז אַוועק צוזאַמען מיט מענדלען. די שטוב האָבן זיי געלאָזן הינטער זיך אַ פאַרטרונקענע אין טונקלעניש, און די טונקלעניש איז געווען דורכגעפלעקט מיט טראַנטעס ליכט. אויסגעקאָכט מיט וועבער־ייִנגלעך, האָט דער זמן־יונג געהאַט ווו צו גיין נאָך דער אַרבעט. שמחה־בונם האָט גערן מיט אים מיטגעשלאָנדערט גאַנצע אָוונטן. אַהיימקומענ־

דיק, געלייגט זיך אין שלאַבאַן אַריין, האָבן זיי נאָך לאַנג געהאַט צו שמועסן צווישן זיך.

— ש־ש־ש... נישט קאַ׳ צייט געהאַט אין גאַס אַלץ אויסצושמועסן?... — האָט די מייסטערשע אויסגעשייגעצט די יונגען.

שבת האָבן זיי זיך פאַרקליבן צו ניסנען אין פאַציעאַט אַריין. דאָרטן זענען איצט שוין געווען אויך אַנדערע וועבער־אַרבעטאָרערס. די היימ־לעכקייט האָט זיי געצויגן אַהין.

מענדל האָט מער נישט באַדאַרפט פייפן אָדער הוסטן, ביז וואַנען שמחה־בונם וועט זיך כאַפּן וואָס ער מיינט. אָפּגעגעסן, אָנגעטאָן דעם פּאַלטן און געזאָגט:

— שמחה, דו גייסט?

אָדער שמחה־בונם האָט געפרעגט:

— מענדל, ביסט שוין פאַרטיק?

און געגאַנגען. דער דרויסן האָט שוין געלאָקט.

## קאַפּיטל ניינצן

# באַלוטער אויפדערנאַכטן

### א.

אברהמטשע באַראַנס אַרבעט־יונגען האָבן זיך געהאַט זייערע מלינהס. ניסן יאַק ניסן. ער איז אַ באַוויבטער, זיצט ער אין דער פרייער צייט ביים ווייב, צאַצקעט זיך מיט די קינדער און טוט אַ מאָל עפּעס אויך פאַר דער שטוב: ער גייט צו דער פּלומפּ נאָך וואַסער, שפּאַלט האָלץ, גיסט אַרויס אַ פּאָמעניצע. און אַז דעם ווייבל פאַרגלוסט זיך אַ קרענק צו טאָן, — און צו דעם האָט זי נעבעך אַ שטאַרקן געלענק, — מוז ער, דער געזעלן, אומגיין סיי מיט דער קראַנקער און סיי מיט די קינדער. אַ גאַנצן טאָג ליגט דעמאָלט דאָס ווייבל מיט פאַרטריקנטע ליפּן און אַ לעפל וואַרעמס אין מויל. און דווקא איז זי אַ שוואַכלעכע. זי האָט אַ גרינלעכע הויט. אויף איר פּנים שפּילן מיט לעבן בלויז די טונקעלע — נישט שוואַרצע און נישט ברוינע — אויגן. ווי מיט אַ רויך פאַרצויגן זענען זיי, האַרבסטלעכע אָזוינע, שיינע זענען די אויגן פון דעם ווייבל; זיי זענען שטאַרק אָנזעעוודיק אויף איר בלייכן פּנים, פון וועלכן עס שניידן זיך אויך אַרויס רויטע, פולע ליפּן. דאָס־אַ שטילע ווייבל האָט אין ניסנס אָרעמען לעבן אַריינגעבראַכט די קלוגשאַפט פון די פאַרצייטישע יידישע פרויען, וועלכע ווייסן דעם רייץ פון אָרנטלעכקייט און ווילגעלערנטקייט. זי איז געווען אַ מיידל פון „גע־מיינעם שטאַנד", נאָר אָן איידעלע. נדן האָט זי נישט געהאַט, דערפאַר האָט זי דעם יונגן מאָן געגעבן דעם יחוס פון אירע פיינע זיידעס, פעטערס

און מומעס. אויך דער טאַטע אירער איז געווען אַ דימענטענער מענטש, אַ ווילער ייִד, נאָר אַ קבצן. ניסן, פּאַרקערט, קומט אַרויס פון געוויינטלעכע דאָרפישע שניידערס און סעדערס. זומער, ווען די וועלט האָט געבליט און געצירט זיך מיט ליכטיקע פּרוכט, זענען ניסנס מישפּחה-לייט געווען סע־דערס, גאָרטן־ייִדן מיט שוואַרץ־פּאַרברוינטע, האַריקע פּנימער און אָפּגע־ריסענע קאַפּאָטעס. ווינטער, ווען ס'איז שווער געווען דעם קאָפּ אַרויס־צושטעקן, זענען די סעדערס געוואָרן שניי־ער־לאָטוטניקעס. היימישע פּויערים האָבן צו זיי אָריינגעטראָגן זייערע וואַטענע קורטקעס אויף אויס־צופליקן, נייען קאַמזוילן צו נייען. ניסן איז אויסגעוואַקסן פּראָסט. צומאָל דאָס גאַנצע לערנען אין חדר נישט אויסגעהאַלטן מחמת פּראָסטקייט און אָרעמקייט. זומער, ווען ניסנס טאַטע האָט געהאַלטן סעדער, האָט ער דאָס ייִנגל אַוועקגענומען פון לערנען, כדי ער זאָל צוהעלפן אין דער פּרנסה. ווי אַ געבוירענער סאַדאָוניק פלעגט ניסן קריכן אויף אַ לייטער, פון שפּיץ בוים אַראָפּגעטרייסלט אויבס, אין גראָז אויפגעקליבן די אַראָפּ־געפאַלענע פּירות געשלעפּט קוישן אין שטאָט אַריין פאַר די גבירישע הייזער. בלויז געציילטע ווינטערס איז ניסנען באַשערט געווען צו לערנען די חכמה פון ייִדנס וועלט. זומערצייט האָט ער אין גאַנצן געהערט דעם פּאַרהאָרעווען טאַטן, צוגעקוקט זיך צו דער ניבזהדיקער פּרנסה און אָן טעם מיטגעקרעכצט דער מאַמעס ביטערע קרעכצן. ווען דער טאַטע האָט זיך לסוף דערמאָנט:

— ווי געשריגן, דער יונג וועדט דאָך פאַרגרעבט! ס'אַרא פאַרענט־פערניש 'עלעך האָבן, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר 'עט ער קאַ' קדיש נישט קענען זאָגן?

דעמאָלט איז ניסנס קאָפּ שוין געווען שטאַרק אַרומגעוואַקסן מיט דער גראָבער שאָל פון ייִנגלשער צעלאָזנקייט. און ר'איז טאַקע געבליבן אַ סך הינטערשטעליק, קיין מאָל נישט געקענט די פּרשה פון דער וואָך. ער פלעגט זיך פאַרשעמען פאַר די איבעריקע ייִנגלעך. דער רבי האָט אויף אים רק געבורטשעט און אויסגעשייגעצט:

— מאַטאַץ!

— חמור־קאָפּ!

— פּרעסער, נאַ דיר אַ לחמא!

— עשו, ווו האַלטסטו?

דעם ייִדס געוואַלדן זענען אכזריותדיק געפאַלן אים אין קאָפּ אַריין. טרערן האָבן אים אַ סך מאָל מער געשלאָגן ווי די קלעפּ דעם מלמדס.

דאָס חדר־גיין איז אים געווען אַן אָפּקומעניש. ער האָט דערפאַר אָפּגעלעבט, ווען ער איז געגאַנגען צו שאולקע קאַזע. שאולקע איז געווען אַ געראָטן ייִנגל. ער איז נאָר געווען שטומלעך, ווייל קינדווייז איז ער אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכן טיש און ס'האָבן זיך אים אויסגעבראָכן דריי פאָרנטיקע ציין. ס'מויל־ווערק איז אים דערפאַר אויף אייביק קאַליע געוואָרן. די אויסגעבראָכענע ציינער האָבן לאַנג נישט געוואָלט צוריק אָפּוואַקסן. ווען שאולקע איז שוין געווען אַ חומש־ייִנגל, האָבן פון די נאַקעטע זשאָנסלעס פּלוצלינג גענומען אים קרומלעך אַרויסוואַקסן צוויי לאַנגע שפּיציקע ציינער — ציגענע רייסערס, אַריבערגעוואָרפענע איבער דער אונטערשטער ליפּ. דעם מויל האָבן זיי גאָר קיין נוץ נישט געבראַכט. זיי האָבן דאָס ייִנגל נאָר מיאוס געמאַכט. טאַטע־מאַמע האָבן די גאָפּל־ציינער אָפּגעקאָסט אַ סך געזונט און אַ סך געלט. זיי האָבן געוואָלט די ציין לאָזן פאַרפּוצן, פאַרפיילן פון דאָקטוירים. אָבער ס'איז נישט געקומען דערצו. שאולקע האָט געמאַכט געוואַלדענעס, וויבאַלד מען האָט זיך צוגערירט צו זיינע ציין. האָט מען שוין געקלערט זיי אין גאַנצן אַרויסצונעמען — איז שאולקעס מאַמען געקומען צו חלום אַן אָפּגעהיטענע פרומע באָבע פון יענער וועלט.

— ראַשקע, דערבאַרעם זיך!

אינמיטן נאַכט האָט די ייִדענע זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ מבולבל געשריי. אויפן לייב ביי זיך האָט זי געזוכט שוואַרצע פלעקן. ערגעץ הויך אויפן אָרעם האָט איר ווי געטאָן פון אַ קנייפּ, וואָס זי האָט דערשפּירט אין טיפן שלאָף. די געשטאָרבענע באָבע האָט עס איר אַ קנייפּ געגעבן. אין נאַכט־חושך איז ראַשקע אויפגעשטאַנען פון געלעגער און מיט אַן אָנגעצונדן ליכט אין האַנט געוועקט דאָס ייִנגל:

— שאולקע, שאולקע...

דאָס ייִנגל האָט זיך דערשראָקן פאַר דער מאַמען, וועלכע וואַנדלט אַרום אַ נאַכטישע, מיט אַ צוגעלעגן פרעמד פּנים. ער האָט זיך פונאַנדערגעוויינט.

— זונעשי, וואָס וויינסטו?

שאולקע האָט דעם קאָפּ פאַרשטעקט אין קישן.

— וואָס וויינסטו, — איז זי צו אים צוגעשטאַנען. דאָס פּלעמל אין איר האַנט האָט אַ טויטלעכן שווים געטאָן איבערן ייִנגלס געלעגער.

— כ'וויל סלאָפּן...

— שלאָף נישט, זונעלע! — האָט די מוטער טרערנדיק זיך געבעטן.

שאולקע האָט זיך ווידער איינגעגנורעט אין קישן. די צעוויגטע שייַן פונעם ליכט אין דער מוטערס האַנט האָט דעם ייִנגל דאָך געבלענדט די נערוועז-פינטלענדיקע אויגן.

— ייִנגעלע, גיב נאָר אַ קוק אויף דער מאַמען!

— ס'קוקן!...

— זעסט מיך, זונעשי?

— ליאָמיך! כ'זשע, זשע...

— וואָס זעסטו, שאולשי? — הערט זיך ווי די מאַמע ציטערט.

— סלאָפּן, און סוין!

— די אייגעלעך טוען דיר נישט ווי, זונעשי?

— דיי!

שטאַמלענדיק האָט דאָס איבערגעוועקטע ייִנגל זיך אַ ריס געטאָן און געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף דער מוטער.

זי איז צוריק געקראָכן אין בעט אַריין. די מאַמע האָט נעבעך דריי מאָל אויסגעשפּיגן אויפן שלעכטן חלום און געפּרוּווט אַנטשלאָפן ווערן, אָבער ס'איז פון איר נישט אַוועקגענומען געוואָרן דאָס יסורימדיקע בילד: אַז שאולקען זענען, באַהיט זאָל מע ווערן, די אויגן אויסגערונען.

שאולקען האָט מען מער נישט געגראַבלט ביי די גאָפּל-ציין. ער איז געבליבן שטומלעך, מיט אַ פאַרגליווערטן, וויינענדיקן שמייכל אויפן קינדערשן פּנים. און ר'האָט באַקומען אַ צונעמעניש:

— שאולקע קאָזע.

אַקעגן זיינע לאַנגע ציין, די אַרויסשטאַרצנדיקע פון מויל.

וואָיעווענדיקע קינדער האָבן שאולקען אויסגעמיטן. ייִנגלעך האָבן ליב חברים שטיפערס, פריילעכע, צאַפּלדיקע. שאולקע איז צווישן זיי געווען ווי אַ גרויסער, וואָס איז אַנגעדראָדלט און מען ווייכט פון אים.

ניסן, דעם סעדערס יינגל, איז אויך געווען אַ געזעצט יינגל. ער האָט זיך צוגעבונדן צו שאולקען. ביי ניסענען האָט שאולקע נישט געהאַט קיין צונעמעניש. ניסן האָט גערן געשפּאַנט הינטערן שמעטל אַרויס, ווו שאולקע האָט ליב געהאַט אַרומצוגיין און גייענדיק אויסדערציילן פּעק מיט מעשיות.

ביידע זענען זיי געזעסן אויפן ברעג פון דער פּיליצע און ניסן האָט ביז פאַרגעסנקייט זיך איינגעהערט אין די געשיכטעס, וועלכע שאולקע האָט שטאַמלענדיקערהייט געקענט דערציילן פון אויסוויינייק. אַ סך אור־מעטיקע, שיינע מעשיות האָט געוווּסט דאָס יינגל און ניסן האָט דאָס ליב געהאַט ס׳לעבן.

אַז ניסנען איז אויפגעלייגט געוואָרן אַ קלוג ווייב, האָט ער גערן צו זיצן ביי איר זייט און געניסן פון איר חכמה. אין די קאַלטע אויפדער־נאַכטן, ווען די וועבער־חברים קומען נישט — דאָס שטיבל טרינקט זיך אין האַלב־טונקלקייט — זאָפּט ניסן איין די וואַרעמע רייד פון זיין ווייב זיסעלע.

— „...פאַרשטייסט? דו ביסט אַ וועבער און קאָלומבוס איז שיער נישט געוואָרן אַ וועבער. ווען דאָס אומגליק געשעט, דעם קליינעם קריס־טאָף וואָלט נישט באַשערט געווען צו האָבן פּעטערס ים־פאָרערס און זיין טאַטע נעמט אים צו צו זיין מלאכה, וואָלט קיין אַמעריקע נישט געווען... פאַרשטייסט?"

— ס׳וואָלט געווען אַן אומגליק! — גיט ניסן אַ וויג מיטן קאָפּ.

— ווי דען, — מאַכט זי ערנסט.

כמעט יעדן אָוונט דערציילט אים ס׳ווייב וועגן דעם ווייטן, גרויסן לאַנד, וואָס טונקט זיך אין גאָלד. ניסן איז זשעדנע ווי אַ קינד, וואָס וויל וויסן נאָך, נאָך.

— ווי אַזוי זשע איז עס געשען? זאָג, וואָס אַרט דיך?

דאָס ווייב האָט נישט אויפגעהערט צו דערציילן, גלייך זי וואָלט נישט געקענט מפסיק זיין פון אַ תפילה, וועלכע מען זאָגט מיט האַרץ. זי האָט שטאַרק געגלייבט אין קאָלומבוסן. אַ דרייסטער געווען און אַ געלאַרנטער, האָט זי איטלעך מאָל צוגעוואָרפן איר מיין און זי האָט מקנא געווען די אַמעריקאַנער. „אַמעריקאַנער וועבערס זענען נישט אַזעל־

כענע אַרימעלייט, ווי די היגע״, האָט זיסעלע אָפּגעזיפצט מיט דער־לייכטערונג.

אַ סך אויפדערנאַכטן האָט זי אויסדערציילט פון אַמעריקע, וואָס איז פאַר קאָלומבוסן געווען וויסט און לער. די מעשה אַמעריקע פאָליובעט זיסעלען ווי אַ גוט געטראַנק. מיט דעם קאָלומבוס־חלום האָט זי אירע קינדער אויסגעהאָדעוועט.

דאָס אַמעריקע האָט ניסנען איטלעך מאָל פאַרבליפט, ווי אַ נייס, וואָס קומט פון אַ ווונדערלעכן ליכט אַרויס. די אויגן האָבן זיך אים גע־צונדן מיט טרויער: „איי! גאָלד, זאָגט זי, שעפּט מען דאָרטן אויף צוזאַמען מיטן וואַסער״... און ער האָט טייל מאָל נישט געפילט, ווי די קעלט פאַרקלייבט זיך אים אין די ביינער אַריין, די קני ווערן פאַרשטייפט.

דאָס ווייבל האָט אָן אויפהער געגראָבן אין די קוואַלן פון מעשיות און צוזאַמען מיט זיי אַליין זיך אויפגעהויבן הויך, און איז אַוועק וויַיט־וויַיט אין נישט־דאָיקע וועלטן.

...מיט אָפּגעפאַרבטע נאַקעטע לייבער און גאָלד־רינגען אין דער נאָז האָבן די מענטשן געוווינט אין אַ גרויסער טאָליקער שטאָט, וועלכע מען האָט גערופן „די שטאָט פון שלאַנגען״. אידער זיי האָבן אַהינצו אויסגעוואַנדערט, זענען זיי טויזנטער יאָרן אַרומגעגאַנגען אין אַן אור־מעטיקן שאַטנלאַנד, וואָס ליגט העט וויַיט פונעם גרויסן ים. דאָרט האָבן זיי מוראדיק געקעמפט מיט שרעקלעך גרויסע ריזן, וואָס זענען געזעסן אין טיפע היילן. די ריזן זענען געווען מענטשן־פרעסער, ווילדע ווי די שטורעמס אין די וועלדער און אויף די ימים. זיי האָבן געגלייבט אין אַזעלכענע יויזלען, פאַר וועלכע מען האָט געמוזט שעכטן קליינע קינ־דער. ביי די יונגע קרבנות האָט מען מערדעריש אויפגעטרענט די בייכ־לעך, אַרויסגעריסן די צאַפּלדיקע הערצעלעך און מיטן וואַרעמען בלוט באַשמירט די פנימער פון די לעבעדיקע. די־אַ האָבן שטענדיק צווישן זיך געפירט מלחמות, און אַז זיי האָבן געפאַנגען אַ שונא, פלעגט מען זיין לייב צעשניידן אויף שטיקלעך און דעם קאָפּ אויפהענגען אויף אַ בוים״...

— ווי שרעקלעך! — האָט זיסעלע אַליין אויפגעשוידערט פון די אכזריותן, וועלכע זענען לעבעדיקע אויפגעשטאַנען פאַר איר דמיון.

באַלוטער וועבערס

אין אַ הענגענדיקער טריבקייט האָט זיך פאַרשפּונען דער שלאָף פון די קינדער, וואָס האָבן אויך להוט אָנגעשפּיצט דאָס געהער. ניסן דער טאַטע האָט ווי אַ פיש זיך אַריינגעגליטשט אין דער נעץ, וואָס האָט פאַרכאַפּט זיין נייגיר. זיינע אויגן האָבן זיך פאַרוועבט שווער, ווי מיט ראַגאָזשע און עס האָבן אויף זיי געשפּאַרט אַ סך שטעכיקע קאַלירן.

ב.

ניסן פלעגט זיצן ביים ווייבל, אָבער מענדל, דער זמן־יונג, האָט געפּונען זיין אָפּלאָג ערגעץ אַנדערש. „אַ מעלינע" זאָגט ער, האָט ער דערטאַפּט.

עס איז די שטוב פון וואָווע געלבאַרט, און דער וואָווע איז אַזאַ, וואָס גייט אייך פאַרביי און מען הערט נישט זיין טריט. כאָטש אַן אביון פון זיין ליבן נאָמען, הערט מען קיין מאָל נישט פון אים אַ קרום וואָרט, אַז ער ליידט דוחק, וואָס אויף דער קרענק קרענקט דאָס רוב וועבערס.

— וואָס הערט מען, רב וואָווע?

— אַלדאָס גוטס.

— ווי איז מיט אַ קעטע? מיט אויסצאָלעכץ?

— ׳שקשה! ס׳פעלט, חלילה, נישט קיין אַרבעט. מיט געלט? נישט קאָ׳ געוואַלד! וואָלט מיר נאָר אַזויפיל געקומען ביי זיי...

וואָוען דעם וועבערניק קען מען קיין מאָל נישט דערגיין: צי הונגערט ער, אָדער ער לעבט אין רחבה. ביי אים איז אַלץ בכבודיק. שטענדיק זיצט ער ביים וועב־שטול און „דליביעט" זיינע פאַר איילן סחורה. ביי אים איז נישט אַזאַ געאייל ווי ביי אַנדערע. ר׳האָט געגוג. שיסנדיק דעם שיצן, כאַפּט ער פאַר איינוועגס אַריין אַ שטיקל תהילים. צו זיינע אויערן דערגייט נישט, ווי דאָס ווייב יאַדעט זיך אַרום מיט די אונטערגעוואַקסענע קינדער. און נישט קיין חידוש: אויף שפּרהן, אַ קליינע, אויסגעצערטע יידענע מיט אַ שייטל טיף אין די אויגן אַריין איז געפאַלן דער גאַנצער עול פּרנסה. „וואָווע איז נישט קיין וועבער, — גייט זי אַרום און רעדט צו זיך — וואָווע איז מיר אַ קעסט־קינד. גאָט זאָל מיר נאָר העלפן אין זיין זכות. ס׳זאָל מיר נישט גערעכנט ווערן, וואָס ער העלפט

מיר אַביסל צו...״ טייל מאָל קומט דאָס אַרויס ביי שפּרהן מיט תרעומות און טייל מאָל — מיט אַליין־באַרימעריי.

אַ גאַנצן טאָג איז אין וואָווע געלבאַרטס שטוב פּונקט אַזוי אומעטיק און קילבלעך, ווי אין אַלע וועבער־שטובן, וועלכע ליגן אין די ענגע געסלעך, וואָס זענען פון דורכויס הילצערנע הייזער, אויף דער גיך אויפגעקלאַפּטע פון אַ פּאָר שווערע בעלקעס און אַ סך, אַ סך דינע ברעטלעך. די ווענט פון די וועבערשע הייזער זענען שוואַכע, לופּטיקע. אָפּט גיט זיך אַזאַ וואַנט אַ הוילן טרייסל. ס׳איז גענוג, אַז אַ געזונטער וועבער־יונג גיט אַ קרעפּטיקן שפּאַן־איין זיינע מוסקולן אין דער ״לאַדע״. דעמאָלט טאַנצט אונטער ס׳גאַנצע געהייז. ביי־טאָג הילכט עס שטאַרק אין די דאָזיקע וועבערשע שטיבלעך, ס׳גראַגערט די הוילקייט. ביינאַכט איז ממש אימהדיק דאָס מוח־שפּאַלטנדיקע הוקן פון די וועבער־שטובן, נאָר מ׳איז שוין צוגעוווינט. איז פאַראַן ביי וואָס — ווייסט נישט אַ וועבערניק פון קיין שום בעסערע גליקן: ער האָרעוועט ביי־טאָג און ביינאַכט. זיצנדיק ביים וועב־שטול, ווייסט ער, באַדאַרף מען ״פּאַרטיק מאַכן״, אַריינכאַפּן אַ ״שמיץ״ נאָך אַ ״שמיץ״. דערפאַר שינדן זיי אויך ביינאַכט זייערע מוסקולן. ״שפּעטער קען דער אויוון אויפהערן באַקן״, — רעדט פון די וועבער־לייט אַרויס די שטענדיקע שרעק פאַר הונגער.

זעלטן מען הערט אַ באַיאַרטן וועבער אַ פריילעכן זינג טאָן. אַז די איבערפולטע ברוסט עפנט זיך שוין, קלינגט איר ליד סיי־ווי טריב:

ווו אַלע פאָרן אינמיטן וועג
ליגט דאָרט אַ טייערע בלום,
זי ליגט און פולט איי־ניקע טעג,
דער ווינט וואָרפט זי אַרום.

זי ווינט און שרייט מיט גרויס געבעט:
— פּאַמעלעך, זעט ווי איר גייט!
האָט רחמנות, זעט, איר צעטרעט
אַ בלום מיט אַ פרעכטיקן קווייט.

### באַלוטער וועבערס

רחמנות האָט איר,
קומט נאָר אַהער —
הויבט אויף אַ בלום, ווי זי גלאַנצט.
טראָגט מיך אַהין,
פון וואַנען איך בין —
ווו מ׳האָט מיך צום ערשטן געפלאַנצט —

מענדל, דעם טויבנס זמן-יונג, קאָן אין אויפגעהייטערטקייט אַ מאָל אַרויספלאַצן מיט אַ סתם צאַפּלעניש פון געמיט; ער וואַרפט מיטן קאָפּ אויף רעכטס און לינקס:

אוי, מאַמעליו, וואָס איז דאָס?
— באַרשט מיט קאַרטאָשקעס!
כ׳בין געפּאָרן קיין אָדעס,
נאָך באַרשט מיט קאַרטאָשקעס.
דער בויך איז העכער פון דער נאָז,
אוי, באַרשט מיט קאַרטאָשקעס...

און ער מרוזשעט צו מיט די בלישטשענדיקע אויגאַנעס.

אין אָוונט, באַפרייט זיך פונעם וועב־שטול, גייט מענדל אויף דער „מעלינע״. בגעוואַלד נעמט ער מיט זיך אויך שמחה־בונמען. דאָס איז געווען אין אָנהייב. דערנאָך האָט דער אינעווליצער אַליין שוין אויס־געקוקט, די נאַכט זאָל וואָס גיכער צופאַלן, אַז דער זמן־יונג זאָל שוין אָפּערקריכן פון דעם געלענדער. אָפּעסנדיק זיין שטיק ברויט מיט הע־רינג, איז ער מיטגעגאַנגען מיט מענדלען.

אין וואָווע געלבאַרטס שטוב איז געווען זייער מקום־מנוחה. דאָרט זענען מיידלעך, אַהין ציט עס.

דאָס גאָרטן־געסל איז איינגעטונקט אין צעקנוידעטער פינצטערניש. אַלע באַלוטער געסלעך זינקען אין חשכות. בלויז אין דער איינציקער לאַגעווניקער גאַס, וועלכע לויפט פאַרביי יונה פּילצערס פּלאַץ, האָבן אין די אויפדערנאַכטן אָנגעהויבן זיך גרינדלען פאַרבלאָנדזשעטע לאַמ־

טערנעס, אָנגעטוענע אין קאַנטיקע לענגלעכע גלאָז־קאַפּטערס. די לאַמ־טערן־שיין האָט זיך דורכגעזייעט ווי דורך שיטערע זעק. עס איז געווען אַ מוטנע, קילבלעכע ליכט, גלייך עס וואָלט זיך אַרויסגעריסן פון צווישן טונקעלע ווינטן, כדי די מענטשן מהנה צו זיין מיט זיין גענאָד. די לייט פון די דערבייאיקע געסלעך האָבן מקנא געווען די תושבים פון דער לאַנגעווניקער מיט זייער ליכטיקייט און טאָקע אויך מיט יונהדל פּיל־צערס מאַרק, וואָס איז געווען אַ שטיק אָנלען אין דער פּרנסה.

טאָקע אַ קנויל פינצטערניש איז דאָס גאָרטן־געסל, נאָר ביי וואָווע געלבאַרט אין שטוב איז היימלעך ליכטיק. ווען דער איינציקער וועב־שטול רוט, ווערט אָפּגעטאָן דער אינדערוואָכן אין דער דאָזיקער שמאָלער דירה מיט דער שורה נידעריקע פענצטער. וואָווע טוט אָן אַ יוביצע, גלעט אויס די באָרד מיט זיינע צענומענע פינגער און שטעלט זיך אין אַ ווינקל אַריין שטיל מורמלען. ס׳וויב קוקט זיך צו צו אים דרך־ארצדיק. זי פילט זיך בשעת־מעשה דערהויבן. די ווייטיקן פון רוקן, צוליב וואָס זי גייט אַ ביסל געבויגן, ווערן אין דער רגע אָפּגעווישט. זי באַוועגט זיך צווישן די קילע, אויף זילבערוויס אָפּגעשייערטע טעפּ, וואָס הענגען אויף דער וואַנט און זי וואַרעמט די הענט אויפן בייכלדיקן טשייניק. אָפּגע־דאַוונט, זעצט זיך ר׳ וואָווע צום טיש, וואָס איז באַלויכטן פון אַ ווע־בערשער לאָמפּ. אַ שמייכל שוועבט אויף זיין בערדיקן פּנים און די טיי טרינקט ער מיט הנאה, גלייך בלויז דאָס וואָלט געווען זיין פאַרדינטער שכר. די קרומלעכע קאַרבן אַרום זיין מויל ברייטערן זיך אויס. עסן עסט ר׳ וואָווע אַ כזית, כדי נישט צו זיין הונגעריק. און קיין סך ברויך ער נישט. עסן אויף יוצא צו זיין געוויינט זיך צו אַ וועבער פון די יונגסטע יאָרן אָן. נאָך דער מאָלצייט בלייבט דער ייִד זיצן ביים טיש צוזאַמען מיט די קינדער, וועלכע רוען זיך אָפּ נאָכן טאָג האָרעוואַניע. און נישט נאָר די מיידלעך וואָווע געלבאַרטס. אויך זייערע חברטאָרנס און יונגע־לייט זענען פאַראַן און אברהמטשע באַראַנס יונגען צווישן אַלעמען.

ר׳ וואָווע אויבן־אָן און אַרום אים, אינעם ליכט־קרייז פון דער לאָמפּ, שימערירט עס מיט טיף־שוואַרצע מיידלשע קעפּ האָר, רב וואָוועס ברו־נעטע ראָסע.

באַלעבאַטישע וואַרעמקייט איז דעמאָלט אָנגעהויכט אויף דער שטוב. עס טרעפט אויך, אַז היימלעכקייט פעלט דאָ אין די אויפדערנאַכטן. דאָס געשעט, ווען ס׳אַלטע פאַרפאַלק בלייבט אויג אויף אויג מיט די אייגענע יאָרן. אַ סך יסורימדיקע זאַכן טויכן אויף פּלוצלינג אין בלוטיקנדיקן האַרץ פון טאַטע־מאַמען, וואָס האָבן געבראַכט קינדער אויף דער וועלט און, נעבעך, זיי אָפּגעגעבן דעם רבונו־שול־עולם. אַזעלכענע איינזאַמקייט־מינוטן איז די אַלטע לייט באַשערט גאָר זעלטן. על פּי רוב אין די אָוונטן איז דאָס הויז פול מיט פריילעכקייט. מען רעדט, מען שמועסט, און טאַטע־מאַמע אין דער מיט, צווישן יונגוואַרג. און אַלע דערציילן. מ׳האָט הנאה דערפון. ס׳פאַרגעסט זיך די אָרעמקייט. און פאַראַן וואָס צו דערציילן. ס׳פאָלק מערט זיך אָן עין־הרע אין די געסלעך. מען מאַכט חתונה, מ׳קלייבט זיך אין דער וועלט אַריין, און ווער עס זאַמלט בשתיקה אַ קערבל, אַז אַ בייז אויג זאָל עס נישט דערווישן. ווו עס איז דאָ אַן אונטערוואַקסנדיק קינד, איז עס ערגעץ ווו שוין פאַרנומען. איטלעכס גייט אַ גילדן פאַרדינען און צוזאַמען מיטן אָפּגעאַרבעטן טאָג ווערן נולד מעשהס, נייעסן. ביי וואָווע געלבאַרט, ווו עס זענען פאַראַן פיר טעכטער, ווערן אַלע נייעסן איבערגעקאָכט, צעביטן אויף קליינגעלט.

ר׳ וואָווע שטעלט זעלטן אַריין אַ וואָרט אין די איבערגערעדטע זאַכן, וואָס קומען פון שטאָט מיט אויפגעהויבענע אויערן און צעזשאַרעטע אויגן. די ייִדענע מישט זיך גיכער אַריין. ער רירט זיך נישט אַרויס „פּזשעז פּרוג״. זי איז מערער אויסגעבונדן מיט די מיידלעך און בחורים, וואָס קומען צו די קינדער.

די מיטלסטע טאָכטער, גאָלדע, איז דאָס שיינדל פון שטוב. פון אירע שטאַרק שוואַרצע האָר טראָגט זי אַ הויכפאַרקאַמטן דאַשעק און אַ פולכנע פאַרדרייטן קוקס. איר אָוואַל, ברוין פּנים, אַ געפּלעגטס מיט שמעקעדיקן בוימל, צייכנט זיך חנעוודיק אויף די שטייפלעכע ווייסע קראַגנדלעך, וואָס ראַמען אַרום איר שלאַנקן, ווייך־אַנטפּלעקטן האַלדז. ווי באַלד גאָלדע גייט אַריין אין שטוב, וואָס ליגט אין דער נידער, אָן זון, קומט שטענדיק מיט איר מיט אַ קלינגעוודיק וואָרט, נישט זעלטן איר געלעכטער.

— הערסט, מאַמע! שמואל שפּילקעמאַכערס טאָכטער האָט היינט געליטן אויסערגעוויינלעכן קאַפּוויטיק.

— וואָס איז געשען? — ווערט שפרה נייגיריק.

— ס'איז געשען... דאָס פריילין האָט פאַרגעסן אָפּצוגעבן דער מוטער מזל־טיב, וואָס זי האָט געהאַט אַ טאָכטער אַ בהמה!

— דיינע הלצות! — זאָגט די אַלטע און זי האָט נישט קיין צייט צו שמייכלען. די צופרידנקייט מיט גאָלדעס חכמהס פאַרקילט זי ערגעץ צווישן די צעשאָטענע שפולן, וועלכע זי מאַכט צורעכט אויף אַ דריי־רעדל.

— כאַ־כאַ! אַ הלצה... — זאָגט דאָס מיידל און פאַרכלינעט זיך מיטן געלעכטער, וואָס קוועלט אַרויס פון איר. — דאָס קאַלב איז היינט גע־קומען צו דער אַרבעט און האָלט די האַנט אויפן קאָפּ. — וואָס איז דיר? — פרעגט מען איר. — דער קאָפּ טוט מיר ווייִ... פאַרקרימט זי זיך, פונקט ווי מען וואָלט זי געגנויט דערצו. — פון וואַנען ווייסטו קריינדל, אַז דער קאָפּ טוט דיר ווייִ? — די מאַמע האָט מיר געזאָגט, דער קאָפּ טוט מיר ווייִ, ווייסטו שוין ? — גיט זי אַ געשריי. — ביינאַכט האָט זי גערעדט פון שלאָף, האָט איר די מאַמע אָנגערירט דעם קאָפּ און געזאָגט, אַז ער טוט איר ווייִ... נו, ווייסטו שוין איצעט, מאַמע, פון וואָס דער קאָפּ טוט ווייִ?...

גאָלדע צעקייכט זיך אויפן קול און דאָס געלעכטער קייקלט זיך אַ פרעמדס איבער דער שטוב, ווו עס צאַפּלט זיך ביי אַ ווערקשטעל אַ וועבעריש לעבן, וואָס הערט גאָרנישט, ווייסט גאָרנישט. אויך שפרה פאַרגייט זיך אין אַ געלעכטער, אַזש טרערן רינען פון אירע אויגן. ר' וואָווע איז פרום, ר' וואָווע האָט אין זינען אַ פּסוק תהילים און ר'האָט אין זינען די מלאכה, וואָס אַ מענטש מוז טוען... גיט ער נאָר אַ מורמל.

אויפדערנאַכט ווערט דער איינגעזאַמלטער עולם געוואָר די זעלביקע מעשה וועגן שפּילקעמאַכערס טאָכטער, און מען טרייסלט זיך פון ס'ביי פון געלעכטער.

נאָר אַז וואָווע זיצט צווישן אַלעמען, איז יונגוואַרג ערנסטער. ריכ־טיק, מען זינגט אַ מאָל, מען גיט איבער עפּעס היימלעכס, נאָר די מאָס פאַרגעסט מען נישט. וואָווס חשיבות מאַנט געזעצטקייט.

לייזער הענדליש, דעם זייפנזידערס זון, וועלכער קומט פון דער באַלעבאַטישער אַלטשטאָט, ברענגט פרישע נייעס וועגן די שטיקלעך גבירים, וועלכע קרומען זיך אויף די וועבערס. אַ ייִד אַ וועבער איז נישט קאַ׳ מענטש... לייזער דערציילט וועגן דער שיל, ווו עס האָבן זיך אַריינ־געכאַפּט גבאים, וואָס לעקן זיך צו פּאָזנאַנסקין, צו עזרא שיקיערן. זיי ווילן זיך אַזוי אַרום איינקויפן אין יחוס, רייסן זיך איבער כבוד. „ס׳וועט זיי אַזוי לייכט נישט אָנקומען, די קאַווע־ייִדעלעך״! — שרייען אין קנאה־שנאה שמואל־זאַנוול סמאָלע און שיע וואַרשאַווסקי, דיביידע גראָבע פליגל, וועלכע לויפן מיט מסירהס צו נאַטשאַלסטווע, ווייל זיי ווילן זיך אַליין צוכאַפּן צו דער קהלישער שיסל. אַנומלט, אום שבת, האָט מען זיך שוין אויפן באַלעמער געשלאָגן מיט אָרטשיקעס. דער שוואַרצער דוד און הענעך פּערקע האָבן מיט טמא פויסטן געקלאַפּט אין שולחן אריין, גע־סטראַשעט מיט פּאָליציע:

— ייִדן, שאַט׳ס. הערטס אַ וואָרט! — האָט געשריגן דער פּערדס־יונג פּערקע.

זיי האָבן דווקא געוואָלט שטיין אויפן באַלעמער און רעדן צום עולם, די פּרעטענזיע־גייערס.

— אַזאַ חלול־הקודש — מאַכט ר׳ וואָווע — זע נאַר, מ׳ווייסט גאָר־נישט, וואָס אַ ביסל אַראָפּצו־צו טוט זיך, איי־איי...

— איר וועט נאָך הערן אַ קאַפּעלע שענערס, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט די פישעזשעס ביים סטאָוו.

— פּאָזנאַנסקעלע איז דאָך עפּעס פּאָזנאַנסקעלע, צ׳ווייסט דאָך! ער זאָגט אַ וואָרט, וויל ער, מע זאָל אים הארכן. אלא נישט, ברענט ער ווי אַ פייער. באשר ער האָט געגעבן דעם פּלאַץ פאַר דער שיל, וויל ער, אַז די, וואָס ווינען דערנעבן, זאָלן זיך וואַרגן אין דחקות. שלמה ליטמאַן האָט זיך געעפנט אַ יאַטקע, לוי קאַלינסקי האַלט דאָרט אַ יאַטקע, האָבן אַ פּאָר ייִדן ערב שבת זיך אָנועקגעשטעלט מיט אַ וויג פיש. דעם גאָס־פּאַדין פּאָזנאַנסקי איז דאָס אָבער נישט געפעלן. ער האַלט זיך צו די נאָז, ווען ער גייט פאַרביי די שיל־גאַס. אַז ער קען שוין נעבן אַ ייִד נישט שטיין. גייט ער אַנומלט פאַרביי, ר׳ ישראל, שטעלט אָפּ זיין שטעקעלע,

גיט זיך אַ גלעט ס׳שפּיציקע בערדל און מאַכט אַ יעלה: „שוין זאָלט עץ גיין פון דאַנען, גנבים!“

— ווער איז אייער גנב, ר׳ ישראל? — גיט זיך איטשע לעבער אים אַ שטעל אַנטקעגן מיטן איינגעבלוטיקן ווייטעדיקן אויפן בויך. — פון וואַנען האָט אַזאַ זעקל־ייִד ווי פאַן פאַזנאַנסקי אַזאַ עשירות, אויב נישט פון גנבה און גזילה!

— אַוועק! אַוועק פון דאַנען, זאָג עך דיר, דו אומגעדאַוונטער שגץ!

— האָט זיך דעם פיינעם ייִדס פּנים אָנגעצונדן ווי אַ לאַמטער. פון כעס האָט זיך אים פאַרהאַקט דאָס רעדן, זיינע ליפּן האָבן זיך באַלייגט מיט אַ שוים.

— און ווו דאַוונט ר׳ ישראל קלמנס? אין קאַשטשאָל מיט וויטשעכן, צי אין חסידים־שטיבל מיטן וווכערניק שמחה בערקע? — גיט אַ שפּרינג אַרויס אַ פישערקע, אַן איינגעפּעקלטע אין אַ וואָלענער דערע.

— וואָ׳דען? אין שיל וועט ער דאַוונען? ס׳פּאַסט אים דען, דעם נעבכטיקן שנאָרער־זאַק! מיט די דלתים וועט ער זיך צוגויפטרעפן? קהלס פאַרזאָרגער!

פאַרשטייט עץ שוין? אַן אָפּגעפּאַטשטער איז ער אַוועק, דער כראַ־ביע. אָבער ס׳איז נאָך נישט דער סוף פון דעם קושעניש. ס׳האָט אין אים געזאָטן, אין פאַזנאַנסקעלען. ער איז געלאָפן צו פּאָליציע, באַוויזן זיינע פּאַפּירן און אויסגעפּועלט אַ „ראַזרעשעניע“ אַרומצוצאַמען דעם פּלאַץ, ווו ייִדן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט האַנדלען. בכן דער פּלאַץ איז זיינער אַן אייגנס, אויפן אייגענעם באַרג מיסט אויסגעוואַקסן. אין אַן אינדערפרי, עולם שטייט אויף, מען קוקט זיך אַרום, דערקענט מען נישט זיך אַליין אָן מע דערקענט נישט די שיל־גאַס. וואָס איז געשען? דער פּלאַץ, וואָס פון שיל־גאַס ביז צום סטאַוו איז אָפּגעצאַמט מיט אַ פּלויט. אַ הויכער הילצערנער פּלויט און — פאַרשטאָפּט ייִדישע פּרנסות.

— וואָס מע הערט! — איז נבהל־ונשתומם דער יושב־אוהל ר׳ וואָווע געלבאַרט — אַזוינס זאָל זיך אַ מענטש פאַזוואָליען?

— אָבער נאָך נישט... ס׳געדעכטע קומט ערשט... אונדזערע קצבים און פישעזשעס זענען נישט קיין פוילע קינדער. אין אַ מיטנסדערנאַכט האָבן

זיי דעם גאַנצן פּלויט אָפּגעווישט. מילא, פאַרשטייט עך דאָך, אַז פּאַזנאַנס־קעלען פעלן נישט קיין אונטערלעקערס. טוט אים עמעצער אַ טובה און לויפט גאַנץ פרי דעם פריץ אָנזאָגן די גוטע בשורה. נעמט דער פיינער ייִד דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם און גייט זיך קלאָמפּערשט צו השכּמה אין דער אַלטשטאָטישער שיל אַריין. עולם קוקט אים נאָך. אַ נאָווינע! דער עושר פון דער דרוקער־גאַס גייט אין אַ פּראָסטן מיטוואָך דאַווענען אין שיל אַריין. צו קוקן בייז־ווונדער האָבן מענטשן שטענדיק צייט. שטייען זיי און גאַפּן. אַ סך זענען אפילו אים נאָכגעקראָכן. איך — אויך. און מ׳האָט געזען אַ העצע. פישעזשעס, קצבים און קרעמערס האָבן גאָר ווינציק דרך־ארץ פאַר אַזאַ איינעם. און אין אמתן — וואָס פאַרא מורינו איז ער דאָס! דאָס געלט זיינס? אַנטעק האָט אויך געלט, מאַטשעק אויכעט, און זיי בלאָזן ווינציקער פון זיך, ווי ער... איז הערט: וויבאַלד פּאַזנאַנס־קעלע האָט זיך באַוויזן אין דער שיל־גאַס, האָבן די לייט מיט די פאַר־בלוטיקטע פאַרטעכער אַרויסגעשטעלט אויף דעם גביר־רצון זייערע גע־לאַטעטע, גלאַנציקע הינטנס און אַזוי אים באַגעגנט:

— אַ גוט מאָרגן איך, מורינו, ר׳ ישראל קלמנס!

— אַ גוטן אויפשטיין דעם פּאַן פּאַזנאַנסקי!

— זדראַווסטוויטיע, יעווואָ בלאַגאָראָדיע!

אין געטומל, אין געלעכטער האָבן די הינטנס לאַנג אים אין די אויגן געשטאָכן, פּאַזנאַנסקעלען.

— אַזוי? נו־נו... צעשפּילן זיך אויגן. אפילו דער אינעווליצער, וואָס זיצט שטענדיק אַ שווייגעוודיקער, האָט איצט זיך נישט געקענט איינ־האַלטן:

— און דער סוף?

דער זייפנזידער גיט אַ מאַך מיט די הענט, מען זאָל אים לאָזן רעדן.

— פאַרשטייט זיך, — זאָגט ער, — ער האָט זיך געשווינד אָפּגעע־טראָגן. ר׳איז געלאָפן נאָך סטראַזשניקעס, און ס׳האָט אים נאָכגעיאָגט אַ שפּעטעניש:

— ישראל פּאַרעך!

— דרעקישער גביר!

— פע, — זאָגט ר׳ וואָווע — אויף אַן אַנדער אופן האָט מע געדאַרפט פועלן ביי אים.

— ס׳עט אוודאי זיין אַ משפט... די פישעזשעס און קצבים דאַרף מע גאָרנישט מקנא זיין. אָנגעהויבן מיט אַזאַ העכט.

— אוודאי, — זאָגט דער זייפנזידער, אויסגלייכנדיק דאָס קיילעכ־דיקע טוכענע היטעלע, וואָס מאַכט פראַנטיש זיין עכט יידיש אויסזען — דער קאָפּ שטינקט פון העכט... אַזוי ווי פּאַזנאַנסקעלע וועט וועלן, וועט פּאָליציע טאָן.

הדס, וואָוועס עלטסטע טאָכטער, וועלכע אַרבעט אין מרדכי הע־בערס אייל־ און נאַפט־קראָם, לאָזט אַלעמען אָפּ אַ סוד:

— צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, — זאָגט זי, — מרדכי גבאי העלפט שוין אויפשטעלן אַ ליסטע פון די קצבים, וואָס ווילן נישט צאָלן פּאָדאַט־קעס, וואָס מען חתמעט זיי אָן. איצעט וועט מע זיי שוין נישט שווייגן, טענהן די באַלעבאַטים, וואָס קומען אַריין צו ר׳ מרדכין. זאָלצמאַן, וועל־כער האַלט די אַרענדע אויפן שטייער פון כשרן פלייש טרעבעוועט פון מאַגיסטראַט, מ׳זאָל שמייסן די פאַרעקנטע קצבים. מיט איינזעצן אין „קאָ־זע״ קען מען זיי נישט פרעמסן.

— ס׳עט׳ן העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס! צווישן אַ סך האָזן איז דער הונט טויט, — כאַפּט זיך עמעצער אַרויס.

— יאָ, און די וועבערס האָבן ליב די גבירים ווי אַ געשוויר אונטערן אָרעם.

— ליב האָבן? זיי לאָזן דען אַ יידישן וועבער איבער דער שוועל אַריבער? — רופט זיך אָן מרים, ר׳ וואָוועס טאָכטער מיט די רויט גע־ליאַמעוועטע אויגן.

— עי, קינדער! נאָר נישט קיין לשון־הרע. נישט גלייך — מישט זיך אַריין וואָווע געלבאַרט.

אַזוי יעדן אָוונט, ווען די שעהן פּלאָנטערן זיך פון לאַנגווייל.

דעם טויבן אברהמטשעס אַרבעט־יונגען גייען יעדעס מאָל אַהיים אָנגעפּוישטע, פולע נישט בלויז מיט אָנגעהערטע נייעס, נאָר מיט עפּעס אַזאַ שאַרפקייט פון אומבאַקאַנטע ריחות. איינער דעם אַנדערן וויל עפּעס זאָגן וועגן דעם, אָבער דער קנויל, וואָס הייבט אָן ברי׳ען ערגעץ אין די

אינגעווײדן, דריקט צונויף דעם האַלדז. און הייבן זיי אָן עפּעס רעדן שפּע־טער, שוין ליגנדיק אין שלאָפבאַנק, יעלהט די מייסטערשע:

— ששששאַ!... נישט געקענט אויספּאַקן ס׳געשמועסעכץ ביז איצט? ששששאַ!

די אויגן קלעפּן זיך פון אינעווייניקדיקן גלי, אָבער איינשלאָפן איז נישט לייכט. עפּעס וועבט זיך אין מוח.

אויף צומאָרגנס און איבערמאָרגן ציט עס ווייטער אין וואָווע געל־באַרטס שטוב אַריין, אָבער מענדלען לאָקט דאָרט עפּעס אַנדערש און שמחה־בונמען עפּעס אַנדערש. רעדן רעדט מען נישט וועגן דעם, ווייל אויסזאָגן לאָזט זיך נישט אַזוינס, וואָס נאָגט, צופּט אין דער נשמה.

קאַפּיטל צוואַנציק

# גאָלדע און חוה

### א.

יעדן אויפדערנאַכט טראָגט עס די וועבער־יונגען צום גאָרטן־געסל, אין ר׳ וואָוועס אומעטיקלעך־היימלעכער דירה אַריין. פאַראַן דאָרט קלוגע מענטשן, מע הערט אינטערעסאַנט׳ס, וואָס אַז מ׳וועט די גאַנצע שטאָט אויסגיין, וועט מען אַזוינס נישט האָבן! פאַראַן דער פרומער ר׳ וואָווע, די גוטע שפרה, פיינע יונגעלייט, פריילינס, געראָטענע קינדער. מענדל כוחט זיך פון זיין געדעכעניש נישט אַרויסצוצי׳ען דעם נאָמען און די געשטאַלט פון גאָלדען. אויף איר ברוגזט זיך זיין געמיט אין די לעצטע טעג. אָט ווערט ער טרויעריק, ער שפּירט טרערן אין דער קעל. נאָר וויינען איז נישט זיין טבע. קוועלט עס אים טאַקע, ס׳קלעמט. און אָט ווערט דער יונג ווילד, ממש משוגע, אַז ער וואַרפט אַ שפּול שמחה־בונמען אין קאָפּ אַריין. ער פאַרגעסט זיך אין גאַנצן און קלאַפּט דעם מייסטער אין פלייצע אַריין:

— הע, ר׳ אברהמטשע! ס׳עט נאָך גוט זיין, זאָגט איר?

— משוגע, צי חסר־דעה? — קוקט אים אָן דער טויבער.

שפּאַנענדיק אין גאָרטן־געסל קומען מענדלען קאַפּויר די אַלע שפּי־רונגען. עס דערמאָנען זיך אַלע, אַלעטשקע, נאָר גאָלדען באַמיט ער זיך איבערצוהיפּערן אין זיין הייסער זעונג. ער שפּירט: ער וועט זיך נישט קענען גובר זיין — ער וועט זי פּלוצטאַלבן באַפאַלן, אויסקושן זי, צע־

בייסן. פאַר חרפּה וועט ער מוזן ווייט אַנטלויפן... גאָלדע איז אַ צו אָרנטלעך מיידל, זי זאָל וועלן גיין מיט אים, און ווי צו להכעיס חלשט ער פון באַגער נאָך איר נאָענטקייט. דאָרט אין שטוב איז זי דאָ, דעם אידעלן ייִדס טאָכטער און ס׳איז פאַראַן דער געלערנטער יונגערמאַן, צו וועלכן איר מוטער שפּרה איז צוגעלאָזן. גאָלדע איז אַ שיינע. זי איז נישט קיין אומלויפּערקע, ווי אַנדערע פאַצעטקעס מיט איינגעשמעקטע קעפּ און ווייסע בלוזקעלעך. איר קול, דאָס לאַכן, גיט אים איטלעך מאָל אַ צופּ אין ברוסט־גריבעלע. אפשר מיט איר זיך פונאַנדעררעדן? ניין, גלייכער נישט. אין רעיון האָבן זיך שוין אַ סך מאָל צונויפגעלייגט די רייד פאַר איר, אָבער יעדעס מאָל פאַלט ער אַראָפּ ביי זיך. ער איז נאָך נישט קיין וואַזשנער געזעלן. אויך זיין אַנטועכץ איז פראָסט, די גריוועס אַ שטייפע ווי די גריווע פון אַ פערד. עס ווערט אים פּשיקרע, ווען ער טראַכט וועגן זיך. — אָט יענער — אויף אים קוקט גאָלדע אַזוי מאָדנע, וואַרעם, כאָטש אויך עפּעס פון דער ווייטנס. אוודאי, אין מענדלען מישט זיך צונויף אַזוי פיל, ווען ער קלערט וועגן איר. ווי דען? עס שטעכט אים אַדורך ביזן ביין. ער האָסט יענעם פאַר זיינע געקרייזלטע האָר, וואָס פאַלדעווען זיך רוחיש פון אונטערן היטל אַפער. איינצייטיק שפּירט ער, אַז דער דאָזיקער איז וויכטיקער פון אים. ער רעדט פון נישט געוויינטלעכע זאַכן, זיינע מעשיות נעמען אויס ביי אַלעמען.

אָט דער שלמה איז אפילו אַ גאַנצער פאַן־בראַט מיט נאַפּאָלעאָנען.

— ווער איז עס געווען דער גאַנצער נאַפּאָלעאָן? — זאָגט ער, ווען די וואָכעדיקע דערמאָנט די גבורות פון דעם מאַנאַרך, וועלכן איר באָבע, עליה השלום, האָט געזען מיט די אייגענע אויגן. — אַ גאָרנישט מיט נישט. ער איז נאָר געווען אַ גרויסער עקשן — ציט אויס שלמה די ווערטער — און ר׳איז געוואָרן דער הערשער כמעט פון דער גאַנצעטשקער וועלט. אַ קליינוקייט, וויפל לעגדער ער האָט שוין געהאַט איינגענומען! ער איז שוין געווען גאָר־גאָר הויך, און איז ער אַראָפּגעפאַלן, האָט ער הענט און פיס צעלאָמיעט. אָבער ביז וואָס-ווען האָט ער מדינות אַרומגעפירט ביי דער נאָז, יושר איז ביי אים געשטאָרבן. אין מענטשיש בלוט האָט ער זיך פאַרכלישניעט. פראַנצלאַנד האָט זיך געטרונקען אין בלוט, ר׳האָט

געשלאָגן עסטרייך, איטאַליע, ר׳האָט זיך אַ נעם געטאָן אויף מצרים און ס׳האָט אים אַ צי געטאָן קיין ארץ־ישראל.

— מע זאָגט, אַז ער איז אויך געווען אין לאָדזש, נאַפּאָלעאָנטשיק — גיט הדס זיך אַ כאַפּ אַרויס.

— מן הסתם! — שאָקלט וואָווע מיטן קאָפּ — ר׳איז דאָך געגאַנגען פון ראָסיי.

— כ׳האָב׳ס אויך געהערט... — לאָזט חוהלע די ראַדאָגאָשטשערין וויסן פון זיך.

— זעכער, זעכער! מיין באָבע מרים, אונדז צו לאַנגע יאָר, האָט אַליין געזעען נאַפּאָלעאָנען אין אַ הויכן הוט מיט שפּיצן. אויף סטאַרע־וויעש, וווּ ס׳איז היינט די פּולנאָצנע, איז געווען אַן איינפאָר־הויז, איז ער דאָרט איינגעשטאַנען. ער איז צוריק געגאַנגען פון דער ברעזינע...

— אוודאי, נישט אַנדערש! צו אים האָט מען צוגעלאָזט אַ ייִדענע.

— וואָ׳דען, מ׳האָט׳ן נישט געזעען?

הינטער דער שטוב האָט די נאַכט געזונקען אין פינצטערניש. די בלאָטע האָט ליימיק זיך געקלעבט צו די פאָדעשוועס. דער הימל, אַן אויסגעשטערנטער, האָט אָנגעזאָגט אויף נייע פרעסט. שמחה־בונם איז שטיל־סאָפּנדיק געגאַנגען זייט ביי זייט מיטן זמן־יונג. זיין רעיון האָט אים אָוועקגעטראָגן צו חוהלען, וועלכע האָט איינע אַליין, אַן איינגעטוליעטע אין אַ טוך געשפּאַנט אין וויטלעכן העק אַריין.

ראַדאָגאָשטש, ווו חוהלעס טאַטע־מאַמע האָבן געוווינט, איז נאָך מער געלעגן אַרויס־שטאָט, איז שמחה־בונמען שוין געוואָרן לגמרי פרעמד. טאָקע אין ראַדאָגאָשטש איז דאָס גראָשן־געסל. עס איז מסתמא אויסגעוואַקסן מי־יודע ווי גרויס! אָבער אָקערשט, אין דער ווינטערדיקער נאַכט, קריכט אים דאָס נישט אין קאָפּ אַריין. חוהלע מיט די בליִענדיקע בעקלעך, לאָזט אים נישט קלערן וועגן דעם. דאָס נאָגנדיקע געפיל, וואָס דאָס מיידל האָט זינט אַ צייט אָנגעלעבט ביי אים, רופט אַרויס ביי אים אַ בושה, וועלכע ער קען נישט בייקומען, כאָטש צווישן מענטשן איז ער שוין נישט אַזאַ שעמעוודיקער, וואָס אַמאָל. איצט איז עס די שעמעוודיקייט פון דעם ניי־געבוירענעם אַנען, וואָס האָט נישט קיין נאָמען. נאָר שמחה־בונם רופט עס אָן אין זיך מיט חוהלעס נאָמען, ווייל פון צווישן אַלע אָנבאַגעגנטע

מיידלעך איז זי אים צום מערסטן געפעלן געוואָרן. זי מאַכט אים פול און ער גייט איר נאָך ווי אַ שאָטן. נאָר זי ווייסט נישט דערפון.

...נישט ווילנדיק גיט חוהלע אַ מאָל אַ קוק אויף שמחה־בונמען. דער אינעווליצער באַגיסט זיך מיט אַ רויטקייט אַזאַ, וואָס מאַכט אים פול, שכור. דאָס דאָזיקע נישט אויסגעדריקטע, נישט אויסדערציילטע געפיל פאַרקוועטשט אים דעם שלונג. רופט מען זיך אָן צו אים בשעת־מעשה מיט אַ וואָרט, צעצינדט זיך נאָך מער זיין פנים, ווי עס וואָלט זיך געשפיגלט אין פייער. אין יונג רעגט זיך דאָס בלוט. די האַרץ־ווענטלעך דערוואַרטן אַ שטורעם, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט טרערן, דערשטיקטע אין זיך. דער־נאָך, אַהיימגייענדיק סאָפּעט ער טיף, שווער, גלייך ער וואָלט אויסגעלאָדן די היץ, וואָס חוהלעס בייזיין האָט אין אים אויפגעהויבן. און אָט עפנט זיך אים דאָס מויל. ער וויל רעדן וועגן דעם, טאַקע וועגן דעם, נאָר אַרויסקומען קומט עפּעס אַנדערש. דער בושת־פנים קען פאַר עמעצן אַנדערש נישט אַרויסברענגען חוהלעס נאָמען. אַז ער הייבט אָן רעדן, זאָגט ער:

— אַן אינטערעסאַנטער יונגערמאַן, דער שלמה. ער איז געלאַרנט.

— ער איז אַ באַלעזענער — זאָגט מענדל און פאַרגינט דאָס נישט שלמהן — נאָר דו מיינסט, אַז אַלצדינג, וואָס ער זאָגט, מוזסטו אים גלייבן?

— פאַרוואָס? ער זאָגט דען ליגנס?

— וואָ׳דען, בלויז די נעוואָרעט?

— לאָז געמאַך, מענדל!

יענער האָט געדאַרפט אויסשיסן די אָנגעהויפטע ביטערניש. שמחה־בונם האָט עס אָפּגעפילט, נאָר ס׳איז אים געווען דערווידער דאָס רעדן. דער לערן־יונג האָט איינגעהאַלטן זיין שטומעניש, און דאָס האָט מענגד־לען געאַרט. שפּרייזנדיק נעבן אים האָט מענדל געמורמלט:

— אויך מיר אַ ווייסער!

## ב.

ווען אין דער ווילגאָטנער וועבער־שטוב פאַלט אַריין דער קורצאָטעמ־דיקער, ווינטערדיקער פאַרנאַכט, קענען אברהמטשע באַראַנס אַרבעטס־

יונגען נישט איינזיצן אין דער ווערקשטעל. די הענט לאָזן זיך אַראָפּ. די נידעריקע שטוב אין גאָרטן־געסל גיט אַ ציִ. שמחה־בונם, וועלכער האָט אַלץ נאָך נישט געפּועלט ביי זיך צו זיין זעלבשטענדיק אין זיינע טואונגען, וואָרפט „אויגן״ צום זמן־יוגג — ווי האַלט ער, מענדל, מיט דער אַרבעט? אויב אַ גאַנצן טאָג קען ער זיך איבעררײדן מיט מענדלען אויפן ווונק, איז ער אויפדערנאַכט דאָס שוין נישט אין שטאַנד. דער אינעוווּליצער צאַפּלט דעמאָלט פון נערוועזקייט. ער קוקט אויס די מינוט, ער זאָל שוין אַראָפּ־ציִען דעם לעצטן „שמיץ״ סחורה — דעם רויטן פאַרב־פלעק אויפן זוים־באַנד פון דער קעטע — דער „ציל״, וואָס דער מייסטער האָט אים באַ־שטימט אָפּצואַרבעטן. און דער טאָג און דער אויפדערנאַכט ציִען זיך ווי אַ קרענק. אַלץ גייט להכעיסדיק און ווי אויף צו להכעיס קען ער זיך נישט צונויפטרעפן מיט מענדלס בליק.

דעריבער איז דאָס אַריינכאַפּן זיך צו וואָוע געלבאַרטן אַן אויפלויכ־טונג אין דעם אינעוווּליצערס האַרץ.

— שלמה רעדט אַזוי קלוגעטשקע, טראַכט זיך נישט ווילנדיק.

— קיין עין־הרע! — גיט חוהלע, מעשה „אַלטער קאָפּ״ אַ שטילן זאָג דער וואָוועכע אין פּנים אַריין.

און דער שלמה שפּינט אין געשיכטע אין דער אַנדערער אַרייִן, אַז ס׳איז צו שטוינען... „אָ, גאָר לאַנג צוריק האָט ער געלעבט דער פּיליסיף. דיאָגען האָט מען אים גערופן. ס׳שוין אוודאי אַ צוויי טויזנט יאָר, און אפשר מער. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ דראָבנע שטעטל פון גרעקנ־לאַנד. ער איז אַ נאַקעטער און אַ באָרוועסער אַרומגעגאַנגען, ר׳האָט גע־וואַנדערט, טוענדיק כלערליי אַרבעטן אויף צו פאַרדינען זיין ביסן ברויט. ער האָט אָן אויפהער געטראַכט וועגן דעם, צי ער לעבט ווי ס׳געהער צו זיין. מענטשן האָבן אים נישט פאַרשטאַנען, אַנדערע האָבן אים אויס־געלאַכט. נאָר דיאָגען האָט געפילט, די מענטשן לעבן נישט אַזוי ווי מען דאַרף לעבן. זיי ווייסן נישט, ווו ס׳איז דער אמת. איין מאָל האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויפן שטאָטישן מאַרק, איינגעוויקלט זיך אין זיין אייג־ציקן מאַנטל, כדי אונטער דעם אויסגעשטערנטן הימל דורכצושלאָפן די נאַכט. אינדעם הערט ער: עפּעס האָט זיך אַ רודער געטאָן אין פאַלד פון מאַנטל. ער האָט זיך אומגעקוקט און געזען — אַ מייזל. דאָס חיהלע האָט

אויפגעגעסן די קרישקעלעך פון זיין וועטשערע. גוט זיך איינגעקוקט אין דעם מייזעלע, האָט דער פילוסיף געזאָגט צו זיך: וועגן וואָס טראַכסטו, דיאָגען? אָט די מויז איז צופרידן מיט די רעשטלעך פון דער מאָלצייט, און דו, שכלדיק באַשעפעניש, דאגהסט זיך וועגן דעם, פאַרוואָס דו פרעסט זיך נישט אָן און לייגסט זיך נישט אַוועק אין ווייכע קישנס. דיאָגען, וואָס האָט אַמאָל געלעבט רייך און באַקוועם, זיין טאַטע איז געווען אַ באַנקיר, האָט פון דעמאָלט אָן זיך אָפגעזאָגט פון אַ באַשטענדיקער וווינונג. אין אַ שיינער נאַכט איז ער געשלאָפן אונטערן אָפענעם הימל. אונטער אַזאַ דאַך — האָט ער געזאָגט — איז קיינעם נישט ענג צו לעבן. און די שטערן בלישטשען, גלייך זיי וואָלטן צווישן זיך גערעדט וועגן דעם, וואָס זיי זעען אויף אונדזער ערד. קוקסט אויף די שטערן, איז דיר נישט אומעטיק, ליגסט נישט אַליין, נאָר מיטן פאָלק. אַ מאָל איז ער אַרויס אין שטאָט, — צ׳מעגט דאָס אויף טשיקאַוועס הערן — האָט ער אין מאַרק באַגעגנט אַ יינגל ווי עס שטייט ביים ברונעם און טרינקט וואַסער פון דער האַנט־פלאַך. דעמאָלט האָט דיאָגען נאָך געהאַט זיינס אַ קריגל. געזעען, מ׳קען אויסקומען אָן אַ קרוג, האָט ער זיין לעצטן פאַרמעג אַוועקגעוואָרפן און, פונקט ווי דאָס יינגל, געטרונקען פון דער זשמעניע. אַבי נישט צו האָבן קאַ׳ מאַיאָנטקעס" — האָט שלמה מסביר געווען.

— או-וואַ... או־וואַ! — האָט ר׳ וואָווע זיך געקוויקט פון דער געשיכטע, — דאָס הייסט אַ צידקות, שוין איין מאָל אַ מדרגה... נו, נו!

הערנדיק מעשיות, האָט שמחה־בונם פאַרגעסן, אַז ס׳איז שוין שפּעט. אַרויסגעלאָזן פון זינען דעם עול: ער דאַרף זיך נאָך צולייגן, כדי צו קענען באַגינען ווידער אַרונטערקריכן אונטערן וועב־שטול. דער אינעווויליצער איז געזעסן פאַרגאַפּט, אין גאַנצן נישט געפילט דעם האַרטנעקיקן אַרום. און ביי מענדלען האָט אויסגעוועפּט זיין פאַרבאַהאַלטענע שנאה צו שלמהן, דעם געלערנטן דערציילער. און מענדל האָט פאַרגעסן בייז צו זיין אויף גאָלדען, הלמאי זי קוקט אַזוי מאָדנע אויף יענעם. עפּעס האָט זיך אין האַרצן דערשפּירט אַ דאַנקבאַרקייט פאַר די טיפזיניקע געשיכטעס.

די וועבער־יונגען גייען פאַמעלעך אין שפּעטער נאַכט. די געסלעך ליגן צונויפגעקנוילטע. אייליקער איז זייער גיין אַנטקעגן דער נאָגנדיקער לער־קייט וואָס איז אויסגעגאָסן אויף דער גרענעץ צווישן טריפנדיק־וואָיענדיקן

האַרבסט און דעם שטייפלעכן אָנהייב־ווינטער. גריזשנדיק איז דעמאָלט די לופט און דער ווינט הינטער די פענצטער שאַרט זיך אַ הוסטנדיקער, גלייך סטאַדעס וועלף וואָלטן פאַרבלאָנדזשעט אין שטאָט אַריין און גע־ברילט. אין שלאַבאַן טוליען זיך צונויף די ביידע יונגען, אַז עס זאָל זיי זיין וואַרעמער. איצט, אום ווינטער, איז זיי היימלעכער ס'אַהיימגיין אין מיטננאַכט. ביי יעדן אין מוח וועבט זיך נאָך די מעשה פון דעם פּיליסיף, וועלכער האָט געטענהט אַז דער מענטש לעבט אויף דער וועלט נאָר כדי די מענטשן גוטס צו טאָן.

און ווי אַ נאָכקלאַנג פונעם פאַרפלאָסענעם אָוונט, וואָס איז זיי נאָכ־געגאַנגען פון וואָוזע געלבאַרטס שטוב, פויקט אין מענדלען גאָלדעס אײדל וואָרט:

— גייטס געזינטערהייט!

זי'ט געזאָגט דאָס ביידען, נאָר געמיינט האָט זי נאָר אים, מענדלען — הילכט עס אין דעם זמן־יונג.

אַן אָפּגעריסענע פון ערגעץ האָט זיך שמחה־בונמען אין געהירן גע־פלאָנטערט די אַנומלטיקע געשיכטע פון פאַזנאַנסקעלען דעם עושר מיט די אַלטשטעטישע פישערס און ס'איז אים קאַפּוירגעקומען די מאַנצבילישע מורא הלמאי חוהלע פאַזוואָליעט זיך אינמיטן נאַכט איינע אַליין צו גיין אַהיים אין וויסטן ראַדאָגאָשטש. ווען ער קען אַזוי — רעדט עס אין אים מיט ביטערער טענה — וואָלט ער איר געעצהט מער אַזוי נישט צו טאָן. יאָ, און דער פאָטער וואָלט באַדאַרפט צו זיין אַ ביסל שטרענגער צו איר. דאָך אַ מיידל! — —

און זי, אַ שיינע מיט הויכע וויגנדיקע היפטן איז אַקעגן אים גע־שטאַנען מיט אַ חנעוודיק צעפלאַמט פּנים, מיט ברייט צענומענע אָרעמס. ...ס'האָט לאַנג גענומען ביז די וועבער־יונגען פלעגן אַנטשלאָפן ווערן.

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

# עס איז אומעטיק

### א.

טרוקענע פרעסט האָבן זיך געשטעלט נאָך די דויערנדיקע שנייען, וואָס האָבן פאַרליאַפּעט די ווענט פון די הילצערנע, משופּע־דעכלדיקע הייזער מיט די טונקל־גלאַנציקע פענצטער. דער הימל איבער די וועבער־געסלעך איז געהאָנגען אַ גראָער. טייל מאָל האָט ער אויפגעלויכטן מיט אַן אויגנרייסנדיקן בלענד, וואָס איז גיך אויסגערונען. אַ קילבלעכע האָט די זון זיך אַ באַוויז געטאָן דורך אַ וואָלקן און באַלד זיך פאַרלוירן אינעם אומגעהייערן טייך פון דעם גייענדיקן, שווימענדיקן גראָ. צו אָוונט־צו האָט דער הימל־קופּאָל, דריקנדיק אויף די מענטשן, ערטערווייז זיך באַדעקט מיט גרויסע שוואַרצלעכע פלעקן, אויך גייענדיקע, פּאַוואָליעדיקע. פון צווישן די טונקעלע הימל־קלעקן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ האַלב־רינג מיט אַ שאַרפן, קאַלט־ווייסן גלי. ערשט די לבנה האָט אַ ביסל היימלעך געמאַכט די שמאָל־געסלדיקע, וואָס פלעגן נישט ווילנדיק וואַרפן אַ בליק אינעם פאַרלאָפענעם פענצטער אַריין: „ערשט אָנגעביסן און שוין שטייט אָן דער אָוונט! אַבי מע מיינט, ס׳איז נאָך גרויסער טאָג“. ווייל סיי־ווי זעט זיך נישט קיין גרויסער חילוק צווישן טאָג און נאַכט אין די וועבער־היימען, וויבאַלד עס טרעט אַריבער דער קאַלעמוטנער יעשיען. שטענדיק איז אין די הייזער שאָטנדיק, טוכלע. פון דער זון האָט מען זיך דאָ כמעט אָפּגעוווינט. מ׳ווייסט נישט איר מילדן שמייכל. סיידן זומער, ווען אין

דרויסן שרפעט עס און מחמת לײדיקגײן מוז מען גײן קײן װילקע „אַ שמעק טאָן", צי ס'װעט זיך מאַכן אַ שאָס צו געבן.

ברור! פויל האָט אַ מידיקײט געטליעט אין די אָפּגעאַרבעטע גלידער. ס'האָט זיך ליבערשט געװאָלט הערן עפּעס נײַעס, אײדער ערגעץ־װוּ זיך אַרויסרירן. און האָט מע זיך אַװעקגעזעצט האָט מען אָפּגעריכט פון טויטע און פון לעבעדיקע.

און נײַעס פון שטאָט האָט מען דערצײלט נישט בלויז אין ר׳ װאָװעס שטוב. װעבערס האָבן איצט אַ סך צײַט. דער װינטער שפּירט זיך שוין האַרבסט־צײַט. מ'הייבט אָן זיך אײַנהערן אינעם קרעכצן פון דער נויט, װאָס רײַסט זיך ב'גוואַלד אַריבער די װעבערישע שװעלן. דאָס יוסטע װילקע איז זאַט מיט סחורה. די װעב־שטולן גליװערן אין איבערדריסיקער רו און שנײען זעגען אויסגעפּאַלן טיפע. זײ שנײדן אין די אויגן פון װײַסקײט.

אין די דאָזיקע טעג זיצט חוהלע אין איר טאַטנס הויז, װאָס אין הינטערשטאַטישן ראַדאָגאָשטש. זי װײַזט זיך נישט פון דאָרטן. איצט קוקט שמחה־בונם שטאַרק אַרײַן אין זיך. ער גײט דאָך אַרום פּוסט און פּאָס. ערשט כאַפּט ער זיך, אַז ער טראַכט אויף אָן אמת װעגן דעם מיידל. ער שעמט זיך אפילו מיט דעם מאָדנעם נײַעם טראַכטן. אויסטערליש־נאָגנדיקע געפילן צעשטורעמען זײַן ברוסט. ער װײסט נישט װי אַזוי דאָס זיך צו פאַרענטפערן, הגם ער האָט בײַ זיך שוין דערװישט אויף קלאָר, אַז דאָס האָט חוהלע אים אינערלעך אַזוי צעװיגט. איר שײן פּנים, די פולע, הויכע היפּטן האָבן מיט ברײַ אַ לאָק געטאָן זײַן זכרישן דמיון.

דעם בחור צעטראָגט עס. אין שטוב זיצט ער נישט, אויב מ'זאָל אים אפילו צובינדן צו איר. ער גײט אַרויס אין גאַס און קומט באַלד צוריק, און גײט װידער. אָן אומרו באַװעגט מיט אים. די פראָסט סקריפּעט, נאָז און אויערן גליען פון קעלט — ער מוז אַזש אונטערלויפן; די קרירה טרײַבט, װײַט װעט ער אָבער נישט לויפן. ער איז געװוינט צו זײַן אונטערן דאָך. „פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט נישט אויף דער שנײדיקער פראָסט און נישט אין דער פרײַענדיקער היץ. די הײמישע ד׳ אמות איז װער־מיר אַ שטיקל־גוטס־גינט", איז געװען דעם טאַטנס װערטל. נישט װילנדיק האָט זיך אין דעם יונג אויפגעװעקט דער פאַרטײַעטער הימויי. ביז איצט האָט שמחה־בונם געװײנטלעך געקלערט װי אַזוי אָפּצואַרבעטן, דורכצוקומען די

טעג, אַבי זיך אַרויסצוקריגן פון דעם טויבנס שטוב. ס'איז אים צומאָל געווען פרעמדלעך דאָס שטרעבן צו ווערן אַ פּאָלנער וועבער און דער־שלאָגן זיך אַהיים צום טאַטן מיט אַ פריי פּנים: „אַזוי און אַזוי, טאַטע! דאָס, וואָס דו, ר' משה אינעווליצער, האָסט נישט דערחלומט, האָב איך צו וואָרהאַפטיקייט דערפירט! איך בין דיין זון און דער פאָטער פון דיין אויסגעוועפטן חלום..." אַזוי פלעגט ער טראַכטן, שמחה־בונם, ווען ער איז דאָס ערשטע יאָר אָפּגעווען אין דער לער ביי וועבעריי. איצטער איז זיין מחשבה אַוועק אַנדערשוווּ, אַוועק אַ פאַרבלאָנדזשעטע אויף אַן אומוועג פון זיין באַשטענדיקן פּילן.

חוהלע.

אויפן מאַרק, וואָס פירט אַרויס פון די שמאָלע געסלעך צו ראַדאָ־גאָשטש צו (אין אַ נידעריקע הייזקע זיצט דאָרט זיין חוהלע), איז גע־שטאַנען אַן איינציקע הילצערנע בויד. אַ בויד מיט פּאַרע פּאַרלאָפענע פענצטער; זעמל און בייגל און געררונצלטע עפּל האָבן געקלעפּט צו די שויבן. אַ שוואַרצע פון זונבראַנד און זאַווערוכעס — ווי אַ סך הייזקעס אין דער געגנט, איז די בויד אין ווייסלעכן פראָסט־טאָג אין גאַנצן פאַר־שלייערט מיט אייז־צויטן און טראַנטיקן רויך, וואָס זעצט רוגזהדיק צום פאַרבעלמעטן הימל; אַ געקרייזלטער רויך, וועלכער האָט די איינציקע צע־פוילטע כאַטקע נאָענט געמאַכט דעם איינגעפרוירענעם מאַרק־פּלאַץ. שמחה־בונמען האָט עס אַריינגעצויגן אַהין.

ס'איז געווען אַ גאַרקיך. אַ ייִדל אין פאַרשמאַלצעוועטן שפּענצער, אַ הויקער מיט אַן אשיק־גראָ שפּיצל פון אַ בערדל האָט אַרויסגעשטאַרצט פון אונטער דעם בופעט־טיש. מיט געלע, אומגעזונטע ציינער האָט ער גע־פרעגט:

— וואָס וועט אַ יונגער מאַן זאָגן גוטס? אַ גלאָז הייס'ס פאַר די קיש־קעס, צי אַ קרופּניק די פיס צו דערקוויקן?

ער האָט גערעדט צו שמחה־בונמען, נאָר געקוקט האָט ער נישט צו אים. אַז דער אינעווליצער האָט זיך תיכף נישט געכאַפּט, אַז אים מיינט מען, האָט דער גאָרקיכער וואַקלדיק זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און דעם בחור אַ פיר געגעבן אין צווייטן אַלקער אַריין:

— דאָ איז נישט צו שטיין, מענטשן קומען אַריין, מענטשן גייען אַרויס, ס׳איז אַן ענגשאַפט אַן עין־הרע.

ער האָט דעם בחור געהאַלטן ביים אַרבל און אַזויערנאַך אים אַנידער־געזעצט אויף אַ באַנק. ווי צעדריוולטע וואָטע איז אין דער האַלאַטע גע־שטאַנען אַ געדיכטע פּאַרע. זי האָט זיך געהויבן פון שיסלען געקעכטס, פון טעפּלעך זודיקן טיי און פון זשוואַווע באַוועגטע מיילער, גיריקע נאָך דערקוויקעניש פאַר די בורטשנדיקע געדערים.

מחמת דעם איינגעקלעמטן נעפּל דאָ און מחמת פאַרלוירנקייט האָט שמחה-בונם גאָרנישט געזען. ער האָט פאַרנומען בלויז דאָס כלעפּטשן פון ליפּן. עס איז געווען אַ וואָר געיעג פון זשעדנע וישטן. אין פאַרטועַנקייט ביי דער אכילה האָט פון אַלעמען געשריגן די טיפע פרעמדקייט פון די מענטשן דאָ. קיינער האָט קיינעם נישט געזוכט, כדי צו קענען זאָגן כאָטש אַזוינס, וואָס לאָזט זיך שטענדיק זאָגן עמעצן, ווען מען טרעפט אים ערגעץ־ווו אין פעלד צי אויף אַן אומבאַקאַנטן וועג:

— הוהו, קרירות זיך געשטעלט.

אַזאַ ווי שמחה־בונם וואָלט געזאָגט:

— אַך, דער ווינטער! נישטאָ ווו זיך אַהינצוטאָן. אַז איין עק שטאָט איז מי-יודע ווי אָפּגעריסן פון אַנדערן עק שטאָט.

דער אינעוווליצער האָט געטרונקען אַ טעפּל הייסע טיי, וואָס האָט זיך געפילט פון ריישעכץ; געזופּט פּאַוואַליע, צוגעקייעט אַ פּלעצל, אַ פּריש אויסגעבאַקנס מיט געשמאַקן מאָן און ציבעלע. ער האָט דין צעמאַלן יעדן ביסן און געטראַכט אַ הויל טראַכטעניש. דערוויל איז די פּאַרע זיך צעגאַנגען. אַ סך זענען נישט־געוואָרן. אויפן לאַנגן טיש זענען געבליבן ליימענע, וואָכיקע טעלערס און איבער זיי זענען, מיד אָנגעלענטע, געזעסן דערריייטלטע מענטשן מיט שווערע הענט. בערד און וואָנסעס, ערטערוויין פאַרקלעפּטע מיט צעזאָטענע גרויפּן און ברעקלעך קאַרטאָפל, האָבן עדות געזאָגט וועגן דעם תענוג, וואָס זיי האָבן אָקערשט דאָ פאַרזוכט. באָרד און אויגן האָבן אויך זיך אָנגעקוויקט מיט די מטעמים, אָנגעבאַרייטע פאַר די געפרוירענע געדערים פון גאַסן־מענטשן, בעת אויף יענער זייט שוועל האָט דער דרויסן אַ פאַרקייכטער זיך געשטרעקט צו יעטווערן אָטעם וואַרעמקייט.

## באַלוטער וועבערס

שמחה־בונם האָט פּונסניי זיך פֿאַרלוירן, ווען אַ דראָזשקאַזש אין אַ באָנדע מיט אַ באַשליק איבערן קאַרק, האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאַר־שייטן קוק. דער יונג האָט די אויגן אַוועקגעדרייט.

— נישט קאַ׳ היגער?

— יאָ, אַ היגער, — האָט דער בחור געענטפערט.

— עך, ביסט אַ קליינשטעטלדיקער שמויגער! אַ לאָדזשער יאַט וועט אַזוי נישט באַגראָבן די שליפּיעס, ווי דו. ייִנגל, מיך וועסטו נישט אַריינ־קריגן... ביסט פֿון גושן אַראָפּגעפֿאַלן, ייִנגל!

— כ׳זאָל אַזוי לעבן... כ׳אַרבעט הי און טאַטע־מאַמע זענען הי, — קריגט שמחה־בונם אַ ביסל קוראַזש.

— ווייַנסט טאַקע הי, דאָס גלייבעך, נאָר פֿון באָגעריע, צי פֿון האָצע־פּלאָץ ביסטו אַראָפּגעפֿאַלן, — באַשטייט יענער אויף ס׳זייניקע. — אין דיין זשגייען זע איך, דו ביסט אַ יאָלד. אַ היימיש ייִנגל אכלט מיטביידע באַקן, זופּט אַנדערש. אַזוינע ווי דו וואַקסן דאָ איבער־נאַכט.

— זאָלעך מענטשן די אויגן אויסרייסן?

— פּעטער, מ׳קען אייך... די אויגן אויסדראַפּן לערנען זיך שנעל אויף דווקא אַזעלכענע קנאַפּע עסערס ווי דו.

— אַן אַרבעטאָרער גראַטשעט קיינעם נישט אויס די אויגן, — ווערט זיך שמחה־בונם.

יענער הייבט אויף דעם קאָפּ. ער באַטראַכט שמחה־בונמען פֿון קאָפּ ביז די פּיס: אַ שוואַרצן, ברייטבייניקן, זעט ער אים, מיט יונגן אָנשפּראָץ אויף דער אויבערשטער ליפּ. שמחה־בונמען נעמען קוועטשן די שטיוול אויף די פּיס, די לאַנגע קאָרטענע קאַפּאָטע מיטן סאַמעטענעם קעלנערל ווערט אים מיט אַ מאָל לופטיק-לייכט, אַזש ער דערשפּירט דורך דעם אַ קעלט אין די גלידער.

— אַן אַרבעטאָרער ביסטו? — חוזקט דער בעל־עגלה, אַ גלעט טוענדיק די וואָנסעס, — אוודאי אַ וועבערל?

דער אינעווליצער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: יאָ.

— אויב אַ וועבער־ייִנגל, ביסטו, זונעשי, פּאַרטיק ווי אַן עפּל־קוכן.

און דער דראָזשקאַזש האָט אַ זיפֿץ געטאָן, ווי מ׳וואָלט קעגן אים גופא דאָ באַגאַנגען אַן עוולה.

— ניין, בחור, האָט ער געזאָגט, אַנטלויף פון דעם אומגליקלעכן ברויט.

דער מענטש אין דער באָנדע האָט נאָך גערעדט. ער האָט הנאה געהאַט פון פייניקן דאָס יינגל, וואָס איז אים אונטערגעקומען אַקוראַט דעמאָלט, ווען ער האָט דערשפּירט די באַדאַרפעניש עמעצן צו בענדיקן מיטן איבערפלוס פון זיין כוח. אין זיינע קראַמפּהאַפטע הענט האָט ער טאַקע אַריינגעכאַפּט דעם ווערבערישן לערן־יונג און אים געשמיסן מיט רויע, שניידיקע רייד.

## ב.

אויפן פוסטן מאַרק־פּלאַץ איז דער אינעווליצער אַרויס ווי אַן אויס־טוענער. דער אייזיקער הימל האָט אין מוטנעקייט זיך געגעלבט און ביים האָריזאָנט — לייכט זיך פאַרשעמט. רויטלעך איז געווען דער הימל־זוים אין יענעם פריִען פאַרנאַכט. אַ סטראַזשניק איז געזעסן אינעם וואַך־ביידל, וואָס נעבן דער אייזן־געגראַטעוועטער הילצערנער קאַמער, ווו עס זענען איינגעזעצט די פאַרזינדיקטע פון שטאָט. פון דער „קאָזע" האָט דער יונג גיך זיך אָפּגעקערט, גלייך ווי זי וואָלט אים חושד געווען אין אַ מעשה־רע.

דעם דאָזיקן אָוונט איז שמחה־בונם שוין נישט געגאַנגען אין ערגעץ. איינגעגנורעט זיך אין דער פערענע, האָט ער געדרימלט מיט האַלב־געשלאָסענע אויגן. אַזוי שלאָפן חולאים, וועלכע האָבן אין אָנמאַכט שוין איבערגעענטפערט זייערע לעבנס אין די נעגל פון אַ צעשטערנדיקער קרענק.

אַן איינציקע נאַפט־לאָמפּ, אַ הענגענדיקע אויף דער וואַנט, האָט בלינד געזשמורעט אין שטוב אַריין. אַן איינגעדרייטער האָט שמחה־בונם צוגע־קוועטשט די אויגן. אַברהמטשע איז געזעסן ביי דער אויסגעקילטער הרובע און זי געגלעט מיט די הענט, גלייך ער וואָלט פון איר געוואָלט אַרויס־קריגן פאַרפאַלענע שטראָמען היץ. זיין אויסגעשפּיצט בערדל האָט זיך געשאָטנט אויף דער שוואַך־באַלויכטענער וואַנט. מעשה טויבער האָט ער גערעדט צו זיך. אין דעם איינגעוויגטן חלל האָט זיין געמורמל זיך באַ־קומען געגנוג הויך:

— אַזוי זעט מען אויס! אַצינד גיי דיר! לייזער בערגער האָט זיך אַריינגעמאַכט ס׳זייניקע... אברהמטשע באַראַן מעג שוין זדעכניען...

געפינטלט מיט די אויגן האָט דער טויבער ווי אַ סגי־נהור אַרום זיך געוואָלט דערווישן דעם וואָרצל פונעם ליכט, וואָס נישט עס לייכט דאָ און נישט עס גייט אויס — ער האָט׳ס בפירוש געפילט. עס קאַפּטשעט אויס דערווייל אַ מין שטיקנדיקע פינצטערניש. ער האָט איבערגעחזרט:

— גיי דיר...

שפּעטער האָט זיך צו שמחה־בונמען דערטראָגן דעם טויבנס פאַר־שלאָפענע דרעפּטשען איבער דער פּאָדלאָגע און זי האָט בייז נאָכגעסקרי־פּעט. דערנאָך האָט זיך געהערט זיין ריציק קול:

— שיינדל! שיינדל, הערסט? מ׳עט דאַרפן צוזאַמענגעמען דאָס מאַץ און עס פאַרטאַכליעווען.

— ווייסט אַ סך האָבן דערפון! מ׳וועט דיר דעם קאָפּ צובינדן! די „מאַצערס״ ווייסן ווי זיי האָבן זיך...

אַן אויסגעטשוכעטע פון דעם מאַנס רייד, רעדט זי שוין ווי פון אַ פּאַס אַרויס:

— ס׳האָט זיך געלוינט צו גנבענען און האָבן ס׳חולאת דערפון...

איצט איז זי שוין אין גאַנצן וואַך. זי רייסט אויף די בלינצנדיקע טונקלקייט אין שטוב:

— ס׳זאָל דאָס דורכגיין איין ווינטער אָן צרות! כ׳וויים ניש׳, סאַראַ אָכעניש ס׳איז זיי ווידער צוגעקומען אין ווילקע.

— האָסטעך געוואָלט קומען צו עפּעס, — רייצט זיך דער טויבער און זיין קול קלינגט אָפּ מיט שטעכעניש — האָרעווע, האָרעווע!

— קלערסטעך דיינע קינדער אויך צו מאַכן פאַר אַזעלכע לייט! — שיט זי שוין מיט פייער.

— וואָס דו מויכלסט, יידענע! אַז די פאַבריקן זענען געגאַנגען מיט פּשוטן כוח איז נאָך געווען צו דערליידן. אפילו די לאָדקע און דער יאַשיען*)

---

*) צוויי קליינע טייכלעך וואָס שניידן אַדורך די שטאָט. פונעם טייכל לאָדקע שטאַמט דער נאָמען פון דער שטאָט (לאָדזש). דער שטאָטישער הערב איז אַגב אַ שיפעלע, אַ לאָדקע.

זענען געווען בעסערע שפּייזערס. היינט קאָכט עס מיט ראָסיי, מיט סיביר און שטיק זיך. אַ רייסעניש אויף דער מכה זענען די מאַשינען מיט די קעסלען, אַז דרייען און קאָכן זאָל עס זיי אין די קישקעס, די פּאַבריקאַנטן. און זינט די ענגלענדער האָבן זיך גענומען דאגהן פּאַר וואָל און באַנוול אין לאָדזש, איז די ווילקער צוגעקומען ס׳ראַכטיקע אָכעניש. הערסטעך, זיי באַנקראָטירן, האָבן נישט צו באַצאָלן די חובות.

— אַ נפקא־מינה! עס רייסט מיך אונטער זייער האָרץ...

אַוועקגעזעצט זיך אויפן בעט, האָט דער ייִד אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שפּענצערס און געקליבן זיך שלאָפן. געשמאַק געקראַצט זיך די הויט פון לייב האָט ער זיפצנדיק ביטער גערעדט:

— ס׳איז כדאי געווען... וועבעריי ליגט ארצה!

— הער שוין אויף, טאַטעלעס־קאָפּ! — האָט זי אַן אומגעריכטן מרוטשע געטאָן, טייטלענדיק מיט דער האַנט אויפן שלאַבאַן, ווו ס׳איז געלעגן דער לערן-יונג.

ראַפּטעם האָט די ייִדענע זיך אַ ריס געגעבן פון געלעגער. איר צעקנוי־דערטן קאָפּ האָט זי צוגענויגט צום טויבן און מיט באָסט אין אים אַריינ־געשריגן:

— חח־רש! האָסט פּאַרגעסן? פּרעמדע מענטשן זענען דאָך אין שטוב, זיי וועלן זיך צעלויפן. מיט אייזערנע צוואַנגען וועסטו זיי נישט איינהאַלטן.

אַ רעשיקער פליוך האָט נאָך אַ שניט געגעבן איבערן חלל און אַ פינצטערניש איז געדיכט אַראָפּגעפאַלן אויף דער שטוב.

### ג.

אויסגעלאָשן ס׳טריפנדיקע פלעמל און אַ סקריפּע פון אַ הילצערן בעט האָט מיט נאַכט פּאַרזיגלט דעם היימישן ירגזון.

די נאַכט איז שוין געווען פּאַרלאָפן אין דער וואָיענדיקער ווייט, ווען מענדל איז געקומען אַהיים.

אין שלאַבאַן האָט דער זמן־יונג שושקנדיק געפרעגט שמחה־בונמען:

— ווו האָסטו היינט אַרומגעשלאָנדערט? מ׳האָט געפרעגט אויף דיר.

— נישט געגלוסט זיך... בעסער גיין פריער שלאָפן.

— כ׳זע טאַקע! שנאַרכסט, אַזש די ווענט ציטערן.

— ס׳שלאָפט זיך נישט...

— ווייל דו ביסט נישט געגאַנגען אַהין.

— שטענדיק גיין?

— וואָס עפּעס מיט אַ מאָל, — חידושט זיך מענדל.

— מיט אַ מאָל?

שווייגן. אַ שאַרכנדיקע שפּאַנט די פינצטערניש איבערן הויז.

אַ ראשער געקלאַנג פון גלאָקן, גלייך זיי וואָלטן זיך ווי אַ כוואַליע דערגענטערט, האָט פּלוצלינג צעהוידעט די איינגעגריזשעטע שטילקייט. די יונגען גיבן זיך אַ זעץ־אויף אין דער שלאָפבאַנק.

— ס׳ברענט! — גיט איינער אַ דריי אויס דעם קאָפּ צו די שטאָק־בלינדע פענצטער.

— ווו קען ברענען?

זיי הערן זיך גיריק איין.

— ס׳ברענט!... הערט זיך ווידער אַ שעפּטשע.

מענדל קריכט אַרויס פון שלאַבאַן. גייט אָנצינדן די לאָמפּ.

— וואָסי? — פרעגט די מייסטערשע, אַרויסרוקנדיק אַ צעקודלטן קאָפּ פון בעט.

— ס׳ברענט! — רופט זיך אָן דער יונג.

— לאָז ברענען! — האַקט זי אָפּ.

— ווער ווייסט, ווו ס׳ברענט, מענטשן ווערן, נעבעך, אומגליקלעך...

— אַ דאגה דיר! שלאָפטס! ענקער הויז ברענט נישט? מיינטס ראַאַך!... — פאַרטיקט די מייסטערשע אָפּ די יונגען, וועלכע קלייבן זיך אָנטאָן.

— און מענטשנס לעבן?... און קליינע קינדער?... ס׳אי׳דעך אינמיטן נאַכט!

מענדל וואַרפט אָפּגעריסענע רייד, ווי זיי וואָלטן אים געבריט, און ער ציט אויף זיך אַרויף די בגדים.

— זע נאָר מיינע צרות!... כ׳על שוין האָבן אַ נאַכט ביז טאָג!

די יידענע שרייט אין דער צעטרייבערטער פינצטערניש אַריין, און אין איינעם אונטערקליידל, וואָס זי האָט אויף דער גיך אויף זיך אַרויפ־

געוואָרפן, איז זי אַרויסגעקראָכן פון בעט. פּאַטשנדיק מיט די באָרוועסע

פיס איבער דער הוילער פּאָדלאָגע, איז זי צו צו דער טיר, אַרומגעדרייט דעם שליסל און פאַרנומען אים מיט זיך אין בעט אַריין.

— פּאָפּטס! — האָט זי נאָך אַ ברום געטאָן.

די יונגען האָבן זיך געפּייניקט מיט שלאָפלאָזיקייט, מיט דער גע־אַנטער שריפה, וועלכע האָט זיי דאָס בלוט צעוויגט. די נאַכט־גלאָקן אין דרויסן האָבן נאָך געהודזשעט און נישט מענדל און נישט שמחה־בונם האָבן געקענט איינליגן צוליבן איינעם געדאַנק, אַז ווער ווייסט, ווער עס ווערט חרוב אין באַלוט.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

# צוויי שׂרפות

## א.

אין דער פרי האָט די שטאָט טרויעריק אָפּגעברומט מיט דער פינצ־טערער בשורה:

— ס'איז אומגליק! ס'איז שטראָף עס איז געקומען אויף זינדיק לאָדזש!... צוויי בתי־תפילה אין איין נאַכט אַוועק מיטן פייער! וואָס מען האָט דערלעבט...

ייִדן מיט כמאַריק פאַרזאָרגטע פּנימער האָבן זיך דערציילט איינער דעם צווייטן, דער צווייטער דעם דריטן, דעם צענטן: אַלע ספרי־תורהס, לא־עלינו, פאַרלענדט געוואָרן. אין קנוילן רויך, שפּריצנדיקע צום הימל, זענען זיי נעבעך אַוועק אין אין-סוף — — פון סאַמע באַגינען ביז אַ שטיק אויפן טאָג אַרויס זענען זיי, אומגעגעסענע, מיט געקנייטשטע בלאַסע שטערנס און צעקנוידערטע בערד געקראָכן איבער די רויִנעס פון די אָפּ־געברענטע ערטער. פאַרכטלעכע קרעכצן האָבן זיי דערשטיקט אין זיך. הענט פון אָפּגעהיטע לייט האָבן געגנישטערט צווישן טויטע האַלעוועשקעס; יעדע אָנצייכעניש פון די פאַרשרפהטע יריעות האָבן זיי אויפגעהויבן. מיט פּיבערנדיקע פינגער און דערשראָקענע אויגן האָבן זיי געזוכט די נישט־געוואָרענע פעט־שוואַרצע אותיות פון הייליקן געלן פּאַרמעט. און נישט מער ווי אַ קליין קופּקעלע אַש און עפּעס שוואַרצלעכע ברעקלעך אויף צעטראָטענעם שניי איז אויפגעקליבן געוואָרן פון די נעכטיקע ריינלעכ־

קייטן. פון די גלאַנציק פּאָלירטע עץ־החיימס זענען געבליבן בלויז פאַר־רויכערטע קאָלט מעטאַלענע כתרס מיט ווייסע, ביינערנע איינזאַצן, וואָס האָבן באַצירט שטיקלעך פּייער־אויסגעגריזשעטן צעדערהאָלץ.

די געסלעך זענען געלעגן פאַרשטייפּט אין בלאָ־פּראָסטיקן אומעט. רינשטאָקן, פולע מיט נישט אָפּגעפּלאָסענעם אָפּפאַל פון די ענגע וועבע־רישע היימען, האָבן ווי מיט אײַז־בעלמעס זיך געשטרעקט צום פאַרבלאָזן הימל. פאַרנורעטע אין וואַרעמע פּאַלטנס און אין גראָבע פאַרטשיילעס זענען זייערע תושבים שוין גאַנץ פרי געשטאַנען אונטער די אָפּדאַכן פון די הייזלעך און געאָכצעט:

— אָך־אָך! נאָך דאָס בייז האָט צוגעפּעלט...

מיט אויסגעבלאַקירטע אויגן, טרערנדיקע פון שאַרפער קעלט און פון שלאָפקייט, האָבן לייט זיך דערציילט וועגן דער מאיומדיקער שרפה, וואָס איז געקומען דווקא אויף די צוויי בתי־מדרשים.

— ס׳אי ניש׳ סתם קאַ׳ שרפה... ניין!

אויפגעצאַרנטע האָבן זיי געשריגן אַזוי־זיך אין דער וועלט אַריין און אָן אומקלאָרער מיין האָט געפּיקט זייערע מוחות.

אָפּגעשראָקענע מענטשעלעך האָבן זיך בשעת־מעשה איבערגעווונקען. זיי האָבן געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זיי האָבן מער אונטערגעקרעכצט ווי גערעדט. אַנדערע האָבן זיך אַוועקגעדרייט אָן א זייט, עפּעס זיך געסודלט. דערנאָך איז מען שווייגנדיק געבליבן שטיין איינס אַנטקעגן אַנדערן און לאַנג זיך אָנגעקוקט.

און דערנאָך איז פון אַ סך מיילער אַרויס איינער און דער זעלביקער משפּט:

— די סטרא אחרא הויזט, לא עלינו, מיט אונדז!

— הלוואי זאָל עס אונדז נישט גערעכנט ווערן.

די שאַרפערע, די הייסבלוטיקע, וועלכע קענען נישט סובל־זיין קיין עוולה, יענע, וואָס זענען געווינט אַ מאָל אויפצוהייבן אַ שטעקן קעגן אַ „ווילן יונג״ וועלכער טשעפּעט זיך — זיי האָבן נישט מורא געהאַט הויך אַ געשריי צו טאָן. זיי האָבן זיך געצונדן:

— נאָר נישט געשושקעט זיך! מ׳דאַרף זיך נישט שעמען צו זאָגן, וואָס מ׳ווייסט.

און אַז מען האָט זיך אויסגעקנייפּט די באַקן אין תּחנונים: דערבאַ־רעמט זיך, שווייגטס! — האָט זיך צעבערעגט אַ גאָך העכער געשריי:

— שעמסט ענק נישט... צ׳מיינט שמואל בנעקן? מיר ׳עלן עם אָפּהיימען!...

די־אָ זעגען שוין גרייט געווען מיט די האַרטע פויסטן אָנרייבן אַ טריפהנע מאָרדע; אַבי עס זאָל גאָר זיין ווער.

— זאָגטס, זאָגטס, נאָר מיעך לאָזטס געמאַך...

געשלאָגענע אין דער פּרנסה זענען די וועבערס געווען צופרידן, אַז מ׳לאָזט זיי אויסז פּוגעים וזולל; זיי ווילן אויסקומען במגוחה. געהערט אַ גלימל, בכן זיי קענען חס־ושלום אריינגעשלעפּט ווערן אין אַן עסק מיט חיימל פּאַקער, האָבן זיי זיך אָפּגעזירוקט אין אַ זייט. שוין! נישטאָ זיי מער, און וועגן שמואלן זיין זון, דעם רויען יונג, שמועסט מען שטאַרק, אַז זיין יד שטעקט אין דער שרפה.

— מ׳זאָל באַהיטן ווערן פון אַלדאָס בייזס און פון אים אויכעט.

לייט צעקריכן זיך זיימיק אין די גאָרעס אריין, אין די אייגענע און אין די שכנישע. דאָרט, אין די שטובן, צעלייגט מען ערשט דעם ענין אויף קליינגעלט.

עמיצער דערציילט בסוד־סודות:

— מיין טרייגע האָט מיך היינטיקע נאַכט אויפגעוועקט: כיל־מאיר, כיל־מאיר!... אויפגעכאַפּט זיך מער טויט ווי לעבעדיק, האָט די יידענע צו מיר געהאָט טענות — שלאָפסט און פון דיינעטוועגן מעג די גאַנצע וועלט אונטערגיין! הערסט נישט, וואָס ס׳טוט זיך? גלייב מיר, דער תּם ווייסט גאָרנישט. ער הערט גאָרנישט. ווי קען אַ מענטש אַזוי זעכער זיך אַוועקלייגן שלאָפן, אַז מ׳זאָל עם נישט קענען אויפרייסן! אין דרויסן קערט זיך דאָך די וועלט — — באמתית, ווי איך האָב גאָרנישט געהערט. אַז ס׳אָרומדרייען ליידיק מאַכט מיך מער מיד, ווי מי־יודע די שווערסטע אַרבעט. בינעך ברוך־השם, גוט געשלאָפן, כאָטש שגייך קלעצער. נאָר טרייגע האָט צייט אויפצוליגן. צום ערשט, זאָגט זי, האָט זי געהערט, ווי שמואל בנעק האָט אין מיטן דער נאַכט געשפּילט אויף זיין פידל. „די בראָך איז שוין פאַרטיק״ — האָט זי געטראַכט — „אַז דער אויסוואַרפלינג שפּילט ביי־נאַכט, איז אַ מיאוסער סימן. עמיצער וועט שוין בדיל־הדל ווערן. מ׳עט

שוין מענטשן איבערלאָזן אין איין העמד״. דער גנבעץ האָט זיך אַזאַ טבע: ווען ער קלויבט זיך צו גיין אויף אַ שטיקל מלאכה, זעצט ער זיך פרי׳ער שפּילן אויף דער פידל, און אַ גבורה האָט ער צו דעם. מ׳קען אויסגיין פון זיסקייט. דאָס שפּילט ער צוליב קוראַזש. האָט ער אָפּגעשפּילט (פאַר־וואָר זאָל ער געך שפּילן מיטן לעבן), נעמט ער צונויף די כלים און גייט זיך מיט די געזעגלן מאַכן ס׳שטיקל אַרבעט...

אַלע הערן. דער, וואָס האָט אַזוי היימישלעך אָפּגעלאָזן דעם סוד, קוקט זיך אַרום איבער דער שטוב, צי ס׳האָט זיך נישט אַריינגעכאַפּט אַ פרעמדער. דערנאָך גיט ער הויך אַ זאָג:

— ווי געשריגן! ווער ס׳זענען אונדזערע שכנים, הע?

דוד קינצקער, אַ וועבערניק מיט צעפּליקטע הויזן, פון וועלכע עס קוקן אַרויס „אַרויסגעריסענע״ קני, כאַפּט זיך אויף מיט אַ נישט־ניחא־דיקן געשריי ווי צו זיך און צו גאַנץ קוקעליקו, וואָס ליגט אויף זיין קאָפּ, נעבעך:

— ברעכט ער זיך זיין מוח, שמואל בנעק! איך גיי שוין דאגהן, ווען ער גייט גנבענען: פאַרן פידל־שפּילן, צי נאָכן פידל־שפּילן...

— ע, האָקסט אַ ספּאָדיק — רייסט מען איבער דעם קינצקער — שמואל בנעק קען גיין אפילו רצחנען, אָבער וואָס פאַראַ שייכות האָט עס מיט דער שרפה?

— און נאָך צוויי שרפות אויף אַ מאָל! ס׳לייגט זיך נישט אויפן שכל! ענדער איז עס אַ גוייִש שטיקל.

— קאָפּ־מוח־מאַגיסטראַט... און איך וועל ענק באַווייזן, ס׳אַרע שייכות דאָס האָט מיט דעם משומדטשיסקע.

— עי, וואָס טויג דאָס? לאָזטס, כ׳וויל נישט הערן! — און דער מענטש רוקט זיך אַרויס פונעם ליארעם.

— ׳עם טויג עס נישט, לאָז ער גיין.

מ׳קאָכט זיך, מ׳דרייט זיך די קעפּ און מ׳שרייט אויס השערות.

— און איך וואָלט געשווירן, אַז אָן דעם בענקאַרט איז נישט געשען דער „המבדיל״.

— ס׳האַרץ זאָגט מיר אויך אַזוי — מישט זיך אַריין אינעם געגאָדער פון קולות אַ ייִדענע אַ געלע, אַ דראָבנע. אַן איינגעפּלאָנטערטע צווישן די שמועסנדיקע מאַנסלייט.

— ראַכטיק, ס׳איז זעכער זיין „שטוקע״, — לערנט פּשט אַ וועבער מיט פֿאַרקלערטע פּיצעלעך אויגן. — איך פֿאַרשטיי אַזוי (ער זינגט פֿאַ־מעלעכענקע אויס וואָרט ביי וואָרט): דער שמואל בנ׳עק האָט עקסטרע אונטערגעצונדן די הייליקע מקומות, כדי אָפּצווישן די שליאַדן פון דער גנבה — און ווער, רבותי, וועט מיר גוט זאָגן, אַז צופֿרי:ער איז נישט אַרויסגעגנבעט געוואָרן אַלצדינג, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ חשיבות?

די, וואָס האָבן פֿריער זיך געריסן אויפֿן האַלדז, גערעטענהט אַזוי און אַזוי, לאָזן צו ביסלעך אַראָפּ פון זייער עקשנות. אנדערע שאָקלען מיט די קעפּ, אַקוראַט זיי וואָלטן נאָכגעטראַכט די רייד, וואָס זענען אָקע־מ׳זעט אַרויסגעזאָגט געוואָרן.

— אמת, אמת.

— אוודאי, מ׳האָט שוין געהערט פון אַזוינס אויכעט.

און פון ס׳ניי האָט מען זיך גענומען חקרענען איבער יעדן ברעקעלע, וואָס איטלעכער האָט באַמערקט, בעת מ׳איז אַרומגעקראָכן איבער די חורבות פון די בתי־כנסיות.

— די בלעכענע כתרס וואַלגערן זיך טאַקע אין בלאָטע, די העלפֿאַנט־ביינערנע איינזאצן, פֿארקאָפּטשעטע, פֿאַרקויטיקטע זענען געבליבן, אָבער די זילבערנע „ידן״ זענען נישטאָ, די זילבערנע בעכערס און די בשמים־ביקסן זענען נעלם געוואָרן; די טייערע פּליושענע מענטעלעך מיט די פּרוכתן וואָס מיט עכטן גאָלד געהאָפטן, זענען ווי אין וואַסער אַריין. אַפילו דאָס אַש פון זיי איז נישט פֿאַרבליבן! דאָס אַש, וואָס איז יאָ פֿאַראַן, איז, מיין איך, אויך נישט פון אַלע ספרי־תורות, נאָר פון עטלעכע — —

און שמואל בנ׳עק איז געבליבן אַן אָפּגעמשפּטער:

— די הינט זאָלן אים אַרומשלעפּן! זיין טריפה האַנט שטעקט אין דער מעשה־רע.

## ב.

עס איז אָפּגעברענט געוואָרן די ענגע, טונקעלע וועבערישע חברה בעלכאַטאָווער, וואָס אין פּעפּער־גאַס און דאָס באַלעבאַטישע בית־מדרש אויף סטאַרע־וויעש.

אַלטער ייִדישער טרויער האָט זיך שווער פונאַנדערגעשפּרייט איבער קהל.

מיט דער געלאַסנקייט, וואָס פאַרהוילט אין זיך שרעק, זענען ייִדן סיי דאָ און סיי דאָרט פון באַגינען אָן אַרומגעקראָכן אויף די איבערבלייבענישן פון גאָטס אָפּגעברענטע הייזער. מיט אויסגעשטשערבעטע, פאַרויכערטע קראָקוועס און פּוסטע רעמלעך פון קליינע פענצטער, הענגענדיקע אין דער לופטן צוזאַמען מיט אַ געבליבענעם ציגלנעם אויוון, זענען די חרובע געבייען געשטאַנען פאַרשעמטע אין פאַרסטאַיעטן געקרעכץ. ווי שאָטנס פון ייִדישער אבלות זענען די מענטשן שווייגעוודיק אַרומגעקראָכן אויף די טליענדיקע בעלקעס; איינער האָט דעם אַנדערן נישט געקענט קוקן אין די אויגן אַריין, גלייך אין די שׂרפות וואָלט געשטעקט יעדנס אַ שטיקל חטא. די גאַנצע געזעצטקייט פון די לייט, וואָס זענען געווינט דווקא צו איילן זיך, האָט דערשטיקטערהייט, אָן קלאַנג, ווי פּעד זיך אָפּגעשטעלט אין דעם שטאַרן בליק, וועלכער האָט אָן אויפהער געבלאָנדזשעט אויפן איבערבלייבעכטס פון די בתי־מדרשים, אַזוי אין דעם וועבערישן פּעפּער־געסל און אַזוי אין דעם יוסטן אַלטשטאָט. נאָר דאָס הכנעהדיקע באַלוט האָט אין דעם צרה־טאָג געפינען אַ וועג פון התקרבות מיט ווילקע, וואָרן די פאַרהוילענע האַנט פונעם זינדיקן האָט מיט גלייכן משפּט מצדיק געווען סיי דעם גאָט פון די אָרעמעלייט און סיי דעם גאָט פון די אָנגעביטשעוועטע, זאַטע ייִדן. אויף די ביידע בערגלעך אַש האָבן זיך די מענטשן דאָ און דאָרט אַרומגעדרייט מבולבלע, אָן קעפּ, און געטראַכט וועגן חורבן בישראל.

ביי די גבאים פון דער פאַרלענדטער וועבער־חבֿרה איז געבליבן אָנצוטאָן כבוד די פיינע לייט פון אַלטשטאָט, וועמען דאָס אומגליק האָט, נעבעך, אויך נישט געמיטן. אָנגעקלײדט זיך אין די שבתדיקע בגדים, זענען זיי אַוועק צו די סטאַרעוויעשער זיך שאול־בעצה זיין:

— ברידער טייערע, וואָס טוט מען, אַז ס׳געשעט אַזאַ אומגליק ביש־ראל?

— נו, וואָס טוט מען? — האָבן טאַמעוואַטע צוריקגעפרעגט די אַלט־שטאָטישע, די, וואָס האָבן אין דער עת־צרה נישט פאַרגעסן זיך גרויס צו האַלטן.

גערעדט, פאַרצויגן די שטערנס, פאַר די געמיינע לייט פאַרלוירן נעבעך אַ גבירישן זיפץ און סוף כל סוף איז מען צוזאַמען געגאַנגען צום רב פרעגן אַ שאלה:

— הייליקער רב, וואָס בלייבט אונדז צו טאָן אַצינד?

— אַזוינס איז, פאַר קיין שום ייִדיש קהל געדאַכט, אין אונדזער דור אינערגעץ נישט צוהאַנדן געקומען... — שטאַמלט אויס אַ גבאי.

דער לאָדזשער רב, אַן איינגעהויקערטער אין זיין פיזנפעלץ, אין וועלכן ער איז געווען אַנגעטאָן זיצנדיק אויך אין דער בית־דין־שטוב, האָט אויפגעהויבן זיינע געדיכטע פיווייסע ברעמען; ער האָט זיך שטאַרק איינ־געקוקט אין די שליחים פון קהל און געזאָגט מיט אַ קרעכץ:

— נישט געפרוווט זאָל ווערן מער קיין שום ייִדישע עדה... אויב ס׳געשעט אַזאַ בראָך, השם יצלנו, טוט מען דעם פאַראומווערדיקטן הייליִ־קייט זיין רעכט. די גאַנצע עדה זאָגט קדיש, זיצט שבעה אַ מעת־לעת און ריכט אָפּ אַ ,תענית.

דער הייליקער פאַסטעך פון דער קהילה-קדושה לודז רב אלי חיים שליט״א האָט אַראָפּגעלאָזן זיינע גרויסע פייענע ברעמען. ער האָט ווידער געלאָזט הערן זיין קרעכץ און שטיל, מיט אַ געבראָכן קול אַ קורצן כליפּע געטאָן:

— וויי איז מיר!

די ייִדן פון באַלוט און די ייִדן פון אַלטשטאָט זענען געבליבן שטיין פאַרגולמט. זייערע פּיס האָבן זיך אומגערן אַ ריר־געגעבן, אָבער זייערע הערצער זענען געווען פאַרגליווערט אין עצבות. ביי עטלעכע פון די פשוטע וועבערניקעס האָבן די פּנימער זיך פאַרקרימט אין שניידיקן ווייטיק.

## ג.

און ייִדנוואַרג האָט זיך געקליבן צו דער לוויה פון די פאַרברענטע ריינלעכקייטן.

פעפער־גאַס איז געשטאַנען אַ צונויפגעשרומפּענע, אַ מידע פון כליפּען פון אויסגעטריקנטן האַלדז. וויבער האָבן קיין מיטיק נישט געקאָכט. קינדער אין די חדרים האָבן אַ גאַנצן אינדערפרי תהילים געזאָגט בציבור. צו האַלבן טאָג האָט מען זיי אַהיימגעלאָזט. אויך די ייִדן פון דער מילנער־גאַס, פון גאָרטן־גאַס האָבן נישט געהאַט קיין רו אין זייערע שטובן. די מענטשן פון אַלע שמאַלע געסלעך זענען געשטאַנען אין רעדלעך, האָבן נאָכדערציילט עמעצנס רייד וועגן דער צעבראָכנקייט פון רב, זינט ער האָט געהערט די וויסטע בשורה. עס איז געוועזן שטאַרק קאַלט אין דרויסן, אָבער מ׳איז געשטאַנען און געוואַרט. ביי קליינוואַרג האָבן גרינע ליכטלעך געפרוירן אונטער די רויטע נעזלעך. זייערע הענט, ווי בורעקעס, האָבן געשטאָכן פון פראָסט, וואָס האָט שטאַליק געגליט אין דער דין־פאַרנעפּלטער לופט.

אויפן „ריינעם פעלד" אַרויס איז מיטגעגאַנגען אַ גרויסער עולם. ייִדיש באַלוט האָט נאָכגעשפּאַנט אירע פיר געבויגענע חשובי־העדה, פרומע בערדיקע ייִדן, וועלכע האָבן אין זייערע אויסגעפּראַצוועטע הענט געטראָגן ערדענע טעפּ מיטן אַש פון די פאַרלענדטע ספרי־תורהס. די הייליקע טעפּ, איינגעהילטע אין וואָל פון שוואַרצגעשטרייפטע טליתים, האָבן מיט פאַרכטלעכן געפלאַטער געטוליעט צו זיך דעם גראָ פון די אַראָפּגענידערטע, קאַלטע הימלען און דעם אומעט פון אויסגעשטראַלטע פאַרקלערטע אויגן.

די עדה האָט געלאָזן, מיט אָקסן־שריט נאָכגעשפּאַנט די נושאים פון גאָטס אויסגעטלי׳עטן וואָרט און פון די טרויעריקע אויגן האָט צייטנווייז געקאַפּעט אַ געזאַלצענע טרער.

קרומלעך, גינגאַלדיק האָט די זון געבליאַסקעט אין די פּנימער אַריין און די מלווים האָבן בלינד — ווייל מיט טרויער אין בליק — זיך געוויגט טראָט נאָך טראָט.

ווען די באַלוטער לוויה האָט שווער זיך געהויבן אַרויף־באַרג צו דער פעלדישער בית־עלמין־גאַס, וועלכע שניידט זיך אַוועק גלייך פון די שמאַלע

געסלעך אַרויס, איז פון דער זייט, ווי אַ פּלוצלינגער געשריי, ראַפּטעם אַרויס די לוויה פון די אַלטשטאָטישע. בייכיקע ייִדן אין בכבודע פּעלצן, אין וואַרעמע קאַראַקולענע און שמוישענע היטלען האָבן אין זייערע ווייסע, ווייכהאַריקע הענט געטראָגן ערדענע טעפּ מיטן איבערבלייבעכטס פון די פֿאַרלענדטע ריינלעכקייטן. פאַרהויקערט און פאַרבאַבלט אין לאַנגן פיזע-נעם פעלץ, וואָס האָט פאַרדעקט זיינע גייענדיקע שטיוול, האָט נאָך דער לוויה נאָכגעשפּאַנט דער לאָדזשער רב אין שטריימל. דער דאָזיקער זיך וויגנדיקער פּעלץ און שטריימל האָבן גלייכמאָסיק און פּאַוואָליע זיך גע־שאָקלט איבער די שפּאַלטן פון דער קויטיק פאַרפרוירענער ערד. הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען אַ שיטער געזעמל באַלעבאַטים, אָוועקגעריסענע פון זייערע פּרנסות אין די אָנגעשטאָפּטע שפּייז־קראָמען און טאַנדייטן, וועלכע האָבן נאָך אַלץ געזשויבט, כאָטש באַלוט האָט שוין לאַנג נישט געהאַט „דורכצושיסן" מיט שיצן. דער לאָדזשער רב איז געגאַנגען און אַלע מאָל הינטער זיך פאַרלוירן אַ גאָטספאַרכטיקן:

— אוי־ווי איז מיר!

...פאַרנאַכטלעך. פון צווישן די וואָלקנס איז שוין אָפּגעווישט דער בלאַנק־העלער פלעק, וועלכער האָט מחמת איינזעעניש פאַר די אבלים נאָכבאַגלייט די לוויות; ווי אַ געפרוירענער טייך איז געהאָנגען דער טונקלענדיקער הימל. אַרום האָט זיך טראַנטיק געוויגט אַ פייכטער ווינט און ס'האָבן זיך אויפגעוועקט נאַקעטע, שטאַרצנדיקעביימער. דער דאָזיקער פאַרנאַכט האָט געווינט מיט אומדערקלערלעכער שווערקייט, געלעכערט ס'האַרץ. איבערן „ריינעם פעלד" האָט מוטנע אָפּגעהילכט דער קדיש, וואָס מ'האָט דאָ און דאָרט אָפּגעזאָגט. ר' אליהו־חיים, אַ געבויגענער ווי אַ זינקנ־דיקער בוים, האָט פול מיט שברת־הלב נאָך רב מרדכי גבאים קדיש געלאָזט הערן זיין פארשפעטיקטן, הויך אויסגעקרעכצטן, געבראָכענעם אָ־אָ־מן!

עטלעכע ייִדן, אַרויסשפּאַרנדיקע פון זייערע גרויסע פעלצן און גראָבע פילצענע שטיוול, האָבן דערנאָך געלאַסן געגעגנט צום רב, וועלכער האָט זיך געקערט צום אַרויסגאַנג פון ריינעם פעלד. אונטערטעניקע זענען זיי אים שטיל נאָכגעגאַנגען און די הוילע בלעך פון די צדקה־פּושקעס האָט אין דער פוילער לופט זיי נאָכגעשריגן: „צדקה תציל מ־מ־וות, צד־קה

תת־צי־י־ל״ — — רב אליהו־חיים האָט טריב פאַרשאַרצט די פּייענע ברע־מען, אַ קוק געטאָן צום הימל-ראַנד און איז אַריין אין בית־מדרשל, וואָס ביי דער טהרה־שטוב. עס איז געווען דער העכסטער זמן פון מנחה־ומעריב. דער גאַנצער עולם האָט שטום נאָכבאַגלייט דעם רב.

און זענען די מלווים פון די וועבער־געסלעך שפּעטער אַוועק אַהיים, האָבן זיי אין אָוונט־טונקל זיך צונויפגעגאָסן מיט די אַלטשטעטישע. אַלע, די אָרעמע ווי די רייכע, האָבן איצט געצויגן צו די הייזקעס, אין וועלכע ס׳האָט געטליִעט אַ קאָפּעלע לעבן און — ביי די אַנדערע — עס האָט געוואָרט שפע, ליכטיקע וואַרעמע היימען. אין געפּלאָנטער פון די אַהיים־גייענדיקע, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט, האָט איינער אַ באַלוטער אויף הויכע פּיס און אַ לאַנגן האַלדז אַ ביסל כאָרכלענדיק געזאָגט צו ר׳ אליהו־חיימען:

— הייליקער רבי, איר זאָלט שוין באַהיט ווערן פון צע־ער!

— אָ־מן! כל ישראל זאָל שוין מער נישט געשטראָפט ווערן... — האָט געענטפערט דער לאָדזשער רב, נישט אומקוקנדיק זיך, ווער עס האָט אים מנחם־אבל געווען.

הענעך פּערקע, אַ יונג מיט רויטע, גראָבע באַקן און אַ שקאָצישער בלאָנדער גריווע, וואָס פאַלט אים טיף אין די אויגן אַריין, האָט זיך אונ־טערגערוקט מיט זיין ברישקע. עס איז געווען דאָס געשפּאַן פאַרן רבס וועגן. ער איז אַ שוואַכער מענטש, רב אלי־חיים; די כוחות טראָגן אים נישט. אַז ער שטעלט אַ טריט, סאָפּעט ער. ער איז געוווינט צו פאָרן אויף דראָזשקעס, אויף קאָטשן. אַזוי ווען ער באַדאַרף צום פּאָליצמייסטער, אַזוי ווען ער ווערט פאַרבעטן צום גובערנאַטאָר. סאָפּנדיק איז ער איצט קוים אַרויפגעקראָכן אויפן געבעטן געזעס; די אַלטשטעטישע באַלעבאַטים האָבן מיט ווייכע פינגער און מיט עלנבויגנס אונטערגעשטופּט דעם חשובן זקן, ער זאָל זיין הייליקן גוף לייכטער אַריינפּעקלען אין דער פורמאַנקע.

דער הויכער וועבער איז ווידער אַרויסגעשוווּמען. ער איז צוגעגאַנגען צו דער ברישקע און מיט אַ כריפּנדיק קול, וואָס האָט שטאַרק אָפּגעהילכט אין דער פרירנדיקער טונקלקייט, כמעט אַריינגעשריגן דעם באַיאָרטן רב אין פּנים אַריין:

— לאַדזשער רבי! ס'איז שיין אַזוי, צדיק פון שטאָט? שעמט אייך מיט דער שאַנדע, וואָס איר האָט פאַרשעמט אָרנטלעכע ייִדן!

— העי? וואָס זאָגט ער, דער עכברוש? — האָט ר' אלי־חיים כמעט זיך פאַרקייכט פון דער שאַרפער לופט, וואָס האָט אים אַריינגעיאָגט אין דער קעל אַריין.

זיינע אויערן ווי אויך די אויערן פונעם רבס מקורבים האָבן מער נישט פאַרנומען די רייד פון דעם טראַציקן וועבער־יונג. די אַלטשטעטישע גבאים האָבן דעם רב גיך אַרומגעהילט מיטן גרויסן קאָלנער פון זיין ברייטן פיזנפעלץ. הענעך פערקע האָט העפטיק אַ בייטש געטאָן זיין שימל, וועלכער האָט זיך שטרויכלענדיק אַ צי געטאָן איבער דער גרוביקער בית־עלמין־אַלייע און גיך געלאָפן באַרג־אַראָפּ, געמיטן די באַלוטער געסלעך.

די נאַכט איז געדיכט אַראָפּגעזונקען פון די אַרומיקע פעלדער. דורכגעפרוירענע האָבן די וועברישע מלווים שווער און לאַנג געבראָדזשעט איבער די גריבער, מיט וועלכע עס איז פול דער ווייט אַוועקגעוואָרפענער, באַלוטער העק.

ד.

פאַרצאָגטקייט און שפלות האָט זיך איינגעעסטיקט אין די אויגנאַפּלען פון די באַלוטער. ווייטיק איז זיי געמערט געוואָרן מיט דעם, וואָס דער רב האָט זיי אָפּגעטאָן בעת דער לוויה פון די אומגעקומענע ריינלעכקייטן. אַזוי מבייש צו זיין!

— היתכן, — האָבן די וועבערניקעס, וואָס זענען צוגעבונדן צו דער אייגענער חברה, דאָס זיך נישט געקענט שענקען — ווי געשטייט זיך עס אַ מרא־דאתרא אין אַזאַ עת-צרה, רחמנא לצלן! צי איז, חלילה, עפּעס געפעלט אין דער הייליקייט פון אונדזער ספר־תורה און אין דער ספר־תורה פון די אַלטשטעטישע איז אַלץ כלו קודש?...

— אין דער אמתן! ווי דערוועגט זיך עס אַזאַ ייִד אַזוי מבייש צו זיין אַ גאַנצע עדה און אונדזער טאָג־טעגלעך דאַווענען? נישט געקענט האָט ער פועלן ביי יענע איין לוויה און אויך ער זאָל זיין באַנאַנד מיט אונדז? אַזאַ עת־צרה, אַזאַ נסיון! אָן שמע־ישראל פאַרגעסן דער...

אין די פּראָסטע, פרומע ייִדן פון די אָרעמע געסלעך האָט עס געַ־קאָכט. לייט, דרייסטע אין זייער רעדן און זייער טוען, האָבן פאַרקניפּט די שבתדיקע שאַליקעס אויף די העלדזער און זענען אַוועק זיך אויסטענהן מיטן רב.

— היתכן, הייליקער ייִד?

דער לאָדזשער רב, דער זון און אייניקל פון קדושים וטהורים, האָט אויפגעהויבן זיינע צעשויבערטע פייַנע ברעמען און מיט רוגזה אויס־געשריגן צו די פאַרשוינען פון באַלוט:

— מחוצפים, לאָבוזאַרניע! ווייסט עץ דען נישט, אַז אַ רב טוט, דאַרף מע נישט פרעגן?

גערעדט מיט כעס, בכיוון מיטן פוילישן עץ, כדי מבטל צו מאַכן די עומדים פון באַלוט. ר׳האָט זיך אַזש פאַרכליניעט און שווער זיך צוריק־געזעצט.

אָפּגעכאַפּט דעם דעך האָט ער געזאָגט שוין אַ ביסעלע מילדער:

— מסתמא אַז מ׳טוט, איז ריכטיק!

אַ קוק געטאָן אויף די אורחים האָט דער זקן ווידער זיך צעכעסט:

— וואָסערע אַמעראַצים! ווייסט עץ דען נישט פון דעם הייליקן פּסוק: הכל תלוי במזל — אפילו ספר־תורה שבהיכל... אַז אייער רב האָט געטאָן, איז מן הסתם ריכטיק. ר׳זאָלט ס׳ויסן און מער נישט זיין קיין מחוצפים! ווידערשפּעניקע שטראָפּט מען, מע שמייסט! באַלוטער, געדענקטס, וואָס דער לאָדזשער רב האָט געזאָגט!

ביים אַלטן רב האָט געזאָטן אין דער קעל, די אויגן האָבן נערוועז זיך צעפינטלט און ביי די באַלוטער האָט פון מורא זיך געטרייסלט לייב און לעבן.

קיינער האָט דעם רב קיין וואָרט נישט געקענט ענטפערן. אויף אַזאַ פּסק האָט מע זיך נישט גערעכט.

צומאָרגנס, איבערמאָרגן און אין די ווייטערדיקע טעג פון די פויזנ־דיקע וואָכן האָט עס געקאָכט אין די שמאָלע געסלעך. ס׳האָט געעוירן דער פאַרדראָס אויפן קלוגעטשקן לאָדזשער רב, למאי ער איז דער רב פון די גבירים און פון דער גבירישער תורה. פון די אביונים שפּאָט ער פונקט אַזוי ווי די ווילקער גבירים, די וואַזשנע ברויטגעבערס זייערע.

אין די חברות אויף באַלוט האָט מען אויסגערופן אַ שטילן חרם אויף דער שטאָטישער שחיטה. אָפּגעהיטענע באַלוטער יידן האָבן געשמועסט וועגן אַראָפּברענגען קיין באַלוט אַן אייגענעם רב.

צווישן די וועבער־געזעלן איז אַרומגעגאַנגען דער לאַנגער שכנא, דער מיט די גרויסע פיס און הויכן, כאָרכלענדיקן האַלדז און האָט געדרשנט:

— הכל תלוי במזל... אַז מ׳האָט אַ ממזר אין ווילקע איז ער אויך אַ קדוש וטהור. אַז ווילקע וועט אָפּשעכטן גאַנץ באַלוט, וועט דער רב דק״ק לאָדזש אויך דאָס מטהר זיין... עס ווענדט זיך נאָר, אין וועמענס הענט דער הייליקער חלף שטייט איין.

ס׳האָבן זיך געשטאָרקט די גרימעדיקע פּרעסט אין דעם דאָזיקן ווינ־טער. די וועבערס האָבן בכבודיק אונטערגעקרעכצט.

נאָך „באָזשע ראָדזעניע״ האָבן אין די באַלוטער געסלעך זיך באַוויזן צוויי פּאַטרולן רייטנדיקע קאָזאַקן.

עס איז געגאַנגען דאָס נייע יאָר טויזנט אַכט הונדערט פינף און אַכציק, ווען אין שטאָט איז אָנגעקומען דער נייער פּאָליצייסקע נאַטשאַלניק פּאַוולאָוו.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

# אַרעמע געלוסטן

### א.

די גרויסע קרירות שוין איבערגעקומען, די אַנטקעגנדיקע דעכער האָבן גענומען טונקלען. שניי־פּאַנצערס האָבן דאָ און דאָרט האַסטיק זיך אַראָפּגעגליטשט פון די שיפּע דעכער. אָרעמעלייט האָבן שוין געקענט אַרויסקוקן פון די פאַרהאַמערטע פענצטער, די שויבן האָבן זיך געוואַשן פון פראָסט. מע האָט ווידער „געפּוטערט" אין די צעלאַכצטע שיך. באַלוטער געסלעך זענען געשווומען פון אויפגעטייעטן שניי, פון ברודיקן אייזפּאַנצער, וואָס פּלאַצט און צעגייט זיך אין ברייטע קאַלוזשעס.

אויסגעמאַרכטע האָבן די מענטשן איינציקווייז זיך אַרויסגעוויזן אין די גאַסן. שכנים האָבן זיך באַגעגנט מיט אויסגעצערטע פּנימער. אַזאַ געלבלעכע בלאַסקייט, ווי ביי די וועבער־לייט נאָך דעם ווינטער, דערמאָנט אין אַ דויערנדיקער בציבורדיקער קרענק צווישן פּייכטע ווענט. נישט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט זיך ביי אַ יעדן פאַרגנבעט אַ פאַרלעגן שמייכעלע:

— וואָס הערט מען?

— שקאָשע...

— אַ ווינטערל געוועז!

— עס וועט זיין צו דערציילן קינדס קינדער...

— מע זאָל דאָס הערן גיך און געשווינד פון די ווילקער פּאַשעביקעס!

פון דעסטוועגן נעמט מען זיך אָן מיט קוראַזש. עמעצער גייט פון גאַס צוריק אַריין אין שטוב און געפינט ווידער נישט אַ קריש ברויט, אַז אַ מויז זאָל זיך קענען זאַט עסן. דאָס ווייב באַגעגנט אים מיט אויסגעטריקנטע אויגן. זי גיט אַ דעכע אויס אַ מין וויטיק־אַנגעזאַפּטן זיפץ: „אוי, אַ דער־לעבענישן!" איינער, וואָס שעמט זיך ווינציקער, נעמט דעם ווייבס נאָך נישט פאַרמשכנטן שוואַרץ זיידענעם שאַל, אַ זילבערן בעכערל און וויל דערפאַר איינשאַפן אַ פּאָר גילדן. יעקל שאַכער, אַ ייִד אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע, וועלכער האָט די חזקה די ימים־נוראים צו דאַווענען פאַרן עמוד, האָט סכנות־נפשות ליב אַ טובה צו טאָן אַזעלכענע. ברענגט מען אים אַ חפץ, לייעט ער אויף דעם אַ פּאָר קערבלעך. אָבער באַלד פון דער האַנט גייט עס נישט. באַלוטער אָרעמעלייט קענען שוין דעם יעקלען ווי אַ בייזן שילינגער. דעם רובל ווייזט ער נישט פאַר אַ מאָל. ס׳מוז צוערשט קאָסטן שווייס, אַ ביסל האַרצקלאַפּונג.

— ר׳ יעקל, כאַפּט אַ קוק! — ווייזט דער וועבער זיין אוצר.

— כ׳האָ׳ נישט קאַ׳ געלט... — זאָגט דער פּראָצענטניק.

— ר׳ יעקל, דערבאַרעמט זיך, אַ הויזגעזינד קוקט אויס, ר׳ יעקל...

—כ׳האָ׳ געזאָגט און גענוג — וואַרפט זיך דער מענטש.

— כ׳וואָלט עס אפילוכע פאַרקויפט.

ר׳ יעקל גיט אַ מעסט אָפּ דעם דלפון. דעמאָלט האַנדלט ר׳ יעקל ווערליך איינעמס שפלות.

— קום אַריין מאָרגן, אם־ירצה־השם, — זאָגט ער, זוכנדיק עפּעס אין דער הינטערטאַש פון דער יוביצע. ער קריגט ענדלעך אַרויס די גרויסע רויטע פאַטשיילע.

— זאָגט מיר נישט אָפּ, ר׳ יעקל...

— גיי, מע האָט דאָך דיר געזאָגט! — גיט ר׳ יעקל אַ היימישלעכן שריי צום נצרך.

אויפמאָרגן דערקענט נישט ר׳ יעקל דעם אָרעמאַן. ער האָט פאַר אים דעם זעלביקן פּזמון. פון דאָס ניי מעסט ער אים אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס. לסוף גיט ער אַ פרעג:

— פון וואַנען שטאַמט עס, דאָס לעקיכעלע?

— ר'זענט זיך טועה, ר'... — ווערט דאָס וועבערל טויט און בלאַס — כ'בין נישט פון יענע.

— מ'ווייסט שוין! — גיט ר' יעקל אַ שניט. דעם אביון פעלט שוין לשון.

— וואָס ווילסטו פאַר דעם?

— ווייסעך... ס'איז מיר טייער ווי ס'לעבן, — זאָגט דער ייִד. אַט דאָס, — ווייזט ער אויפן שאַל — איז אַ מתנה, וואָס איך האָב געקויפט מיין ווייב אין חופה־טאָג, און דאָס, — ציטערט דאָס זילבערנער בעכערל אין זיין האַנט — דאָס איז אַ ירושה פון טאַטן עליו השלום.

— האַלט זשע דיר די מציאה און דריי נישט אַ ספּאָדעק.

— ר' יעקל... אַ שטוב גייט'עך אונטער!... — סקאָמלעט דער אָרעמאַן.

— וואָס בינ'עך שולדיק? — זאָגט דער וווכערניק — צו העלפן האָב איך קעקערס פון דיר. גיי און זאָג אַ גוטן טאָג!

און אַז דער פּראָצענטניק באַווילִיקט שוין צוצונעמען דאָס אָפּגעצי־טערטע חפץ פאַר אַ משכון, איז ער זיכער, אַז ס'וועט בלייבן ביי אים. אַ וועבער, זאָגט ער, פעלט שטענדיק אַ קנעפּל צום לעכל.

נאָר אַז די זון שיינט אויף נאָך דעם שווערן ווינטער, פרעגט מען נישט קיין שאלות. מ'גייט זיך ראַטעווען מיט כל הכוחות. אַ וועבער איז שוין אַזוי געווינט: אײדער ס'מאַכט זיך אַרבעט, וויל ער זיך אָפּנעמען פאַר דער צייט, ווען ער האָט אָרנטלעך אונטערגעהונגערט. דעמאָלט איז גאָרנישט צו טייער. ס'מעג אפילו זיין אַן אָפּגעציטערטע זאַך — מע מוז פון אַלעם מאַכן אַ פאַר רובל. באַדאַי ביי דעם קעשענע־גנב יעקל שאַכער. שטענדיק קאָסט עס האַרצווייטיק, אַ מאָל אויך דאָס געווייין פון אַ נאָענטן. מ'ווייסט בפירוש: מע געזעגנט זיך מיטן ליבן חפץ אויף אייביק, אַבי אין שטוב מער נישט צו האַלטן דעם גוסס. טייל נעמען דאָס געלט עפּעס צו האַנדלען ביז ס'עט זיין „דורכצושיסן". און האַנדלען האַנדלט מען מיט אַ קוישל לימענעס, וועלכע מע צעטראָגט איבער באַלעבאַטישע הייזער. פאַר אַ האַלבן גראָשן וועלוועלער קויפט מען ענדער אַ לימענע, בפרט מ'טראָגט זי אין שטוב אַריין. אַנדערע דערמאָנען זיך אָן אַ מישפּחה־מיסחר. אויב עמעצער האָט צווישן קרובים אַזאַ, וואָס מיסחרט ערגעץ אין אַ בויד מיט קאַווע, מיט געפּרעסטע פייגן, געטריקנטע פלוימען, טראָגט מען די

סחורות פונאַנדער אין די רייכע הייזער. און אַז אַ בכבודע באַלעבאָסטע הייסט זיך ברענגען אַ היטל צוקער — פּאַר אַ זעקסער וועלוועלער — איז מען אויך נישט פויל. מ׳טוט אַלץ, אַבי דאָס פאַרשמאַכטע האַרץ אָפּ־צומונטערן.

ב.

אויף דעם טויבן אברהמטשעס וויב האָט שוין באַצייטנס צוגעגרייט די שטוב צום יום־טוב (אונטער די וועב־שטולן טאָר מען שוין נישט עסן!) — זי קלויבט זיך גיין האַנדלען. איר יאָר־יערלעכע פאַרפּסחדיקע פרנסה איז גענדז. אַרומגעפּעקלט מיט אַ גראָבער פאַטשיילע, וועלכע זי פאַרבינדט אויף הינטן, אויף די הענט — צוויי זאָקן אַז די פינגער זאָלן נישט אָפּ־פרירן, גייט זי אין דאָרף אַריין איינהאַנדלען סחורה. היינטיקס יאָר אַזוי ווי פאַראַיאָרן, ווי פאַר צוויי יאָרן.

אַלע טאָג אין דער טונקל-שעה קומט אָן די ייִדענע מיט געגאָגנער און געפלאַטער פון אַ סטאַדע צעשראָקענע געגדז. די באַלוטער געסלעך גיבן זיך אַ וויג אין בלאָ־ציטערנדיקער, נעפּלדיקער לופט.

גענג־גענג־גענג! אַ גגענג־גענגג... רוט זי נישט מיטן מויל, און מיט אַ האַנט, וואָס איז נאָך אָנגעטאָן אין אַ זאָק, פּאַכעט זי איבער די עופות. אַרום דער בריט־צעגאָסענער שווימענדיקער פלאַכטע ווייסקייט רייסט זיך ערגעצווו אַדורך אַ שטיק שוואַרץ. קוים שלעפּנדיק די קורצע פיסלעך, גיבן זיך די גענדז ביי יעדן פּאָכע אַ ווייסן הוידע.

— גענג — געעענג —

אין אָן אָרעם דריקט די פאַרמעקעטע גענדזלערקע אַ צוויי גראָ־שוואַרצע אינדיקעס, פּישטשנדיקע מיט זייערע אומרויִקע קאָראַלענע גוידערס. די וועבער־שטוב ווערט באַלד פול מיט גאַנדז, מיט אומאויפהער־לעכן געגענגע, מיט קילן געפלאַטער.

אַ פאַרליאַפּעטע מיט פאַרטריקנטן גענדזן־אָפּפאַל, וואָס הערט זיך פון ווי־וויט, ווערט די מייסטערשע פלוצלינג ווייך צו שמחה־בונמען. דער יונג איז שוין גאָרנישט געוווינט צו אַזאַ פיינקייט. פאַרקערט, ער ווייסט איר היקען: „גיי שוין! ריר זיך, הילצערנער בעל־מלאכה!...“

— שמחה, כ׳על דיך עפּעס בעטן... — האָט זי צו אים געזאָגט.

דער לערן־יונג איז געזעסן אַ פּאַראומערטער. איר וואָרט איז נישט באַלד דערגאַנגען צו אים. אינסטינקטיוו האָט ער זיך איינגעהערט אינעם געשריי און אין געוויין פון זיין אייגענעם נפש. אין אים האָט אַלץ געקלאָגט. דעם יונג האָט אָפּגעגלוסט צו גיין צו ר׳ וואָווע געלבאַרט, ווו עס איז היימלעך. יענע היימלעכקייט איז אים איצט גורם אומעט און זיצנדיק אַליין, האָט דאָס האַרץ אין אים געצאַפּלט. חוהלע האָט זיך אַזוי אַריינגעקניפּט אין זיינע אָדערן, זי יאָגט זיך נאָך אים און ער געפינט זי נישט. ערגעץ אין ראַדאָגאָשטש, אַן איינגעקאָוועטע אין פּראָסט און אין שניי, וואָס טייעט נישט, זיצט זי אַ פאַרבאַבלטע.

שמחה־בונמס אַראָפּגעזונקענער קאָפּ איז באַלאָדן מיטן גאָלדענעם רויש פון חוהלעס יונגזיין: ער פלאָטערט נאָך איר, אָט־אָט כאַפּט ער זי — — — אָקערשט קומט אָן דער פסח, די זון הייבט אָן אויסטרוקענען די גרויסע שטראָמען, וואָס רינען מחמת דעם צעלאָזענעם שניי... חוהלע קריכט אַרויס פון איר נעסט אַ פרישע, זי שמעקט ווי אַן אויפשווילנדיקער קנאָספּ. זי באַווייזט זיך פּלוצלינג אין אברהמטשעס שטוב, פרעגט כלומרשט אויף אַ שכן און ער, שמחה־בונם רעדט מיט איר, און ער שעמט זיך נישט...

„אוי, איך קען דאָך איהן״ — שרייט זי לסוף אויס אַ שאַנקענדיקע מיט רויטע בעקלעך. זי גיט אַ שפּרונג און דאָס בלומיקע, סיצענע קליידל שאַרכעט צו ווי אין טאַנץ. אוודאי, חוהלע פרייט זיך מיט אים, זי רופט אויס אַ דרייסטע: „ווייסן זי כאַטשיק, מיר זענען שכנים?... מיין טאַטעשי און איהנס טאַטעשי זענען גבאים פון דער ראַדאָגאָשטשער חברה... אַ ווילער מענטש איהנס טאַטעשי...״

שמחה־בונם שמייכלט פאַרלוירן... ווייזט אויס, ער געפעלט חוהלען און זיי שמועסן זיך אָפּ צו גיין שפּאַצירן צום גראַבינקע־וועלדל. דאָרט איז אַזוי רויק, אַזוי שיין — — —

— שמחה, שלאָפסט, צי ס׳דאַכט זיך מיר? — גייט די מייסטערשע צו צום לערן־יונג, וואָס איז פאַרפאַלן אין אנדערע עולמות.

— וואָסיז?

— כ׳על דיך עפּעס בעטן, שמחה — זאָגט זי, שטייענדיק אַן איינגעטונקטע אין פעדערן.

— וואָס, מייסטראָווע?

— זאָלסט מיר עפּעס צוהעלפֿן, וויל׳עך...

— וואָס?

— אַ פּאָר געוואַנטן אַרויסטראָגן.

דער יונג האָט זיך אפילו געקווענקלט: „כ׳בין אַ וועבער, האָט ער געטראַכט, מער דאַרף מיר גאָרנישט אָנגיין, נאָר מע קען דאָך נישט אַזוי! מע קריגט צו עסן און טוען טוט מען גאָרנישט... עלעך טאָן אַ האַנטלאַנג...״

ער האָט נישט געענטפֿערט „יאָ״ אָדער „ניין״. אויפגעשטעלט זיך, אַראָפּגעקוקט אויף דער ערד, ווו עס האָבן זיך געוואַלגערט די געבונדענע עופות:

— וועלכע?

די ייִדענע האָט זיך אַראָפּגעבויגן, ביי די פֿליגל אַ פּאַק געטאָן איין גאַנדז, אַ צווייטע און אַ דריטע און זיי דערלאַנגט דעם אינעוויליצער.

אין שטוב איז געשטאַנען אַ ליאַרעם פֿון די צעפּלאָשעטע באַשעפֿענישן. פֿון דער פּאָדלאָגע האָט זיך אויפגעהויבן אַ גראָבער שניי פֿון ווייכענקן פּוך, און דער פּוך האָט זיך אָנגעזעצט אויף שמחה־בונמס שוואַרצער קאַ־פּאָטע מיטן סאַמעט־קאָלנער, אויף זיין קיילעכיקן היטעלע און אויף די ברעמען. אַזוי־אָ, אַן איינגעשנייעטער מיט געגנדזענעם שניי איז דער יונג אַרויס אויף פּעפּער־גאַס און די מייסטערשע נעבן אים. ביידע האָבן זיי געטראָגן אויסגעקראָכטע געגנדז פּאָר בכבודיקע הייזער.

צוריקוועגס האָט שמחה-בונם מיט די שפּיצפֿינגער, איינגענעצטע מיט שפּייעכץ, פֿון זיך אַראָפּגעקליבן די פֿעדערלעך, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין בגד. אין גאַנצן זיך באַפֿרייען פֿון דעם האָט ער נישט באַוויזן. אי די הענט האָבן אים געשטאָכן פֿון קעלט, אי די פֿינצטערניש אין גאַס האָט געשטערט. און דאָס האָט אים שטאַרק געאַרט, נישט געוואָלט האָבן קיין גערײדעכץ מיט מענדלען. אַז יענער זידלט זיך באַלד, אויב עפּעס געפֿעלט אים נישט אין שמחה־בונמס פּירעכץ:

— דו, פֿינצטער שטיק, — שרייט יענער — אַז מ׳עט פֿון דיר רייסן פּאַסאַמעס וועט נאָך זיין ווינציק!

און ניסן וואַרפֿט נאָך צו:

— אַז מע דאַרף אַזוינס לאָזן שטינקען!...

פּאַר דעם האָט שמחה־בונם מורא. ער ווייסט: זיי זענען גערעכט, די געזעלן. אַלץ וואָס מען זאָגט אויף די מייסטערס, איז אמת. רק זיי טוען־נאָך די רייכע. אויפן בידעריקערן פון זיך טרעטן זיי. און ער האָט שוין חרטה, וואָס ער האָט געשלעפּט די גענדז. כשר גערעכט זענען זיי — טראַכט ער — נאָר ווי האָט ער געקענט אָפּזאָגן?

— ער עסט בחינם...

און ר׳איז געווען גליקלעך, וואָס דער זמן־יונג איז נאָך נישט געווען אין שטוב.

צומאָרגנס האָט די מייסטערשע אים ווידער מכבד געווען מיט פּונקט אַזאַ זיס שמייכעלע. שמחה־בונם האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס זי וויל, אָבער ער האָט מער נישט געוואָלט טראָגן די געפּאַשעטע גענדז אין די רייכע שטובן אַריין. זי האָט אַ פינצטערן מרוקע געטאָן, זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד און אַליין, אַן אויסגעצויגענע, אַ געפּעקלטע אין שמאַטעס פאַר־שווונדן אין אָפּגרונטיקן פירהויז אַריין. איר האָט נאָכגעיאָגט דער שטאַר־קער געבייזער פון די געבונדענע גענדז.

## ג.

זינט דעם אויפדערנאַכט, ווען דער אינעווליצער האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטצוגיין מיט דער גענדזלערקע שיינדל, איז דאָס קאַרגע שטיקל ברויט, וואָס ער האָט געגעסן, אים געווען אַן אָפּקומעניש. ער האָט זיך געפילט שולדיק לגבי זיך, לגבי אַלעמען. סם עסט ער אין זיך אַריין. און ער האָט נאָך מער געאומערט, כאָטש ס׳זענען פאַר אים אַנגעשטאַנען אַזעל־כע ליכטיקע רגעס, ווען די חוהלע האָט זיך אים געחלומט אויף דער וואָר, זי האָט זיך אים אין בלוט צעשפּילט. פון כמאַריקן אַרום איז ער אַרויס־געשטויסן געוואָרן ווייט אין טיפער פאַרגעסנקייט אַריין.

אַזוי זענען אַוועק טעג. מענדל האָט אויף אים געשריגן: „מעגע, נאַר... זיצסט ווי אַ קוואָקע, נאָר וועסט סיי־ווי גאָרנישט אויסבריִען... קענסט אפילו פגרן. אין הימל וועט אוודאי נישט זיין קיין לאָך!...״

און דעם טויבנס זמן־יונג גופא, דער, וועלכער האָט אַזוי געחוזקט

פון דעם צעקראָכענעם אינעווליצער, האָט שעמעוודיק זיך נאָכגעיאָגט נאָך וואָווע געלבאַרטס געראָטענער טאָכטער גאָלדע. און די גאָלדע האָט זיך געהנדלט פאַר דעם געלערנטן וועבער־געזעלן שלמה. נאָר מענדל איז נישט מיד געוואָרן. ער האָט שוין געוווסט דעם זכרישן סוד פון אָפּשלאָגן עמעצנס אַ כלה. האָבן אַ געליבטע, מיט וועלכער מע דאַרף זיך אַ צייט אויסבאַהאַלטן פאַר מענטשנס אויגן, איז געווען אין זיין גוסט. אויף אַזעלכע האָט ער געהאָפּט. מע באַדאַרף נאָר דעם פריילין „אַריינפאַלן אין אויג". ס'נאָר אַן אומגליק מיט זיין פראָסטער הלבשה, מיט זיינע נישט-געגלאַנצטע שטיוולעטן. דערויף האָט ער שוין נישט קיין עצה, סיידן ערגעץ „אַ טומאה אויסגנבענען". האָט ער געביטערט. דער יצר־הרע האָט אים אפילו שוין אונטערגעזאָגט: „דער מייסטראָווס קניפּל"... איי — איי, אויב ס'וואָלט זיך אים מאַכן אַזאַ אוצר, וואָלט ער זיך אויסגעפּראַנטעוועט. מיט אַ וואַליז־קעלע אין האַנט וואָלט ער אָפּגעוואַרט גאָלדען, ווען זי גייט פון דער אַרבעט. זי וואָלט שוין מיט אים מיטגעפּאָרן. ער וואָלט זיך געלאָזט אין די וייטע לענדער. דעם גרויסמאַכער שלמה וואָלט זי שוין געלאָזן אונטנ־אַרומעט... דער רייץ אַנצוקריגן אַ מטמון, האָט דעם יונג פעסט אַנגעכאַפּט ביי דער לעבער. ניסנס שטוב האָט ער וואָכנלאַנג שוין נישט אַנגעזען און דעם אינעווליצערס צעטרייסלטע געמיט האָט ער אויך נישט באַנומען. אַלץ און אומעטום — גאָלדע. ער האָט זי אָפּט געזען, אין אַ סך פיינע יידישע מיידלעך זי דערקענט, ער איז איר נאָכגעקראָכן.

נאָר גאָלדע איז געווען אַ כשר קינד. זי האָט נישט געוווסט ווו איין, ווו אויס. אַז אַ יונגערמאַן האָט איר שטאַרק געקוקט אין פּנים אַריין, האָט זי זיך פאַררויטלט און איז פון שטוב אַרויס.

עס איז געווען באַשיימפּערלעך, וועמען גאָלדע האָט געמיינט. מענדל האָט אומיסטן זיך גענאַרט. ער האָט געחלומט און עס איז געוואָרן אויס. פון ליידיקגיין זענען דעם טויבנסביידע יונגען געוואָרן אויס. ס'נישט דער זעלביקער מענדל און נישט דער זעלביקער שמחה־בונם. אַלע ביידע האָבן זיי פאַרלוירן דעם צוריקוועגס צו אָרנטלעכער רויקייט.

דער טויבער האָט געבורטשעט. ער איז געווען אומצופרידן, וואָס ווילקע איז נאָך אַלץ טויט. דער מענטש האָט זיך געשפּירט קראַנק. „ס'ווייזט זיך אַלץ נישט קיין קעטע... די יונגען פרעסן אים אָפּ דעם קאָפּ..."

אין דערוואַרטונג אויפֿן פֿרילינג, וואָס דאַרף ברענגען אַן אויפֿריכ־טונג, איז וואָכנלאַנג איבער דער שטוב געהאָנגען די זויערע גרימאַסע פֿונעם טויבן איינרייסער און פֿון דער פֿאַרביסענער ייִדענע. מאַן און ווייב האָבן זיך אַלץ געיאָגט נאָך דעם אומדערגרייכטן „צוועק".

שפּעט אויפֿדערנאַכט האָט שיינדל שטענדיק זיך אָוועקגעזעצט ביים רויכערנדיקן לעמפּל צונויפֿחשבונען דאָס לייזעכץ פֿון טאָג. אין דעם האָט דער מאַן זיך נישט געטאָרט אַריינמישן.

— שטעקסט שוין אַריין די נאָז? ליג פֿאַר זיך, פּרנסה־גרעבער!...

און קורץ פֿאַר יום־טוב האָט זי זיך באַדאַרפֿט צעפּליקן פֿאַר טועכץ. די גענדז האָט מען געריסן פֿון די הענט. זי האָט שוין נישט באַוויזן צו גיין אין די דערפֿער אַריין. באַגינען, אין דרויסן איז נאָך געווען פֿינצ־טער, האָט עס זי אַרויסגעוואָרפֿן פֿון בעט. אַרומגעשפּאַנט הינטער דער שטאָט האָט זי יעדעס מאָל אַהיימגעבראַכט אַ פּאָר עופֿות. אַ סטאַדע פֿאַר אַ מאָל האָט זיך נישט געלאָזט צונויפֿשטעלן. ס׳זענען געווען נאָך אַנדערע אַזעלכע פֿלייסיקע אויפֿקויפֿערנס. אין אירע צעפּאָרענע שיך האָט שיינדל אַ סך מאָל געשליטלט הין און צוריק און איז שטאַרק מיד געוואָרן. אין אָוונט איז זי אַוועקגעפֿאַלן אַ געהרגעטע. זי האָט געאָכצעט און געזידלט זיך:

— אויף מיינע שונאים אַזאַ וועלט, סאַראַ פּרנסה איך האָב!

אַן אַנדערש מאָל האָט זי אַזאַ „בענטש" געטאָן:

— אויף מעכל בעקער אַזאַ מזל, סאַראַ שטיקל ברויט דאָס איז!...

— וואָס שעלטסטו, שיינדל, אַ ייִד? — האָט אברהמטשע פֿאַרזיכטיק אַריינגעשטעלט זיין פֿראַגע.

— כ׳שעלט׳ן דען? די באַקציינער זאָלן אים נאָר אַרויספֿאַלן, דעם שיינעם ייִד.

די אַרבעט־יונגען האָבן זיך שוין געקליבן אין שלאָפֿבאַנק אַריין ווען די מייסטערשע האָט גראָד אויסגעבטלט איר ביטער האַרץ אויף מעכלען דעם ראַדאָגאָשטשער:

— ס׳אַ טריפֿענער ביין, דער מעכל. פֿאַר לייטן גייט ער אַן ווי אַ פֿרו־מער. מ׳האָט׳ן אפֿילו געמאַכט פֿאַר אַ גבאי. ר׳האָט אַ שיין, געזונט ווייב, דערוואַקסענע קינדער און שעמט זיך נישט אַזוינס אָפּצוטאָן!... אַז קיין

מיידל לאָזט ער נישט אויף די אויגן! ווי נאָר אַ דינסט ביי אים, ווערט זי פאַראומגליקט... מאַכט דאָס ווייב הויך קידוש, שלאָגט ער זי מכות־רצח... דו ווערסט אים אָנקוקן, מיינסטו, ער קען קיין צוויי נישט ציילן...

— אַזאַ איינער?... — רעדט דער טויבער הויך, מיינענדיק אפנים, אַז ער רעדט שטיל.

— און די דערוואַקסענע קינדער, וואָס טענהען? — פרעגט ער ווי־דער שיינדלען.

— ניע סמיעני! ער האַלט זיי אין צוים... באַלד ממיתט ער! נאָר די קינדער, הערט זיך, זענען נישט בעסער פון דעם טאַטן. די טעכטער וועלן דעם לייטישן טאַטן אויך אַהיימברענגען אַזאַ נחת... פירן זיך אַרום מיט פויערן־שקצים.

ווי שטיינער פאַלן די רייד אין שמחה־בונמען. ער דערפילט זיך אַזוי ווי ער וואָלט ערגעץ אַריינגעזונקען. תיכף האָט ער פאַרלוירן דעם שכל־דיקן אָנהאַלט אינעם געהערטן און ס'האָט'ן געפינצטערט אין די אויגן. דער אויסקלאַנג פון דער יִדענעס רויע רייד האָט אין אים געטראָפן מיט אַ כליושטש, ווי אַ שטיק בלאָטע, אַ געוואָרפענע אין דער נשמה אַריין.

אויפמאַרגן, ווען ער האָט פון דאָס ניי געהערט די פאַרדראָסיקע מעשה פון מעכל בעקער, האָט שמחה־בונם שוין באַנומען, אַז אַ שיינער חלום איז אים אויסגערונען געוואָרן. די אינעווויליצערס, האָט ער שוין געקענט אויסחשבינען, זענען נישט מסוגל זיך אָפּצוטונקען אין בלאָטע .

ער האָט נאָך לאַנג געאומערט זיצנדיק אין מייסטערס דירה. אומבאַ־וווסטזיניק האָט ער געוואָרט אויף אַ סך, אַ סך אַרבעט, כדי צו קענען פון זיך אָפּטרייסלען דאָס אַש פון פרישן שייטער, אויף וועלכן עס האָט געפלאַקערט זיין בלינדע בענקעניש.

ביינאַכט און פאַרטאָגס זענען אין דרויסן נאָך געשטאַנען שאַרפע, שניי־בלישטשנדיקע פרעסטלעך. די ביימער אַרום קליינעם הילצערנעם קאָש־טשאָל, וואָס קעגנאיבער יונה פילצערס פלאַץ, האָבן נאָך געפלאַצט פון פראָסט. פון די אויסגעטריקנטע צווייגן זענען געפאַלן גראָבע שניי־פלי־טערלעך און די שעפסן אין דער נאָענט האָבן בענקשאַפטלעך געמעקעט.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

# וואס איז דאס אזוינס?

### א.

ווי מיט אַ מאָל האָט די גאַנצע וועלט אַרום שמחה־בונמען זיך צע־פּאַכלט. די זון האָט געעפנט אירע אויגן. די בלאָטיקע ערד הינטער די פענצטער האָט זיך געפּאַרעט. אַנשטאָט בלימלעך און גרעזלעך האָט זי אויף איר אויבערפלאַך אַרויסגעלאָזן זאַמדיקע שטיינדלעך, אַנטפּלעקט פאַרזשאַווערטע שטיקלעך בלעך, אַ געשפּאָלטענע פאַדקאָווע. ווי אויס־געוואַשענע זענען אין דער לופט געשטאַנען קינדערישע קולות, אָפּגע־ריסענע קוויטשערייען און פרישע, דינע טרעלן. די וועבער־שטוב האָט זיך ווי אומיסטן נאָך מער געטונקלט. צו להכעיס דעם אויפליכטנדיקן דרויסן איז אבהמטשע באַראַן געוועזן איין שטיק פאַרבלאָזער שאָטן. אַ שאָטן מיט אָפּשטייענדיקע אויערן און מיט זיפצן. די ייִדענע האָט זיך געקרימט און זיך נאָך אַלץ גאָר ערנסט מכין געווען צום גרויסן פרילינג־יום־טוב פון די ייִדן. אָפּגעשטעלט זיך דאָס גערייס ביי איר עופות־האַנדל, האָט זי אָן אויפהער זיך ווידער פאַרנומען מיט אויסרוימען דאָס חמץ פון שטוב. ווי אַ שטוב־חיה געגראַבלט אין די ווינקלען גאַנצענע נעכט. ווען אַלע זענען געשלאָפן האָט זי געפּויזעט אויפן בויך, געריטשט זיך אונטער די וועב־שטולן און אַן איבעריק מאָל מיט אַ מעסער געקראַצט די שפּאַ־רעס פון דער פּאָדלאָגע, גערייניקט מיט גרויס פלייס און אַלץ נישט יוצא געווען: זי זאָל נאָר נישט פאַרזען אַ קרישקעלע. אין הויז איז געוואָרן

אַ גיהנום — דאָ שטיי נישט, דאָרט עס נישט. די געוואַלדענעס פון דער ייִדענע זענען געווען אין לשער. אַזוי מיט די קינדער געקאַמאַנדעוועט, אַזוי מיט די אַרבעט־יונגען. אים, דעם טויבן מאַן, האָט זי יעדעס מאָל אַ שטויס געטאָן: ריר זיך, גיי שוין, און אים אָפּגעמאָסטן מיט בייזע וואַסערדיקע אויגן פון אַ צעשויבערטן פּרצוף אַרויס. ער האָט שטום אַ מרוקע געטאָן אויף איר און געטאָן דאָס זייניקע; אים איז נישט אָנגעגאַנגען וואָס אין שטוב טוט זיך. האַנדלט זי, די ייִדענע, זאָל זי, די בריה. ווי אַ נישט־דאָיִקער האָט אברהמטשע זיך אַרומגעפּאָרעט ביי אַן אָפּגעליידיקטן שטול. ער האָט „פּאָרגעריכט״ אַ פרישע אַרבעט פאַר ניסנען. ער האָט געקניפּט נייע „גענג״ הילוון אין דעם „געשיר״, ער האָט „גערייגט״ מיט דער הילף פון לערן־יונג און ר׳האָט שוין געלעבט מיטן טעם פון דעם נייעם ברען, וואָס דאַרף זיך שטעלן צום אָנהייב זומער, כאָטש דערווייל איז נאָך נישט געווען אפילו קיין דרים מיט וואָס דורכצושיסן.

אַלץ האָט זיך געענדערט: סיי דער דרויסן מיטן הימל, מיט דער ערד און די לופט, סיי דער אויסזען אין דעם מייסטערס שטוב. און עס וועט קענטיק זיך בייטן די אַרבעט אויף די וועב־שטולן — עס גייט צו פרילינג, מ׳באַדאַרף נישט מער קיין ווינטערדיקע סחורות. רוסישע פויערטעס ברויכן ליכטיקע, לייכטע טיכלעך אַרויפצוואַרפן אויף זייערע קעפּ. וועט ר׳ אברהמטשע זיי טאַקע פאַרזאָרגן מיט העלע, קאָלירטע קאָפּטיכלעך.

אַרום און אַרום האָט אָנגעזאָגט דער פּסח.

ביי יונה פילצער אויפן פּלאַץ זענען אין קויט, אונטער דער צעשמייכלטער, נייער זון געלעגן גרויסע טשערעדעס שאָף. זיי האָבן זיך געטוליעט צו איינאַנדער. יונגע לעמער האָבן בענקשאַפטלעך געיאָמערט אין גינגאָלדענעם טאָג אַריין. גרינע פאַשע־לאָנקעס זענען אַנטקעגנגעשוווּמען זייערע זשעדנע מיילער. פולע מוטער־אייטערס האָט זיך זיי געחלומט.

## ב.

היימלעכער געשפּין פון לעבן האָט מיט רעש זיך געטראָגן אין דרויסנדיקן טאָג־שיין, אָבער אין דער קילבלעך אָנגעשוואָלענער לופט האָט ווי אַן אָנרוקנדיקער דונער זיך געשפּירט אַן אומבאַגרייפלעכער אומרו.

עפּעס האָט מען געשמועסט: „נישט גוטס גייט אויף דער שטאָט". מיט לויער האָט עס געזשומט אויף די אויערן־הייטלעך. מענטשן האָבן זיך עפּעס מאָדנע געשראָקן, טייל האָבן מיט האַרצציטער דערוואַרט דאָס, וואָס אַנדערע שטעקט עס שוין אָן מיט אימה.

שטאַרק הייס׳ האָט וויברירט אין דער ווייט, און די ווייט ווערט נאָענט, נעענטער.

אומהיימלעכע ידיעות זענען געגאַנגען פון רוסלאַנד, מיט אומרו האָט געשמעקט אויך פון די פּוילישע פּליינען.

אַ געדיכטער טומל האָט זיך פּלוצלינג אַ וויג געטאָן אָט דאָ אונטער דער נאָז. די שעפּסן־מחנה איז אַנטשטומט געוואָרן אויף אַ ווײַלע און פון דאָס ניי אָנגעהויבן שטאַרק יאָמערן צום לויטערן ליכט. די פּעפּער־גאַס האָט זיך אויפגעריסן ווי פון שלאָף. מילנער־גאַס האָט פאַרחידושט זיך אומגעקוקט. גרויס און קליין איז ראַפּטעם אַרויס אין דרויסן: ס׳איז טונקל געוואָרן פון דער מענטשן־כמאַרע. אַלע האָבן געוואָרפן די אַרבעט פון די הענט: וואָס איז געשען? שוין ווידער אַ נייעס?... אין דער לעצטער צייט איז מע געוווינט געוואָרן צו נייעסן אין שטאָט, איטלעך מאָל פרישע גע־שעענישן, וועלכע האָבן אַרויסגעצויגן די מענטשן פון זייערע הייזער. דאָס מאָל איז שמחה־בונם אויך אַרויסגעקומען. מיט פאַרצויגענע אויגן, מחמת צופיל ליכט, האָט ער צווישן המון זיך דורכגעשפּאַרט, געמאַכט אַ וועג. ביי אַ ראָג־גאַס האָט ער מיט דער האַנט פאַרלייגט אַ דעכעלע איבערן שטערן, כדי — ווי אַלע — צו קוקן אַהין, פון וואַנען עס טראָגט זיך דער גרויסער רעש.

שוסטערס, שניידערס, וועבערס און קרעמערס האָבן געוואָרפן זייערע האַמערס, זייערע שערן, „שיצן" און קלייטן: מאַמעס האָבן אויף הפקר גע־לאָזן קליינע קינדער. גראָע און שוואַרצע מלבושים האָבן זיך געפּלעקט אין דער צעשפּילטער זון. אַלע האָבן אָנגעשטרענגט די מידע, פאַרמיניעטע אויגן: „וואָס איז געשען?"

— ס׳עט זיך מאַכן היימלעך!

— ס׳זאָל נאָר נישט אויסגיין צו אונדזערע קעפּ, — גיט עמעצער אַ קרעכץ נאָך אַ ישוב־הדעת.

— אוי, אַ המון דערנענטערט זיך פון אַלטשטאָט!

— יאָ, יאָ... כ׳זע, כ׳זע שוין, — רעדט עמעץ אַ פּאַרקוקטער אין דער װײַט.
— װאָס זעסטו? זאָג שוין!
— זאָג! — שרײַט ער באַלד און זידלט:
— אַ פּײַפּע דאָס איז!
— איך זע גאָרנישט. איך הער נאָר! ס׳אַ רעש...
— דאַרפסט נישט זען... װעסט שוין שפּירן!
— זאָג שוין! חכמעט זיך...

קעפּ אויף קעפּ דריקן זיך צונויף און אין ברוסט צאַפּלט עס. מענטשן זענען אומגעדולדיק. זיי פּיבערן פון נײַגעריקייט. מע האַלט אין איין פרעגן אײנאַנדער:

— זעסט שוין? — װאָס זעסטו?

און אַליין צו דערנענטערן זיך אַהינצו, צום אַלטן מאַרק, האָט מען עפּעס מורא. דאָס האַרץ שרעקט פאַר דעם, װאָס עס קען פּאַרקומען.

— פויערן! יאָ, פויערן! איך זע, זיי טראָגן דרענגער אויף די אַקסלען.
— מע זאָל באַהיט װערן... — האַלט מען זיך איין פון בייזע נביאות.
— מע זאָל באַהיט װערן, — קרימט נאָך עמעצער מיט אַ האָריקער נאָז — װאָס קען זײַן? גאָרנישט קען זײַן! די פויערן זענען דאָך שוין פרײַ. דער קיסר האָט זיי געשאָנקען די פרײַ. לאַנג אויס פּאַנשטשיזנע... טאָ װאָס קען געשען, שוטים? מורא האָבן! — קװעטשט דער דאָס סוף־װאָרט, אומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן.

— אַ קשיא אויף אַ מעשה... ביי „זיי" שפּילט אַ ראָלע. אַז דאָס איז הפקר! גויִים... אַז דאָס עסט נישט, נאָר פרעסט. עס טרינקט נישט, נאָר כלאָיעט. אָן אַ מאָס, אָן שכל. ס׳פּליט זיי עפּעס איבער דער נאָז, צעקאָכן זיי זיך.

— ההההאָאָאָאָ! הההאָאָאָאָ — — — —

אין דער לופט גיט זיך אַ װיג אַן אומגעריכטער גאָרגלדיקער, הייסער טומל, גלײַך שװערע װאָלקנס װאָלטן אָקערשט זיך פּלוצלינג אָפּגעריסן פון דעם רוקן, בלאָען הימל. די ברויזיקע װידערקולות שטעקן אָן די צוקוקערס מיט אַנגסטיקער שרעק. גרוילן רויכערן זיך פון די דאָזיקע אָפּהילכן, זיי קייקלען זיך אַהערצו, גייען. די מענגע דאָרט יאָגט

אַן געדיכט, זי ווערט דראָענדיקער, מעכטיקער. זי געגעגט. צווישן איבער־געשראָקענעם יידישן עולם כאַפּט זיך ווידער עמעצער אַרויס מיט אַ קול, וואָס ברומט פון האַרצקלאַפּונג:

— געהערט? הוררראַ!... הוררראַ! — שרייט מען דאָרט.

אין דער אמתן דערטראָגט זיך שוין דייטלעכער אַ הוילער, גאָרגל־דיקער:

— הורר־רררראַ!

אַ חדר־יינגל מיט צעפּלויגענע פּאותלעך האָט זיך שאַרף דורכגעריסן צווישן המון אַרומשטייערס און אויסקוקערס. דאָס יינגל איז אַוועקגעלאָפן צו אַלטשטאָט, ווו עס שטייט די שוואַרצע בהלה. גיך איז ער צוריקגעקומען מיט גרויסע צעפייערטע אויגן:

— מע רייסט זיך אַריין אין פּרוסאַקס פאַבריק.

— גזלעוואַיע!

— ווער? ווער, יינגעלע!

— גויים, אַ סך פויערן! זיי גייען מיט גרויסע, גראָבע שטעקנס, מיט פויערישע ווידלעס, — דערציילט ער מיט אַ שפּיציק נעזל, וואָס דערמאָנט אַ פויגל אין פלאַטער.

## ג.

שמחה־בונם גיט זיך אַ ווילדן הויב מיט די עלנבויגנס און שוין איז ער צווישן דעם שטראָמענדיקן פויערישן המון. ער זעט: מאַנצבילן אין לאַכמאַנעס, אין הילצערנע שיך, אין צעפליקטע לייוונטענע הויזן ווי זעק. זיי טראָגן זיך מיט דרענגער, מיט אייזערנע ברוך־שטאַנגען און מיט קאָסעס. זייערע פּנימער זענען קנאָכיק, די אויגן ביסטרע בריזדיק. אַלע וויגן זיי זיך אין איין ליאַרעם: „הוררראַ!" אַלע זענען צונויפגעדרענגט אין אַ צו־נויפגעגאָסענער, סטיכיש באַוועגטער מאַסע, וועלכע שפּאַרט זיך בלינד צום גרויסן הויף פונעם חסיד ר' אברהם משה פּרוסאַק. דאָס פאַרמאַכטע היל־צערנע טויער קרעכצט אונטער די שטויסן פון צעברויזטן ים אַקסלען, קרעכצט וואָס אַ מאָל האַרבער, הילכיקער. ביי יעדן שטויס, וואָס קומט ווי פון אַ צעשטורעמטער כוואַליע, הערט זיך ווי ס'טויער גיט אַ טרוקענעם ריטשע און דאָס ווערט באַגלייט פון אַן אויסגעצויגענעם: —

## באַלוטער וועבערס

— הוווּ־רררראַאַאַ!

און אַ ווידערקול צעשאַלט זיך ברייט —

רררררראַאַ! — — —

גלייך אַ פאַרבלאָנדזשעטער וואַלד־רוף האָט זיך דער „הורראַ״ אויפ־געהויבן איבער די אָרעמע געסלעך. די זון האָט פלוצלינג פאַרגלייזט איר קוק. ווען דער המון האָט זיך אַריינגעבראָכן אין פּרוסאַקס הויף, האָבן האַמעטנע זיך געריסן נייע קולות:

— די מאַשינען! —

— בענדיקן די מחבלים!

— צו די מאַשינען!

פאַרחידושט־דערשראָקן האָבן די געסלעך פאַרהאַלטן דעם אָטעם.

אַ צעשויבערטע האָט די מענטשן־מענגע מיט געבריל זיך פונאַנדער־געשפּרייט איבער פּרוסאַקס אינעווייניקדיקע געביידעס.

איבערן גרויסן אַרומגעצוימטן הויף האָט זיך דערנאָך אַוועקגעלייגט אַ שווער באַלאָדענע שטילקייט, וועלכע איז פון מינוט צו מינוט איבער־געריסן געוואָרן פון אַ פאַרטויבנדיקן, גרילצנדיקן הילך פון דערשיטערטן בייזן אייזן, פון פּלאַצנדיקן שטאָל. אינעווייניק, אינעם גרויסן געמאַך פון ר׳ אברהם משהס פאַבריק האָט דאָס וועבער־פאָלק מיט רציחה צעבראָכן די נייע דאַמף־קעסלען, מיט אייזערנע שטאַנגען, מיט האַמערס חרוב גע־מאַכט מגושמדיקע אומהיימלעכע געשטעלן. דער חסידישער באַלעבאָס האָט פון שרעק זיך געטרייסלט אויפן גאַנצן גוף און אין בהלה זיך אויס־באַהאַלטן אין דער שלאָף־שטוב. מיטן וואָלענעם שלאָפראָק און אין קאַפּל איז ער מיט אַ געשרומפּן האַרץ קינדיש אַריינגעקראָכן אין בעט. אינעם צימער האָט זיך לאַנג געשטיקט זיין שרעק:

— אַ וויסטע „פּאַוּוסטאַגיע״... שוין ווידער, אוי, אוי! — און גע־האַלטן זיך ס׳האַרץ, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, עס זאָל אים נישט אַרויסשפּרינגען.

דאָס ווייב אין אַ יום־טובדיק טיף שייטל מיט ציטער־שפּילקעס אין סאַמע אינדערוואָכן האָט אין גאַנצן משנה־צורה געוואָרפן מיט די נער־וועזע ליפּן. אַרומטשאַפּנדיק איבער דער קיך ווי א געפּאַנגענע האָט זי אומ־אויפהערלעך אַריינגעסאָפּעט אין זיך:

— השם יצלנו, השם יצלנו...

די פרומע וועבערס אברהם משה פּרוסאַקס, אָנגעטוענע אין לאַנגע כאַלאַטלעך און אין אָפּגעטראָגענע געהאַקטע יוביצעס און אין שוואַרצע קיילעכיקע היטעלעך איבער די בערדיקע פּנימער האָבן אין איין ציטער־ניש זיך געדריקט צו די ווינקלען. מ׳זאָל זיי נאָר נישט זען. זיי זענען גאָרנישט שולדיק! די ייִדן האָבן זיך געשראָקן פאַר בייזע גוייִשע הענט, פאַר וואַנזיניקע אויגן. מיט פליִענדיקע ארבע־כנפותן האָבן טייל וועבער־לעך זיך אַרויסגעכאַפּט פון סכנהדיקן מקום. אין טויט־אימה זענען זיי דורכגעלאָפן די קאָשטשאַל־גאַס, די בזשעזשינער־גאַס. אומעטום האָבן זיי געלאָזן דעם פלאַטער פון זייער שרעק.

— ווײ געוואַלד!

— סאָרע אומגליק!

בהלה האָט זיך אויסגעבעט אַ ברייט געלעגער.

אָנגעוואָלקנט אזי געוואָרן אין די אָרעמע גאַסן, אָנגעוואָלקנט אויפן געמיט פון די וועבערס: וואָס וועט נאָך זיין?

## ד.

שבת נאָך דעם האָט ר׳ אברהם משה פּרוסאַק גומל געבענטשט. דעם עולם האָט ער דערנאָך דערציילט אין אַלטשטעטישן בית־מדרש, אַז די צעיאָכמעטע פּויערים האָבן זיך דערשראָקן פאַרן גרויסן דאַמף־קעסל אין זיין פאַבריק. זיי האָבן געשריגן:

— וויבוכניע!*)

— אָ, רעטי, וויבוכניע!

— אַך, דער דאַמפּף איסט גראַוזאַם!

דעם דאַמף־קעסל האָבן זיי געלאָזן גאַנץ, דער ערב־רב.

ר׳ אברהם משה האָט בשעת־מעשה דין געשמייכלט. עס האָט געקענט הייסן: פויער בלייבט פויער, אָדער: ס׳וועט זיי העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.

---

*) עס וועט אויפרייסן (פויליש).

ביי ניסנען אין פּאַציעיאַט־שטיבל האָט שמחה־בונם דעם זעלביקן שבת איבערדערציילט דאָס גאַנצע געשעעניש. ער האָט אַלץ געזען, צו אַלעם זיך צוגעקוקט. ס׳האַרץ איז׳ן שיער אַרויסגעשפּרונגען, האָט ער געזאָגט און די צעפלאַמטע אויגן האָבן זיך אויסגעקיילעכט. אַזוינס, אַזוינס! — האָט ער געוויגט מיטן קאָפּ.

מענדל האָט זיך אָנגערופן:

— אַ גוטן שבת האָט ער פון דעסטוועגן געהאַט, דער חרוב געוואָרע־נער פאַבריקאַנט פּרוסאַק נעבעך.

— אַ בעסערן פון ניסנען... — האָט דער וועבער־געזעלן ביטער אַ מורמל געטאָן.

שמחה־בונם האָט געשפּירט אַ קוועלעניש אין דער קעל.

## קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

# אנטקעגן די סדר־ליכט

### א.

פּרי־יאָר האָט טאַקע באַצייטנס אָנגעזאָגט. אין די ייִדישע גאַסן האָט זיך צוגעאײַלט דער פּסח.

דער דרויסן האָט זיך אויף אַן אמת פֿאַרגאָסן מיט פֿלייצנדיקער, בלענדנדיק וואַרעמער ליכטיקייט. אין שטאָט האָט מען רעכט שוין נישט געזעען קיין גרויסע סימנים פֿון אָפּגייענדיקן ווינטער. נישט קיין אייזצאַפּנדלעך אויף די דאַך־ראַנדן, נישט קיין שניי־שפּורן אויף די פּאַרקאַנלייסטן. און נאָסער שוואַרצקייט האָבן די דעכער נידעריק זיך געשפּרייט אין דער צעפּראַלטער זון; די הילצערנע פּלויטן האָבן זיך נעבעכדיק געקאָרטשעט אינעם ליכט וואָס האָט די מילדע, גרינג־ווינטלדיקע לופֿט ווי מיניעדיק זיידנס דורכגעוועבט מיט טיף בלאָ, פּיאָלעט און גרין. דער פֿרילינג איז געקומען מיט די מיטנטעג, וועלכע זענען געווען וואַרעם און צעלויכטן מיט דער שפּע פֿון אויסגעברייטערטן הימל. בלויז די פֿאַרטאָגן האָבן נאָך שימערירט מיט זילבערדיקע בייפֿרעסטלעך; די נעכט זענען געווען קאַלטע, וואָיענדיקע, גלייך פֿאַרבלאָנדזשעטע הינט וואָלטן זיך צעוויינט אונטער די פֿענצטער. אין בייטאָגיקן זון־שיין האָט פֿון די דעכער כסדר געקאַפּעט, ס'האָט געטריפֿט פֿון די אייזפֿאַרשטאָפּטע רינעס. אינעם מענטשנס ברוסט האָט גנביש אַרײַנגעשלײכט יענע פֿרייד, וואָס לייכט אויף אַ צעשפּילטע אפֿילו אין אומעטיקע אויגן, אין נאָכלעסיקע, שווערע באַווע־

גונגען און אין רייד, וועלכע קומען נישט ווילנדיק אַרויס העלע, מיט פאַרהוילענער באַגייסטערונג פאַרן לעבן, וואָס מע לעבט.

אין גראָשן-געסל האָט דאָס פרי־יאָר זיך אַנטפּלעקט אין די אויפגעטייעטע, ווייכגעוואָרענע בלאָטעס און אין שוימיקע קאַלוזשעס, וואָס זענען געשטאַנען אין ברייטע גריבער און אין שטיינער־שפּאַלטן. די פענצטער אין די הילצערנע, ווי צעפלאָשעטע הייזער האָבן אַ גאַנצן פעליקן טאָג זיך געשפּיגלט אין קוואַלן ליכט פון דער פרישער זון. מיט שעמעוודיקן סקריפּ האָבן פענצטער־פליגל איינציקווייז זיך צעעפנט, פונאַנדערגעשפּאַרט די פאַרעקשנטע ענגשאַפט פון די קבצנישע שטובן. פנימער, פאַרשמאַכטע נאָך שיין, האָבן מיט בענקשאַפט זיך פאַרקוקט אין דער ווייט. אָט איז די הודזשנדיקע שטאָט און דאָ־אָ — דאָס אויפטויכנדיקע פעלד וואָס רייסט זיך אַרויס פון דער קויטיקער שאָל דעם אָפּשווימענדיקן ווינטערס, רייסט זיך ווי אַ שיף, אַ פאַרזונקענע אין געמויזעכץ.

האַרט פאַר פסח האָט משה אינעווליצער אַ פּאָר טעג דורכאַנאַנד זיך געפּאָרעט אין דער זאַק־קאַמער. ער האָט איבערגעלאָזן די שטאָט מיט די מילנערס, בעקערס און געוועלבניקעס — עס איז געגאַנגען דער געהויבענער יום־טוב פון מצה, ווען מ׳ברויך נישט משהס אַלטע, חמצדיקע זעק, בייערט פרישע זעק אָן חשש פון חמץ. אין דער נאַכט פון חמץ־בייטלען האָט ער אין דער קאַמער וואָס איז פול מיט זעק און מעל־שטויב, איבערגעלאָזן זיינע פאַרמעליקטע מלבושים; שוין פאַר דער שוועל פון זיין פרנסה־שפּייכלער האָט דער אינעווליצער אַרויפגענומען אויף זיך דעם יום־טוב. אין קאַלטן ליכט פון דער האַלבער לבנה איז דער ייִד געבליבן אין דרויסן שטיין אין די אונטערוועש. אין דער פרעסטלדיקער לופט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ ריין בגד, וואָס ס׳ווייב האָט אים אַראָפּגעטראָגן פאַרוויקלט אין אַ ליילעך. אויך אויף די פיס האָט ער שטייענדיקערהייט אַרויפגעשלעפּט אַ פּאָר שטאַרק אָפּגערייניקטע שטיוול. מיט כוונה ווי בעת אַ תפילה האָט ער דערנאָך אויף דער טיר פון דער חמצדיקער קאַמער אָנגעהאָנגען אַ שלאָס און דעם שליסל אַ פאַרגראָב געטאָן אין אַ שפּאַרע אונטער דעם נידעריקן דאַך. בשעת־מעשה האָט ער שטיל אָפּגעפּרעפּלט אַ פרומען שפּרוך:

— זאָלסט זיין אָפּגעשיידט פון מיר און פון מיין הויזגעזינד אין די

אַלע טעג פון הייליקן יום-טוב פסח, ווען מצה איז די שפּייז פאַר אונדזער לייב. זאָלסט זיך מערצעשעם ווידער עפענען פאַר אונדז מיט שפע נאָך די אַכט טעג פון דעם הייליק ריינעם פסח, אמן.

אין דער לופט האָט ער נאָך אויסגעשאָקלט די ליידיקע פאַלעס פון זיין יום־טובדיקן בגד און איז אַריין אין שטוב. שטיל איז געווען אין שטוב נאָכן כשר אָפּגעהאַרעוועטן טאָג. ווי אַ פונאַנדערגעשפּרייטער רייכער מאַנטל האָט דער לבנהקער הימל געהויערט אין פענצטער און אַ לייטזע־ליקער האָט אין אים זיך געשטעלט דעם שר פון געבענטשטן שלאָף.

זיסע חלומות האָבן פאַרוועבט די הויזיקע און איינגעוויגט זיי אין פרידלעכער רו.

צומאָרגנס איז ביי משה אינעווליצער שוין געווען פולער יום־טוב, הגם די שטאָט האָט זיך נאָך געטונקען אין פראָסטן, באַרוועסן אינדערוואָכן. אין די דלד אמות פון שטוב איז שוין נישט אַריינגעקומען קיין חמץ. ביי־טאָג איז משה אַוועק צום מורה־הוראה מאַכן אַ שטר־מכירה אויף דער חמצדיקער קאַמער מיט די מעל־זעק.

מעשה־באַלעבאָסטע האָט חנה־רויזע נאָך אַ גאַנצן טאָג זיך געפּאָרעט אין די ווינקלען. אומעטום איז געווען איר אויג. איר האַרץ האָט אַלץ זיך געשראָקן, טאָמער האָט זי חלילה פאַרזען עפּעס. אוי, גאָטעניו, דער יום־טוב זאָל איר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן!

און טאַקע באַלד מיטן ערב־פסח האָט אין שטוב זיך געשטעלט דער אָנהייב פון די טהרותדיקע טעג. די ייִדענע איז מער נישט געווען פאַר־מעכיעט ווי פריִער איידער דער יום־טוב איז אַריינגעפירט געוואָרן אין הויז, ווען מ׳האָט געמוזט רוימען, שייערן און בדקענען אין די „שטשאָנקעס״ און שפּאַרעס. דער פאָטער איז באַצייטנס אַוועק מיט די ייִנגלעך אין מרחץ אַריין. דערנאָך האָט ער, ווי זיין שטייגער איז געווען, פונעם שויבנשענקל אַרויסגערוימט די פסחדיקע רויטע און בלאָע כוסות. מיט זיינע מאַנצביליִ־שע הענט האָט ער געפירט אַ ווייס האַנטעכל איבער די קאָלירטע גלעזעלעך אַקוראַט ווי מ׳פירט אַ פולכנעם גענדזענעם פליגל איבערן פנים פון אַן אָפּגעהיטענעם געשליפענעם שפּיגל. זיי האָבן זיך דערפון אַזש צעפינקלט, די כוסעלעך, ווי געשליפענע קרישטאָלן. דער ייִד האָט מיט הנאה אויך

זיך געהאַט צו באַטועןביים אויסזאַרווירן דעם סדר־טיש און איטלעך מאָל האָט ער דערמאָנט דעם ווייב:

— חנה־רויזע, האָסט חלילה נישט עפּעס פאַרגעסן?

די ייִדענע האָט געענטפערט:

— איך פאַרגעס נישט, בראָכאָשעם... דו דאַרפסט מאַכן ערב־תבשילין, משה.

ווי אַן אָנגעגאָסענער קידוש־בעכער איז דער ייִד געווען פול מיט יום־טובדיקייט, מיט חדווה. ער האָט געקוואָלן פון דער טואונג, וואָס ער האָט געטאָן לכבוד פּסח און אים האָבן געלויכטן די רייד פון דעם ווייב. נישט ווילנדיק האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ צערטלעכקייט:

— חנה־רויזעלע...

דער ייִדענע האָט זיך געשמאָלצן דאָס האַרץ אין לויטערער וואַרעמ־קייט ווי פון דער זון, וועלכע צערייזלט דאָס בלוט. אויך זי האָט זיך שיער נישט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישקייט: „משהלע, זאָלסט מיר געזונט זיין... ס׳אַרע גוטער באַלעבאָס דו ביסט!“

נאָך גוט, עס איז נישט געשען. הן זי וואָלט זיך פאַרשעמט, הן זי וואָלט, חלילה, זיך פאַרזינדיקט. משהן האָט זי אמת תמיד ליב. ער איז איר אַ מאַן ווי ס׳געהער צו זיין: נישט קיין בייזער, נישט קיין צעקראַ־כענער, אַ מאַנספּאַרשוין מיט לייטן גלייך. ער איז אויך אַ ייִדישלעכער וואָס האָט זיך נישט צו פאַרשעמען צווישן מענטשן: זי האָט אים גערן מיט דער־אָ שטילער, כשרער ליבשאַפט, וואָס מע באַדאַרף נישט און מ׳טאָר נישט אַרויסווייזן פאַר אַ מאַן.

אַזוי רעדט חנה־רויזע צו זיך און זי שאַצט זיך גליקלעך, וואָס זי האָט זיך נישט אַרויסגעכאַפּט מיט דער נאַרישקייט.

שטיל און ליבלעך איז געווען אין דער ענג אָנגעשטעלטער שטוב, אַלץ האָט געבלישטשעט מיט דער צניעותדיקער ייִדישער באַנייטקייט, וועלכע האָט עפּעס געררוימער געמאַכט, לופטיקער און ליכטיקער דעם אַרום.

אויף מיטיק האָט ס׳הויזגעזינד אָפּגעגעסן אַ יום־טובדיקע מאַלצייט פון קאַרטאָפליעס מיט געשטעלטן בורעקעס־באַרשט. פאַר זונזעצן האָט דער אינעוווליצער שוין זיך געגרייט צו גיין מקבל יום־טוב־זיין.

## ב.

צום סדר האָט מע זיך געזעצט באַצייטנס. די שטוב האָט געלויכטן מיט הונדערטערליי ליכטיקייטן. עס האָט געשטראַלט און געזונגען סיי פון די געצונדענע ליכט אין די אויסגעפּוצטע לייכטערס, סיי פון דער לויטערער ציכטיקייט אין אַלע ווינקעלעך און עס האָט געלויכטן דאָס אויפגעוואָרפענע הערמל־ווייסע בעטגעוואַנט. מיט אַ גייסטיקן הויך האָט אָפּגעשטראַלט פונעם מ ל ך מיט דער מ ל כ ה, וועלכע זענען געווען צו־געשפּאַרט ווער אויפן הויכן היסב־בעט און ווער אויף דער בכבודער רעכ־טער זייט פונעם קיניג פון דער פּסחדיקער מלוכה.

און אָנגעהויבן האָט זיך דעם אינעווליצערס מלוכהשאַפט מיט אַ האָ־פּערדיקן „גוט יום־טוב מיין ווייב, גוט יום־טוב מיין טאָכטער", וואָס ער האָט געזאָגט נאָכן אַהיימקומען פונעם שילעכל. ווען די יינגלעך האָבן דרך־ארצדיק גוט יום-טוב געביטן דער שטוב, דעם טאַטן מיט דער מאַ־מען, האָט משה אינעווליצער מיט אַ מאָל דערפילט, אַז ס׳איז עפּעס ליי־דיקער געוואָרן אַרום אים. אויגנבליקלעך האָט ער זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, וואָס אייגנטלעך האָט אין זיין האַרץ פּלוצלינג אויפ־געוועקט אַזאַ שפּירונג. עס האָט אים אַ פּאַרקלעם געטאָן. אַ ווילע גע־שטאַנען פאַרחושט און ער האָט נישט געקענט באַנעמען, וואָס עס געשעט מיט אים. ער רייבט זיך די שלייפן, גלייכט זיך די באָרד, ציט זי ווי ער וואָלט אַזויערנאָך זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון דער אייגענער פאַרלוירנ־קייט: משה! ביסט דאָ, צי ביסטו נישטאָ? דער ייד האָט זיך נאָך דעם לאַנג געדרייט איבער דער שטוב, נישט געקענט זיך קיין אָרט געפונען. ס׳איז אים קאָפּוירגעקומען דאָס כמעט נישט־געדאַכטע בילד פונעם זון, פון דעם בחור שמחה־בונם וואָס האָט ווידערשפּעניקט. פּריש האָט זיך צעצאַפּלט דער אַלט־פאַרבאַקענער צער. „ווי, ווי! פאַרשווונדן ווי אין אַ תהום אַריין!" — האָט עס אים אַ שניט געטאָן. אין זיין מאַנצבילישן האַרץ האָט זיך פאַרקליבן אַ ווייבערישער יאוש: האָט כאָטש דער יונג, ווו ער איז דאָרט, זאָט אָפּצועסן? ווער ווייסט, סאַרע יום־טוב ער וועט ערגעץ אָפּ־שוואַרצן...

מאָדנע: שוין חדשים ווי שמחה־בונם איז נישטאָ אין דער היים און קיין מאָל ביז איצט האָט אין משה אינעווליצערס פּאַטערשן האַרץ זיך

נישט געוועקט אַזאַ טאָטשנדיקער צווייפל וועגן דעם זונס גורל. ביז הייַנט האָט דער מענטש כמעט נישט געדענקט אין דעם יונג. באַלד ווי ער איז נעלם געוואָרן האָט דער ייִד זיך געקאָכט, געשריגן: אַזאַ עכברוש! אַזאַ לאָבוז!... עס האָט אים געקאָסט געזונט, למאַי אַזאַ מרידה קעגן אים, קעגן זיין אָנזען אין הויז, ווו ער האָט דעם רצון איינצוהאַלטן די באַנדן פון מישפחה, דאָס בלוט פון זיין בלוט אויף די דרכים פון זיינע אבות, די פשוטע אָרנטלעכע ייִדן פון אינעווליץ און פון ראַדאָשיץ. ווי לאַנג דער ייִד פלעגט שבת האַלטן אָן דעם זון האָט ער זיך נישט אַזוי געמכינט צום טיש־פירן ווי הייַנט, דערפאַר אפשר האָט ער ערשט איצט, אין פולן ליכט פון דער יום־טובדיק אויפגערוימטער היים, אויף אַלעמענס פנימער דערזען די נישט־פאַרהיילטע וווּנד. און ר׳האָט זי דערשפירט אין זיין ברוסט. אַלע זענען זיי פאַר אים דאָ געשטאַנען אין איין קיילעכיקער גרייס. דאָ, גאָט, אין מיין הויז אַ שטשערב. ס׳איז אַ ריס אין דעם לייב משה אינע־וויליצערס! ווו איז ער, זיין שמחה־בונם — האָט אין דעם מענטש אַלץ גענומען מאָנען, אַקוראַט אים וואָלט צוגערויבט געוואָרן אַ חלק פון דער מאָלצייט, וואָס אָן דעם חלק איז עס נישט קיין מאָלצייט. ס׳אַ געשענדטע סעודה!

משה אינעווליצער האָט מורא געהאַט לאַנג צו טראַכטן וועגן דעם. ער זאָל זיך נאָר נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט. ס׳קען זיך מאַכן... ער האָט פאָרגעפילט, אַז דאָס ווייב וועט אָנהייבן חלשן. ווידער וועט ער הערן אירע טענות: אַ שיינער טאַטע ביסטו! פאַרטריבן אַ קינד און ס׳גייט דיר נישט אָן, ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

ער האָט זיך געביסן, פאַרקנייפּט די ליפּן און געמאַכט זיך אַ לב נישט אַרויסצוווייזן זיין צעפּיבערט געמיט.

— שוין גרייט אַלץ, חנה־רויזע?

סתם אַזוי געפרעגט כדי זיך צו פאַרטומלען, צו פאַרווישן דעם פ אַ ר וו אָ ס ער דרייט זיך פון אָרט צו אָרט און גייט נישט צום טיש. סוף כל סוף איז משה אינעווליצער אַרויפגעקראָכן אויפן הויכן היסב־בעט. אין אָנבליק פונעם צעשמייכלטן אָוונט, וואָס האָט דאָך פגימהדיק אַראָפּגע־לויכטן פון דעם מאַנס יום־טובדיקן קיטל, האָט חנה־רויזע פלוצלינג אַראָפּגעלאָזן ס׳פּנים, וואָס איז געווען איינגעראַמט אין אַ ווייס־געפּלעטן

טשעפּיק מיט שפּיצן. נײַן, דער קאָפּ איז איר אַראָפּגעפֿאַלן מיט אַ שטײַ־ניקער שווערקייט און אומגעריכט האָט זיך פֿאַרטונקלט איר בליק.

ווי אַ רעגן וואָס צעשפּריצט זיך מיט אַ מאָל אין אַ דעמפּיקן, זוניקן טאָג, האָט די ייִדענע פּלוצלינג זיך צעהעשעט אַקעגן די צעשימערטע יום־טוב־פּלעמלעך אויפֿן טיש.

געשרומפּן פֿון ווייטיק האָט משה אינעווליצער שטאַר געקוקט אויפֿן ווייב. זיך געפֿונען דערנאָך אין זײַן פֿאַרלוירנקייט האָט ער מיט אַ האַלב מויל אַ זאָג געגעבן:

— הע, חנה־רויזע... ס׳עט שוין גוט זײַן אַזוי?

און זײַנע אויגן האָבן זיך פֿאַרנעפּלט. ער האָט גאַרנישט געזען אַרום זיך. די קינדער זענען געזעסן אויך פֿאַרלוירענע, שטומע. די נײַע שטי־ווועלעך האָבן זיי געקוועלט, די פֿרישע העמדלעך האָבן געברענט זייער הויט, געדריקט אין ענגשאַפּט די העלדזער.

— נו, נו... מאַך קידוש... — האָט זי געענטפֿערט מיט אַ כריפּנדיק קול און פֿאַרבאָרגן דאָס פּנים אינעם פֿריש אַרומגענומענעם פֿאַרטעך.

משה האָט קידוש געמאַכט מיט אַ שטיקעניש אין דער קעל. דאָס ווייב האָט ווידער אַ מאָל אַרויסגעבוכעט מיט אַ העשן:

ההו — הו — הוו —

זי האָט פֿאַרביסן די ליפּן, מע זאָל מער נישט הערן איר כליפּן.

דעם ייִד בלייבן די קידוש־ווערטער שטעקן אין האַלדז. זײַן פּנים ענ־דערט זיך, עס ווערט פֿאַרוואָלקנט, און די ווײַעס לאָזן זיך אַראָפּ. אַ בלאַ־סער וויגט ער זיך צוגלייך מיט זײַן שוואַרצער, גראָלעכער האָריקייט און די געשלאָסענע אויגן זײַנע צייכענען זיך בולט אַנטקעגן דער תכריכים־ווייסקייט פֿונעם קיטל. אויך די צעפּינקלטע ליכט האָבן געקוקט אין שטומ־קייט ווי עס שטומען פּנימער מיט קראַמף־פֿאַרקלאַפּטע ציינער. און זי, די ייִדענע, האָט דאָך נישט אויסגעהאַלטן. זי האָט פֿריי אָפּגעלאָזן איר דער־שטיקט געוויין. איצט כליפּעט זי ווי אַ באַליידיקט קינד, אין אומאויפֿהער־לעכע אויסברוכן, מיט הענט־פֿאַרשטעלטע אויגן.

דערנאָך איז אַנגעשטאַנען אַ שאַרף שרײַיִק שווייגן — פֿון אַלץ, פֿון אַלעמען אין הויז.

דאָס פּיינלעכע שווייגן דויערט, ציט זיך לאַנג, אָבער משה אינעוולי־צער וויל זיך נישט אַרויסברעכן פון דעם, נישט מפסיק זיין. ענדלעך טראָגט זיך פון אים אַ קלאַנג, וואָס גיט אַ ראַץ דעם מוח. זיינע אויגן צעגלאַנצן זיך מאָדנע:

— נע!...

און ער צעווײנט זיך מיטן קידוש־כוס אין האַנט. דער ייִד וויינט אויס זיין געוויין מיט די ווערטער פונעם קידוש. די טרערן רינען אים איבערן פּנים און איבער די באָרד־פּאַסמעס. וואַרעמע טראָפּנס, ווי זומער־רעגן, פאַלן אים אויך אויף די ציטערנדיקע הענט-אַראָפּ, אין ווין אַריין.

— נו, האָסט שוין אָנגעהויבן?... — האַלט דאָס ווייב נישט אויס דעם מאַנס טרערן, און זי צעכליפּעט זיך איבעראַנייס אויף אַ רעכטן אמת. — אַ מאַנספּאַרשוין זאָל זיך נישט קענען איינהאַלטן... — האָט זי וויינענדיק תרעומות און באַגיסט זיך מיט אַ מבול טרערן. — מאַך קידוש און פאַרשטער נישט דעם יום־טוב, וישה..

## קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

# בענקשאַפט

### א.

שמחה־בונמען איז דער פּסח, דער ערשטער יום־טוב אין דער פרעמד, אַנטקעגנגעקומען אי מיט אַ הייטער געמיט, אי מיט אַ גערונצלטן הימל, הגם דער דרויסן האָט זיך פונאַנדערגעריסן אין אַ שמייכל, וואָס אַ מאָל מער זיך געקאַטשעט פון פרייד. אין דעם לערן־יונג האָבן געקעמפט געמישטע געפילן. ווי שיין זעט איצט אויס אונדזער גראָשן־געסל, — שרייט זיין גאַנצער מהות — ווי ליכטיק איז אין אונדזער שטוב! און פעפער־גאַס שטייט אַ פינצטערע, אין אַנידערגעלייגטן האַוועניש, אין כאָרכל פון פאַר־שחיטה. דער טאַטע האָט, גאָט צו דאַנקען, פּרנסה, און דער יום־טוב וועט זיין אַ פריילעכער, אַ בכבודיקער. דער טאַטע אַן אויפגערוימטער, מיט זיסער מידקייט אין די ביינער און די מאַמע אַ פייערלעך־צעשיינטע. און דער סדר? ווי גליקלעך וואָלט ער געווען, אויב ער זאָל זיין ביכולת ערגעץ פון אַ באַהעלטעניש זיך צוקוקן, ווי אַזוי עס וועט אין דער היים אויסזען דער סדר! — האָט ער זיך צעפלאַמט. אין אים טויכן אויף בילדער פון די סדרים אין אינעווליק, ווו די מאַמע האָט פאַרלויכטן די שטוב; ווי אַזוי מע האָט זיך געכוחט אַרויסצוגנבענען דעם אפיקומן. מען איז געווען אין זיבעטן הימל, ווען דער טאַטע האָט אומיסטן געלאָזט פון הינטערן קישן צוגנבענען דעם אפיקומן — — — אין דמיון האָבן אויפאַמאָל זיך אויס־געמישט דאָס שטיבל אין גראָשן־געסל מיטן ירושה־הייזל אין וואַלדיקן

אינעווליץ און דעם בחור האָט געשטאָכן די להכעיסדיקע וואָכעדיקייט פון דער פינצטערלעכער פעפער־גאַס. דאָ, אין שכנות מיטן שעפּסן־פּלאַץ, אַ פולער מיטן מעקעריי פון בענקנדיקע שעפּסן, מיט די אָנגעווייעטע ריחות פון די גרויסע, רוסישע פּאַשע־פעלדער וואָס מיט בערדיקע, באַרוועסע פּאַסטעכער, — דאָ, שפּירט ער, איז אויסטערליש ענג, דערשטיקט צו ווערן.

ווען דער אַנטרונענער יונג האָט זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון די דמיונות, וואָס האָבן אים אויף יום־טוב פאַרשלעפּט אַהיים, איז ער געווען צופרידן, וואָס עס איז גראָד אַזוי אַרויסגעקומען. ער ווערט אַ מענטש פאַר זיך. טאַטע־מאַמע וועט ער נאָך פאַרשאַפן נחת. ער וועט פאַרדינען געלט און זיך אויסמענטשלען צווישן לייטן. אין דער זעלביקער צייט איז אין האַרץ ביי שמחה־בונמען אָנגעגאַנגען אַ משונהדיקער געראַנגל צווישן דער זיכערקייט אין זיך און דעם יאוש, וואָס באַהערשט זיין גאַנץ נפש מחמת דער אָפּגעריסנקייט פון היימישן וואָרצל. סוף כל סוף האָט ער, פיבערנדיק אין גאַנצן, דערפילט אַז אין אים האָט זיך צעוואָרעמט אַ רייצנדיקע צוגעבונדנקייט צו דער היים. אָ, די גזע פון די אינעווליצערס! זינט דורות איז זי געקניפּט און געבונדן אין האַרציקייט, אין בשות־פּותדיקייט — אַזוי פיל ליכטיקע שפּירונגען און געוווינהייטן, נאָך וועלכע עס לאָקט זיין האַרץ, ווי אַ זייגנדיקס ציט צו זיין געבוירערין.

געלאָפן, בלינד זיך געריסן אַהין און ביים בחור איז אויסגעהוילט געוואָרן די ברוסט. אַ פונאַנדערגעבונדענע האָט די בענקשאַפט אין אים געקלאָגט מיט בלינדן וויי.

כאָטש גאַרנישט ווייט פון דער היים, סך־הכל אַ קנופּ פון שמאָלע, לאַנגע אומעטיקע גאַסן איינגעפּלאָנטערטע צווישן שטיקער ווילד, בלאָטיק פעלד, האָט טאַטע־מאַמעס הויז אים אויסגעוויזן פאַרוואָרפן העט איבער אומדערגרייכלעכע מרחקים און די ברוסט האָט געפּישטשעט איבער זיי, פאַרגאַנגען זיך ממש אין קינדערישן געכליפּ.

## ב.

...די סדר־נעכט ביי אברהמטשע באַראַנס טיש זענען אים אַוועק וואָכנדיקע. ער איז געזעסן אַ פאַרתמטער, אַן אָנגעיוירענער. שמחה־בונם

האָט נישט געוווּסט וואָס זײַן מויל זאָגט פון דער צעעפנטער הגדה אַרויס; נישט געשפּירט קיין טעם און קיין ריח אין די מאכלים וואָס די מײַסטערשע האָט דערלאַנגט. אין די דאָזיקע צוויי נעכט איז שמחה־בונם געווען פאַר־זונקען ווי אין הינערפּלעט. די שטים פון טאַטנס הגדה־זאָגן האָט אים פאַרפירט אַהיים, די בליקן פון דער מאַמען האָבן אים דערגרייכט וואַרעמע. ליבלעך האָבן זיי געשטראָפּט און אײַנצייטיק געגלעט מיט דער האַרציקייט פון דעם שטומען צוזאָג פון די פּולע, גלאַנציקע אויגן אַז זי וועט פאַר־הוילן פאַרן טאַטן, זי וועט פאַרבאַהאַלטן פאַר אַלעמען די פּלאָגן, די צרות וואָס ער טוט איר אָן — — „וועסט זיך פאַרבעסערן זונעשי, וועסט קומען צום שכל און מיר וועלן האָבן נחת פון דיר". אין דער ווײַסער שטראַליקער שפּיצן־הויב איז זי, די טײַערע. איר בליק שטילט זײַן אומרו — —

פאַרטאָן אין זיך האָט ער רעכט נישט געשפּירט ווען מענדל האָט פון אים געריסן שטיקער: „עס, האַק אַ ניגון! נישט שטענדיק איז די מײַסטראָווע אַזאַ פאַרגעבערן... פּרעס!" זײַנע אויגן זענען געווען צעשפּאַרט און ער האָט נישט געזען די בגילופינדיקייט פון דעם טויבן בעת ער האָט זיך אָנגעטרונקען מיט דער שײַנער, ווײַטער טרויעריקער מעשה פון די שלעק וואָס פּרעה האָט געקריגן אין מצרים און פון די גוטע ייִדן אין בני־ברק ווי זיי האָבן מיט הנאה געחשבונט די מכות וואָס זענען געגעבן געוואָרן די רשעים. אחת ואחת... אחת וחמש, אחת!... געציילט די מכות פּרעהן און פאַרטרונקען מיט שמחה מחמת דעם נס, מחמת דער גרויסער באַפרײַונג. ווײַט איז אים דאָ געווען אַלץ און פרעמד די מענטשן וואָס האָבן געמלאָסקעט מיט די מײַלער. עס איז געווען אַ יום־טוב, אָבער ער איז נישט געווען דערבײַ. ווײַט פון דאָ, פּונקט אַזוי איז עס געווען מיט אים אין דרויסן, נאָך די סדרים, ווען ר'האָט אין לבנה־שײַן זיך באַגעגנט מיטן זמן־יונג. זײַן מויל איז געווען אָפן, די אויערן וואַך, נאָר ער האָט נישט געקענט זיך אַראָפּרעדן פון געקרענקטן געמיט.

ס'איז אַזאַ שטילער שטורעם בײַ אים, וועלכן ער קרענקט ממש אַדורך. און ער חזרט זיך אָפּט איבער אין טיפער אויפרעגונג צי אין שטראָמען ראַפּטעמדיקע, באַהאַלטענע טרערן.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

# מאשינען

### א.

חול־המועד, ווען אברהמטשע באַראַנס וועב־שטולן האָבן נאָך אומ־היימלעך געשוויגן אַקוראַט זיי וואָלטן געווען פאַרפּלאָנטערט מיט געדיכטע שפּינוועבס-נעצן, איז שמחה־בונם דער לערן־יונג אַנטבונדן געוואָרן פון זיינע נאָגנדיקע ווייטיקן. פון מוח און פון האַרץ איז אים אָפּגעטאָן גע־וואָרן די מטושטעשע בענקשאַפט צו דער היים. ווי מיט אַ מאָל אויסגע־רייכערט געוואָרן די אינעווייניקדיקע צאַפּלעניש. גלייך ער וואָלט זיך אין גוף און אין דער נשמה באַנייט, פלוצלינג באַנייט, האָט ער אויך אָפּגע־עטעמט פון דער לעסטיקער טריבקייט, וואָס האָט געבלאָזן פונעם מייסטערס הויז און דאָס הויז איז אין סאַמע יום־טוב געווען וואָכיקער, קילער ווי אין אינדערוואָכן פון אַ גאַנץ יאָר.

שמחה־בונמען האָט זיך געמאַכט יום־טוב אויפן געמיט ווען ער האָט, מעשה־הפקר, געוואָרפן די טונקעלע וועבער־שטוב און איינער אַליין זיך געלאָזן אין גאַס אַריין. עס האָט אים אַרויסגעצויגן פון צווישן די שאָטנ־דיקע ווענט, און געצויגן האָט אים גלייך ערגעץ־ווו וואָלט אויף אים געוואַרט אַן אומבאַגרייפלעכע גרויסע אויפריכטעניש. אומגעריכט זיך דערשפּירט גרינג, אויסטערליש אַזוי ווי אַ פויגל וואָס האָט זיך אַרויס־געקריגן אויף דער פריי, שניידט זיך אַריין אינעם בלאָ און ווערט אַליין אַ שטיק הימל מיט פליגל, מיט שווונג און מיט צאַפּלדיק האַרץ. נישט פון

זיין אייגענעם כוח האָט זיך פון אים געריסן דער מאָדנער אימפּעט. אין די פאַרבאָרגענישן פון זיין בלוט האָט ער פונקט אַזוי, אין אימפּעט, דער־שפּירט אַ באַדאַרפעניש זיך צו באַפרייען פונעם דערעסענעם אָרום. ער האָט זיך אויך אַרויסגעמאַכט פון מענדלען, וועלכער פלעגט ווי אַ טאָפּלט־גע־שטאַלט שטענדיק אים נאָכגיין.

און ווי אויף להכעיס האָט דער דרויסן זיך געוואָלקנט. בלויז אינדער־פרי האָט די זון אַ בליק געטאָן פון הינטערן פלאַכן הימל־דאַך אָפּער. דערנאָך איז זי אַנטרונען. די לופט איז געווען שאַרף און פייכטלעך. עס האָט ניילעך געשמעקט מיט שניי, מיט פליטערלעך שניי וואָס פאַלן ווי טויטע זומער־פייגעלעך מחמת זיי קענען זיך נישט האַלטן אין דעם גע־שפּאָלטענעם אַוויר פון יונגן פרילינג. ביי שמחה-בונמען האָבן אין דער־אָ לופט זיך צעשפּאַרט די ציטעריקע נאָזלעכער, די אויגן האָבן הונגעריק געשלונגען די גאַס, די מענטשן. ער האָט געזוכט עפּעס צו דערקענען. דאָס האַרץ, אַ באַרוטס, האָט דווקא געקלאַפּט האַסטיקער. אָן זיין וויסן האָט דער בחור געשפּרייזט אינטענסיווער. עס האָט אויסגעזען אַז אָקערשט האָט ער מיטן אייגענעם כוח זיך פאַרמאָסטן מיט דער שטאָט, וועלכע איז אים לחלוטין אומבאַקאַנט. אַן אינסטינקטיווער נייגיר האָט אים געטראָגן, ווייל מאָדנע סודותדיק האָט צו אים גערעדט דער דאָזיקער גראָער טאָג; ער האָט אַזש אָנגעשפּיצט דאָס אויער. און אַ סך לאָקנדיקע, נישט אין גאַנצן דערגאַנגענע רייד האָבן אים איצט געביסן, געמאָנט באַשייד. דער בחור האָט געפילט, ר׳ברויך דערגיין אַזוינס וואָס נאָר זיין האַרץ האָט עס באַנומען, דער מוח האָט׳ס נישט דערכאַפּט. געטראָגן דעם קאָפּ לופטיקער ווי נעכטן, אייערנעכטן האָט אין דעם וועבער־יונג ציטנווייז דאָך אַ פּלעמל געטאָן אַ שפּירונג ווי ער וואָלט ערשט אַרויס פון אַ קרענק. דאָ־אָ האָבן זיך אין זיינע געהירן אויסגעוועפּט די פיינלעכע וויזיעס, וועלכע האָבן אים דורכגעברענט ווי מע ברענט טשוהון. ערגעץ אין די קעמערלעך פון באַ־וווסטזיין האָבן נאָך געשטאָכן די איבערגעבליבענע שפּליטערס פון יענע היץ־זעונגען: עס ברענט די פאַבריק פון ר׳ אברהם־משה פּרוסאַק און ער, שמחה־בונם שטייט אין מיטן די העלישע פלאַמען און לאַכט, לאַכט...
דער גביר פּרוסאַק דרייט זיך אַרום אין אַ פינצטער־נאַסן קעלער. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די גויים, וועלכע ווילן אים בענדיקן. פון

אברהם־משהס צעפלעטן קאָפּ רינט בלוט, רינט און שטשורעס גרויסע ווי די קעץ שפּרינגען אַרום אויף אים, זיי טרינקען זשעדנע פון זיינע אויפגעריסענע ווונדן. זייערע עקלדיק־שוואַרצע, קויטיקע פּיסקעס נאָגן אויס דאָס וואַרעמע בלוט און דעם מאַרך פון גולמדיק־צעטומלטן מענטש און דער המון קוועלט אָן פון דער שרפה, וואָס פרעסט זיין געהייז — — פויערים, באַפרייטע פון פּאַנשטשיזנע, פון פּריצס שמיץ און אָקסישן יאָך, טשאַטעווען נאָך אויף אים: טאָמער וועט ער זיך באַווייזן פון זיין באַהעל־טעניש, דער עושר: „זשיד, זשיד!... דו ביסט שולדיק אין אונדזער צרה. דו האָסט געהאַלטן די פּריצים אין זייער גרויסקייט, האָסט רייך געמאַכט די פּאַנעס... אַצינד, פאַרכעוואַטער זשיד קליגסטו זיך אויסצוהונגערן אונדז מיט דיין חכמה" — — —

זיי שטשירן די אויגן זייערע און די ציינער.

פון שמחה־בונמס גדעכעניש זענען אויפגעגאַנגען פאַרדרענגטע רייד, געהערט פון די וועבער־געזעלן און פון די סגאַיעס:

— לאָזט געמאַך דעם זשידעק. ר'איז אַן אָרנטלעכער, אַ פרומער. גלייבט אין גאָט... גענוג אים צעשמעטערט. אַנו, צו שייבלערן, כלאָפּצי! דער שוואָב איז דער ערשטער אומברענגער אונדזערער! די מאַשינען — דאָס איז זייער קאָפּ! אַנו, כלאָפּצי, צו שייבלערן!

— גערעכט, באמת גערעכט, זענען זיי, די סגאַיעס. די נייע וועב־מאַ־שינען וועלן טרייבן די אַרבעטאָרערס צו אַ יונגן טויט. דער קאַפּיטאַל האָט זיך אָנגעזעצט אויף אונדז ווי די פּיאַווקעס. ער זייגט אונדזער בלוט און ס'בלוט פון אונדזערע קינדער.

די־אָ רייד שטעלן זיך פאַר אים אָנגעטועניע אין פלייש און הויט; לעבעדיק באַוועגטע מיילער פייערן זיי אַרויס און זיי עקבערן זיך איין אין אים. שמחה-בונם זעט פון דאָס גיי די צעיאַכמעטע פּנימער פון המון, וועלכער האָט אָקערשט אַנומלט, אָקערשט היינט מיט רציחה און מיט לוסט זיך געוואָרפן אויף פּרוסאַקס מויער וואָס אויפן אַלטן מאַרק. ער זעט'ס ערשט ווידער אַ מאָל און זיין מוח באַנעמט נישט אַלצדינג. ס'טייטש: ר' אברהם־משה האָט געלט, אַ סך געלט, ר'האָט געהאַט הצלחה אין די געשעפטן — וואָס זשע ווילן פון אים די גויִים? ווער לאָזט זיי נישט, טאַקע זיי די בייזע גויִים טוען דאָס אייגענע — שטעלן פאַבריקן, צולייגן דעם

קאָפּ צום כוח וואָס זיי האָבן און פונקט ווי פּרוסאַק זוכן הצלחה אין געשעפט? און שייבלער און גראַמאַן זענען נישט קיין גוים? און וואָלט זיין טאַטן, משה אינעוואָליצערן, געשען אַ נס: ער וואָלט געפונען אַן אוצר, פּלוצלינג רייך געוואָרן, וואָלטן די סגאַיעס געקענט האָבן צו אים טענות? עשירות נעמט מע זיך נישט אַליין, ווי אָרעמקייט פאַלט נישט אַראָפּ פון הימל... אַז די פויערן זענען געבוירן געוואָרן צו זיין קנעכט צו די פּריצים, דינען פּאַנשטשיזנע, קענען זיי גיין קעגן עמעצן? אַז די פּאַנעס האָבן זיי פאַריאָכט און גאָט האָט זיך נישט אָנגענומען פאַר זיי, איז עס נישט קיין ראיה, אַז ס׳איז אַ מזל־זאַך? אָט זענען זיי ערשט אָפּגעקומען זייער שטראָף און שוין ווידערשפּעניק זיי ווידער, צערענען קעגן ייִדן. ס׳וועט זיי זיכער נישט געשאָנקען ווערן.

שמחה־בונם איז לאַנג געווען פאַרנומען מיט חשבון־הנפש פון דער וועלט, ווי ער זעט זי. אַ סך קשיות האָבן אים געפּלאָגט. ער איז אַרויס פונעם גבול פון זיין אייגענעם „איך". ער האָט אפילו נישט געשפּירט ווי דער הונגער צערט אים און ער ווייסט נישט, אַז ר׳ברויך אַהיימאיילן. ער האָט צומאָל נישט געדענקט, אַז דער זייגער איז שוין שפּעט, די מייס־טערשע שעלט אים מסתמא, ווייל ער היט נישט אָפּ דעם זמן פון די מאָלצייטן.

## ב.

אינעווייניקדיקע כוחות האָבן אים געטריבן פון אָרט צו אָרט. ער האָט אפילו נישט באַטראַכט די גאַסן. ער האָט נישט באַמערקט קיין מענטשן, ווי זיי טראָגן זיך גראָד מיט זייערע יום־טובדיקע פּנימער. איבער דער שטאָט האָט ער זיך באַוויגן אין אַ היץ און ווי ער וואָלט געטריבן גע־וואָרן פון אַן אומקאָנטראָלירטער קראַפט וואָס האָט פון אים געשפּאָרט.

אָבער פּלוצלינג האָט דער לעבעדיקער מענטש אין שמחה־בונמען זיך אויפגעכאַפּט. זיינע אויגן האָבן אַלץ געזען, נאָרמאַל פאַרצייכנט אין זכרון און זיינע האַרץ־וועגטלעך האָבן פּילבאַר אויפגעציטערט, צוזאַמענ־געקאָרטשעט זיך און לסוף געבליבן הענגען פאַרגליווערט, שטאַר.

אים האָט אויפגעטרייסלט אַ שאַרפער, שנײדיקער געשריי, וואָס האָט זיך גיך איבערגעגאָסן אין אַ געדיכטן טומל. דער בחור איז אַרויסגעריסן

געוואָרן פון די אומגעזעענע אָרעמס, וועלכע האָבן אים אַ בלינדן און טויבן געפירט איבער די גאַסן.

— פררע־ע־טשטשו!...

— הו־ו־ו־רראַאַ!...

מיט גרינגע פיס איז שמחה־בונם אַ לויף געטאָן און איז געבליבן צוגענאָגלט צו דער ערד: „שוין ווידער אַ המון"... גויִים אין פויערישע קאַפּעליושן, אין היטלען מיט גלאַנציקע דאַשקעס און אין פוטערנע קוטש־מעס טראָגן זיך אַ צונויפגעגאָסענע, וויגנדיקע מאַסע, איבער דער ווידזע־ווער גאַס, וועלכע לויפט באַרג־אַרויף. פון זייערע קעלן טראָגט זיך אַ מעכ־טיקער הילך:

— פרעעטש ז׳ מאַשינאַמי!...

— אַדדאיטשע נאַש כלעב!...

— הווררראַאַ־אַ!...

די מחנה, אַ ברייט־צעגאָסענער טייך ,ציט זיך אַרויף־באַרג, אַ בונטע ווי אַן אָריענטאַלישער צויבער־טעפּיך קריכט זי, באַוועגט זיך שלאַנגיש. איר גוף איז ווייך, עלאַסטיש און פון איר ריזיק מויל טראָגט זיך אַן אומ־געהייעריש הייס געבריל:

— פרעעטש! — —

— דאָלאָי ס׳ פאַברי־י־קאַמי! — — —

— הו־ו־ו — רררראַאַ! — —

צעפּאָרענע שטיוואַלעס, הילצערנע שיך קנעטן די ווייך־געוואָרענע ערד פון גאַס, די טראַנטעס אויף די פּלייצעס גרינלען זיך אין דער שוועבל־גראָער לופט. איבער דעם באַוועגטן לאַנגן פליין פון קעפּ און קעפּ, וועלכע הייבן זיך רגעזווייז ווי אַן אויפגעשוימטע כוואַליע, וויגט זיך אַ הויך דרענגל, אַ מין מאַסט, אין וועלכן עס באַמבלען אַ וועברישער שיצן, אַ פעקעלע רוי שפּינעכץ און אַ שפּול וואָל.

שמחה־בונם, געטראָגן פונעם הייסן טומל, האָט געגאַפט. ער האָט תיכּף באַנומען: ס׳גייט דער וועברישער צעך מאָנען יושר. דערפאַר איז דאָס געהייל אַזוי גרויס, די מחנה אַזוי דערצערנט, אומגעהייעריש.

דער יונג איז מיטגעגאַנגען הינטערווייל׳עכטס. זיינע אויגן זענען גע־ווען צעשפּאַרט, די ברוסט אַ צאַפּלדיקע אין דריקנדיקער ענגשאַפט. זיין

גאַנצער מהות געעפנט פאַר רחמנות צו די ליידנדיקע, הערט שוין דייט־לעכע טעמפּע אָפּהילכן פון צעשטערטן אייזן.

— מאַשינען, — האָט עס אים אַ צופּ געטאָן. — שוין ווידער.

אַ רגע האָט שמחה־בונם געשטוינט איבער דעם וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט. איז עס אַ וווּנדער, צי עס ווערט גאָר געבוירן אַן אומ־גליק? זיין האַרץ האָט געפלאַטערט אין פיבער. אַ צערוישטער האָט זיין דמיון זיך צעצונדן, מיט אַ מאָל צעוויקלען זיך תמוהדיקע ברויט־פליינען: זיי כוואַליען זיך, מורמלען הייס מיט בלאָ־פליגלדיקע בלימלעך אויף שלאַנקע פּיסלעך, ווינקען געל־אויגיק און שמייכלען אויף שטאַרקע, ווייסע ציין. קנוילנווייז שלינגט שמחה־בונמס בליק די שפע וואָס שפּרייט זיך פאַר אים און ער ברענט אין גאַנצן אין דאָרשט נאָך געגנוגטואונג — — און צעעפנט ער אויף אַ רעכטן אמת די אויגן אויף דעם, וואָס עס האָט זיך דאָ אָפּגעטאָן, שטייט דער וועבערישער לערן־יונג פּנים אל פּנים פאַר דעם דערשיטערנדיקן בילד פון צעשטערונג, חורבן, תוהו־ובוהו. און עס האָט אים הנאה געטאָן די פרייד פון המון, וואָס שטילט זיין גרימצאָרן קעגן די אויסגעהונגערער, די מאַשינען. „אָך, די געטשקעס פון די רייכע, די פאַבריקאַנטן!" — האָט זיך געטראָגן חוזק־געשריי געמישט מיט עקס־טאַז פון נצחון. איינצייטיק אָבער האָט אין דעם יונג זיך אויסגעטאָמלט די שרעק פאַרן אָנלויף פון די פּויערים, וועלכע ברענגען אום ר׳ אברהם־משה פּרוסאַקן, זיין טאַטן דעם אינעוווליצער און אַלע בר־מזלס מחמת דעם וואָס זיי זענען ייִדן — —

אַריינגעטאָן אין די מחשבות איז שמחה־בונם געגאַנגען אַן אַ וווּהין. ער האָט מער גאָרנישט געזען און נישט געהערט. דער דמיון האָט אים אַוועקגעפירט.

ג.

דערווייל האָט אַ סאָטניע קאָזאַקן אויף ווילד־צעפלאַשעטע פערד ווי אַ וויכער ראַפּטעם זיך אַריינגעריסן אינעם וועבער־המון. שאַרף צייכענענ־דיק זיך אין דער לופטן האָבן מבולבל געסווישטשעט זייערע נאַהייקעס. זיי האָבן זיך איינגעשניטן אין מענטשישע לייבער; שטומפּיק האָבן גע־בלאַנקט לאַנגע פּיקעס, זיי האָבן זיך געהויבן און האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן. דאָס הירזשעריי פון די צעיושעטע פערד האָט פאַרקילט דאָס מאָוימדיקע

געשריי פון צעכראַסטעטען מענטשן־געווימל אין גאַס. מענער און פרויען, אין משוגענעם געלאַף אַראָפּגעזינקענע צו דער ערד, האָבן אונטער די פער־דישע קאָפּיטעס געיעלהט: „אָ, יעזוס! אָ רעטי!...״ קאָזאַקן אין געשפּאַרנטע שטיוול האָבן זיך מיט פּליִענדיקע גראָבע פּאות געהויבן אויף די צעברי־קעוועטע פערד, רוצחיש געטיילט דעם טויט אויף רעכטס און אויף לינקס פון זייער קערן זיך און ווענדן.

אַ פאַרוואָלקנטער האָט דער הימל ברוגז אַראָפּגענידערט. די ערד, אַ באַשפּרענגטע מיט בלוט-גליוועדס, האָט גענומען טונקלען. די הייזער האָבן זיך פאַרקאַרטשעט. דאָ און דאָרט האָט פון אַ טויער פינצטער אַרויסגע־לויערט דאָס אויג פון אַ „סטאָיקאָווי״, פון אַ „סישטשיק״. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די אייגענע פעל און האָבן געהיטן, מ׳זאָל נישט קומען פון אַ פאַרהוילעניש און אָוועקרוימען די הרוגים.

אין דער וועבער־מחנה האָט מיט דערדריקנדיקער פרייד דורך טרערן געלויכטן די טרייסט:

— כאָטש גוט, מע האָט אָפּגעראַטעוועט די וועברישע פאָן!

דער פאָנענטרעגער, אָן אָפּגעגאָנגענער אין בלוט, האָט מיט אַ שווערדן־ווונד אין שיידל, געבלייכט ערגעץ אויף אַ קויטיק געלעגער. מ׳האָט אים אויסבאַהאַלטן פאַרן יושר פון צאַר אַלעקסאַנדערס שופטים.

**ד.**

נאָך דעם טראַף האָט שמחה־בונם זיך אַליין נישט דערקענט.

דער יונג האָט צעפּראַלט די אויגן, ס׳איז געווען צעאַקערט דאָס שווייגזאַמע האַרץ; ער האָט געזוכט פאַרענטפערניש פאַר אַלעם, וואָס ער האָט געזען, זינט ער איז אַרויס פון טאַטנס רשות. און ער האָט מער נישט אָפּגעפונען דעם זעלביקן שמחה־בונמען, וואָס געווען.

...אויף דער וועג אויף צוריק האָט זיך אים אויסגעוויזן צופיל פאַר־פּלאָנטערט, די היים — פאַרווישט.

וו ו ה י ן ?

## קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

# דער וועג אהיים

### א.

יאָרן זענען געלאָפן און מענטשן און גאַסן פון שטאָט זענען אַריין אין נייע גילגולים. אַלץ האָט זיך פאַרענדערט. בלויז נייע מענטשן וואָלטן די שינויים נישט פאַרוווּנדערט.

שמחה־בונמען האָבן אַ סך זאַכן געחידושט, כאָטש ער אַליין איז פאַר דער צייט עלטער געוואָרן. און דאָס האָט ער אָפּגעפּילט. ר׳האָט געקריגן אַ פליישיק, האָריק פּנים. כאָטש נאָך נישט אויף דער עלטער, טראָגן שוין נישט די פיס אַזוי לייכט ווי אַמאָל, ווען ער איז געווען אין דער לער ביים טויבן אברהמטשע באַראַן. די באָרד איז אים געוואַקסן טיף אין האַלדז אַריין. די האָריקייט האָט פאַרכאַפּט אַזש די אויערן־לעפּלעך.

שמחה־בונמען האָט טייל מאָל פאַרוווּנדערט דער אויסטערלישער סוד פון דער יצירה. אַ שטאָט וואַקסט, אַ וועלט ענדערט זיך! אין שבתדיקע טעג ווען ער איז, נאָכן בענטשן, געבליבן זיצן אויג אויף אויג מיט זיין ווייב (די קינדער זענען זיך צעגאַנגען, איטלעכער צו אַן אַנדערן חבר), האָט ער ליב געהאַט איר צו דערציילן, וואָס ער האָט שוין געזען אין זיין לעבן. דער אַמאָל האָט אים געלאָקט און ער האָט געוואַרעמט. און אַלץ קומט אויס מאָדנע פּראָסט, און דאָך נישט צו פאַרשטיין: אָט די פּעפּער־גאַס, זי איז געווען אַ וויסט שטיק פעלד מיט אַן איינציקער הייזקע. איצט איז די־אָ גאַס שוין אַ גאַנצער ישוב מיט אַן אייגענער חברה, אַן אייגענעם

חדר, און אַלץ טומלט זיך, רייסט זיך אויפן גאָרגל: „ווינציק! מ׳דאַרף מערער ווי מע האָט, מ׳דאַרף קענען די הענט צעפירן". ס׳שרייט, דאַכט זיך, אַלץ און אַלע. פון קראָמען, בעלי־מלאכות, פריזירערס און הייבאַמס איז דאָך אָפּגערעדט. ווו מען וואַרפט אַ בליק, איז, אָנעהאָרע, פול מיט מענטשן, — און אַלץ לייגט איין וועלטן, איטלעכער איז זשעדנע: „נאָך! נאָך!...", אַקוראַט דאָס לעבן וואָלט געווען אַן אייביק גן־עדן. אסור, מאַמע קרוין, עס איז צו פאַרשטיין די טבע פון מענטשן. פאַר דעם אַלעם דאָ מאַטערט מע זיך אָפּ די פאָר דאָסיקע יאָרן!... אָפט מאָל ווערט שמחה־בונם משונה־ערנסט, ווען ער דערגרונטעוועט זיך צום דנאָ פון דער נויט, וועלכע ער אַליין האָט דורכגעמאַכט, וואָס ער האָט צוגעזען ביי די וועבער־געזעלן, אויסגעוואָרפענע אין דער פרעמד. און די הייזער — ס׳אַראָ זענען זיי דאָ? גרויסע, הויכע, אַז מ׳ווערט מיד גייענדיק אַרויף, אַראָפּ פון זיי. אפילו אַן אייגענעם מלך, טאַקע אַ גויישן, האָט די פעפער־גאַס. געקומען דער יעקע קראָמער, האָט ער אין דער געגנט אָפּגעקויפט גרויסע פלעצער, אויפגעשטעלט הויכע קאָמעניצעס און אין יעדער זענען פאַראַן אַ סך שטובן. קליינע שטיבלעך דלד־אל־דלד, צוגעפּאַסט פאַר גרויסע מישפּחות מיט מאָגערע קעשענעס. ער איז אַ בעל־חשבון, דער דאַטש. אַזוי ווי אָרעמע לייט פעלט שטענדיק נייַן און צוואַנציק גראָשן צום גילדן*), תמיד קוועלט זיי די מטבע, וועלן זיי זוי־ווי־זוי נישט האָבן צו צאָלן קאַ׳ דירה־געלט. צו וואָס־זשע אַריינלאָזן זיי אין גרויסע דירות, אַז זיי קענען זיך באַקראַצן מיט קליינע? אויסגעדאגהט פאַרן יעקע! ס׳זייניקע נעמט זיך קראַמער שטענדיק אָפּ. „יודשע — זאָגט ער צו זיינע קאָמאָר־ניקעס — מעגלעך האַבען זי ניכט צו צאַלן אין איין מאָל, דאַן קאַנען זי צאָלן צו צען קאָפּעיקן וועכנטליך... די רעסטע צאַלן זי צו אַם ענדע יאַר"... די יידן, וועלכע האָבן פון זייערע גראָבע מיסחרים משטיינס־געזאָגט נישט געקענט אַרויסשלאָגן דאָס שטיקל פּאָסנע ברויט, האָבן זיך נעבעך פון דער דאָזיקער עצה נישט געקענט אַרויסדרייען. וויבער, הענדלערקעס האָבן במשך פון אַ גאַנצע וואָך טאָג־טעגלעך אַריינגעוואָרפן צו גראָשנס

*) אַ גילדן האָט מען פאַר דעם צאַרישן רוסלאַנד גערעכנט 15 קאָפּיקעס, אַ קאָפּיקע — 2 גראָשן.

און צווייערס אין אַ שקעטעלע, צי אין אַ צדקה־פּושקעלע און אַזױערנאַך צונויפגעזאַמלט דעם צענער אָדער צוואַנציקער פֿאַרן ווערטס וועגן. פֿרײטיק פֿאַרנאַכט איז דער דײַטש בכבודו ובעצמו, באַגלײט פֿון זײַן בלאָ־אויגי־קער יונגער טאָכטער, געגאַנגען „איבער די הײַזער". אומעטום האָט ער אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ. אַז ער האָט געטראָפֿן דעם באַלעבאָס אָדער באַלעבאָסטע פֿון שטוב, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל מיט אַ ביכעלע אין האַנט און געפֿרעגט אויף אַ יידישלעכן דײַטש:

— קאָן איעך עפּעס ביטטען?

האָט מען אים געגעבן דאָס זײַניקע, איז ער אַוועק מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן און מיט אַ „דאַנק־שען".

ס׳האָט זיך געמאַכט אָבער אַז הער קראַמער איז געקומען אין אַ יידי־שער שטוב אַרײַן און נישט געטראָפֿן דעם צענער גראָשן. דעמאָלט האָט ער זיך בנעימות אַוועקגעזעצט ווי אַ חשובער, באַשיידענער גאַסט. „אַ, נישטאָ קויעך..." — האָט ער אָפּגעדעכעט, אַבי עפּעס צו רעדן. אַרומגע־קוקט זיך, געזעען ס׳איז דאָך אַ קאַלטע דירה: אין קעכל איז פֿינצטער, נישטאָ דאָ דער ריח פֿון פֿיש, פֿון צימעס און אַנדערע געשמאַקן, מיט וועלכע ער פֿלעגט זיך אָנזאַפּן אין יידישע היימען אין די פֿרײַטיק־טעג, האָט ער צעקרומט דאָס ווייסע, געגאָלטע פּנים אין אַזאַ מין שמייכל און דערלאַנגט דער יידענע אַ רובל:

— האַבן זי אָוף סאַבעס!...

— נײַן, ווערטלעבן. אַ שיינעם דאַנק... איהן קומט געלט, גיבן זי מיר נאָך צו?

— ס׳מאַכט ניכט, ס׳מאַכט ניכט... — באַרויִקט ער די יידענע און גייט געלאַסן אַוועק מיט אַ „גוטן טאָך, אַ גוטן סאַבעס"...

די יידישע אָרעמעלײַט ווילן נישט קענען דעם ווערטס טובות. זיי קאַרגן זיך אָפּ פֿון מויל אַבי דעם צוגעלאָזענעם יעקע צו באַצאָלן זײַנע פּאָר פֿאַים און דאָס צוגעוואָרפֿענע געבאָרגעכץ פֿלעגן זיי באַלד צוריקשאַרן. אויף שבת גרייט מע נישט אפילוכע. באַהיט זאָל מע ווערן — זיפֿצן יידע־נעס — ס׳קען אַרויס באַקעם! ער פֿאַרגינט זיך אַ כיטרעקייט, דער... נישט אומזיסט וואַקסט זײַן פֿאַרמעג, ס׳וואַקסט, אַז ער קען שוין באַלד זײַן גע־

גליכן צו אַ קייסער. הער קראַמער איז טאַקע געוואָרן דער קיניג פון די הייזער אין דער אָרעמער געגנט.

— איז עס נישט אַ וווּנדער, מיין ווייב? געגומען אַ מענטש און האָט זיך אַזוי אַרויפגעאַרבעט... אויף אַזאַ מאָדע!

## ב.

פאַרן ווייב, וועלכע שטאַמט אויך פון ווייטע קאַנטן האָט שמחה-בונם ליב געהאַט אויפצוּוויקלען די פאַרמעטן פון זיין געדעכעניש. ער האָט שטאַרק גערן געהאַט די מעשהס פון דער פּאָווסטאַניע, וועגן וועלכע עס האָט זיך אָנדערציילט זיין זיידע ר' געצעלע ראַדאָשיצער זכרונו לברכה. די געשעענישן פון 63סטן יאָר, וועלכע ער האָט אַליין בייגעווינט, האָט ער איבערגעגעבן נאָכדענקלעך, מיט קילקייט אין בליק נאָר מיט אַן אויסגעצויגענער שטים, אַן אָנגעקוואָלענע מיט ווייטיקלעכער געהויבנקייט.

„אָך, ווי די פּרויען האָבן זיך געלאָזן שמייסן פון די צעווילדעוועטע קאָזאַקן!... אסור, צי כ'ווייס פאַרוואָס זיי זענען געגאַנגען אויף קידוש־השם. זינט דורות זענען דאָך אויף די אָרעמע פּלייצעס פון שוואַכן פאָלק גע־לעגן די פּערשטן און הולטאַיעס, וועלכע האָבן דאָס גאַנצע דאָברע מזל אַריינגעלייגט אין דעם אייגענעם בויך. איין קיניג איז געווען, האָט ער זיין גאַנצע פרומע ניכטערקייט פאַרהוליעט אויף פּרעסאַרניעס בייטאָג און ביינאַכט און זיין לייבלעכער ברודער, אַ פּאַן־בראַט מיט די פּריצים פון צאַרישן הויף, איז געווען אַ גאָלע שכור און אַן אכזר. איז ער נאָר געוואָרן בגילופין, האָט ער אַזוי לאַנג פאַרבעטן צום טיש מיט־טרינקערס, ביז ער האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ. ביז ווי אַ טיגער האָט ער דעמאָלט זיך געוואָרפן מיט דער שווערד אויף זיינע פריינד און פון זיי געלאָזן ס'בלוט. איבער־געשלאָפן זיך, האָט ער מיט די אייגענע הענט פאַרבינדן זייערע ווונדן. מ'זאָגט אפילוכע אַז דער דאָזיקער איז געווען אַ מומחה אין דאָקטאָריע. נאָר פון דעסטוועגן אַ רוצח האָט ער אויך געקענט זיין. אַ סך זיינע מיט-טרינקערס האָבן געפּטרט ביי אים ס'לעבן, אַנדערע זענען געבליבן שטענ־דיקע קאַליקעס.״

— אוי, אוי, אַזוינס האָט פּוילן? — האָט ס'ווייב אויפן קול זיך אַרויסגעריסן מיט אַ קרעכץ און פאַרוווּנדערונג אין איינוועגס.

„אַ שאלה! זיי האָבן זיך מיט וואָס צו יחוסן... אַזאַלכענע הולטאַיעס ווי די פּוילישע זענען געווען אויך זייערע פֿריינד די הערשערס פֿון ליטע און זיי האָבן געלעבט אין שלום מיט פּוילן. ס׳איז אַפילו געווען אַ ליט־ווישער מאָנאַרך האָט ער פּאָר די פּוילישע לייט געטאָן גוואַלדאָווּנע זאַכן. איינעם אַ פּוילישן מלחמה־העלד מיקאַליי, דערציילט מען, האָט דער ליט־ווין צום אַהיימפאָרן באַשאָנקען מיט די שווערסטע מתנות און ווי אַ צולאָג דעם מיקאַלייען געהייסן אויסצאָלן הונדערט שאָק רענדלעך. געזען דאָס האָט די מלכה געמוסרט דעם מאַן, למאַי ער ליידיקט צופּיל אויס די שאַצקאַמער. דעם פּזרן האָט דאָס צעקאָכט און ווידער באַפוילן: — אויב אַזוי, גיט׳ס מיקאַלייען נאָך הונדערט שאָק רענדלעך, און איז די קייסערי־ניע פֿון דאָס ניי אַרויס מיט אַ ירגזון, האָט דער הולטייסקע קייסער נאָך אַ מאָל דערלייגט הונדערט שאָק... אָט אַזאַלכענע זענען זיי געווען צווישן זיך — האָט שמחה־בונם שטרענג אויפגעלייכט אין דעם ים מעשהס פֿון שבתדיקע נאָכמיטיקן, — נישטאָ קאַ׳ גיטע קיסרים, הערסט? און פּאָניע איז דען בעסער?״ — האָט דער אינעוווּליצער באַלד זיך צוריקגעפרעגט און זיך געפּרוּווט אַרויספּלאָנטערן פֿונעם דערציילן.

— כ׳ווייס נישט ווי אַזוי כ׳האָב מיך געקענט צוקוקן צו אַלעם וואָס מיר איז צוהאַנדן געקומען אויף מיינע אויגן: כ׳בין מן־הסתם נאָך געווען צו נאַריש דעמאָלט. מיט ווילדקייט האָט מע געשונדן דאָס לעבעדיקע פֿלייש. כ׳האָב׳ס אַליין צוגעזען און דאָס האַרץ האָט געמוזט שווייגן. פּשוטע מענטשן זענען דערטרונקען געוואָרן אין טייכן בלוט. מערק אויף צו האַנדלען מיט דער שפּע פֿון דער ערד, זענען געוואָרן שעכטהייזער פּאַר מחנות מענטשן; פּאַרן מינדסטן פּיפּס, אַפילו פּאַר אַ חשד האָט מע געממיתט אין די שטעט און אין די דערפער, אין די קאָשטשאָלן און אויף שמחות. געווען נישטיקע נפשות וואָס האָבן געמסרט און פּאָניע האָט׳ס צוגעהערט און זיך געלאָזט ווילגיין... אין טויט־געראַנגל האָבן פּאָליאַקן — און ייִדן זענען צוגעשטאַנען צו זיי — מיט צעשפּאָלטענע קעפּ, אויפגעשאַרפטע בייכער און אָפּגעשניטענע נעז מאוימדיק געשריגן: „פּרעטש ז׳ צאַראַטעם!״ געפירט צו דער תליה האָבן טייל נאָך געהאַט טרויעריקן כוח צו זינגען להכעיס־לידער. מ׳האָט אויסגעשאָכטן גאַנצע גמינעס און משלנו האָט מיטגעליטן. ייִדן וואָס האָבן קיין מאָל נישט דורכגעלאָזט אַ דאַווענען, האָבן

זיך אויך געשטעלט אין מילחמה קעגן דעם בייזן מאָסקאַל. „ביעך זשיע פּאָלסקאַ" האָבן אויך יידן געזונגען, נאַשאַ פּאָלסקאַ. מיטגענומען אַ סידור מיט אַ תפילין־זעקל און געגאַנגען אין פייער אַריין. אונדזער פּוילן, אַך־כאַכאַ, פּאַרשטייסט? וויפל ווייבער זענען געבליבן אלמנות, וויפל יידישע קינדער ס'זענען פאַריתומט געוואָרן! יאָרן, יאָרן, און יידיש בלוט איז הפקר מן ההפקר. מ'זאָל שוין, ווייב מיינס, באַשערעמט ווערן! צייטן...

## ג.

פריש זענען געווען די ווונדן און אין בית שאין שם קרבן המרידה.

איטלעך מאָל האָט ער איבעראַנייס זיך צוריקגעקערט צו די זעלביקע מעשהס פון דער פּאַוסטאַניע, מעשהס צוגעפּעפּערט מיט פאַנטאַזיע.

די דאָזיקע איבערלעבונגען האָבן ערשט איצט, יאָרן שפּעטער, באַ־קומען ביי אים גלאַנץ און היץ. דער תמצית פון יענע געשעענישן האָט ערשט היינט זיך דורכגעזאָטן אין אים, פּערמענטירט ווי דאָס אייגענע בלוט וואָס האָט אָקערשט איצט, אין די דרייסיקער זיינע, דערשפּירט אי־נעווייניקדיקן כוח.

דאָס ווייבל, וועלכע איז געווען דער היפּוך פונעם מאַן: אַ הויכפּיסיקע, אַ שמאָלע מיט אַ ווייס פּנים און אַ הויקערדיקע נאָז, האָט נישט גערן אויסגעהערט דעם מאַנס געשיכטעס. איר איז נישט ניחא געווען אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג צו זיצן אין שטוב און קוקן אויף די שווייגנדיקע ווענט־שטולן. זי האָט רוגזהדיק אַ מרוק געגעבן:

— שוין געהערט, שמחה! האָסט שוין אַלץ אויסגעפּאַקט? אַצינד לאָמיר האָבן מנוחה!

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם שבתדיקן זשאַקעט מיטן שאַל און איז גרייט געווען צום גיין.

שמחה־בונם האָט שוין געוווסט: „לאָמיר האָבן מנוחה", הייסט ביים ווייב גיין צו מישפּחה, צו גוטע פריינד, אַבי נישט זיצן אינדערהיים, אין דער טונקעלער דירה.

שמחה־בונם אינעווליצערס ווייב איז פון דער היים אויס איטלעכן שבת געוווינט געווען צו גיין פאַרברענגען. אַלע גאָוועטשאָווער שטובן האָט

זי געקענט אין שטאָט, אומעטום געוועזן היימיש. די דאָזיקע רגילות פון מיידלוויז האָט זי נאָך אָנגעהאַלטן, כאָטש די פאַרשוואַרצונג דאָ הי איז געווען גרויס. סיי די ענגשאַפט מאַכט דעם טויט, סיי דאָס קינדלען האָט זי שוין אויסגעמאַרכט, אַ צוים־שטעקל געמאַכט פון איר. קומט שבת נאָכן מאָלצייט, לאָזט זי דעם מאַן נישט זיצן. טייל מאָל באַפאַלט שמחה־בונמען אַ שלאָף. פאַר אַ דרימל, כאָטשבי ביים טיש, וואָלט ער אָוועקגעגעבן אַ הון־רב. זי, שרה, לאָזט אים דאָס נישט באַקומען.

— וואָס, ביסט שלעפעריק, דזשאַד מיינער?

— לאָז אַ ביסעלע, שרהלע, — בעט ער זיך.

— אַ שיינעם שבת ריכסטו מיר צו — באַקלאָגט זי זיך.

— פאָלג מיך: לען זיך אויך צו. וועסט דוינזשען צו גיין. דער טאָג איז נאָך גרויס.

— נאַרייעסט מיר שוין, משה אינעוווליצערס זונעלע? עקשן! — שרייט זי שוין — האָסט זיך פאַרמאָסטן צו שלאָפן, נישט אַנדערש, ווי שלאָפן אין מיטן דערינען. וועסט זיך נאָך נאָכגעבן די שמד אויכעט.

— שרה — הייבט ער אויף דעם שווערן פאַרדרימלטן קאָפּ מיט אַ באַסט — האָסט געהערט? — איך וויל כאַפּן אַ דזשים. דו גיי אַליין. איך וועל שפּעטער קומען.

— וואָס? אַליין זאָל איך גיין? נישט ביי דיין לעבן, שמחהלע!... — צישעט זי — אַז כ׳על זיין אַן אלמנה וועל איך גיין אַליין.

זי גיט אַ שפּיי אויס און זעצט זיך ראַפּטעם אַנידער אַ ברוגזע, אַן אויסגעשלייערטע, אין דעם גאַנצן פאַראַדנעם הולך.

דער פלוצלינגער סקריפּ פון בענקל נאָכן ווייבס צאָרנדיקן אַנידער־זעצן זיך, צעשטערט שוין שמחה־בונמס חשק צו שלאָפן. נאָך אַ ווײַלע האַלט ער דעם קאָפּ פאַרבראָכן אויפן טיש, דערנאָך שטעלט ער זיך אויף און גייט צו צו איר:

— קום.

— ס׳האָט דען דיך געשלעפּערט? ביסט נאָר אַן עקשן, דאָס גאַנצע טאָטעלע אויסן אויג...

און שטענדיק דאָס אייגענע.

גייען מאַן און ווייב שוין אַרויס פון שטוב, שטעלט זיך שמחה־בונם אין דרויסן אַנידער מיט די הענט אויפן הינטן און וואַרט, ביז זי וועט זאָגן ווו צו גיין.

— וואָס שטייסטו? — הערט זיך פּרעטענזיע פון איר.

— וווהין ׳עט מען גיין?

— האָסט נעבעך נישט ווו צו גיין... — רעדט זי שפּאָטיש מיט אויגן און נאָז מער ווי מיטן מויל, — און טאַטע־מאַמע האָסטו נישט ביז הונ־דערט און צוואַנציק יאָר? און ברידער? און מיט ר׳ אַברהמטשען ביסטו ברוגז? און דעם פעטער פאַוויש קענסטו נישט? אסור צי איך פאַרשטיי דיך, שמחה־בונם!

געגלוסט, צי נישט געגלוסט — געגאַנגען איז ער. זי האָט ס׳וואָרט.

## ד.

און איטלעך מאָל ווען שמחה־בונם איז זיך פאַרקראָכן אין גראָשן־געסל אַריין האָט ער זיך געחידושט: וואָס די צייט טוט אויף! וואָס אַ שטאָט איז! געשטאַנען אַ הויז, אַ וויסט אָפּשרעקעניש פאַר שפּאַרבערס אויפן פוסטן פעלד, און שוין האָסטו דיר אַ גאַס מיט ייִדן! ייִדישע קינדערלעך פון אַלע עקן וועלט און גויים להבדיל, אַ גאַנצע כמאַרע. ווי אַזוי האָט דאָס אַלץ זיך דאָ גענומען? און אַזוי פיל הייזער זענען דאָ אויסגעוואַקסן! אַ שפּאַן ערד איז נישט געבליבן ליידיק. אָט איז אַ הייפל פול מיט פערד־שטאַלן, אָט אַ מעלקעריי פון קי און דאָ נאָדיר אַ פאַשאַרניע פון גענדז. אַזעלכע געדיכטע, דושנע ריחות פון מיסט אַז ס׳פאַרדרייט דעם קאָפּ! און די־אָ נידעריקע, מרה־שחורהדיקע קעמערלעך זענען געפּאַקט מיט קאַסטנס וועבערישן שוס, דאָרט פאַרבט מען „שנעלערס״ באַנוול און אָט האָסטו דיר אַ גאַרבעריי פון לעדערס, וואָס לאָזן זיך סכנותדיק הערן ווי־ווייט.

וועגן משה אינעווליצערס גרויסער קאַמער וואָס אויך אויף אַזאַ מין הויף, איז דאָך אָפּגערעדט. זי ברעכט זיך תמיד פון פולקייט מיט שמאַ־טעס, אַלטע מעל־זעק און גרויסע פורמאַנקעס געשפּאַנט אין בעל־עגלהשע פערד האַלטן אין איין אַריינפירן זיי און אַרויספירן. די קאַמער דעם טאַטנס איז אויסגעוואַקסן אין דער ברייט, גלייך זי וואָלט געווען מעוברת מיט

אַ סך קעמערלעך. עטלעכע שוואַרצע טירן האָט דעם אינעווליצערס זעק־קאַמער און אויך אַ גרויס שוואַרץ טויער אויף פאַרזשאַווערטע מעכטיקע זאַוויעסעס, צוגעפעסטיקטע פון דרויסן. קומט אָן אַ ריסאָרקע, צעעפנט זיך אַט דאָס שטומע, קאַליקעוואַטע טויער און עטלעכע אירע וואַרפט זיך מיט אַ מאָל אויף איר מיט פולע אָרעמס צונויפגעלייגטע זעק. מ׳פירט אַריין אָדער מען פירט אַרויס זעק. צום אינעווליצער גייען שוין גרויס־סוחרים פון דעם אַלטוואַרג, אַלע זענען זיי פאַרריסט, פאַרשטויבט אין די נאָזווינקלען. זיי האָבן עס געשטויסן אַז יעדעס יאָר זאָל „צוקומען" צו דער ברייט פון ר׳ משהס קאַמער. איטלעך מאָל מיט אַ פּאָר ברעטער. קיין בייז אויג נישט, עס שווימט צו און עס רינט די שפע.

דאָסגלייכן משה אינעווליצער איז אַן אַנדערער. ער איז שוין גראָ, מיד. פון האָרעוואַניע און פון דער צוגעטראָטענער עלטער איז ער געוואָרן שווערער. ער טראָגט זיך פּאַמעלעכער, דער טריט איז מגושמדיק. ער איז אויך נידעריקער, ברייטלעכער. דאָס פּנים איז נאָך רויטלעך, געפּאַלדעוועט אין גראָבע קאַרבן ווי אַ הילצערן וואַשברעטל. און דער ייִד האָט שוין אַ סך אָראָפּגעלאָזן פון זיין אַמאָליקער שאַרפקייט. דערפאַר איז ער פרומער, אויסגעפונען זיך אפילו אַ היימישע חברותא צווישן די ייִדן פון זיין מנין. אָבער אַנטקעגן דעם בכור זיינעם האָט ער נישט לייכט געקענט מוותר זיין אויפן רוגז.

ווען שמחה־בונם, שוין אַ באַווייבטער, אַ טאַטע פון צוויי קינדער האָט, נאָך יאָרן, זיך באַוויזן אויפן פאָטערס שוועל און אַ זאָג געטאָן:

— גוט שבת, טאַטע!

— גוט שבת, מאַמע! —

האָט דער ייִד פאַרבראָכן דעם קאָפּ אויפן טיש און געמאַכט זיך נישט הערן, נישט זען.

די ייִדענע האָט דווקא יאָ זיך צעוויינט כאָטש עס איז געווען אום שבת, ווען עס איז פאַרווערט צו וויינען, אפילו ווען אין הויז איז חס־ושלום פאַראַן אַ מת. מחמת דרך־ארץ פאַרן מאַנס ווילן האָט זי נישט געקענט צום זון, נאָר פון וויטנס זיך באַוואָשן מיט טרערן פון פרייד און יסורים. שמחה־בונם איז דערום געבליבן שטיין אויף אַן אָרט. ער האָט זיך נישט דערוועגט צו גיין אַ שריט ווייטער, דערנענטערן זיך צו

דער מאַמען מיט זיין איבערגעגאַנגענער ברוסט, מיט די שניידיקע הייסע אויגן.

אין שטוב איז אָנגעשטאַנען אַ האַרבע שטילקייט. שטי־י־יללל. אויף דער שויב האָט שכור געזשומט אַ פולע פליג.

אין דעם אָפּברומענדיקן פליגן־געזאַנג און אין דער מאַמעס געצוימטן שבתדיקן געקלאָג איז דאָס גאַנצע שטיבל אויפגעגאַנגען אין שמחה־בונמס רעיון ווי אַ שפינען־נעץ וואָס שפרייט זיך, שפרייט זיך. און שפינען און שפינוועבס איז סימן דאגות, סימן צרה וואָס הויזט מיט די מענטשן. האָט ער דערפּאַר ראַפּטעם זיך אָפּגעריסן פונעם אָרט ווי עס רייסט זיך אַ מאָל אָפּ אַן אומגעריכט אָנגעשוואָמענער וואָלקן, און איז אַוועק, דער זון פון אַלטן אינעווליצער:

— אַ גוטן שבת, מאַמע!

נאָר דאָס — און געלאָפן.

שמחה־בונם האָט מער נישט געקענט גובר זיין די איינהאַלטעוודיקייט. פון טאַטע-מאַמעס שטוב איז ער אַרויס מיט אַ רוישיקן פּראַל פון דער טיר. דאַכט זיך, זי נישט צוגעמאַכט און אַ צוגווינט האָט שאַרף אים נאָכגעיאָגט. דעם טאַטן — מחמת צאָרן — קיין „גוטן שבת" נישט גע־זאָגט.

אויפגעהויבן דעם פאַרדרימלטן קאָפּ מיט די אָפּגעדריקטע רויטע פּרענגעס אויף די האַריקע באַקן, האָט משה אינעווליצער מיט גרויסע, פולע אויגן געקוקט אויפן ווייב.

— וואָס עסטו זאָגן צו דיין סינאָק?

—וואָס זאָל עך זאָגן? ער איז מער מענטש פון דיר...

די ייִדענע האָט אים געוואָלט וויי־טאָן, דעם אַלטן.

— ס'קומט'ן נאָך אַ קניפּ אין בעקל אַרייך, העי?... — האָט זיך גע־שפּירט שולדיקייט אין זיינע רייד.

— אַ טאַטע טוט נישט אַזוי, משה! — מוסרט אים דאָס ווייב.

— ווּעסטו בעסער טאָן... — האַקט ער אָפּ אַ ברוגזער.

— אַז דו באַנאַרישסט זיך, דאַרף איך אפשר מיטטאַנצן אויף דייז נאַרישקייט?

— ווער הייסט דיך?

— הייס מיך יאָ! איכ׳ל דיך האַרכן? — לאָזט זיך נישט חנה־רויזע. — און אַז דו וועסט מיך הייסן זיך אויפהענגען? איך האָב נאָך פאַר וועמען צו לעבן. דיינע קינדער האָבן זיך נאָך נישט פאַרדינט, מע זאָל זיי פאַר־טרייבן... אסור מיר, צי דו פירסט זיך יידישלעך, דו כלומרשט אָפּגעהיי־טענער ייִד!

— טו דו אָן ס׳שטריימל... — איז ער שוין ביטער.

— איך וועל שוין קיין רביצין נישט זיין... — האָט חנה־רויזע אַ זאָג געגעבן און נישט באַוויזן צו פאַרבאָרגן דעם קוואַל טרערן, וואָס האָט ווידער אַ מאָל אויסגעשאָסן פון איר.

משה אינעווליצער האָט זיך אויפגעשטעלט. מיט שווערן טראָט האָט ער אַרומגעקרייזט דעם טיש, נישט ווילנדיק זיך באַגעגנט מיטן ווייב; זי איז געשטאַנען מיטן שבתדיקן וויינענדיקן פּנים אין די דלאָניעס. די שטוב האָט זיך איצט געזען אַ ליידיקע. די שטילקייט סקאָמלעט היינטיש מיט וואָכעדיקן עלנט. און דאָס האָט זיך אָקערשט אָפּגעריסן פון דער סטעליע, פון דעם טאָג אין דרויסן און פון די פאַרוואָרפענע ווינקלען אַרום. פאַר דעם ייִד האָט איצט זיך אַנטפּלעקט די עלטער זיינע, די האַרטקייט, וועל־כע ער האָט אין דעם אויגנבליק אָפּגעפילט ווי אַ ביטערע ירושה וואָס וועט אים פּטרן. און עס האָט אין אים אַ פישטשע געטאָן די חרטה אויף אַ סך פון זיינע מעשים, וועלכע האָבן אים אויסגעשטעלט פאַר אַ בייזן, פאַר אַ ווידערשפעניקן קעגן די אייגענע, די טרייע, וואָס זענען צו אים שטענדיק וויליק, נאָכגיביק.

אין אים האָט געוויינט במסתרים דאָס אָפּגעגאַנגענע לעבן, עס האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין האַרץ די נעץ פון בלענדיקע מיראַזשן, די פאַרפירנ־דיקע, די אומגעזעטיקטע.

## ה.

צווישן מאַן און ווייב איז אַ שפּאָרע צייט געשטאַנען דער שטילער ברוגז. זיי האָבן זיך געמיטן איינס ס׳אַנדערע, זייטיק זיך פאַרבייגעגאַנ־גען און אויב זיך באַגעגנט מיט די בליקן — אומיסטן קאַלט זיך איבער־געקוקט. סוף כל סוף אָבער האָט דער ייִד מער נישט אויסגעהאַלטן:

— וואָס שפּילסטו זיך מיט מיר, חנה־רויזע?

און אין זיין פרעג איז געווען סיי פּאָרוואורף, סיי הכנעה. אַזאַ גאַמע פון טיפער צעוואַקלטקייט איז חנה־רויזען געווען אין גאַנצן פרעמד. אירע אויערן האָבן אַזוינס נאָך קיין מאָל, קיין מאָל נישט געהערט פון אים. שטאַרקע געבראָכנקייט, ממש קינדישע טרערן האָט זי דערפילט אין דעם מאַנס רייד און זי איז אויך געוואָרן נאָכגיביק.

— וואָס זאָלעך מיט דיר טאָן, משה, אַז דו מיט דיין שלעכטיקייט ביסט אין קיינעם פון דיין מישפּחה נישט געראָטן? ביסט, זאָלסט מיר געזונט זיין, אַ „מין״... ביסטעך, אָנעהאָרע, שוין נישט קיין יונגערמאַן! מעגסט כ׳לעבן געדענקען אַז דו ביסט אַ טאַטע...

— מיינסט טאַקע, כ׳האָב אַ האַרץ פון אַ שטיין? — פאַרענטפערט ער זיך.

— כ׳ווייס, האָסט אַ גוט האַרץ, נאָר נאָכגעבן אַן אייגן קינד איז דיר שווער, קריעת ים־סוף.

— זעסט... — שטאַמלט ער אַרויס און קען מער נישט רעדן. ר׳לאָזט אַראָפּ די פול אָנגעגאָסענע אויגן און איבער דער באָרד קייקלט זיך אַ שווער אַראָפּגעזונקענע טרער.

— איך ווייס, משה, וואָלטסט געוואָלט האָבן נחת פון דיינע קינדער. זיי זאָלן גיין אין דיינע וועגן... אָבער נישקשה, דיינע קינדער זענען נישט די ערגסטע... שאַדט נישט, מעגסט זיך אַרומקוקן און זען!

— כ׳על נישט זאָגן: די ערגסטע... — קוועלן אים די רייד.

— יונגער שכל איז נאַרישער שכל, — העלפט אים אַרויס דאָס ווייב. — סיי דו האָסט זיך יונגוויז באַנאַרישט, סיי דיין זון האָט זיך באַנאַרישט — וויל חנה־רויזע אין איינוועגס דערפירן דעם פאָטער צו אַ שלום מיטן זון.

— באַנאַרישט... — באַמבלט זיך אים דאָס וואָרט אויף דער צונג — אַלץ איז נאַריש, — שטאַמלט ער.

אין זיינע קנאָפּע רייד הערט זיך שטאַרקע קווענקלעניש.

— הבל הבלים... — העלפט שוין די ייִדענע אַרויס מיט אַ פרומער מינע.

און שלום־בית האָט זיך ווידער איינגעשטעלט אין דער שטוב פון זעק־סוחר אין גראָשן־געסל.

משה אינעווליצער איז ווייטער געגאַנגען אין שפּאַן פון דער פּרנסה. ער האָט פאַמעלעך געטראָטן איבער די שטיינער פון דער שטאָט וואָס איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע, וואָס אַ מאָל אַ גרעסערע, מיט מער רויש, מיט מער זשעדנעקייט צו פאַרשלינגען דעם מענטש, ווען ער איז אין זיינע כּוחות סוף כּל סוף קליין, קינדעריש.

אין אָונט, ווען ער איז אַהיימגעקומען פלעגט ער, זיצנדיק ביים טיש, אָוועקלייגן זיין באַשטענדיקן זיפץ — אוי, ווי, שווער, ווייב מיינס! — און תּיכף זיך פאַרבענקען צום בעט:

— ווי לייגט מען אָוועק ס׳זעקל ביינער?

— אין וואָס גייט עס דיר, משה? — איז דעם ווייבס אויער שטענדיק אָפן פאַר אים — דאָס פאַרגעניגן וועט דיך קאָסטן גאָר וואָלוול: אויסגעטאָן זיך און שלאָף געזונטערהייט.

— ניין, חנה־רויזע. כ׳בין דאָך אַ ייִד. און אַ ייִדיש וואָרט זאָגן?

— מאַכט מע נישט קאַ׳ שהיות!

— כ׳קען נישט אַזוי...

אָבער נישט נאָר דאָס האָט ער געהאַט אין זינען. שוין לאַנג האָט משה אינעווליצער זיך נישט דורכגערעדט מיטן ווייב. און ס׳פאַראַן אַ סך צו שמועסן מיט איר, דערציילן פון האַרץ ווו עס דריקט, אַראָפּרעדן זיך פון מטושטשעשע געפילן, פון מורא, פון חרטה, נאָר גיי רעד, אַז די אויגן ווערן פול איבערגעלאָפן און ערגעץ טיף קוועלט.

ווי זיין שטייגער פאַרברעכט ער דעם קאָפּ אויפן טיש און שלאָפט איין אָן צו זאָגן דאָס, וואָס ער האָט אַזוי באַגערט.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

# איבערגעבעטן זיך

**א.**

חנה־רויזע האָט געקלעפּט ביים זון, ביי שמחה־בונמען, וועלכער האָט געוווינט אויף דער פּעפּער־גאַס, אין אַ טריבן הויף פול מיט הויכע מויערן.

שטענדיק, ווען זי איז געגאַנגען „אין שטאָט אַריין" מאַכן אַן איינקויף פאַר דער באַלעבאַטישקייט, האָט זי אָפּגעטראָטן ביים זון. און געגאַנגען אין שטאָט אַריין איז זי וואָס אַ מאָל אָפטער. זי האָט געזוכט געלעגנהייטן צו דעם.

אין דער ייִדענע האָט דאָס האַרץ געוויינט און געפרייט זיך אינאיינעם. אין דעם זונס שטוב האָט זי שוין געטראָפן צוויי קינדערלעך און אַ ווייבל, וואָס איז, אָנעהאָרע, שוין פאַרגאַנגען אין טראָגן מיטן דריטן. „וואָלט זי זיך געקענט פאַרשטעלן, אַז איר וועט אַזוינס צוהאַנדן קומען: אַז אירס אַ קינד וועט חתונה האָבן, זי וועט ווערן אַ באָבע און זי זאָל נישט זיין אויף זיין חתונה, אויף אַ ברית־מילה, אויף אַ בריתניצע?" אַלץ אין איר האָט זיך צעקלאָגט: „חנה־רויזע! חנה־רויזע! ווי איז דיר, ווינד איז דיר!"... און געקוואָלן האָט זי פון גדולה, קוקנדיק אויף די אייניקלעך, וועלכע וואַקסן ייִדישע, געראָטענע.

— באָבעשי....

— זאָל די באָבעשי נאָך נישט אַוועקגיין...

ס׳קליינוואַרג האָט געמאַכט פּיסקלעך, די באָבע האָט אין אַלץ גע־פונען חנדלעך.

און די באָבעשי האָט זיי מיטגעבראַכט אָט אַ גוט עפּעלע, אָט אַ צוקער־שטעקעלע מיט שוואַרצן מאָן. פון איר אָפּגעשפּאָרטן „סאַבעק״ האָט זי פאַר די אייניקלעך אויך אַוועקגעכאַפּט אַ פּאָר שיכעלעך אויף יום־טוב, אַ פּאָר וואַרעמע מייטקעלעך.

אַהיימקומענדיק אַנומלט האָט זי אַ האָפּערדיקן זאָג געטאָן צו משה אינעווליצערן:

— זיידע, די אייניקלעך לאָזן דיך גרוסן...

— גאָר פריינטלעך... — האָט דער ייִד אַ גראָער, אַ געמיטלעכער גע־ענטפערט דעם ווייב.

— די שנור האָט זיך געפרעגט, וואָס דו מאַכסט. דו ברויכסט זען ס׳אַראַ אָרנטלעך, ווויל ווייבל דאָס איז! פונעם ערשטן קוק זעט מען, אַז ס׳איז אַ קינד פון אַ פיין הויז אַרויס.

— אַזוי?... איז אַ דאַנק דעם השם יתברך!

זיינע קורצע רייד האָבן פון דאָס ניי אָפּגעגעבן מיט נאָכגיביקייט, אַ מאָדנע שולדיקייט האָט זיך געהערט פון זיי. מ׳האָט שוין מער נישט באַדאַרפט ווי אים אַ לייכטן טרייסל צו טאָן: ג ע נ ו ג ד י ר, מ ש ה, צ ו ע ק ש נ ע ן ז י ך, אַז ער זאָל ווייכער ווערן.

חנה־רויזע האָט עס טאַקע געטאָן, אָבער... מיט דעם זון וואָס טוט זי? אַ שבתדיק אויסגעשליירטע איז זי אַוועק צו אים מיט דער דעה אָפּצווווישן דעם לאַנגיאָריקן ברוגז; מיט מוסר, מיט אַ זידלען וואָס קלינגט אָפּ מיט אַנטבלויזטער מאַמעשער טריישאַפט איז זי אַרויס באַפעלעריש. קימטס! גענוג געוואַרט אויף כבוד פון טאַטן! אַ חוצפּה... זאָל דער טאַטע אפשר קומען זיך ביקן פאַר ענק? שוין גייטס און בעט זיך איבער! און דו — האָט זי זיך צעטענהט מיט דער שנור — דו ווי שעמסטו זיך נישט? ס׳דיין שווער, צי נישט? אויף וועץ וואַרטסטו! דאַרפסט זאָאַן קליגער פון דאָאַן מאַן! געמאַכט שמחות מיט קינדערלעך אָנעהאַרע און דאָס איז ענק באַ־קומען? בנאמנות ווי כ׳באַגראַב זיך פאַר חרפּה צו האָבן אַזעלכע טשאַלע־

קעס*) אין דער מישפּחה! געגאַנגען, געכער! כ׳בין געקומען נאָך ענק, ווייל כ׳זע מ׳מוז ענק אַריינגעבן אַ ביסל אייל אין קאָפּ אַריין. אַזוי ער, אַזוי זי — געזען אַזוינס? אַנגעטועו זיך און געגאַנגען, צ׳הערט? געכער, כ׳האָ׳ ניש׳ קאָ׳ צאַאַט, אַנישט ׳עט עץ זעך אַ שוואַרצע קאַפּאָטע אויסרעכטן!

געגומען זיי „ביי די אויערן״, געשטעלט פּנים אל פּנים מיטן אַלטן. ס׳איז מיט אַ מאָל אַזוי שווער, אַזוי דושנע געוואָרן אין שטוב, אַזש חנה־רויזע האָט מחמת איבערגענומענקייט אויפגעהויבן אַ ליאַרעם: „צ׳וועט׳ס מיר אַ וויסט יאָר האָבן, אויב צ׳וועט׳ס ניש׳ מאַכן קאָ׳ סוף מיט דעם!״ צד כנגד צד און פאָטער און זון האָבן נישט געוואָגט זיך אָנצוקוקן, ס׳ווייבל האָט פאַרשטעקט דעם קאָפּ אין די אַקסעלעך פונעם קינד וואָס זי האָט געגומען אויף דער האַנט. דער אַלטער האָט ענדלעך אַ מרוקע געטאָן, גע־בראָכן אַ שווערן שמייכל, מיט איבערגעגאַנגענע אויגן געקוקט אויף דער שנור, געגלעט די אייניקלעך און צום זון אַ שטיק צייט נישט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט. שמחה־בונם האָט דער ערשטער זיך בייגעקומען און פינצטער זיך צערעדט:

— ביסט בייז, טאַטע. כ׳וויס ניש׳ פאַרוואָס! אַ גנב דאַאָן זין, חרפּות און בושות האָסטו פון מיר?

ער האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געכליפּ. ס׳ווייבל האָט אויך דערשפּירט אַ דריקעניש אין האַלדז און ס׳קליינוואַרג, זעענדיק דעם פאָטער וויינען, האָט מיטגעוויינט. משה אינעווליצער איז ווי אויפגעקומען פון דעם ציבור־דיקן געיאָמער אין זיין הויז, האָט זיך דערנענטערט צו די זייניקע, אויף יעדן אַרויפגעלייגט זיין האַנט:

— שוין, שוין.

פון די טרערן איז שמחה־בונמען אויף אַן אמת קלאָרער געוואָרן אויפן האַרץ. ר׳האָט אָפּגעפילט אַן אינעווייניקדיקע געגעזונג און געזען דעם פאָטער זיצן אַ באַרויקטן. זיינע אויגן האָבן רק געזוכט די אייניקלעך, פאַר זיי געהאַט אַ מידן שמייכל און די האָבן זיך כסדר באַהאַלטן הינטער דער מאַמען.

---

*) קעלבער, געמיינט: נאַראָנים.

כאָטש נאָך נישט מיט אַן אויסגעלייטערט געמיט האָט חנה־רויזע ייִ־
שוין געפּאָרעט ביי דער קאָמאָדע; זי האָט געגרייט כּיבוד פֿאַר די ליבע געסט.

## ב.

...פֿון דעמאָלט אָן איז שמחה־בונם ווידער געוואָרן דאָס קינד פֿון משה אינעווליצער. און איטלעכן שבת האָט שמחה־בונם דער וועבער־געזעלן מיט ווייב און קינדער זיך פֿאַרקליבן צו גאַסט צו טאַטע־מאַמען אין גראָשן־געסל אַריין, וואָס אַרויס שטאָט. און דער וועג פֿון פֿעפֿער־גאַס ביזן גראָשן־געסל וואָס איז אַמאָל געווען אַזוי ווייט־ווייט איינס פֿון דעם אַנ־דערן — איז איצט איינגעשרומפּן געוואָרן. די יאָרן אָפּגעפֿרעמדקייט פֿונעם זון צו טאַטע־מאַמען און פֿאַרקערט, האָבן גורם געווען דעם דאָזיקן קפֿיצת־הדרך. אויך ביי דעם אַלטן זעק־סוחר, וועלכער האָט קוים געשלעפּט די פֿיס אין די האַרטע שטיוול, איז דער גאַנג צום זון געוואָרן אַ קאַצנשפּרונג. אויף שבת האָט חנה־רויזע אָפּט מאָל צוגעגרייט אַ טשאָלנט מיט אַ זיסע קוגל וואָס האָט „געוויינט" פֿון פֿעטקייט. צום טשאָלנט האָט זי פֿאַרבעטן דעם זון. ס'הייסט נאָר אַזוי: דעם זון, געמיינט האָט זי ס'גאַנצע געזינדל זיינס מיט דער שנור, וועלכע מ'האָט געליובט פֿאַר איר אָרנטלעכקייט, פֿאַר דער באַלעבאַטישקייט. פֿאַרן שווער פֿלעגט חנה־רויזע שטענדיק רימען די שנור:

— ברויכסט זען ס'אַראַ ווערטאַניס אונדזער שרה איז. פֿון איר שטוב גייט נישט חסר דאָס וואָס עס גייט אַרונטער אונטערן נאָגל.

משה אינעווליצערן איז דאָס שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. ווער, ווער — ער ווייסט ווי שווער עס קומט אָן צו פֿאַרדינען די קאָפּיקע. און היט מען זי, קען מען „צו עפּעס קומען". ווײַ איז צו דעם, וואָס ווייסט נישט ווי אַזוי דאָס צוצוהיטן!

## ג.

און האָט דער קנופּ צווישן פֿאָטער און זון ווידער זיך געבונדן ווי ס'געהער צו זיין, האָט דער טאַטע געעצהט שמחה-בונמען:

— ברויכסט נישט אייביק האָרעווען ביי יענעמען... מוזסט ווישן, יע־

נעם פֿאַלט אַראָפּ אַ שיינער ביסן פֿון דייַן אַרבעט. קיינער טוט נישט לשמה... טו ווי אַלע וועבערס טוען! גיי פֿאַר־זיך. שטעל אַריין אין שטוב אַ וועב־שטול און וועסט מצליח זיין. יידן פֿירן זיך אַזוי, ביסטעך אויך אַ ייד.

שמחה־בונם האָט געהאָרכט דעם פֿאָטער: אַריינגעשטעלט אַ וועב־שטול. ס'איז אָנגעהאָרע ענג אין שטוב, נאָר פֿאַר פּרנסה וועגן טאָר נישט זיין קיין תירוץ די ענגשאַפֿט. לייגט מע ביידע קינדער אין איין בעטל אַריין און אַליין איז ס'קוועלן זיך אויך ליב. אַבי ס'אַן אויסזיכט אויפֿן גראָשן. אַריינגעשטעלט ס'גרויסע הילצערנע געלענדער, אָבער די שטעל ביי יענע־מען האָט ער נאָך נישט געוואָרפֿן. ווי אַ וועבער־געזעלן האָט שמחה־בונם איבערגענומען די אייגנשאַפֿטן פֿון די וועבער־לייט, מיט וועלכע ער הויזט שוין יאָרן: צו אַרבעטן טאָג און נאַכט, אַרבעטן אָן איבערלייגונג און נישט מיד ווערן. אַריינכאַפּן... אויפֿגעשטעלט זיך דעם וועב־שטול האָט ער פֿון פֿאַרטאָגס ביז אין אָוונט אַרויסגעיאָגט פֿון זיך די נשמה, מיט הענט און פֿיס געפּלאָקערט ביי דער ווערקשטעל. אים איז געגאַנגען אין מאַכן וואָס מער איילן*) סחורה. אַ פֿאַרסאָפּעטער געקומען פֿון מייסטער, האָט ער ערשט אין דער היים געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַזוי לאַנג איז ער זיך פֿאַרזעסן אונטערן וועב־שטול אַז טייל מאָל האָט אים זיך שוין נישט „געלוינט" זיך צו לייגן שלאָפֿן. דעמאָלט פֿלעגט ער זיך נאָר צולע־נען אויף דערווייל, אין אָנטועכץ, ווייל קאַיאָר האָט ער זיך פֿון דאָס ניי אַרונטערגעוואָרפֿן אונטערן וועב־שטול אין דער פֿרעמדער, שטענדיק טונ־קעלער שטוב. דאָרט האָט ער געצאַפּלט אַ גאַנצן לאַנגן טאָג, אַזש ס'לונג און לעבער אין אים האָט זיך געטרייסלט, געהילכט ווי אַ צוגעדושעטער גלאָק.

אין מיטן טאָג, ווען די וועב־שטולן ביים מייסטער האָבן אויף קולי־קולות געהודזשעט פֿון יאָגעניש, פֿלעגט שמחה־בונם אַ באַוואָקסענער, אַ שוואַרצער זיצנדיקערהייט אַנטשלאָפֿן ווערן מיט אַ מידן קאָפּ. דער שמאַ־טיקער סצעפּטער איז געבליבן פֿאַרשטשעמעט אין זיין פֿויסט. די לאַדע,

*) אַן אייל — אַזאַ פּוילישע מאָס, קלענער פֿון אַ מעטער.

אַ ווייט אַוועקגערוקטע פון אים, איז געהאָנגען אין זיין פאַרגליווערטער האַנט.

פינצטער געחתמעטע מיט צוגעקלעפּטן וואָל-שטויב אויפן פּנים האָבן די וועבער־געזעלן אים דערווישט אַזוי אַן אַנטדרימלטן. דערשטיקט אין זיך דעם פּלוצלינגן געלעכטער האָבן זיי אין קאַטאַוועס אַ שליידער געטאָן אין אים אַ „קאַפּס", וואָס איז אויף אַ וואַלענע שווערע פלאַש געווען ענלעך.

אַ מבולבלער האָט שמחה־בונם צעשפּאַרט די פאַרוועבטע אויגן און תרעומותדיק אַ שנויפּל געטאָן אונטער דער נאָז:

— הערטס אויף!

און דערנאָך, מער אַן אויפגעקומענער:

— זייערע חכמות!...

און ווידער אין מיטן העלן טאָג זיך פאַרכליניעט מיטן זיסן דרימל.

עס האָט אויך געטראָפן, אַז שמחה־בונם האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם בייטאָגיקן פּלוצלינגן שלאָף מיט אַ פּאָר אונטערגענעצטע הויזן.

— אַ ברענונג אין ענק אַראַן! — האָט דער אינעווליצער וועבערניק געשיקט אַ קללה צו די, וועלכע האָבן ליב געהאַט אים בייז צוטאָן, אומיסטן אַריינגעגאָסן אַ פלאַש וואַסער אין דער הויזן־קעשענע.

די־אַ קאַטאַוועסלעך האָבן אים ווײ־געטאָן; עס איז אים באמת נמאס געוואָרן פאַר דער חברותא, וועלכע האָט „אויסגעזאָרגטע" קעפּ. עס איז אים שווער געווען דאָס אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט, נאָר וואַרפן אַ גוטע שטעל אַרבעט איז אים, דעם וועבערישן איינרייסער, אויך נישט לייכט אָנגעקומען.

ערשט ווען זיין שרה האָט זיך געריכט אין בעט אַריין מיטן דריטן קינד, האָט דער טאַטע ביי אים שוין געקענט פּועלן:

— שמחה, וועסט שוין געַנוג האָבן. דו רייסט זיך אָפּ ס׳געזונט פאַר יענעם... שטעל אַריין נאָך אַ שטול, נעם צו אַ יינגלטשינע. דיין ברויט וועסטו מירצעשעם אויסאַרבעטן.

— נאָך אַ שטול? — חידושט דעם זון דעם פּאָטערס איינפאַל.

— ווי דען? נאָך אַ שטול. און נאָך אַ מענטש... איין האַנט וואַשט די אַנדערע.

דער פּאָטער האָט געקנעלט מיט אים:

— דו ווּעסט אַרבעטן אונטער איין וועב־שטול, אַ מענטש אונטערן צווייטן וועב־שטול און אַ צווייטער מענטש וועט „שיסן״ בייַנאַכט. פֿאַר־שטייסט?...

די מאַמע האָט צוגעהאָלפֿן:

— נ׳אָוואָדע... דער טאַטע, זאָלעך אַזוי לעבן, איז גערעכט. ווי טוען אַנדערע וועבערס? מ׳מוז דען אַרבעטן אַליין? מע זעצט אַוועק אַ ייִנגל אויף אַ שטול־אַרבעט און עס „קלעפּיעט״ זיך אויס אַ שיינע פּאָר רובל אַ יעדע וואָך.

ר׳האָט איינגעזען, שמחה־בונם, דער טאַטע איז גערעכט. ער קומט אין שטאָט אַריין, איז צווישן מענטשן, קוקט זיך צו צו די וועבערס וואָס ווינען געדיכט אין גראָשן־געסל. ער זעט ווי ס׳פֿירט זיך ביי לייטן... וואָ׳דען, ער וועט הארכן דעם טאַטן.

דאָס מעוברתע ווייב האָט אויך מסכּים געווען מיטן שווער. אַ צו־פֿרידענע האָט זי נאָך צוגעגעבן:

— אַ דריט מיילכעלע אַנעהאָרע קומט צו אין שטוב אַריין. די באַ־דערפֿענישן וואַרן, גאָט צו דאַנקען, גרעסער, איז טאַקע שוין צאַט צו גיין פֿאַר זיך... שוין צאַט.

שמחה־בונם האָט דעם גאַנצן ענין צעקייעט מיטן ערנסט פֿון די ייִדן וואָס זענען נעבעך שוין אַזוי געפּרוּווט געוואָרן, אַז זיי טראַכטן רק וועגן דעם מאָרגן: ווער ווייסט צו וואָסערע דאגות, צו וואָסערע נסיונות דער מאָרגן קאָן ברענגען. לסוף האָט ער אַ רעד געטאָן עפּעס אַנדערש.

— ס׳איז אַפּילוכע שטאַרק ענג, האָט ער געזאָגט, אַ גרעסערע דירה וואָלט געווען געניייטיק. אוי, אוי, האָט ער זיך געוודיק אויסגעזיפֿצט, מסתּמא כּדי אַזויערנאָך צו צעדריוולען די נעפּלהאַפּטיקע אַנוגג, וואָס האָט אים אַ צופּ געגעבן אין דער ברוסט:

— ס׳יורשל וואָס קומט מיט גאָטס הילף, וועט האָפֿנטלעך מיטברענ־גען אַ בעסער מזל — —

קענטיק, אויך זי האָט געטראַכט אַזוי און אין שטוב האָט אָפּגעקווילט מיט וואַרגנדיקע ווייבערישע טרערן.

## ד.

שמחה־בונם האָט געהאָרכט דעם טאַטן. אין דעם נעפּל פון זיין באַ־וווסטזיין האָט ער געלעכצט נאָכצושפּאַנען דעם טאַטן. ער האָט געדאַנקלעך נאָכגעשפּירט דעם טאַטנס טואונגען. מאָדנע געבּישטערט ביי זיך און ער־געץ אין די פאַרבאָרגענע קאָרידאָרן פון זיין אויפגעוועקטן מהות געוואָלט אויסגראַבלען אַ הסכמה אויף אַלעם, וואָס ער גופא האָט אויפגעטאָן ביז איצט. און ער האָט אויסגעפונען נאָר דאָס געפיל פון קנאה: ער, דער זון, האָט מקנא געווען דעם אייגענעם טאַטן, ס'זענען אים ווילגעפעלן זיינע דרכים. צי דערפאַר, ווייל מעשה אינעוולי־צער האָט אָנגעווירן זיין אַמאָ־ליקע עקשנות, צי ווייל ער אַליין איז עלטער געוואָרן, ס'איז איבערגע־ברענט געוואָרן די היץ וואָס האָט געפלאַקערט אין אים. האָט דאָך ער גופא שוין געשפּירט דעם צער פון גידול־בנים. אַ קינד האָט שווער גע־קרענקט, ר'האָטס קוים אַרויסגעקריגן פון סכנה. עס האָבן אים געפייניקט ספקות, אָפט מאָל קיין רו נישט געפונען פאַרן האַרץ. די יאָרן אָפּגעריסנ־קייט פון דער היים, די צייטן פון וויסט־איינגעגעסענער פרעמדקייט האָבן אינסטינקטיוו איצט געבעטן פאָטערלעכע זאָרג, מאַמעשע צערטלעכקייט. סוף כל סוף בלייבט דער מענטש שטענדיק דאָס קינד. און אָט האָט ער די פאַרגיטיקונג! דער האַרבער טאַטע האָט זיך צעוואַרעמט, די האַנט אים אויסגעשטרעקט כרחם אב אל הבנים. האָט ער אים דערפאַר גע־האָרכט, שמחה־בונם, געהאָרכט אין אַלעם. ער האָט אין שטוב אַריינגע־שטעלט איין וועב־שטול, דערנאָך נאָך איינעם. אַליין האָט ער געאַרבעט אויף אַ ווערקשטעל און פרעמדע מענטשן האָבן געאַרבעט אויף זיינע ווערקשטעלן. ביז ער האָט געקענט אויפהערן צו גיין אַרבעטן ביי „יענעם" האָט נאָך לאַנג געדויערט. בייטאָג האָט ער געהאָרעוועט אין דער פרעמד, ביי אַ לוינקעטניק און, ביינאַכט, אָן אָפּרוען זיך, דורכגעשאָסן אַ פּאָר „שמיץ" ביי זיך אין דער היים. שלאָפן האָט ער זיך נישט צייטגענומען. דאָס ראַסלעריי האָט ער איבערגענומען בירושה פון דעם לער-מייסטער אברהמטשע באַראַן און פון די אַנדערע וועבערס. אַ וועבער גייט אין יאָך אַרײַן און ס'וויבּ מיט אים, און מיט זיי — די גאַנצע שטוב. תמיד טומלט זי זיך, ליאַרעמט הילכיק, הויל און קיין מאָל ווייסט נישט אַ וועברישע

שטוב ווהין זי איילט זיך. זי ווייסט גענוי, אַז אייגנטלעך קען זי גאָרנישט דערגרייכן, סיידן ס'זאָל געשען עפּעס אַ נס. בכלל האָפט מע נישט אויף קיין גליקן. אַלץ גייט על פּי געוווינהייט. איילט מע זיך טאַקע, מ'יאָגט פון זיך אַרויס דעם אָטעם און פון טראַכטן איז מען אָפּגעוויינט. העכסטנס באַנוגנט מען זיך מיט אַ זיפץ. דערפאַר טאַקע זענען וועבערישע פּנימער ס'רוב פאַרקרומט, זויער. אַזוי איז אויך מיט שמחה־בונם אינעווּליצער. פון דעם וועב־שטול איז ער קיין מאָל נישט אָפּגעקראָכן. פון דער אַרבעט איז ער שטענדיק אַ וועקגעפאַלן אַן אויסגעזייגטער. פון מידקייט וואָס האָט געדריקט זיין רוקן און איבעריק געמאַכט די שווערע הענט, האָט ער נישט געקאָנט שלאָפן. ווי אַ חולה האָט ער געדרימלט מיט האַלב־געשלאָסענע אויגן.

שמחה־בונם דער פאַרעלטערטער, דער סטאַטנער ייִד, האָט אויף זיין וועבערישער באַלעבאַטישקייט אַזוי לאַנג געהאָרעוועט, אַזוי לאַנג נישט געקענט רוען, ביז וואַנען אין זיין שטוב איז נישט געווען אַוועקגעלייגט דער ערשטער אָפּגעשפּאָרטער פינף־הונדערטער. וואָס די פינף הונדערט רובל וועלן אים געבן, צו וואָס אים דער אָרעמלעכער אוצר, נאָך וועלכן ער האָט מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן אַזוי געשטרעבט — דאָס האָט ער אַליין נישט געוווּסט קלאָר. אָט האָט זיך אים געוואָלט האָבן אַ קניפּל.

ביי דעם איז ער אָבער געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער, אַן אויסגעהוילטער, גלייך ער וואָלט שטאַרק ווייט געלאָפן, געיאָגט זיך נאָך עפּעס לאָקנדיקס און צום סוף געפאַלן פון די אויסגעגאַנגענע כוחות.

אויף זיינע וועב־שטולן, איבער וועלכע עס האָבן זיך געוויגט פאַרפראַצעוועטע וועבער־געזעלן, האָט שמחה־בונם דעמאָלט שוין גענומען קוקן מיט ווינציקער אייפער ווי ביז אַהער. ער האָט זיך אַרומגעזען: נישט מיר, נישט דיר איז פאַרפלויגן מער ווי אַ העלפט פון אַ מענטשלעך לעבן; ביז אַהער האָט ער זיך נישט אומגעקוקט ווהין עס פירט. איצט איז דאָס לייב אים שוין שווער, דער קאָפּ — — נייַן, ס'איז שוין נישט דאָס וואָס געווען. אַ תל! ס'נישט וואָס אַמאָל, בעת ער איז געווען אויף דער לער. ער האָט פאַרלוירן די דינע שפּירעוודיקייט פון זיינע חושים. ערשט האָט ער געפילט נאָר דעם הונגער און דורשט פון זיין גוף, פון דעם חומר, וועלכער איז מיט יאָרן אַריבער פערציק געפאַלן אויף דער וועלט אַ זכר,

## באַלוטער וועבערס

אַ געזונטער זכר פון אומענדלעכע דורות ברויט־עסערס און באַהאַלטענע בעלי־תאווהניקעס.

יאָ, אַ זינדיק מענטשלעך באַשעפעניש איז ער און ס׳איז׳ן באַשערט אַן אומהיימלעך מזל, האָט ער גענומען קלערן און געבעטן גאָט אַז ס׳זאָל אים נישט גערעכנט זיין אָט דאָס טראַכטן.

קאַפּיטל דרייסיק

# די בלינדע שענק

## א.

אַ גרויסע, כמעט פאַרהוילענע שטוב ערגעץ אין אַ לאַנגן, טיפן הויף פון איינעם אַ פאַרוואָרפענעם וועבער־געסל.

שייעס בלינדע שענק — אַן אָרט וווהין עס האָט געצויגן יעדן פאַר־האָרעוועטן וועבערניק, איטלעכן יגיע־כפּימניק, ווייל דאָרט איז געווען אַ קאַפּ רו און ס׳האָט געשמעקט מיט יענע ריחות וואָס האָבן אונטערגעלענט אַ פאַרחלשט האַרץ.

די שטאָט, וואָס אַ מאָל אַ מער ליכטיקע, איז באַשיינט מיט נייע, גרויסע מויערן, מיט לאָמפּן, מיט געטעסעטע שטיינערנע קלעצלעך זענען אירע טראָטואָרן געפּלאַסטערט; די הינטערשטאָט, ווו עס נעסטיקט דאָס וועבער־פאָלק, איז פינצטער, בלאָטיק. אַ פאַרלאָזענער העק. אַ סך נידעריקע הילצערנע הייזקעס מיט קליינע פענצטערלעך און געבייען וואָס זעען אויס ווי זיי וואָלטן אויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער גיך: אַ ברעט אַזוי, אַ ברעט אַנדערש, אַ קלעצל, אַ פלעקל, אַ שטיקל בלעך איבער אַלעם און „ס׳הויז" איז פאַרטיק — אַ היים פאַר אַ הינטיש לעבן. בלויז איינצלנע הויכע, גרויסע געבייען זענען פאַראַן און אין זיי קליינענקע ענגע דירות פאַר דער אָרעמקייט. הער קראַמערס „פּאַלייען". אַן הויכע שטיוול ריר זיך נישט אַרויס פון שטוב, אפילו אין טרוקענע וועטערס. אין די אויס־געשטשערבעטע, שטענדיק נאַסע גריבער גרייכן די זומפּן ביזן גאַרטל.

פּאַרקערט איז אויבן, אין שטאָט. דאָרט וואַקסט די שפע, עס יוירט ווי אויף הייוון דאָס פּאַרמעג פון פּאָזנאַנסקין, דעם רייך־געוואָרענעם דאָרף־הענד־לער, פונעם דייטש קאַרל שייבלער, פון יוליוס היינצל און פון דעם חסיד אברהם־משה פּרוסאַק, וועלכער היט נאָך אַלץ דעם שבת. דאָ, אין דער וועבער־געגנט, איז וויסט, שטאָק־פינצטער אין די אויפדערנאַכטן. אַ מענטש האָט מורא דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן. בלויז אַן איינציקע שענק איז דאָ, וואַרפט זי אַן געלע ליכטפלעקן אין בלאָטיקן זשוראַוויע געסל און אַ כנופיא פאַרדעכטיקע לייט ווימלט דאָרט אַרום מיט לויערנדיקע אויגן, באַזאָפענע, ווילדע ווי די שפיציקע מעסערס, פון וועלכע עס הערט זיך שטאַרק אין דעם גאַנצן קאַנט. לייט אין דרייפערטלדיקע קורטקעס זענען דאָס און אין שפּיגלענדיקע שטיוול, רויט-פנימדיקע מיט טיפע שראַמען אויפן קאַרק, אויפן שטערן, פאַר וועלכע קינדער דערשרעקן זיך. די פאַרשוינען זענען געווען געפערלעך פאַר זייערע געבוירנשטעט, האָט מע זיי דאָ אַהערגע־שיקט. „פאַביטניקעס" רופט מען אַזוינע און זיי געפינען זיך גוט אין דעם פאַרפאַלענעם אָרט. זיי זענען פאַן־בראַט מיטן איינציקן סטראַזשניק אין דעם העק, מיט יורטשיקן, וועלכער איז אויך אַזאַ בראַנפנטרינקער ווי די־אָ, נאָר ער איז עפּעס חשובער פון זיי אין זיין שוואַרצן, גאָלד־קנעפלדיקן פּאָ־ליצייסקן סורדוט, מיט דער לאַנגער שווערד און מיטן גוידערדיקן ברייטן פּרצוף, אַן איינגעראַמטס אין אַ האַרט, גראָלעך פּראַנץ־יאָזעף בערדל.

ברויך מע נישט פון פּעפּער־גאַס, פון מילנער־גאַס און פון גאָרטן־געסל צו גיין קיין ווילקע נאָך שוס, נאָך אַ קעטע, זיצט מען על־פּי־רוב אינדערהיים: מיט וויב און קינדער, מיט שכנים זיצט מען צוזאַמען אין די וועבער־געסלעך — אַלצאיינס צי מען אַרבעט, צי מען יום־טובט. צוזאַ־מען פּילט מע זיך בעסער, זיכערער און היימלעכער. און דאַרף מען ליווערן די פּאַרטיַען סחורה, פאָרט מען קיין ווילקע אויף אַ שורה בעלי־עגלהשע פורלעך, אָנגעפּאַקטע מיט רויע טיכער, איילן־סחורה, צייג, וויגאָניע, וואָל און סעפּער*). עס ציט אַ געגנדזענע ריי — איין פורל אונטערן אַנדערן. אויף יעדן פורל, אויפן „טשופּ" פון די אָנגעוואַלגערטע קנוילן סחורה, זיצן אַ פּאָר וועבער־יידן מיט גראָבע יאַמשענע שטעקנס אין די הענט.

*) סעפּער — אַן איידעלע זיידענע וואָל.

ס׳פאָרן מיט אויך קרעפּטיקע זמן־יונגען, לערן־יונגען מיט שטאָלענע פויסטן, גרייטע צום שלאָגן, צו קאָפּיען מיט די שווערע יוכטענע שטיוול. זיי לויערן מיט אומרויִק־זוכנדיקע אויגאַנעס, מיט צעשויבערטע קעפּ:

— אדרבה, לאָמיר זען, פּרווט זיך נאָר דערנענטערן!... מיר׳ן די מוחות צעפּלעטן, די קישקעס אַרויסטרענען!

אַזוי זיצן זיי, די פּשוטע װעבערישע יונגען, װעלכע זענען ביי די מייסטערס פאַרקויפט אויף דריי יאָר קעסט מיט שלאָפן און אַ ריין העמד. און נישט איין מאָל איז שוין אויסגעקומען אַז זיי זענען, פון דעם מייס־טערס טובה װעגן, געגאַנגען זיך שלאָגן מיט די הפקרע, געלאָזט זיך ממיתן פון די װ ו י ל ע י ו נ ג ע ן, פון די ש ט אַ ר ק ע, װעלכע האָבן געזוכט אַ גוטן ביסן ביי די אויסגעמאַרכטע, בערדיקע װעבערניקעס װאָס פאָרן ליװערן קיין װילקע.

װאָרן גייט צו אַ װ ו י ל ע ר צו אַ פור סחורה — איז שוין געררויבט, געשלאָגן, איז דערפאַר איינגעשטעלט זיך ס׳לעבן. פאַר װילקע מוז אַ װע־בער גרייט זיין זיך מקריב צו זיין. שוין אַ לערן־יונג װערט צוגעװוינט צו דעם. װילקע איז די היים פון װעברישן גליק און דאָס מוז מען היטן װי דעם שװאַרצאַפּל אין קאָפּ.

שפּיזן דערפאַר אַלעמענס אויגן אויף הינטערװיילעכטס פון די סקריפּנ־דיקע פורלעך: אפשר שפּרינגט אונטער פון ערגעץ אַזאַ װאָלף — —

װעבער שרעקן זיך גאָר שטאַרק פאַר די „פּאָביטניקעס״, און די דאָ־זיקע זענען טאָקע נישט קיין מפּיל־קינדער. זיי לאָזן זיך הערן אין שטאָט. די אָרעמע געסלעך זענען פול מיט מורא פאַר זייערע אייזערנע הענט, פאַר זייערע מיאוסע מיילער װאָס שעלטן, זידלען אין דער מאַמען אַריין. זיי לאָזן אַ מענטשן נישט דורכגיין די גאַס. איטלעכן פאַרטשעפּען זיי. סתם אַ שטויס מיט אַ פוס הינטנאַרומעט איז אַ געװיינטלעכע זאַך, אַ הלצה אַזאַ כלומרשט, אָט אַ ריס ביי אַן אויער, אַ אויפגעהויבן אַ קלייד ביי אַ מיידל. גייט אַ יונגערמאַן אַדורך די גאַס, הערט ער אַ װוילערישן רוף פון אַן אָקעװויט־פאַרברענטן גאָרגל:

— דע, יאָלד, ברעך נאָר דאָ אַהער!

באַװייזט אַזאַ נישט צו אַנטלויפן פון דער צעלאָזענער חברותא, גייט ער אַהיים אַ צעדמטער, מיט געעפנטע געהירן, מיט אַראָפּגעריסענע לאַצן.

קיין פּאַרוואָס דאַרף נישט זיין פאַר דעם. אַט־אַזוי צעשפּילט זיך די יוכע ביי די־אַ און קיין גדר פאַר זיי איז נישטאָ.

זיי טשעפּען זיך צו חתן־כלה וואָס שפּאַצירן אַרויס פון שטוב אין שבתדיקע נאָכמיטיקן:

— דו, הורן־זון, וואָס ווילסטו פון איר?!

זיי ווייזן אָן אויפן מיידל און גיבן מניה־וביה דעם יונגנמאַן אַ ברען אין פּנים אַריין.

פאַרן רויט־צעגליטן אויער דעם יונגנמאַנס באַמבלען זיך נאָך אַ האָגל פון גליוערנדיקע ווערטער ווי פייערדיקע שטיינער:

— זי איז מיין כלה! וואָס כאַפּסטו זיך צו אַ פרעמדנס כלה?

— יאַלדישע נשמה — — וואָס'טו זיך געטשעפּעט צו מיין שוועס־טער? כ'וועל דיר דעם קריזש איבערברעכן, נבלה־ביין איינער!

— און דו, ליאַרווע — —

זיי שוינען נישט קיינעם. עס פאַלט איין אָפּהילכנדיקער פּראַסק אין דעם יונגנמאַנס פּנים אַריין, און נאָך אַ פּראַסק אין דער גאָמבע און צווישן די אויגן. דער בחור באַגיסט זיך מיטן בלוט פון די ציין, פון דער נאָז, וועלכע ווייטיקט לאַנג, שאַרף ווי ער וואָלט אַראָפּגעכאַפּט אַ האַרבן, ביטערן שלונג כריין; עס דרייט אין דער נאָז, אַזש די אויגן גייען איבער.

דאָס בלאַס און גרין געוואָרענע מיידל, אַ דערשלאָגענע ווי אַ הינטל אויף דער היצלישער פּעטליע, צעשרייט זיך פלוצלינג, געוואַלדעוועט. זי באַוואַשט זיך מיט טרערן און נעמט לויפן, לויפט אַ צעפּלאָשעטע. עס כאַפּט זי אונטער דער שוואַרצער דוד, אַ ברייט־פּלייציקער, קוטשעראַוואַער יונג אין נעטע שטיוול און מיט אַ געפּלאַכטענע, לעדערנע רוזגע אין האַנט. דאָס מיידל, אַרויפגעוואָרפן אויפן אַקסל, ווי מע שלעפּט אַ פאַר־עקשנט קאַלב, גייט דער פאַרשוין מיט איר ווי מיט אַ געקויפטער זאַך: פאַמעלעך, סאַפּנדיק בכבוד. דאָס מיידל צאַפּלט זיך אויפן יונגס אַקסל, קוויטשעט מיט אַלע כוחות און פאַרגעסט נישט מיט אַ רויטער, אָדערדי־קער האַנט צוצוהאַלטן דאָס פלאַטערנדיקע קליידל. די מענטשן אין גאַס קערן זיך אָפּ פונעם שוואַרצן דוד, ווי פון אַ בייז אָפּשרעקעניש, פון אַ שד. מע האָט מורא, מ'גייט אַריין אין די הייזער.

— ס'עט שוין נעבעך אויסגיין צו פרעטענזיע־געלט...

דאָס פאַרמשכנטע מיידל וועט, הייסט עס, מוזן אַוועקגעבן אַ זמן*) שכירות מע זאָל זי לאָזן אַרויסגיין שפּאַצירן מיט איר באַליבטן, צי מיטן חתן.

מענטשן לאָזן פאַלן אַ קרעכץ אויף דעם מיידלס ביטערן מזל. אַ רחמנות נעבעך, אַזאַ גורל.

ווייל דעם שוואַרצן דודס חברותא האָט מיט יורטשיקן יד־אחת: זיי טרינקען צוזאַמען אין דעם איינציקן שענק־הויז. האָט מען דערפאַר מורא פאַרן שוואַרצן דוד פונקט ווי פאַרן סטראַזשניק מיט דער שטייפער באָרד. מ׳ווייכט פון זיי ווי פון מאַזלען, אויב מ׳האָט קליינוואַרג אין דער היים.

## ב.

די וועבער־ייִדן ווייכן שטאַרק פון די איינציקע שענק־שטוב, וואָס איז די גרוביקע, בלאָטיקע געסלעך. זיי האָבן זיך זייערע אַן אייגענע „בלינדע" שענק:

אַ גרויסע, כמעט פאַרהוילענע שטוב ערגעץ אין אַ לאַנגן, טיפן הויף אין איינעם פון די אָפּגעלעגענע געסלעך, צופוסנס דער שטאָט.

די פאַרהאַנגענע פענצטער (אפילו אין הייסע, זוניקע טעג פאַרהאַנגען) און די טונקל־ברענענדיקע לאָמפּן פון שייע וואָליערס „בלינדע" שענק האָבן אפילו אַ בייזן שם צווישן די וועבערס. האָט אַ ייִדענע זיך צו באַקלאָגן, אַז ס׳איז איר פינצטער אין שטוב, זאָגט זי:

— ס׳איז ליכטיק, ווי ביי שייע וואָליער.

וויל אַ וועבער „בענטשן" אַ פאַבריקאַנט פון ווילקע, האָט ער אַ פּזמון:

— זיין מזל זאָל אים אַזוי שיינען, ווי עס שיינט אין שייע וואָליערס שענק.

וויל עמעצער סתם אַזוי געבן עמעצן אַ ווינטשעווע, איז שוין פאַר־גרייט אַ ווערטל:

— צו פרעסן ביי שייע וואָליער איז שוין אויף מיר אַזאַ יאָר, ווי עס איז לאַכטיק ביי שייע וואָליער, זאָל שוין אויף דיר קומען אַזאַ יאָר...

---

*) אַ זמן מיינט אַ האַלביאָר: פון פסח ביז סוכות, צי פון סוכות ביז פסח.

אַלץ אויפֿן חשבון פֿון דער וועבערישער בלינדער שענק.

דערפֿאַר האָט אַ גוטן שם דאָס גלעזל „בייעריש" שייע וואַליערס, די באַטעמטע זאַלץ־פּלעצלעך, די אויסגעזאָטענע, געפעפּערטע אַרבעס, די פעטע קנאַק־וואורשטלעך און טאַקע דער טשאַרעק אַקעוויט, וואָס האָט די קישקעס צעוואַרעמט, פריילעך אויפגעשוידערט דאָס פאַרשלאָפענע, מידלעכע בלוט.

עס איז אַ לעבונג אין שייע וואַליערס שענק.

אַ ייִד אַ באַזאַכטער, וואָס וועגט אָפּ יעדעס וואָרט איידער ער רעדט עס אַרויס, גיט שייע צּבטיק אויף זיין פּרנסה. אַ קיין בייז אויג זאָל פון דרויסן נישט האָבן קיין שליטה אויף דעם, אַ אינעווייניק זאָל אַלץ גיין כשורה: איינס ב׳איינס. סיי יורטשיק זאָל איטלעכע וואָך אָפּגעסמט ווערן מיט אַ רובל און סיי די געסט זאָלן נישט אָנווערן דאָס התפּעלות פאַר זיינע געשמאַקע מאכלים.

פרייטיק צו נאַכטס, ווען ייִדן הויבן אָן פאַוואָליע צוזאַמענצוקריכן זיך פון די געסלעך אין דער בלינדער שענק אַריין, קומט שייע וואַליער געלאַסן זיי אַנטקעגן, ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ גוטער בשורה:

— אַ גאַליער היינט, זאָל מען שוין האָבן אַזאַ יאָר... די פינגער צו לעקן!

— אַזאַ איינגעמאַרינירטער הערינג — נאָר אויף היימישע שמחות. און ראַכטיקער מאַטיאַס פריש פון פאַס אַרויס, און אַ פעטער אוליק.

ער האָט גערעדט און דער קיצלדיקער ריח פון אַלע שענק־מטעמים זענען אים געגאַנגען פאָרויס. די וועבערס האָבן מיט די נעזער מבינותדיק געכאַפּט דעם אמת פון די גוטע צוזאָגן און בנעימותדיק זיך אויסגעזעצט ביי די לאַנגע ברעטערנע טישן, איבערגעוואָרפענע מיט געוויינטלעכע לייוונט־טישטעכער. אפנים, ער האָט טאַקע נישט איבערגעטריבן, דער קלוגער שענקער־ייִד. ער האָט נישט געפעלט אין זיין טוען אַז ס׳זאָל זיין צום טעם פון די אָפּגעהאַרעוועטע ייִדן וואָס דאַרפן אין דעם איינציקן טאָג פון שבת-קודש זיך שטאַרקן מיט אַ שאַרפן טרונק, מיט אַ רייצנדיקן ביס. דאָס צוגעגרייטע עסנוואַרג איז פאַרפלאַמט געוואָרן. ביי שייען האָט זיך נאָך אַ מאָל געשמאַק געגעסן, כאָטש מען איז געקומען אָקערשט אָנגע־

געסענע, זאַט פון אַ פולער שבתדיקער מאָלצייט מיט זיסע פיש, מיט זמירות, מיט לאָקשן מיט יויך, מיט אַ פערטל גענדזנס און צימעס און טיי.

געטרונקען ביי שייען איין גלאָז ביר ביי אַ בשותפותדיקן טיש, האָט מען זיך געכוחט בציבור אויסצוטרינקען נאָך „אַ גאַנג ביר״. און אַז געטרונקען האָט מען אַריינגעוואָרפן אין זיך נאָך אַ זשמעניע אַרבעס, שטאַרק געפעפערטע, ווייך צעזאָטענע, נאָך אַ פּאָר געזאַלצענע, ברויז־אויסגעבאַקענע פּלעצלעך — מ׳האָט מיט הנאה גערייצט דעם אַפּעטיט צו דער ביטערער כוסע, „געהייצט דעם קעסל״, ווי זיי האָבן געטענהט, ער זאָל קענען שלעפּן די שווערע משא.

— שייע, לאָמיר זען נאָך אַ גלעזל בייעריש!

— שייע, האָסט היינטיקס מאָל שוואַכע אַרבעס.

— שייע, פּושערסט עפּעס! — און געשמייכלט מיט די האַריקע פּני־מער — דער שר־המשקה וועט זיך מיט דיר רעכענען, געדענק! — און געקוויקט זיך.

פאַר אַ גאַנצער וואָך האַרעוואַניע, פאַר די לאַנגע, אומעטיקע טעג און נעכט ביי די וועבערישע געלענדערס האָבן די ייִדן אין אָט דער באַ־העלטעניש, אין האַלב־סודותדיקער טונקלקייט געוואָלט אַריינכאַפּן עפּעס נישט דערגרייכטס, אַ נישט־דערוועבטן חלום.

„נאַ, טרינק, זויף, כאַטש זעץ זיך איין אַ פּאָלע אין מאַגן״, האָט עס געקענט הייסן.

— שייע!

— שאַ־איע!...

באַסאָווע, כריפּנדיקע, וואַקלדיקע שטימען האָבן געזעגט דעם באַ־טרונקענעם, מוטנעם חלל.

דער שענקער־ייִד האָט נישט געקאַרגט, ער האָט כסדר דערלאַנגט אין ניכטער געהאַלטן קאָפּ. דעם מספּר האָט מע חלילה נישט געטאָרט פאַר־געסן. אַן אָרעמאַן לעבט נישט אָן חשבון.

אָן ווילן, אָן שטאַרקן רייץ צום עסן, צום טרינקען האָט מען אין די פּול־אָנגעפּוישטע בייכער אַריינגעוואָרפן נאָך ביסל קראָכמאַל, נאָך אַ ביסל זויערס און ביטערס. און פון די איבערגעלאָדנטע געדערים איז אויפגע־גאַנגען אַ זאַט גרעבצן.

## ג.

צוזאַמען מיט שכנים וועבערס זענען ביי איין טיש געזעסן משה אינע־וואליצער מיט שמחה־בונמען.

די קעפּ זענען שוין איבעריק אויף די קאַרקן, די אויגן פינטלען אַריין אין דער פינצטערלעכער שיין פון נאַפט־לאָמפּ וואָס אונטערן בלעכענעם טעלער אויפן סופיט און איבערן זויערן ביר־טיש שפּרייט זיך אַ שמאַטי־קער שאָטן. פון אַריינגיסן אין זיך עטלעכע געגנ ביר, פון עסן די שאַרפע אַרבעס, די געזאַלצענע מצהלעך איז מע שוין מיד, ס׳איז שוין כדאי צו גיין, אָבער אַהיימגיין ווילט זיך דאָך נישט. פאַרט איז דאָ היימלעכער, אינעם דונסט פון צעגאָסענעם געשמאַקן ביר, ס׳פריילעכער פונעם גע־קלאַנג פון די גלעזער מיט וועלכע שייע וואָליער פליעסקעט כסדר אין אַ געפעס ערגעץ. און עס איז שוין אַ רגילות ביי די טרינקערס: כאָטש מ׳איז שלעפעריק, גלוסט זיך אַלץ נישט אַהיימצוגיין. אין דער היים איז אָנגעוואַקסן אַן אַלטקייט, דאָ שפּירט מע זיך פריש. אַ שאָד אַוועקצוגיין פון דעם מקום דאָ. אגב באַדאַרף מע נאָך דורכרעדן וואָזשנע זאַכן, גאָר וואָזשנע. די צונג הייבט זיך, אמת, נישט, כאָטש ס׳ציט דער ענין.

— שמחה־בונם, — נעמט דער אַלטער אינעוואליצער אַרויסקריכן פונעם שווערן, שכורלעכן שווייגן — אַצינד וועל איך הייסן געבן ביר... איך, איך. שאַדט נישט, אַ טאַטע מעג אויך מהנה זיין.

משה אינעוואליצער האָט אַוועקגעלייגט דעם וויגנדיקן קאָפּ און שנאָרכנ־דיק באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. עס האָבן אים אַ שטאַרקן תענוג אָנגעטאָן די שאַרפע ריחות פון שוימענדיקן ביר, פון איינגעמאַרינירטן פליישיקן הערינג, די גוט־באַטעמטע מצהלעך און די געפעפערטע זכר־אַרבעס. פון זיין שנאָרכן האָט גיך זיך אַ וויג געטאָן די גאַנצע שענק־שטוב מיטן האַלב־דרימלענדיקן באַלעבאָס ביי דער טאָנבאַנק.

דער עולם טרינקערס איז זיך פּאַוואָליע צעקראָכן אין די געסלעך אַריין, וואָס זינקען אין פינצטערניש, אין אייביקער בלאָטע.

מחמת דרך־ארץ פאַרן אַלטן אינעוואליצער זענען די שכנים וועבערס נאָך געבליבן זיצן ביים טיש און עפּעס פויל געשמועסט מיט שמחה־בונמען.

— שטעלסט נאָך אַ קאַליע ביר מיט הויכע קאַלנערס*) — האָט עמעצער זיך אָנגעטאָן אַ חשקות כדי די אַרומזיצערס נישט צו לאָזן איינשלאָפן.

— אַז ס'עט נאָך אַראָן, טרינקט'ס געזינטערהייט, — ענטפערט שמחה־בונם איינציענדיק די אַקסלען.

אָבער עס איז שוין נישט אַריין. ס'איז נאָר געווען סתם אַ גערייד וועגן ביר, מיט וועלכן וועבערניקעס פאַלוביען זיך. פאַר דאָס האָט דער יינגערער אינעוווליצער דערציילט וועגן די געזעלן, וואָס האָבן זיך געמאַכט אַ בירזשע, ווו זיי קומען זיך צונויף, האַלטן אָפּ אסיפות, לייענען אין געהיים מאָדנע בלעטלעך, וועלכע קומען אָן פון רוסנלאַנד.

— אַזוי, אַזוי, וואָס מ'הערט... — שטוינען די בגילופינדיקע, מידע לייט — און זיי האָבן גאָרנישט מורא? מלכות וועט דאָס נישט דערלאָזן... עפּעס האָט זיך שוין געהערט פון אַזוינס. מ'שמייסט מיט ראַפּניקעס אַזאַל־כענע.

— מורא האָבן!... און שוין גייען זיי זיך אָנפרעגן דעם פּאָליצמייסטער, העי? זיי מעגן, צי נישט, פריץ־לעבן... נאַראָנים וואָס עץ זענט! מ'שמועסט, די אַרבעטאָרערס פון גאַנץ רוסנלאַנד זאָלן מאַכן יד־אחת. זיי זענען קעגן די פּאַזשאָנדקעס, ווילן נישט ס'זאָל זיין קאַ' אָרעם, קאַ' ראַאָד. אַלע גלאַאַך.

— ס'אי' קעגן מלכות? — וואַרפט עמעץ אַן עקבערדיקן פרעג.

— די וועלט 'עלן זיי איבערמאַכן? כאַ־כאַאַ! — צעקייכט זיך אַ קורץ נישט־דאַזיק געלעכטערל.

— וואַרטס, וואַרטס. ס'איז גאָרנישט קיין הלצה. ס'שוין נישט לאַנג צו וואַרטן און ביי אונדז וועט זיין אַ סטרייק... אַזוי רופט זיך עס, אַ סטרייק ביי די לוינוועבערס, ביי אונדז — רעדט שמחה־בונם מיט חשי־בות. — אַ הוספה 'עלן זיי פאָדערן און נישט אַרבעטן ביינאַכט.

— ע, כ'גלייב ניש'!

— ס'אַ ליגנט! — זאָגט אַן אַנדערער און עס וועפּט זיך אויס דער נעפּל פון שכרות אין די רייד פון די אַרומזיצנדיקע.

---

*) געמיינט אַ גרויסע רייף שוים אויפן גלאָז ביר.

— כאַפּטס נישט, ס׳עט שוין קומען אַהיים... — איז דעם אינעוולי־צערס וואָרט זיכער כאַטש די שטים איז לייכט צעוואַקלט.

טייל קוקן זיך איבער שוויגעוודיק. איינער וואַרט, וואָס דער אַנדערער וועט זאָגן.

— ס׳אַן אמת, צי דיינע אַן אויסטראַכטעניש?

— געטרונקען האָבעך, אָבער שכור בינעך נישט. פאַנטאַזיעס זענען פאַר קליינע קינדער. ס׳איז אמת, ווי מ׳האָט אַצינד שבת פון גאָט.

— פון וואַנען האָסטו עס גענומען, שמחה? — איז עמעצער נייגיריק.

— אַ נפקא־מינה... כ׳ווייס און פרעג נישט קאַ׳ קשיות.

— און וואָס ׳עט טאָקע זאָאַן, אַז זיי וועלן אַזוי טאָן, די געזעלן... מאַכן אַ סטרייק, ווי ס׳הייסט דאָרט?

פאַרוויכטע אויגן, פרעגנדיקע בערד דרייען זיך אויס צו שמחה־בונמען.

— ווייסעך... — און ער פאַרשוויגט וויכטיק.

— ס׳הייסט: אויב נישט, וועלן זיי נישט אַרבעטן, די געזעלן? — וויל עמעצער טרעפן.

— איז נישט, וועט מען אַליין אַרבעטן, מיר מיט די ווייבער און מיט די קינדער.

— ס׳אַפּילוכע אַ חוצפּה: פונקט אַצינד, ווען ס׳האָט זיך געמאַכט אַ ביסל דורכצושיסן, מ׳איז אויסגעהונגערט נאָך אַ גאַנצן ווינטער ליידיקגיין, ווילן זיי נישט אַנדערש, ווי דערלייגט צום לוין. אַן אָנשיקעניש... האָבן גרויסע אויגן אויף די פאַבריקאַנטן און די אויגן קריכן זיי אַרויס אויף אונדז.

— נישט דערלעבן וועלן זיי דאָס!...

פון דעם מידיקלעכן גערייד, פון וועלכן ס׳האָט, ווי אייטער, אויסגע־שאָסן שנאה צו די געזעלן, איז ווידער אַרויסגעקראָכן שמחה־בונם, דער קנאָפּ־ריידער:

— נאָר נישט געברענט די וועלט... נישט דערלעבן אַהער, נישט דערלעבן אַהין — זיי זענען פאָרט נישט אומגערעכט, די מענטשן... עץ האָט׳ס זיך אָנגעליטן אַ ווינטער אָן אַרבעט, איז געווען שלעכט. ווי ביטער איז געווען די געזעלן? זיי לעבן דאָך שטענדיק פון דעם צוגעציילטן גראָשן. אַרבעט מען נישט אַ טאָג, הונגערט מען שוין. קאַ׳ געלט פאַראיבעריקט

מען נישט ביי געזעלן־לוין... זיי האָבן זיך טאַקע אָפּגעפּייניקט אַ ווינטער אין נויט און לייד.

— ביסט אפשר אויך אַן אחדותניק, שמחה־בונם?... טרייבסט אוודאי חברותא מיט דיינע געזעלן... — האָט שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן איינער מיט אַ בלאָנד בערדל און וואַסערדיקע אויגן.

— אוודאי... נישט אַנדערש, אַן אחדותניק. אַ שותף זייערער.

— שוטים, וואָס עץ זענט!... — פאַלט אַריין אין די רייד אהרן קרול, אַ וועבער, וועלכער לייענט באַהאַלטענע ביכלעך, וואָס זיין זון ברענגט אַהיים בסוד. — ס'איז נישט קיין קינדער־שפּיל, וואָס די געזעלן האָבן געמאַכט איינס. ס'איז נישט בלויז ביי אונדז. אויך די פּוילישע אַרבעטאָרערס זענען איינס, אין רוסלאַנד איז שוין לאַנג דאָ אַזאַ אָרגאַניזאַציע. די וועלט שלאָפט נישט... אַז זיי מאַכן אַ סטרייק, אַרבעטן זיי אַליין נישט און לאָזן אַנדערע נישט אַרבעטן.

— זיי לאָזן זיך איינזעצן אין תפיסה — האָב איך געהערט. זיי קריגן געשלאָגן מכות־רצח און ס'זייעריקע מוזן זיי אויסנעמען — זאָגט דאָס וועבער־יידל מיטן העלן בערדל. — ס'אַפּילוכע שיין וואָס זיי האַלטן זיך באַזאַמען ביי איין דעה.

— אַ פייער ברענט! — וואַרפט שמחה־בונם ווידער אַריין אַ וואָרט. — איך האָב שוין דערשמעקט. ס'נישט קאַ' שפּילעכל. די פּוילישע אַרבעטאָרערס, זאָגט מע, זאָלן גיין צוהילף די געזעלן ביי די לוינוועבערס.

נייגיר האָט אויסגעשפּיצט די אויגן.

— פון וואַנען נעמסטו עס, שמחה?

— כ'ווייס... אַ נפקא־מינה? ס'וועט זאַאַן אַ גרויסע בראַך, אויב ס'עט קומען דערצו.

— צו זיי וועט זאַאַן אַ גרויסע בראַך, די לויזן־פּויקערס. איבער דער שוועל דאַרף מע דאָס נישט אַריבערלאָזן, די שנאָרערזעק!

— אוודאי. ווי באַלד זיי האָבן זיך זאָט געפרעסן מיט אונדזער פּראָצע, האָבן שוין אַ העמד אויפן הינטערחלק, ווייסן זיי שוין נישט ווי זיי הייסן, די פּראָווענצער חיות!

— באַהיט זאָל מע ווערן. ס'קען זיך צעפלאַקערן אַ גרויסע שרפה. די פּאָר „שמיץ" סחורה דאַרף מען און דאָ זאָל אַלץ אָפּגעשטעלט ווערן...

איך וואָלט נישט געוואָלט געפּרוווט ווערן — זאָגט שמחה־בונם נאָכדענק־לעך. — איך וועל זיך נישט לאָזן אויף דער גליטש. דאַכט זיך, איך וועל נישט דערלאָזן ביי מיר. כ׳וועל דורכקומען מיט זיי... האָבן צו טאָן מיט אַרבעטאָרערס וויל איך נישט. זאָלן זיי אויכעט לעבן, ס׳אַרט מיך דען? צ׳ווייסט׳ס כאָטש, וואָס ס׳טוט זיך אָפּ בעת אַ סטרייק? — רעדט ער גע־היימנישפול — זיי גייען אַרום איבער די ווערקשטעלן. פּאַקן זיי עמעצן אַרבעטן, נעמען זיי אים ביים קאַרק, שלעפּן מיט מיט זיך, שטעקן א פעסטע „עליה״. אַ חוץ דעם ווערט די גאַנצע קעטע צעשניטן אויף פּיץ־פּיצלעך. און גיי שריי חי־וקיים.

לייט הערן זיך איין מיט סטאַרטשנדיקע, אויסגעשפּיצטע בערד און קוים־ציטערנדיקע ווי:עס. אַלע שוויגן האַרט, גלייך זיי וואָלטן קיין מאָל נישט געקענט ברענגען אַ וואָרט איבערס מויל.

— יאָ, יאָ, זיי קענען אפילו שיסן אויכעט... — רופט זיך פון דאָס ניי אָן דער אינעוווליצער — שפּילט׳ס ענק מיט פייער!

קיינער האָט שוין נישט גערעדט. ס׳האָט זיך געשפּירט די שיכרות אין די מוסקולן פון די פיס. זיי האָבן זיך געוואַקלט, לייכט זיך אונטערגע־בראָכן. אויף זייערע קעפּ האָבן די וועבערניקעס שוין געטראָגן די לאַסט פון נאָך נישט באַנומענע גרוילן. זייערע שריט האָבן זיך געפּלאָנטערט, די ראיה פאַרווירט. אין די אויערן האָבן נאָך אָנגעשלאָגן אויסטערלישע, פרעמדע רייד.

— האַ?... וואָע?...

זיי זענען אַהיים מיט נישט־אייגענע פיס. הינטער זיך האָבן זיי געלאָזן די ערגעץ פאַרהוילענע בלינדע שענק־שטוב. ערגעץ אויף אַ פאַראיינזאַמטן, באַכליאַפּעטן טיש האָבן אויף ליידיקע ביר־גלעזער (דין־ציטערנדיקע אין דער טונקל) זיך געצייכנט מאַט־גראָע אוזאָרן ווי איידעלער, זיידענער האָפּט.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

# ווידער אַ ביטערער ווינטער

## א.

ס'איז געווען שאַרפער ווינטער, אַ ווינטער אַ להכעיסדיקער, לאַנגער און קלעפּיקער. אומאויפהערלעך זענען אויסגעפאַלן גרויסע, טיפע שנייען. די גאַסן נישט דורכצוגיין; ווירבל־ווינטן, וואָיענדיקע אין די קוימענס, אין די פענצטער־שפּאַרעס האָבן אָנגעוואָרפן אַן אומעט אויף די מענטשן. די זון, די קאַפּריזניצע האָט, ווי אויף צופיקעניש, פאַר די אויסגעמאָרעטע אָרעמעלייט זיך נישט באַוויזן דעם גאַנצן ביטערן ווינטער. איז זי יאָ שוין אַ מאָל אַרויסגעקראָכן, אַ שמייכל געגעבן, איז עס געווען אויף אַ רגע: „ווילסט? — האָט עס געקענט הייסן — וואַרט צו אַ ווײַלענקע"... אַט אַזוי האָט זי זיך גערייצט.

אין די הילצערנע שטיבלעך, וואָס אין די וועבער־גאַסן, איז מען דעם ווינטער געפרוירן געוואָרן. די אָרעמעלייט האָבן נישט געקענט דערהייצן די כאַטעס. און פרנסה האָט דווקא שטאַרק געפעלט אין דער־אָ טרויעריקער צייט.

גאַנצע מישפחות זענען געזעסן אין בעטגעוואַנט, אָנגעליטן זיך נויט, ממש געהונגערט און נישט געהאַט צו וואָס אַרויסצוגיין אין גאַס.

נישט געווען צו פאַרדינען און נישט געווען קיין קאָפּיקע ביי דער נשמה.

די הילצערנע וועב־שטולן ביי שמחה־בונם אינעווליצער, ביי אברהמ־טשע באַראַן, ביי אהרן קרול און ביי אַ סך אַנדערע וועבער־לייט, האָבן חדשימוויז גולמדיק געגליווערט; די ב ר ו ס ט ב י י מ ע ר, די שפּאַגאַטענע „געשירן" מיט די „לאַדעס" האָבן זיך באַדעקט מיט שפּינוועבס, מיט אַ פּאַנצער שטויב, אַ גראָען, ווי אַ מויזן־פּעל. אַזוי־אָ האָבן די וועבער־שטובן נעבעכדיק זיך פאַרקאָרטשעט, געקוקט אַלטע, מיט טריב־פּאַרליאַ־פּעטע, בלינדע אויגן.

אַלע וועגן זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן פאַרן וועבער־פאָלק אין דעם דאָזיקן ווינטער. נישט דער פויער האָט זיך געוויזן אין שטאָט אַריין מיט זיינע קאַרטאָפלעס, מיט זיין קעז און נישט סיביר, נישט פּאָלטאַווע און טיפליס און ניזשני־נאָווגאָראָד האָבן געמאָנט זייער אַרבעט.

קריזיס.

פייגל אין די לופטן זענען געפרוירן געוואָרן; וועבער־מישפחות זענען אין זייערע נעסטן אויסגעגאַנגען פון פראָסט, פון דחקות.

הונגער־שריי האָט זיך געטראָגן צו דער שטאָט, וואָס אויבן, אין די רייכע גאַסן פון ווילקע.

די ווינטמילן האָבן דווקא אַ סך מעל אַרויסגעגעבן פון זייערע טיפע מולטערס; אביגדור מעלערס דאַמף־מיל האָט אָנגעפּולט גרויסע שפּייכ־לערס מיט שיין געביטלט מעל, ליכטיק, פיין ווייצן־מעל; די בעקערס האָבן פלייסיק אויסגעבאַקן געשמאַקע, שיינענדיקע ברויטן ווי די פולע רויטלעכע לבנות און זעמל ווייסע, באַטעמטע ווי קינדערישע פּנימלעך און גריסקעס טונקעלע, יוסטע ווי פויערישע פּרצופים.

אָבער וועבערישע שטובן אַראָפּשטאָט האָבן תאווהדיק געחלומט דעם חלום פון ברויט.

עס איז געווען אַ שפע אין אַלץ און ס'איז געווען וואָלוול, נאָר קויף אָן אָקס פאַר אַ גראָשן אַז דער גראָשן איז נישטאָ. אַז אין אַ טוכלער טריבער שטוב האָט מען אַריינבאַקומען אַ לייבל ברויט, אַ שוואַרצס, צי אַ האַלב־זיידנס — געבייטלטס איז צו איידל, צו רייך — האָבן טאַטע־מאַמע זיך פאַסמאַקעוועט מיט זיין רייצנדיקן ריח; מיט ציטערנדיקע הענט האָבן זיי געשניטן דינע פּענעצלעך פאַר די קינדערס וועגן. קליינוואַרג האָט זשעדנע געגעסן, אַ קרישקעלע נישט געלאָזן אַראָפּפאַלן און טאַטע־מאַמע

האָבן זיך באַנוגנט מיט שלינגען די סלינע, וואָס איז זיי אָנגערונען פון די ליידיקע געדערים. סיידן אַ סקאָרינקעלע איז געבליבן וואָס איינס נאָך מיט שוואַכע, ווייכע ציינדלעך האָט נישט דערעסן. דעמאָלט האָט אַ דאַרע ווע־בער־ייִדענע זיך דערקוויקט, די נשמה אין זיך אַריינגעיאָגט.

## ב.

דער רייכער ווילקע איז נעבעך נישט באַשערט קיין מנוחה.

דער פּאָליצמייסטער ווסעוואָלאָד אַנטאָנאָוויטש פּאַוולאָוו, אַ גוי מיט אַ פּראָסט, רויט פּנים און אַן אָנגעגאָסענעם שפּיציקן בויך, האָט גערופן צו זיך די פּני פון די ייִדן אין שטאָט און פּאַר זיי געהאַלטן אַ ריידע.

אין שררהשן קאַבינעט איז געווען שטאַרק ליכטיק. פון די טונקעלע בלומיקע טאַפּעטן האָבן — אין גאָלדענע ראַמען — ערנסט אַראָפּגעקוקט דער צאַר מיט אויפגעריסענע, תמעוואַטע אויגן, מיט דעם שטייפצעקעמטן בערדל, די צאַרינע, אַן אָנגעלענטע אָן אַ פּאָטער־שטול און אַרום איר די נ אַ ס ל ע ד נ י ק ע ס, יונגע, אויסגעפּרעסענע מיט רויטע בעקלעך ווי זיי וואָלטן געווען פריש אָפּגעמאַליעוועטע.

— — — „דאָס לאַנד פון זיין הויכגעבוירן, דעם צאַר־באַטיושקאָס גייט באַרג־אַרויף...“

די ווערטער האָט דער פּאָליצמייסטער אָפּגעלייגט געלאַסן און געהיטן גלייך ער וואָלט זיי אַרויסגעשלעפּט ערגעץ פון זיין אינגעווייד שווערלעכע ווי קלעצער.

„דאָס מוטערלאַנד ראָסיע... די אומגעוואַקלטע צוגעבונדנקייט פון אי־רע זין צו זיין ליכטיקייט... די פּיאָנערישע אויפטוען פון רוסלאַנד זינט פּיאָטר דעם גרויסן... די עפּאָכע פון פּאַרפעסטיקן דאָס דערגרייכטע... דאָס פּאָלק דאַרף אָפּגעבן אַ היסטאָרישן עקזאַמען פאַר זיין ווילגעבוירן דעם קיסר און אימפּעראַטאָר...“

אָפּגערעדט אַ ביסל, האָט ער אַ וויש געטאָן די שטייפע וואָנסעס, אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום טיש, ביי וועלכן עס זענען אַרומגעזעסן די אויסגעגלעטע און גלייכגעקאָמטע און פון פּאָליצמייסטערס פּנים האָט זיך אויסגעטיילט אַ חשובער גווידער.

שמייכלדיק זיך אַרומגעקוקט האָט ער דערנאָך שוין ממשיך געווען מיט ברען —

„די רוסלענדישע אינדוסטריע האַלט אין מיטן פון איר אויפשטייג. מיר בויען, מיר שטאַרקן זיך. אונדזערע באַנען שניידן זיך איין טיף אין לייב פונעם לאַנד. טויזנטער וויאָרסט באַן־רעלסן האָבן מיר געלייגט די לעצטע יאָרן. מיר האָבן ביז איצט געהאַט יאָרן פון שפע. דאָס רוסישע פאָלק שאַצט אָפּ מיט דאַנקבאַרקייט די פאַרדינסטן פון זיינע בעסערע בירגער, וועלכע גיבן אָפּ זייערע פעיִקייטן פאַר אַלע צווייגן פון אונדזער אינדוסטריע, באַזונדערס פאַר דער מאַנופאַקטורער, וועלכע ווערט שטאַרק געלויבט אין אונדזער גרויסער מדינה. פונעם באַלטיק ביז צום צפונדיקן ים האָבן אַ גוטן נאָמען אייערע סחורות, גאָספּאָדאַ פּראָמישלעניקי*), שטייט ווייטער נישט אָפּ אין אייער זאַך, בלייבט אויף דער וואַך פונעם הייליקן היימלאַנד און אונדזער פאָטערל דעם צאַר" — —

ער האָט אַ ברייטן, ברוסטיקן כראַקע געטאָן, דער פּאָליצמייסטער, אויף דער פּראָטערירטער פּאָדלאָגע אַרויף און ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין ריידע:

„...אויב עס הערשט הונגער אין די אונטערשטע שיכטן פון פאָלק, קומט אומצופרידנקייט, קומט אויפברויז. ס'האָבן זיך שוין באַוויזן אַזעלכע אומגעוווּנטשענע עלעמענטן, וועלכע פּרוּוון זיך בונטעווען קעגן דער מלוכה פונעם אימפּעראַטאָר, כּהִי... איר ווייסט מסתמא דערפון, אַ ...? אָבער נישקשה. פּראַידיאָט**). פאַרשטייט זיך (ער גיט אַ שפּרייט אויס אַ גנאָדיקן שמייכל) — דאָס אַלץ איז גאָרנישט. נישט צו רעכענען זיך דערמיט. פון דעסטוועגן טאָר מע זיך נישט צוקוקן מיט גלייכגילט צו דעם, ווען די אַר־בעטער ליידן הונגער. איך מיין דאָ דעם קריזיס, וואָס איז איינגעטראָטן אין דער מאַנופאַקטורער אינדוסטריע. פאַבריקן ווערן אָפּגעשטעלט, אַ סך ראַבאָטשיִע***) האָבן נישט קיין אַרבעט. דער קריזיס לאָזט זיך אָפּפילן באַזונדערס היינטיקן ווינטער. אַ סך מישפּחות, המם... כ'מיין די הונגערנ־

---

*) האַרן אינדוסטריעלער.

**) ס'וועט אַריבערגיין.

***) אַרבעטער.

דיקע (ער גיט אַ פּיעשטשענדיקן הוסט ווי ער וואָלט פּלוצלינג זיך גע־קרעקט מיט אַ ביינדל), מוז מען אַנטקעגנקומען, און דאָס גאָר סראַטשנאַ, גאָספּאָדאַ*). דאָס פּאָדערט אונדזער וויל. פּאַר באַלעבאַטים איז נישט באַקוועם אַז אין זייער הויז זאָל זיך אַרומדרייען אַזאַ, וואָס האָט נישט אָפּצועסן... (ווידער אַ הוסטעלע) לאָמיר זשע העלפן די וועבערס. זאָלן זיי זען, גאָספּאָדאַ, אַז די העכער-שטייענדיקע שטרעקן אויס צו זיי אַ האַנט. עס איז נייטיק פאַר אונדזער אַלעמענס וויל (און אָפּגעהוסטלט). דאָס פּאָטערלאַנד פּאָדערט עס — הייבט ער אויף דעם שטערן, קנייטשט אים, פירט דעם בליק איבער אַלע רייען פון די אַרומזיצנדיקע אַנטבלויזטע קעפּ און גיט אַ קוועטש מיט די אויגן — און לאָמיר נישט גרייטן אַ פּאַס פּאַרן פּולווער, גאָספּאָדאַ. עפּעס טוען פאַר די ראַבאָטשיִע איז ס׳קליגסטע, און סטראַטשנאַ, אָטשען סטראַטשנאָ!״**)

— פּראַווילנאָ!***)

— בראַוואָ, יעווּאָ וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע.****)

איזראַעל קאַלמאַנאָוויטש פּאָזנאַנסקי, וועמענס אַריסטאָקראַטיש־גע־שוירענע באַקנבערד אויפן אָרעם־צעקנייטשן יידישן פּנים האָבן זיך שוין געזילבערט, איז געלאָסן אַרויסגעגאַנגען פון טיש, דערנענטערט זיך צום פּאָליצמייסטער מיט אַן אונטערטעניק שמייכעלע. אַרויפקוקנדיק צו אים האָט ער אים הכנעהדיק דערלאַנגט זיין האַנט; דער שר האָט די יידישע האַנט פּאַמעלעך אַריינגענומען אין זיינער, אַ ווײַלע זי געדריקט און פון איר אַרויסגעקראָגן אַ מורמל:

— באָלשאָיע ספּאַסיבאָ.*****)

און כדי נישט אין גאַנצן זיך צו פּאַרלירן אין דעם פּריצס קוק, האָט פּאָזנאַנסקי זיך געשטאַרקט און אַרויסגעשטאַמלט העכער, אַז די אַרומיקע זאָלן דערהערן:

---

*) דרינגענדיק, האַרן.

**) זייער דרינגענדיק.

***) גערעכט.

****) בראַוואָ, זיין הויכגעבוירן.

*****) אַ גרויסן דאַנק.

— נאַדאָ טשטאָ ניבוד דיעלאַט דליאַ ביעדניאַקאָוו... פּראַווילנאָ סקאַ־זאַלי, ווסעוואָלאָד אַנטאָנאָוויטש...*)

אַז ער האָט שטאַרק זיך געענדערט אין פּנים פון דער היץ, וואָס האָט באַשלאָגן איזראַעל קאַלמאַנאָוויטש פּאָזנאַנסקין, האָבן באַמערקט נאָר די, וועלכע זענען געזעסן נאָענט פון פּאָליצמייסטער. זיי האָבן אויך געזען ווי זיינע ליפּן פּיבערן גיך־גיך און די אויגנדעקלעך ציטערן. דער זאַל איז געווען שטאַרק באַלויכטן און די חשיבות פון ד ע ר ז אַ ך איז אַזאַ ערנסטע. אפּנים פּאָזנאַנסקי האָט זיך ביז גאָר איבערגענומען דערמיט. דערפאַר איז ער מיט זיין גאַנצער חשובער גרייס — און גרויס איז ער ווי דער קורצער פּרייטיק — אַ ייד אַ פּיצל — צוריקגעגאַנגען אויף זיין אָרט צום טיש און פאַרן עולם געהאַלטן אַזאַ ריידע:

— זייך ווילגעבוירן, דער האַר פּאָליצמייסטער פון אונדזער שטאָט איז זייער גערעכט. מע באַדאַרף נישט לאָזן פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון אונדזער טייערן פּאָטערלאַנד. אונדזערע מיטמענטשן טאָר מע נישט לאָזן אויסגיין פון הונגער. ס׳איז אַ חרפּה, אויב עס קומט דערצו. אונדזער חרפּה, אָבער געגנוג. לאָמיר שאַפן מיטלען אויף צו געבן עסן די ליידנדיקע...

מיט אַ צעוואָרפן ווייס טאַשנטיכל האָט ער ווי פאַרטראַכטערהייט ברייט געווישט דעם פאַרשוויצטן שטערן, אויך אַזוי פּאַמעלעך האָט ער פון בוזעמקעשענע אַרויסגעצויגן זיין בייטל און אַ פּאַכע געטאָן מיט פאַר־ביקע, שטייפלעכע בלעטלעך:

— מיינע טויזנט רובל זענען די ערשטע פאַר דעם צוועק!

ער איז נאָך אַ וויילע געשטאַנען, פּאָזנאַנסקי, איינגעקוקט זיך אין די אַרומזיצנדיקע און זיך געבלאָזן פון וויכטיקייט ווענן. לסוף האָט ער טרוקן געפרעגט:

— און אייער דעה, מיינע פריינד?

— ס׳אַ ריכטיקער פּראָיעקט, דעם מעסיע פּאָזנאַנסקיס... — האָט זיך געלאָזט הערן דער אַלטער הער קאָניץ.

*) מ׳דאַרף עפּעס טאָן פאַר די אָרעמע. ריכטיק האָט איר געזאָגט, ווסע־וואָלאָד אַנטאָנאָוויטש.

— ריכטיק! — האָט נאָכגעזאָגט הער גוסטאַוו ניימאַן, אַ מענטש מיט אַ לאַנג, שמאָל ציגן־פּנים, אַפילו אַזאַ גראָעס, מיט פּונקט אַזעלכע קיילעכיקע ציגענע אויגן.

— פּראַווילנאָ! — האָבן צוגעבאָמקעט אַנדערע, קוקנדיק אויפן שר פון שטאָט.

— פּראַווילנאָ גאָווארִיאַט...*)

עס האָבן זיך געהערט מערערע שטימען פון הסכמה מיטן גרויסן עושר פּאָזנאַנסקי. עולם איז געגאַנגען צו די קעשענעס און געוואָרפן באַנקנאָטן אויפן טיש אַרויף.

— טויזנט! — רופט אויס דער הויכער, בערדיקער עזראַ שיקיער. ער וואַרפט דערביי אַ זייטיקן בליק אויפן פּאָליצמייסטער, צי ער זעט זיין טואונג. באשר אַלטשטאָט, ער איז פון אַלטשטאָט, פון אַראָפּצוצו...

— מיינע טויזנט! — גיט אַן אײדעלן זאָג סטאַניסלאַוו יאַראָטשינסקי, דער פּול־זשידעק, וועלכער קען נישט קיין יידיש, קיין רוסיש, נאָר גאָלע דייטש און פּויליש.

— טויזנט! טיסיאָטש!...

— טויזנט...

— טויז — — —

מיט אַ פינפהונדערטער האָט מע זיך דאָ געשעמט. דאָ איז שטאַרק ליכטיק, אויגן זיפן דיך אַדורך ווי דו האַלטסט, האָט יעדער פון די פּאַר־זאַמלטע אין זינען געהאָט. און ס׳האָבן זיך אויסגעשטרעקט הענט, הענט האָריקע, קנאָכיקע און געקעכלטע שמאָלע, מיט קורץ־געשניטענע, זייער גערייניקטע נעגל. מ׳האָט אויפן טיש אָנגעוואָרפן באַנקנאָטן „פון די אָרע־מעלייטס וועגן״. דער פּאָליצמייסטער האָט גנאָדיק געשמייכלט צו די אונ־טערטעניקע בירגער פון צאַר־באַטיושקאַ און דער מאַטושקאַ ראָסיאַ.

— ספּאַסיבאָ, — האָט ער מעשה באַלעבאָס איטלעכן נאָכגעזאָגט צום אַוועקגיין.

---

*) זיי רעדן אמתדיק.

## באַלוטער וועבערס

אין דרויסן, אין דער אָנגעשנייטער פינצטערער נאַכט, האָבן לייט רעכט ערשט איבערגעקייעט צו וואָס דער האָט זיי געלאַדן. ווען ס׳האָט אין דער שטיל פאַרדראָסן, פאַרביסן די ליפּן און ווער עס איז גיך אַוועק מיט אַ שליטן כדי זיך נישט צוצוהערן איבער עמעצן.

קיין עצה איז שוין נישט געווען.

## קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

# פון די אַרעמעלײַטס װעגן

### א.

'אין דער ייִדישער עדה האָט זיך געמאַכט אַ קאָך. װעמען עס האָט הנאה געטאָן װאָס דער גוי מישט אין ייִדישן טעפּל, עלעהיי ער װעט האָבן דריסת הרגל צ ו א י ם אַ ל י י ן און װעמען עס האָט געקרענקט הלמאי ער קריכט אים אין טאַש אַריין: זע נאָר, מיט אַ מאָל געװאָרן גוטע אויף אונדזער חשבון! ס'רעדן איז איינס, דאָס טוען איז אָבער אַ מ ו ז. דער פּאָליצמייסטער האָט געהייסן, איז נישטאָ קיין תירוצים.

דער נגיד עזרא שיקיער פון גרויסן װײַנהאַנדל אויף פּולנאָצנע האָט גערופן צו זיך די גבאים פון דער אַלטשטעטישער שיל, די גבאים פון סטאָװ, די רייכע מעלערס, די אייל־ און זייף־סוחרים, דערציילט זיי װעגן דער זיצונג ביים פּאָליצמייסטער. ס'אי' דערין אַ װאַזשנע כװנה, האָט ער זיי אָנגעװונקען. מן־הסתם איז עס נישט אויסן װעג, רבותי. והשנית זע'מער דאָך בני רחמנים. מ'טאָר נישט דערלאָזן, אינדזערע ברידער זאָלן ליידן הינגער, קליינװאַרג זאָל פּרירן אָן אַזעלכענע קרירות. אינדז איז ברוך־השם װאַרעם, דאַרף מע בכן — — השם יתברך װעט צוהעלפן, האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ רגע טראַכטן.

עולם האָט פאַרלוירן זיך איבערגעקוקט און אַז שלמה בערגער דער הורטאָװע הערינג־הענדלער האָט ברייט צעעפנט דעם לעדערנעם בייטל, האָט אַנדערע אויך שוין נישט געפּאַסט. די צדקה־פּושקע האָט זיך צע-

קלונגען. אויף אַלטשטאָט, וואָסביים סטאַוו, האָט יידיש רחמנות פרום פאַרגלייזט די אויגן.

און אַז ביי די פאַבריקאַנטן פון ווילקע, די פּני פון שטאָט, איז געבליבן צו עפענען אַ ביליקע גאָרקיך פאַר די הונגערנדיקע וועבערס פון באַלוט, האָט אַלטשטאָט זיך דערפרייט מיט ווילקע.

עס איז זיך ווידער צונויפגעקומען אַן אסיפה. דאָס מאָל שוין נישט אין ליכטיקן קאַבינעט פון פּאָליצמייסטער פּאַוולאָוו, נאָר אין גערוימען זאַל פון דער געזעלשאַפט „דאָבראָטשינאָשטש" אויף זאַכאָדניע גאַס, אין נאָענטער שכנות פון פּאָזנאַנסקיס מאַכטיקע פאַבריק־קאָרפּוסן.

אין אַן אָוונט איז עס געווען, אין אַ גרימעדיקער פראָסט. מוטנע, נעבעכדיק האָט דער לאָדזשער הימל זיך געשפּרייט איבער די פינצטערע גאַסן וואָס זענען דאָ און דאָרט געווען שוואַך באַלויכטן ווי פון קאַפּנדיקע לאַמטערנעס. אין דרויסן האָבן די מענטשן גיך זיך דורכגעטראָגן פאַרטו־ליעטע. אין דרויסן איז מע געווען אַ שלאַבעריקער שאָטן אויף אַ קויטיקן פּאָן; אין אָנגעהייצטן, באַלויכטענעם חלל פון „דאָבראָטשינאָשטש"־סאַלאָן איז מע, ווי געווען, ווידער שטייף, איטלעכער אין זיין פולן ווערט, אין זיין אָנזען אין דער גאָסודאַרסטווענע באַנק.*)

## ב.

אָנגעטאָן אין אַ טונקל־געשטרייפטן אַנצוג — לאָנדאָנער פאַסאָן! — פון וועלכן עס קוקן אַרויס גלאַנציק־ווייסע מאַנזשעטן, אַ ווייס־בלישטשנדי־קער, געקראָכמאַליעטער קראַגן און אַ שנופּס מיט גרינע אַרבעסלעך, האָט סטאַניסלאַוו יאַראָטשינסקי מיט דער לייכט־ציטערנדיקער גראָער וואָנסע לאַנג זיך געדרייט איבערן גרויסן זאַל. ס'האָט אויסגעזען, קיינער באַמערקט אים נישט, דעם חשוב וגכבד. ענדלעך האָט זיך צו אים דערנעענטערט דער דראָבנער ישראל פּאָזנאַנסקי:

— גוטען אַבענד איהנען, הער יאַראָטשינסקי. וואָס מאַכען זי גוטעס?

— גוטען אַבענד, גוטען אַבענד, הער פּרעזעס. דאַנקע בעסטענס,

---

*) מלוכה־באַנק.

זעער גוֿ־וט — האָט ער אַ קוועטש געגעבן דעם „או", צושמייכלענדיק קלוג: נור ניכט שלימזמער, העך פּרעיזעס!

אַנטקעגן דעם שטאַרקן ליכט קוקט דער מיחוסדיקער העך יאַראָטשינ־סקי מיט קליינע אויגן־שפּעלטעלעך אויפן אויפגעקומענעם עושר, דעם פּראָסטאַק ישראל פּאָזנאַנסקי און שווייגט לאַנג, עקשנותדיק.

ער דרייט זיך וויִיטער לענגויס דעם זאַל; פּאָזנאַנסקי באַגלייט אים געלאַסן, אויך שווייגעוודיק און טראַכט ווי אַזוי צו דערוואַרעמען דעם־אַ מיט אַ שמועס. אפּנים יאַראָטשיגסקין אַרט אויכעט אַזאַ מין טראַכטעכץ.

— וואָס מאַכען וויר מיט דען ביסכיען אַרמוט אין שטאָט? — וויל יאַראָטשינסקי געוויר ווערן ביים יידלטשינע פּאָזנאַנסקי, מיט וואָס פּאַר אַ פּלאַן ער קומט צו דער באַראַטונג.

— וואָס מאַכט מאַן מיט אַרמע לויטע? — פרעגט צוריק פּאָזנאַנסקי — איינע קיכע מאַכט מאַן! — האָט ער אַ פּאַרטיקן ענטפער. אָפּצועסן זיי געבן און דאָס מונד איסט פאַרשטאָפּפט.

— זאָ, איינע קיכע... — ציט יענער דעם געדאַנק — איינע אומ־זאָנסטע קיכע?

— גאָט בעהיט! איינע ביליגע קיכע! דען אַלס מאַן אומזאָנסט גיבט דען אַרמען, מאַכט מאַן זי פיר שנאַררער... — אויסגעשטעלט אויף דעם מיטשמועסער זיינע אויגן וויל ער נאָך שמייכלען, פּאָזנאַנסקי: — פאַר־שטאַנדן?...

— ריכטיק, ריכטיק! — פּאַטאַקעוועט יאַראָטשינסקי, און די אייבער־שטע גראָע ליפּ מיט דער שיטערלעכער וואָנסע ציטערט לייכט אונטער.

...דערנאָך האָט מע זיך מיט אַלעמען דע־רעדט וועגן דעם ביים לאַנגן, שטרענג געדעקטן טיש מיטן גלאַנציקן קנעפּל־גלעקל אויבנאָן אין די הענט פון סטאַניסלאַוו יאַראָטשינסקי.

עס איז געבליבן צו עפענען ביים הויז פּאַר קאַליקעס און זקנים אַ גאַרקיך פּאַר די אָרעמע וועבערס.

און די עושרים האָבן נעבעך שווער געאַרבעט. קיין מנוחה נישט געהאַט.

פאַר אַ קאָפּיקע אַ שטיקל ברויט מיט אַ גלאָז טיי.

פאַר צוויי קאָפּיקעס אַ זופּ.

פאַר פינף קאָפּיקעס אַ זופּ מיט פלייש.
אַ ביטערער ווינטער געווען פאַר די עושרים נעבעך.
די צדקה־חברה „דאָבראָטשינאָשטש" האָט געפונען אַנזען אין שטאָט. דאַמען אָנגעטוענע אין קאַראַקולענע מאַנטלען מיט מופטעס, מיט גאָלדענע ברילן אויף די נעזער זענען אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער, געקליבן געלט „פיר דאַס אַרמע פאָלק וואָס הונגער ליידעט, וואַס פריערט" — —

## ג.

אַז אונטן, אין די פאַרשמאַכטע געסלעך פון באַלוט האָט שלעפעריק זיך אַריינגעגליטשט דער גלימל, וואָס עס טוט זיך ערגעץ דאָרט, האָט אויפגעיוירט אַ צאָרן. מענטשן האָבן פון דאָס ניי דערשפירט דעם ביס פון דער נויט, די קעלט און די פייכטקייט האָט דורכגעשטאָכן אַלע ריפּן. פון זייערטוועגן רייסט מען פרעמדע טאַשן, — האָט'ס געוואָרפן די האָ־רעפּאַטשגע לייט. מע וואָכעדט מיט חנונות כדי זיך אַליין שיק צו מאַכן.
ווייטיקלעך האָבן זיך געעפנט אויערן, ס'האָבן זיך געוועקט פאַר־דרענגטע, שוואַכע הערצער.
— מע ברויך נישט, לאָזט געמאַך! — האָט זיך געטראָגן אַ פאַראיבל.
— מוחל ענקער הילף! — האָבן אַנדערע שוין געשריגן — פאַר־שעמטס נישט קאַ' מענטשן, מאַכטס קיינעם נישט פאַר שנאָרערס.
— גייטס אַוועק מיטן פאַלשן געקרעכץ. ווער ט'געשיקט נאָך ענק? — —
און אַז די גאָרקיך האָט דערנאָך כמעט געפּוסטעוועט — באַלוטער וועבערס האָבן אין דער נויט זיך געהאַלטן מיט חשיבות, האָט „דאָבראָ־טשינאָשטש" געשיקט קיין באַלוט פורן מיט גרויסע קעסלען הייס גע־קעכטס, קעסלען געזיסטן טיי מיט קוישן צעשניטענעם ברויט, איז קיינער צו זיי נישט אַרויס, בחרפּותם געבליבן שטאַרן אין דער קעלט מיטן גאַנצן גוטס פון די אָרעמעלייטס וועגן. און האָט עמעץ דאָך נישט געקענטביישטיין דעם נסיון, איז אַרויס מיט אַ כלי עפּעס אַ כאַפּ טאָן אין שטוב אַריין, איז שוין געווען ווער עס זאָל אַכטיק געבן. אַזאַ איז קאַפּוירגעקומען אין דער נעפּלדיקער קעלט און היימישלעך אַ שטויס געטאָן דעם נצרך:
— זאָגטס אַ גיטן טאָג, געהערט?

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

# דער קליינער יאַנקעלע

### א.

ווי אַ כשוף האָט זיך אין יענעם ווינטער באַוויזן „אַ חבר“. ער איז געווען אַ חבר פון דער אָרעמשאַפט, פאַר איטלעכן האַרץ האָט ער געהאַט אַ פונק וואַרעמקייט, פאַר יעדן אויער — אַ וואָרט פון קלוגשאַפט, וואָס עפנט דעם וועג צו אויפריכטעניש. יאַנקעלע, דער קליינער יאַנקעלע האָט מע גערופן דעם דאָזיקן. ער איז געקומען פון אומבאַקאַנטע גרויסע וויטן, ווו עס שפּראָצט אַן אַנדערע וועלט, אַ געהאָלפענע, אַ ליבנדיקע.

פאַרקלעמט אין הונגער, אין חשכות האָט באַלוט אָפּגעעטעמט מיטן ליכט וואָס האָט זיך געשפּרייט אַרום אָט דעם מענטשל.

כאָטש קיין שפּע־זעקלעך נישט איבערגעלאָזן הינטער די אָרעמע טירן, קיין אוצרות נישט אונטערגעוואָרפן קיינעמען דער קליינער יאַנ־קעלע, איז ער פון דעסטוועגן געווען אין אַלעמענס מיילער. אומעטום האָט מען גערעדט פון אים בסוד־סודות, גערעדט ווי פון אַזאַ וואָס ברענגט טרייסט. און נאָך גרעסער איז די פרייד, וואָס ער איז נישט אַליין. ער קומט פון שטעט, ווו עס זענען אויך דאָ אַרבעטאָרערס, געקזשיוודעט פאָלק — אַלע פאַרייניקט ער ווי ברידער. איז חלילה עמיצן שלעכט, אַ מענטש ליידט נויט צי קעלט, מאַכט איינער דעם אַנדערן גרינגער. גע־רעכטיקייט זייעט ער אומעטום, אַז איינער איז גרייט זיך איינצושטעלן פאַרן צווייטן, איינער פאַר אַלע, אַלע פאַר איינעם.

אוי, אוי, באַלוט וואָלט באַדאַרפט אַזאַ אחדות! — האָבן אויגן זיך צעפינקלט.

ווייבער, דאַר און קוואַר, האָבן זיך צוגעהערט צו אַלעם, האָבן גאָטס־פּאַרכטיק אָפּגעזיפצט און אויפן קול געבענטשט דעם קליינעם יאַנקעלע: „זאָל גאָט היטן זיין טוען!”...

אָבער זעלטן עמיצער זעט אים אין די שמאָלע געסלעך. מ׳זאָגט — מ׳האָט׳ן געזען, אָקערשט איז ער דורכגעגאַנגען. אַנדערע ווייסן שוין: יאַנקעלע איז צום מערסטנס אויף דער ב י ר ז ש ע. ווו עס איז די בירזשע ווייסט מע נישט. עס איז אַ סוד בלויז פאַר אַנפּאַרטרויטע.

און מ׳טאָמלט אים צו זען, מ׳וויל הערן די מעשהס וועגן אים, די אויפטוען זיינע פאַר מענטשן. האָט מען עפּעס נישט די זכיה אים צו זען, באַנוגנט מען זיך מיט דעם וואָס מ׳משלט אים אויס. באמת איז ער אַ קליינער, האָט אַ קאָפּ לאַנגע האָר, געקעמט אויף אַרויף, אויפן פּרוויִשן אופן, מיט אַ שרונט אין דער זייט. אויפן שוואַרצן קאָפּ האָר זיצט אים אַ גרויסער קאָפּעלוש מיט ברייטע ראַנדן, ווייכע, אַראָפּהענגענדיקע, אַזאַ, וואָס זעט אויס ווי אַ גלאָק. אַ שוואַרצער טוכענער גלאָק, פון וועלכן עס פאַלט אַראָפּ אַ פיין זיידן שנירל אויפן רעכטן אויער אַרויף.

אָבער נישט שטענדיק אַזוי. דער קליינער יאַנקעלע גייט איבער די וועבערישע שטובן אן איבערגעטוענער אין ווייבערישע קליידער. ער הילט זיך איין אין אַ מאַנטל, אַ מאָל אויך אין אַ טוך און קומט מיט תירוצים אין די ווערקשטעלן אַריין. ער קומט ווי אַ מומע פון שטעטל, ווי אַ שוועס־טער און שמועסט זיך פונאַנדער מיט די וועברישע זמן־יונגען, מיט די לערן־יונגען, מאַכט זיי אויף די אויגן אויף די עוולות וואָס מ׳טוט זיי. עס איז געגנוג אַן איבערוויינקען זיך און ער גייט זיך זיין וועגס. די מייס־טערס כאַפּן זיך נישט אויף דעם און דער שלום־ושלווה אין די גליוערנ־דיקע וועבער־שטובן ווערט נישט געשטערט. דער הונגער גריזשעט אויס שטיקער אין די וועברישע לייבער און ווי פריִער חלומט מען דעם חלום פון האָבן „דורכצושיסן”.

מעשהס מיט גרויסע ברענענדיקע אויגן זענען נולד געוואָרן אַרום דעם־אָ.

אין דער אמתן באַגעגנט זיך יאַנקעלע נאָר מיט די וועבער־געזעלן און נאָר אויף די בירזשעס. און בירזשעס, זאָגט מען, זענען פאַראַן עט־לעכע. ערגעץ איז אַ בית־המדרש, ערגעץ אין אַ שטוב פון אַ וועבער־געזעלן און איינע אין אַ געסל, אַ שטיל געסל אונטערן הוילן הימל.

וועבער־געזעלן גייען צו די בירזשעס זייטיק, קיינער זאָל נישט באַ־מערקן זייער כוונה. זיי גנבענען זיך אַהינצו. איין אַרבעטאָרער ווייסט נישט, אַז זיין חבר פון ווערקשטעל וועט אויך דאָרט זיין. צוויי צוזאַמען טאָרן נישט גיין.

— מ׳באַדאַרף זיך אויסהיטן...

— מ׳מוז זיין געוואָרנט מיט אַ וואָרט...

— קאָנספּיראַציע!

דאָס רוב וועבער־געזעלן האָט זיך געקליבן צו דער בירזשע מיט סידורימלעך, מיט טליתים אונטערן אָרעם. די וואָס זענען געקומען אויף אַ ס כ אָ ד ק ע אין בית־מדרש, האָבן געעפנט זייערע סידורימלעך, אָנגע־טאָן תפילין און געמאַכט זיך קלאָמפערשט דאַווענען.

זיי האָבן זיך געזאַמלט, כדי מיט דאָרשט צו טרינקען וויסן פונעם חבר, וועלכער איז געשיקט געוואָרן זיי די אויגן צו עפענען.

ב.

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָבן זיך געטראָגן לאָקנדיקע קלאַנגען וועגן אַ סך אַזעלכע און אַרום זיי האָבן פאַרהוילן געריזלט געהייליקטע שטראָ־מען ישועה פאַרן לעבעדיקן מענטש אין דער נויט.

דער קליינער יאַנקעלע האָט מיט די אַרבעטאָרערס געלערנט הלכות אייניקייט: איינער מיט דעם אַנדערן דאַרף זיך האַלטן ברידערלעך, אין ברידערלעכקייט איז כוח, אין ברידערלעכקייט איז נישטאָ קיין אָרט פאַר עוולה. דאָס לעבן איז שיין, גיריקע צווישן די מענטשן ווילן עס פאַר־אומווערדיקן. מיט אָרנטלעכקייט, מיט ערלעכער אַרבעט וועט מען דאָס לעבן דערהייבן, ליבע פאַרפלאַנצן אין דעם. אָט דעם אלף־בית דאַרף מען אָנהייבן לערנען צווישן זיך, צווישן אַרבעטאָרערס. די אַנדערע, די

וואָס נוצן אויס די מענטשן פון אַרבעט, וועלן איבערגעוועלטיקט ווערן פון אונדז, וואָרן מיר זע׳מיר די מערהייט, מיר זע׳מיר די וועלט — —

די איינגעזאַמלטע אַרום יאַנקעלען זענען מערסטנס אין לאַנגע קאַפּאָטעס, געהאַקטע יוביצעס, אין שוואַרצע, קליינע טוכענע יידישע היטלען, קיילעכיקע ווי די קוילשערבלעך, אַלע מיט בערד און וואָנסעס; אַלע — אײדעלע יונגעלייט, מאַמעס קינדער און אויף אַלעמענס פּנימער ליגט דער נאָך נישט אָפּגעווישטער זיגל פון פיינלעכע לער־ און זמן־יאָרן אין מייסטערישע שטובן. דער עלנט פון דורות יידישע פּלאָג איז געחתמעט אויף זיי.

זיי האָבן זיך גערן איינגעהערט אין דעם חברס קלוגע רייד: די וועלט איז געשטעלט אויף בשותפותדיקע יסודות — איינער פאַר אַלעמען, אַלע פאַר איינעם. דער פּרימיטיוועד מענטש פון אַלטן פאַרצייטנס האָט זיך נאָך אויסגעלעבט אין יושר, אין פולקאָמער גערעכטיקייט; די מענטשן וואָס זענען געקומען שפּעטער, האָבן די גערעכטיקייט פאַרדאָרבן, פאַרקריפּלט מיט כלומרשטער קליגשאַפט: ווער עס איז רייכער, דער איז דער חכם, דער עלטסטער איבער אַלע. צו שפּע קומט מען אַ דאַנק קליגשאַפט. אין דער אמתן פירט צו רייכקייט דער וועג פון דורכויסיקע עוולות קעגן מענטשן. עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די וואָס דריקן אַנדערע האָבן פאַרשפּרייט זייערע אַ תורה: „ווער עס איז שטאַרקער, דער איז דער גערעכטער״. דער אומיושר האָט זיין וואָרצל שוין אין די אַלטע צייטן. ווער עס האָט פאַרכאַפּט מער שפּייז — דעם קומט דעם אויבנאָן. אויף אַזאַ אופן איז די עכטע מענטשלעכע גערעכטיקייט אַראָפּגעפאַלן פון פּשוטן, אָרנטלעכן קאָמוניזמוס צום ווערעמדיקן פעאָדאַליזמוס.

געדענקט, חברים, קנעלט דער קליינער יאַנקעלע: צוערשט איז געווען דער קאָמוניזמוס, דערנאָך — דער פעאָדאַליזמוס.

— מיר געדענקען: קאָמוניזמוס, פעאָדאַליזמוס.

דערנאָך — לערנט דער קליינער יאַנקעלע — האָבן די מענטשן דורך אַ סך גילגולים אין משך פון לאַנגע דורות זיך דערקייקלט צו דער הײַנטיקער מדרגה — צום קאַפּיטאַליזמוס, ווען עס זענען דאָ צוויי היפּכדיקע קלאַסן מענטשן: רייך און אָרעם. דער רייכער רייט אויפן אָרעמען, צאַפּט ביי אים ס׳בלוט, רויבט ס׳ליכט פון זיין טאָג.

— דער קאַפּיטאַליזמוס, חברים, — איז יאַנקעלע אַריין אין שטרענגן עקסטאַז פון אַ שטראָפער — איז דער סיסטעם פון נידריקסטן אויסנוצן דעם שוואַכן און פון אויסגענוצט ווערן פון דער ח י ה מ ע נ ט ש. געדענקט זשע, חברים — עס וועט אייך צוניץ קומען — דאָס אַרבעטן פאַר יענעמען הייסט: עקס־פּלאָ־אַ־טאַציע.

אַרבעטאָרערס וואָס ווערן באַשעפטיקט דורך קאַפּיטאַליסטן ווערן, הייסט עס

— עקס־פּלאָ-אַ־טירט, — ציט־אויס יאַנקעלע דאָס וואָרט און די אויגן גלאַנצן אים ווי שכורע.

— פאַרגעסט נישט, חברים — גייט ער אָן אין זיין קנעלונג — עקס־פּלאָ־אַ־טאַציע און ווערן עקס־פּלאָ־אַ־טירט.

עקספּלאָאַטירט ווערט מען פון קאַפּיטאַליסט — טייטשט יאַנקעלע — ווייל אַליין אַרבעט ער נישט. ער לעבט נאָר דערפון, וואָס אַנדערע אַרבעטן אויף אים.

דער וואָס אַרבעט אויף זיך אַליין, רופט זיך —
פּראָ־לע־טאַר־יער.

פּראָ־לע־טאַר־יער — חזרן איבער אין זיך יאַנקעלעס געהאָרכיקע תלמידים.

דער פּראָלעטאַריער לעבט פון זיין אייגענער פּראַצע און דער קאַפּי־טאַליסט לעבט נאָר פון דעם, וואָס דער פּראָלעטאַריער אַרבעט פאַר אים. דער קאַפּיטאַליסט לעבט פונעם מ ע ר וו ע ר ט, וואָס ער באַקומט פון דעם פּראָלעטאַריעס אַרבעט.

— געדענקט זשע, חברים פּראָלעטאַריער, וואָס מיר האָבן דורכגע־מאַכט — זאָגט יאַנקעלע אויף די געהיימע פאַרזאַמלונגען, און ער קייעט איבער די אַלע שטוינענדיקע האַרטע ווערטער פון דעם מאָדנעם לשון, וואָס ער האָט אָנגעהויבן מיט זיי איינקנעלן צום געדענקען, נישט צו פאַר־געסן — —

אין די געסלעך האָט אָנגעהויבן גיין אויף שטאָלצן די נייע עברי און דער הונגער, וואָס מ׳האָט געהונגערט האָט געקריגן אַ נייע מראה, אַ פעסטערן אָנשפּאַר: וועט זיך מאַכן „איבערצושיסן״ וועט זיך עפּעס אָנהייבן.

אַרבעטאָרערס וועלן מער נישט זיין אַזעלכע לעמעלעך. געווג די עקס־פלאָ־אַ־טאַציע!

דערווייל אָבער, דערווייל קאָרמעט מען זיך מיט מעשהס, מיט חלומות און מיט מוטלען, וואָס איז אַ שטיקל סגולה צו פאַרגעסן די וואָר.

און דערווייל האָט די געסלדיקע שטילקייט אַנגעשפּיצט די אויערן —

### ג.

צווישן שכנים שושקעט מע זיך: כיל קילבערט האָט געעסט. אָ, וואָאַ, חידושים! זיין שטילע שטוב האַלט ער אמת ווייטער פאַרשלאָסן, אָבער... יודע־חן זאָגן: כאָטש עס איז שוין טיפע נאַכט, שלאָפט ער נאָך נישט, כיל. עפּעס נישט זיין טבע. דורכן פאַרהאָנגענעם פענצטער האָט מען אפילו געזען, אַז ער איז וואַך — עס איז ליכטיק, מ׳האָט אויך געהערט אינע־ווייניק רעדן. ווער ס׳איז מיט אים איז שווער צו זאָגן.

כיל קילבערט האָט אַ רויטע, גראָבלעכע נאָז. ער האָט נישט ליב צו לאָזן זיך ס׳האַרץ אַנטגיין. מחמת דעם, זאָגט מען, די רויטע נאָז זיינע און דער רויטער קאָרק. ער איז מער שמעלקע מיטן שענקער ווי מיטן בעקער, וויצלט מען זיך.

אויף זיין חשבון זאָגט מען אויך: ווי לאַנג כיל קילבערט איז אַליין — שוין אַ קימאַ לן פון אַ יאָר זיבעצן — וויל ער נישט הערן פון קיין שידוך. אַ מענטש אַ פאַרדינער. ער טרייבט דריי וועב־שטולן, האָט זיין אייגנס אַ שפּאָרע אפּותיקאַ, פיניקט זיך אַליין מיטן באַלעבאַטישקייט און וויל נישט הערן פון אַ שידוך טאָן. אפילו נישט פון בעסטן.

גוטע פריינד שטייען צו צו אים:

— כילקע, ווי לאַנג איז דער שיער?... ווייסט, חלילה, אַ מאָל פאַלן צו בעט, ווייסטו זדעכניען צווישן די פיר ווענט. אַ הינט וועט זיך אויף דיר נישט אומקוקן.

— ביסט אַ גזלן אויף זיך אַליין, כיל... פאַר וועמענען האָרעוועסטו? קאַ׳ קינד, קאַ׳ רינד — צו וואָס זשע לעבסטו, פאַר וועמענען?

שטעלט דער ייִד אָן אויף די ידידים זיין אויפגעלאָפענע רויטע נאָז:

— גיי דיר דיין וועגס... האָסט געהערט?

אָדער:
— ווילסט אפשר כבוד דערלאַנגען? קום נישט צו מיר מיט אַזעלכענע אַנטיפּרעריזעס. איין מאָל חתונה געהאַט איז די והותר.
דער כילקע קילבערט האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין ווייב, וועלכע איז אים אָפּגעשטאָרבן מיט יאָרן צוריק. איר געדעכעניש האָט ער נישט געקענט אויסמעקן פון האַרץ. מוז זיין, נאָך איצט, נאָך אַזאַ לאַנגער אלמנ־שאַפט וואַרעמט ער אין דמיון דאָס בילד פון דער געליבטער פרוי, כאָטש זי געפינט זיך שוין נישט אין די גבולן פון זיינע זכרישע באַגריפן, נאָר אַז ער פאַרגעסט זיך אַ ביסל, כאַפּט ער אַ טרונק.
די געזעלן כיל קילבערט סודלען זיך אין ווערקשטעל:
— דער אַלטער האָט שוין ווידער געמאַכט אַ כוסע... געהערט? „צו געזונט דיר, מנוחהלע!..." דערנאָך האָט ער זיך צעוויינט, דער אַלטער תרח.
דער ייִד איז משוגע אויפן געדעכעניש פון געשטאָרבענעם ווייב.
נאָך דער אינדערפריאיקער כוסע פאַרן ווייבס געזונט וועגן, בעט ער צו דאָס בעט אין וועלכן ער שלאָפט. ס׳דערנעבנדיקע בעט, דעם ווייבס, לאָזט ער צעוואָרפן גלייך מ׳וואָלט נאָך געשלאָפן דערין. און גייט ער אַרויס פון זיין שלאָף־ווינקל, זאָגט ער מיט צערטל:
— שלאָף, שלאָף, מנוחהלע, האָסט נאָך צייט זיך אָנצוטאָן...
און אָוונט, נאָך דער אַרבעט, ווען כיל נעמט זיך פאַר דער אלמנשער באַלעבאַטישקייט, צינדט אונטער אין קעכל אַן אומעטיק פייערל, מורמלט ער ווידער עפּעס צו מנוחהלען. און מאַכט ער טיי, גיסט ער אָן אויך אַ צווייט גלאָז.
— פאַר מנוחהלען.
דעם נאָמען פּרעפּלט ער אויס שטילענקע, מיט אַ שטאַר שמייכעלע ווי ער וואָלט וועלן איר נושא חן זיין, דער נישט דאָיקער, דער אָוועקגע־גאַנגענער.
און אַז די טיי שטייט עלנט, אומבאַרירט; מיט דער טיי פאַרעט זיך פּאַוואָליע אויס די וואַרעמקייט פון כיל קילבערטס האַרץ, ברעכט זיך אַדורך זיין קול דורך טרערן:
— טרינק שוין, מנוחהלע. לאָז זיך נישט בעטן אַזוי פיל!
— מנוחהלע, ברוגז זיך נישט אויף מיר... איך וועל שוין נישט מער.

און אויף נאַכט — פריש אויסגעבעט דאָס געלעגער פאַרן ווייב, פון וועלכער עס איז געבליבן בלויז אַ הויל געדעכעניש אין דעם פאַרשרפּעטן האַרץ פונעם אלמן, וואָס זופט, שניאַקלט.

ס׳טרעפט אַ מאָל: צו כילן אין דער אָפּגעלאָזענער אלמנשער דירה קומט צו פאָרן אַ קרוב. ער וויל איבערנעכטיקן ביי אים. כיל האָט אָבער נישט פאַר אים קיין נאַכטלעגער:

— ווייסטעך, זאָגט ער, איך האָב נישט וווּ...

— האָסטעך אַ ליידיק בעט, כיל, — מיינט יענער פשוט, אַז כיל האָט פאַרגעסן.

— אַ ליידיק בעט? — קרומט ער זיך — וואָס אַ מענטש פאַלט איין... מ׳שלאָפט דאָ, מ׳שלאָפט...

ווער עס שלאָפט — פרעגט מע נישט.

מ׳ווייסט: ס׳איז זיינע אַ קרענק, דעם כילס, און מע לאָזט אים אַזוי. מ׳לאַכט שוין אפילו נישט, ווען מ׳זעט אים מיט דער אויפגעלאָפּענער נאָז גיין מיט אַ פאָר נייע ווייבערישע לעטשלעך אין האַנט. מ׳ווייסט — „פאַר מנוחהלען״.

אויף יעדן יום־טוב קויפט ער עפּעס פרישס פאַר מנוחהלען.

אירע קליידער הענגען אין דער שאַנק שטענדיק פריש־איבערגעלופ־טערטע, אָפּגעשטויבטע. ער פוצט אָפּ איבער אירע שיך. ער פּיעשטשעט זי בשעת־מעשה, מוסרט ליבלעך:

— זאָלסט מיר געזינט זיין, מנוחהלע, ביסט אַ טאַרעץ... האָסט שוין ווידער אויסגעקרימט די אָבצאַסן פון די שיכלעך!

ער שפּיגלט זיך אין די איבערבלייבענישן נאָך דעם ווייב, ער שפּירט נישט קיין איינזאַמקייט. פאַרקערט, ער פילט איר בייזיין, לאַשטשעט אירע זאַכן, ער באַוואָרט שטאַרק איר אָנדענק אין שטוב, אין זיין האַרץ. טייל מאָל צערעדט ער זיך מיט איר, גלייך זי וואָלט אָקערשט אָנגעקומען פון דרויסן, גיט איר איבער נייעסן, ווענדט זיך צו איר מיט זיין געוויינטלעכן פרעג: „האָרכסט, מנוחהלע?״ און פאַרקוועטשט די אויגן אַקעגן זיך. זעלטן־ווען עס רייסט זיך אַדורך אַ שפּאַלט אין זיין אויסטערלישער וואָר: ער כאַפּט זיך אַז אין דער אמתן איז זי אַוועק ווייט פון אים, אַוועק נישט צוריקצוקערן זיך, בלויז איר בילד שאַטנט אין זיין אַרום. דעמאָלט ווערט

ער נערוועז, אומרויִק, נעמט אויף זיך גרויסע משאות, שלעפּט זיי קיין ווילקע און קומט ער צוריק, וואַרפט ער זיך מיט קאָפּ און אויערן אין קאָמאָדע־שענקל אַריין, פאַרטרינקט דעם יאוש אין בראָנפן. דערנאָך איז זי ווידער מיט אים, ר'שמועסט מיט איר:

— מנוחהלע — —

...און האָט אין די שמאָלע, אומעטיקע געסלעך זיך באַוויזן דער קליי־נער יאַנקעלע, האָבן די מענטשן פון זיין נאָענטקייט געוואָלט אים פאַר־זאָרגן מיט אַ כשרן אָפּלאָג. אַזאָלכענע מוזן האָבן דעם קאָפּ מנוחה, האָבן זיי געטענהט צווישן זיך. אָבער צו וועמענען אים אַריינפירן? געטראַכט אַהין, געטראַכט אַהער — ס'גלייכסטע וואָלט געווען ביי כילקע קילבערט. אַ שטילע באַלעבאַטישע שטוב, אָן קליינוואַרג, אָן גראַטשקע. סך־הכל איין מענטש... „ווי נישט שייך, זעכער, עס קען זיך געפינען אָרט פאַר אַזאַ וויל מענטשל. בפרט, די וועב־שטולן שטייען גראָד ליידיקע, אָן אַ שאָס אַרבעט. מ'עט דאַרפן איבערדברן דעם כוסע־בחור — האָבן לייט זיך געקליגט. — ר'זאָל זיך אַפילוכע אויפן קאָפּ שטעלן. ער וועט מוזן, דער הונט־ מיט ־אויערן!"

מסתמא דער גוטער שם פון דעם דעליקאַטן יונגנמאַן איז בייגע־שטאַנען און כיל קילבערט האָט אים אָפּגעגעבן קוואַרטיר ביי זיך.

## ד.

מחמת דרך־ארץ פאַר דעם פיינעם מענטשל וואָס הויזט מיט אים איז כיל, בטבע אַ שוויגעוודיקער, נישט דרייסט געווען מיט אים אויסצו־בייטן אַ וואָרט. עס זענען אַוועק טעג און אויפדערנאַכטן און ביידע מיט־מענטשן אין דער אָפּגעלאָזענער וועבער־היים האָבן לפי יוצא־וועגן גאָרנישט אויסגערעדט צו זיך. יאַנקעלע האָט נישט געוואָלט שטערן דעם עלטער־לעכן ייִד אין זיין שוויגעוודיקער פאַרטוענקייט און אין זיין אָפטן רעדן צו זיך, דער ווידער האָט נישט געוואָלט דעם יונגנמאַן אָפּרייסן פון זיין לייענען, מחמת שטענדיק האָט ער אין עפּעס אַריינגעקוקט. איין מאָל אָבער האָט כיל זיך דערוועגט צו לאָזן איבערלויפן דעם שוימיקן בעכער פון זיין קלערן; ער וועט איבעררעדן מיט דעם־אָ:

— וואָס, כ׳בעט אייך, איז אייער טיען דאָ?

— איך גיב לעקציעס, אוראַקן — האָט ס׳ווילע מענטשל זיך נישט פאַרלוירן.

— וואָס לערנט איר אַזוינס? — איז דער וועבערניק נייגיריק.

— איך לערן אַלדינג. ס׳ווענדט זיך וואָס עמעצער וויל קענען. אויב דער מענטש וויל, קען ער זיך אויסלערנען דאָס סאַמע גוטס. און וויל מען — לערנט מע זיך אויס בלויז רשעות, הוילע שלעכטס... געוויס, שלעכטס לערנט מע זיך אויס געשווינדער.

דער קליינער יאַנקעלע האָט דאָס אַ זאָג געטאָן ווי אַ פּזמון וואָס ער קען פון אויסנווייניק און אויף אַ ווײלע האָט ער אָפּגעשוויגן. אין דער זעלביקער צייט האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן באַלעבאָס און מוסיף געווען:

— דאָ, אין די געסלעך, האָב איך צו לערנען בלויז וועבערס, אויך אַ ביסל שניידערס און שוסטערס. שיין פאַר די אויגן דאַרפן האָבן די בלינדע — —

דער־אָ איז צוריקגעהאַלטן אין די רייד און ביים ייִד, דעם גאַסט־געבער זיינעם נעמט אָפּ דאָס לשון. דער יונגערמאַן איז אים געפעלן. אַן אָפּענער קאָפּ! ער קען אוודאי לערנען אויכעט, די דריבנענקע אותיותלעך, האָט ער אַ קלער געגעבן. ווי פון די איבערגעשטאַנענע ווײנען הערט זיך פון אים אַ קלוגע שאַרפקייט. אין שטוב ווייעט מיט לויטערקייט פון אַזוי־נעם, פּהי־פּהי־י־י — — אַזאַ אײדלקייט איז אים געווען אייגן בלויז פון מנוחהלען. זי האָט׳ן אַזוינס אַריינגעבראַכט.

כילן האָט אַ שטאָך געטאָן אין דער ברוסט. איבער דער חיותדיקער שיין וואָס איז דאָ אויפגעגאַנגען האָט אָקע־מ׳זעט אַ שלאָג געטאָן אַ קאַלט צוגווינטל. די הייטערקייט איז תיכף געשרומפּן, אין שטוב טונקלט עס. ווידער דערשפּירט ער זיין אלמנשאַפט אַ פרישע, אַ וויי־טוענדיקע.

און קוקנדיק אויף יאַנקעלען ניכטערט זיך פון דאָס ניי זיין צערודערט געמיט. ער קלערט: אַ וועלט מיט וואַרעמקייט בלאָנדזשעט אום צווישן די מענטשן. אַזאָלכענע פירן עס אויפן ראַכטיקן וועג אַרויס — —

אַ רעוועדיקע שטילקייט, וואָס ציקט אין די שלייפן האָט אים פאַר-

שטומט אויף אַ לענגערע ווײַלע. דערנאָך האָט כיל אַ פּליק געטאָן דאָס נישט־ניחאדיקע שווייגן:

— וואָס, איך בעט אייך, לערנען זיי, די וועבער־געזעלן?

די אויגן, וואָסערדיקע, גראָבנדיקע, האָט ער אָנגעשטעלט אויף יענעמס פּנים און זיי, די אויגן, האָבן זשעדנע איבערגעקליבן וואָרט ביי וואָרט.

— קול־טור לערנען זיי... די סאַמע וויכטיקסטע זאַכן... אַ מענטש וואָס דערוועבט זיך קול־טור באַקומט אַ לויטערן בליק אויפן לעבן. עס ווערט געריימער זיין וועלט... אַ קולטורעלן מענטש — פאַרגעסט זיך שוין יאַנקעלע — אַז ער ליידט אפילו צרות און ער ווייסט זייער סיבה, איז לייכטער דאָס איבערצוטראָגן — —

— אַזוי־וי!

כיל שעפּט התפּעלות פון דעם יונגנמאַן.

דער וועבערניק האָט געטאַמלט צו הערן נאָך אַ סך, אַ סך זאָל רעדן דער וואָס הויזט מיט אים. כיל איז אָבער געווען מיד פון שווערע יאָרן, פון איצטיקע טעג לײַדיקגיין און ר׳איז געווען בגלופין פון די שטאַרקע רייד דעם יונגנמאַנס, וועלכע האָבן אים דעם קאָפּ אַזוי צעוויגט.

געהיטן ווי אַ ייִנגל אַ שטיפער ערב אַ שפּרונג, האָט ער זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, כיל דער אלמן און בגנבה געוואָרפן אַ בליק אין יאַנקעלעס זייט. געזען, יענער איז שוין ווידער פאַרטאָן אין אַ בלעטל, האָט ער זיך אַוועקגעשאַרט און דעם קאָפּ מיט דער אויפגעלאָפּענער נאָז אַרײַנגעשטעקט אין זיין בלינד קרעדענס־טירל. אַזויערנאָך האָט ער אַראָפּגעכאַפּט אַ כוסע.

דאָס מאָל, דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט נישט געטרונקען פאַר מנוחהלעס געזונט וועגן.

ה.

אויף צו מאָרגנס, נאָך כילס אָוונטיקן שמועס אויג אויף אויג מיטן קליינעם יאַנקעלע, האָבן אַ פּאָר אירע צווישן די וועבער־מייסטערס הויך אויפן קול שוין געשמועסט וועגן דעם „וואָזשנעם פּאַסאַזשיר״ וואָס האָט זיך אַרײַנגעלאָוויעט אין די געסלעך אַריין.

## באַלוטער וועבערס

— באַוויזן זיך ווי א מלאכל און אַרויסגעקראָכן ווי אַ שד! — האָבן וועבער־ייִדן גערעדט מיט ביטערניש.

— קאַ׳ טובה מיינט ער נישט אונדז צו טוען... צופיל שמעלקע מיט די געזעלן! און טאַקע: וואָס לערנט ער נישט מיט אונדז קאַ׳ פּרשה חכמה? — האָבן אַנדערע זיך געקליגט.

— ווייסעך, באַלעקן זיך פון אַ שמויגער.

...געזען, מ׳קען אים שוין צופּיל, האָט יאַנקעלע זיך אָפּגעטראָגן פון כיל קילבערטס אלמנשן ווינקל.

## קאַפּיטל פיר און דרייסיק

# ביי די קוואלן

### א

שמחה־בונם אינעווליצער, דער לווינקעטניק, וועלכער האָט אויך גע־האָלטן געזעלן, האָט ווי יינגלווייז צוגעניגט ס׳געהער צו אַלץ, וואָס עס איז געשען אַרום. אַ סך זאַכן זענען אים געפעלן אין דעם פאַרהוילענעם, מיט וואָס עס האָבן זיך אַ שפּיל געטאָן די אַרבעטאָרערס; אויך די מעשה מיט יאַנקעלען האָט אים אַ לאָק געטאָן.

ער איז אַן איינגייער ביי אהרן קרול, דעם, וועלכער האָט אַ זון וואָס ברענגט אַהיים פאַרבאָטענע ביכלעך צום לייענען. דעם טאַטן, אהרן קרולן ווילט זיך אַלצדינג וויסן, וואָס דער זון הערט אין גאַס, אויף די „קרייז־לעך". און דער זון, דער שניידער־געזעלן וואָס אַרבעט ביי יענעם דערציילט דעם פאָטער אַלצדינג. פאַרן פאָטער האָט ער נישט קיין מורא; ער וועט נישט רעדן סתם פאַר ווערמען, כאָטש ער איז אַ הלצהניק, האָט ליב אַ פריי־לעכע מעשה, לאַכט אַרום מיט ביידע טעכטער, מיט וועלכע ער וווינט זאַלבעפערט (צוזאַמען מיט כאַסקלען דעם זון) ווי מיט שוועסטער און ברידער. אויך די מיידלעך האָבן נישט קיין סוד פאַרן פאָטער, רעדן דעם טאַטן אַ שידוך און באַנאַנד קייכט מען פון די שפּיצלעך וואָס די נויט צי די גראָביונגישקייט עמעצנס פלעכט אויס על פי טראַף אין די וועבערישע געסלעך.

איז פאַראַן אַרבעט אויף אַלע וועב־שטולן, זיצן ביידע טעכטער באַ־

גלייך מיטן אַלטן פֿאָטער אין די געלענדערס, מ׳שיסט פֿריילעך די שיצן, מ׳מאַכט פֿאַרטיק פֿאַרט:עס סחורה און מ׳ווייסט נישט ווער עס איז די באַלעבאָסטע ביי דער קעך און ווער דער באַלעבאָס איבער דער שטוב. איז דאָ חשק פֿאַרגעסט מע זיך אין דער אַרבעט: אַלע אָן אַ חילוק; פֿאַר־גלוסט זיך עמעצן אָפּצועסן אַ ביסל הייס געקעכטס, פֿאַלט אָפּער פּיטשע פֿון אונטערן וועב־שטול אָדער די עלטערע רבקה גייט צו צום טעפּל און ס׳ווערט פֿאַרטיק אַ מיטיק. אָבער געווינט איז מען ביי די קרולס אָפּצו־שאָקלען זיך אַ גאַנצן טאָג, אָפּצוקומען מיט טרוקנס און אין אָוונט זאָלן אַלע אָפּערגיין פֿון די געלענדערס, אַנגליגן אַ פֿייער אין אייזערנעם אייוועלע, אַרויפֿשטעלן אַ שוואַרצן טאָפּ מיט קאַרטאָפֿל אין די מונדירן, צוצועסן אַ שטיק געזאַלצענעם הערינג. פֿאַר פֿאַרשיידנקייט אין די אַרעמאַנסקע געריכטסן נעמט מען אַ מאָל דעם הערינג, מ׳בראָט אים אויס אויף די צעזשאַרעטע קוילן — אין שטוב פֿאַרשמעקט מיט ליבע, היימישע ריחות; מ׳שיילט אָפּ די פֿעל פֿון אַזאַ הערינג, מע קוויקט זיך מיט די שאַרפֿע, וואַרעמע טעמים, מ׳פֿאַרבייסט מיט ברוין אויסגעבאַקן, פֿריש ברויט און מען פֿאַרטרינקט מיט זיסע טעפּלעך טיי, אַז ס׳איז אַ תענוג. קיין שום ייִדישער שונא זאָל נישט וויסן פֿון אַזאַ טעם! — זאָגט דער אַלטער פֿאָטער און די טעכטער פּיטשע מיט ריווטשען באַלעקן זיך. אַזוי עסט מען בציבור, מ׳פֿרייט זיך בציבור און די מיידלעך גלוסט זיך גאָרנישט צו זוכן קיין בעל־נים אויף זיך. צו די וועב־שטולן זענען זיי פֿאַרקנסט און מיטן טאַטן זענען זיי צונויפֿגעהעפֿט. מיטן היימלעכן טאַטן איז זיי ווויל, זיי ציילן נישט די פֿאַרלאָפֿענע מיידלשע יאָרן און דער טאַטע פֿילט נישט בשעת־הדחק אַז די עלטער איז נישט קיין צונאַר־געמאַכטע: זי צעוואַקלט אים דעם גאַנג, בייגט אויס דעם רוקן. רק ער נאַרעצט אַרום מיט די קינדער, דערציילט זיי חכמהס און ר׳האָט ליב צו וויסן וואָס ביי זיי טוט זיך אונטערן שטערצל.

קוקט מע זיך נאָר אָן, לאַכן שוין טאַטע און טעכטער. ער אַ גראָער, אַ ביסל שוין געשרומפּן, זיי — שוואַרצע, מיט צעשויבערטע האָר וואָס פֿאַלן אין די אויגן אַריין און גלאַנציקע, טרויעריקלעכע אויגן.

אהרן קרולס שטוב, אַ פֿולע מיט וועבערישע הילצערנע געלענדערס, איז שטענדיק אַ היימלעכע און שמחה־בונם האָט ליב אַהינצו זיך אַריינ־צוכאַפּן.

אהרן קרולס זון היט זיך טאַקע אויס מיט אַ וואָרט, אָבער אהרן האָט שוין אויפגעמאַכט די ליפּן פון זיין כאַסקלען, דעם חבר פון די שניי־דער־געזעלן:

— פּאָר שמחה־בונמען דאַרפסטו זיך נישט אויסבאַהאַלטן. ער איז נישט אַזאַ טשאָפּ, ווי ס׳קען זיך דאַכטן. ער ווייסט סיי־ווי וואָס ס׳טוט זיך.

— לאָז ער וויסן, — האַקט אָפּ כאַסקל — וואָס אַרט עס מיך? — איז דעם שניידער־געזעלן נישט ניחא געווען דער שידוך דעם טאַטנס מיטן לוינוועבער שמחה־בונם.

— בראַיע נישט, כאַסקעלע! — זאָגט דער פאָטער — ער ווייסט אַפילוכע וועגן דעם קליינעם יאַנקעלע.

— נישט בלויז פון חבר יאַנקעלע, נאָר פון זיינע לעקציעס ווייס איך אַפילוכע — זאָגט שמחה־בונם אין פאַרלעגנהייט.

אין שטוב איז מיט אַ מאָל איינגעטראָטן אַ שטילשווייגן. ס׳האָט זיך באַקומען אַזוי ווי פון דרויסן וואָלטן זיך פלוצלינג דאָ אַריינגעריסן פלע־דערמייז וואָס פלאַטערן דראָענדיק איבער די קעפּ.

צעוואַקלט אין זיין טראַכטן גיט זיך שמחה־בונם נאָך אַ כאַפּ אַרויס:

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, כאַסקעלע? זיינע גענג, דעם יאַנקעלעס, געפעלן מיר זייער. הלוואי וואָלט איך געווען יונגער — —

און ער האָט שעמעוודיק זיך פאַרכליניעט פון התפעלות ביים גע־דאַנק, וואָס האָט אין דעם אויגנבליק אים ערגעץ אָוועקגעשלעפּט, שמחה־בונמען.

— אין וואָס גייט עס אייך? — איז אהרן קרולס זון צעטומלט.

— ס׳איז שוין נישט פּאָר מיינע יאָרן, כאַסקעלע...

— פאַר דער זאַך פון אַרבעטער־קלאַס איז מע קיין מאָל נישט אַלט, — ענטפערט ער, דער סאָציאַליזמוס מאַכט דעם מענטש יונג .ער מאַכט אים פאַרגעסן נישטיקע זאָרגן; אַן אידעאַל גיט פליגל.

— דו רעדסט שיין, כאַסעקעלע. אָבער ווי קום איך צו דעם?

— איך מיין דעם אמת. דער אמת איז שיין — זאָגט דער שניידער־געזעלן.

— אָבער איך בין דאָך אַזעלכער וואָס האַלט מענטשן צו דער אַרבעט. אַ באַלעבאָס.

— אין די פּענטעס פון קליינלעכע שוואַכקייטן זענט איר, — העלפט אים אַרויס דער בחור.

שמחה־בונם הערט שוין נישט וואָס יענער רעדט. ער פילט זיך געפאַנגען פון דער פאַנטאַזיע. זי האָט אים אַוועקגעצויגן אין חבר יאַנקעלעס פאַרבאָרגענעם חדר פון די געזעלן. טראַכטנדיק וועגן דעם מיט אינערלעכן צאַפּל שפּירט ער אַזש אַ ציטעניש אין די האָר־וואָרצלען.

— איר זענט אַן ערלעכער, — שפּיזלט עס אין זיינע אויערן־ווענטלעך — איר זענט אַ קרבן פון די טרויעריקע באַדינגונגען. איר קענט ברענגען נוצן דעם סאָציאַליזמוס, העלפן דעם פּראָלעטאַריאַט — — —

אומגעריכט איז דער כאָסקל גופא דערהויבן געוואָרן פונעם פלאַם פון זיין אייגענעם איינפאַל.

— איעך — — שטאַמלט שוין דער וועבער־ייִד.

אין קאָפּ טומלט. באַלד שטוינט ער; זיינע אויגן פלאַקערן אויף. ס׳אַזאַ באַרג דער־אַ בענקשאַפט־חלום. ער באַמערקט פּלוצלינג ווי זיינע אַקסלען גיבן אַ צוק —

איך?

— פאַרוואָס נישט, שמחה־בונם?

— איך בין דאָך אַן אויסנוצער.

— אוודאי אַן אויסנוצער, אָבער קעגן אייגענעם ווילן. די טרויעריקע באַדינגונגען זענען שולדיק. נישט אמת?...

— אמת, אמת — איז זיין וואָרט אָנגעקוואָלן, ווייטיקלעך — אָבער זינדיק בין איך דאָך. איך בין חייב — —

שמחה־בונמען האָט פאַרשפּאַרט דער אָטעם. דאָס בראַנדיקע, ס׳גליקע וואָס האָט זיך געטראָגן פון די אַלע רייד האָט אים פאַרשלעפּט אין פאַרצווייפלונג; מחמת די פעלע שריט, מחמת דער... דער בלינדקייט וואָס פירט מיטן מענטש.

עס האָט אים באַנג געטאָן, דעם מענטש וואָס אַלע זיינע יאָרן האָט ער כסדר צו באַדויערן דאָס אָפּגעטוענע.

קיין מאָל האָט ער זיך נישט דערשלאָגן אויפן ריכטיקן וועג אַרויף; תמיד בלאָנדזשעט ער — ווערליק זיין שכל. אָט האָט דער טאַטע פון אים געוואָלט מאַכן אַ סוחר, האָט ער פאַרקערעוועט אויף אַן אייגענעם דרך, געוואָרן אַ בעל־מלאכה, אַ יגיע־כפו, ווי משה אינעווליצער האָט אַמאָל געחלומט. און איז ער שוין אַוועק אויפן רעכטן דרך, האָט אים פּאָלוביעט געלט. יאָרן אָפּגעהאָרעוועט, דעם מאַרך אויסגעטריקנט זיך פאַר דעם פאַלשן קאַלב — —

## ב.

אין האַרצן האָט שמחה־בונם מקנא געווען די וועבער־געזעלן, אָט אַזאַ ניסנען, וואָס האָט נישט דאָס אומגליק געשטרויכלט צו ווערן מיטן נסיון צו וועלן נאָכמאַכן יענעמען; אָט, צו בלייבן אַזאַ וואָס יאָגט זיך נישט נאָך געלט, פאַרדינט ערלעך זיין ברויט. דער אַרבעטאָרער איז געבענטשט מיט אַ רו׳ק געמיט, מיט אַ ריין נאמנות — ער געגאַרט קיינעם נישט. דער יגיע־כפו איז געבענטשט געוואָרן נאָך אויפן באַרג סיני.

אַ האַרבן ווידערווילן צו זיך האָט דערפילט דער אינעווליצער. ער האָט מקנא געווען אַלע די, וואָס זענען נישט ווי ער, אַזעלכע בעלי־תאווהניקעס, לויפן נישט אין שייע וואָליערס בלינדער שענק פאַרטרינקען די צרות מיט ביר, מיט שאַרפן הערינג, מיט זאַלץ־פּלעצלעך. אָט דעם כאַסקעלע קרולן מיט די לאַטעס זומערשפּרינקעלעך אויפן פנים איז ער שטאַרק מקנא. ער האָט נישט פאַרשפּעטיקט ווי ער; ער האָט דריסת־הרגל צו די געזעלן, צום קליינעם יאַנקעלע, וועלכער פירט די מענטשן צו יושר און אויף דעם וועט שטיין די וועלט.

שמחה־בונמס ווייב האָט קרום געקוקט אויפן מאַן. נאָכן קינד־האָבן איז זי אַרומגעגאַנגען אַ גרינע פון אינעווייניקדיקע יסורים, וואָס האָבן געטאָטשעט איר לייב. זי האָט ווינציק מילך געהאַט, בעתן זייגן האָט ס׳קינד שטאַרק געוויינט.

— אַז ס׳בלוט נאָגט עס פון מיר אויס! ס׳פאַלט נעבעך איבער אַן אויסגעטריקנטן ברונעם...

די ייִדענע איז אַרומגעגאַנגען און געקלאָגט. זי האָט איינגעזען: דאָס הויז גייט איין. ער האָט אָנגעוווירן דעם קאָפּ, ר׳קוקט זיך ווינציק אום אויף די מענטשן וואָס ער האָט אָוועקגעזעצט ביי די וועב־שטולן; גיט נישט אַ שמעק קיין ווילקע צי ס׳מאַכט זיך נישט אַ מאָל אַ בעסערע קעטע. רק ער ליגט אין פרעמדע שטובן. און איז די שוויגער חנה-רויזע אַריינ־געקומען אַ בליק טאָן וואָס ס׳הערט זיך, האָט ס׳ווייבל זיך אָפּגעביסן די ליפּן. נישט געוואָלט זיך פאַרקלאָגן אויפן מאַן. נאָר אַז די אַלטע האָט אַליין דערקנאָסט וואָס אין שטוב טוט זיך, האָט די שנור זיך אַרויסגע־כאַפּט: „פּאַרדרייט געוואָרן השם יצלנו, אָפּגעגעבן דעם טייוול די זעל...״ זי האָט אַוועקגעדרייט ס׳פּנים, די שוויגער זאָל נישט זען ווי זי באַגיסט זיך מיט טרערן. און וואָלט זי נאָכגעגעבן דאָס איבערפולע האַרץ, וואָלט זי חלילה געמוזט זיך ס׳אייגענע פּנים פאַרשמירן, דערציילן אַז ער, דער מאַן, רעדט נישט צו איר קיין גלייך וואָרט, גייט אַרום אַ פאַרטוענער מיט כ׳ווייס־וואָס און קוקט אַריין אין טריפהנע בלעטלעך, וועלכע ער וואַרפט דערנאָך אין פייער אַריין.

אין דער אמתן האָט שמחה־בונם ניילעך געטריבן פאַרבאַהאַלטענע חברשאַפט מיט וועבער־געזעלן, מיט יונגע מייסטערלעך וואָס ברודערן זיך מיט אַרבעטאָרערס. ביסלעכוויז, „די אויגן נישט אויפצורייסן״, האָט ער היפּשלעך אַוועקגעגנבעט פונעם באַלעבאַטישן בערדל. אין בית־המדרש אַריין איז ער געגאַנגען נישט דאַווענען, נאָר צום קליינעם יאַנקעלעס „קרייזל״, וואָס האָט דאַרשטיק געשעפּט פון דעם ניי־אַנטפּלעקטן קוואַל. אָן הונגער האָט מע פאַרגעסן, דעם חושך אין דער היים נישט געשפּירט אַזוי פּיינלעך — קולטור האָט מע זיך געלערנט באַזאַם, מ׳האָט געוואָלט פאַרשטיין דעם תוך פון סאָציאַליזמוס. גרופּעסווייז זענען געלייענט גע־וואָרן געהיימע ביכלעך, דינענקע, דורכזיכטיקע בלעטלעך, וואָס האָבן געפלאַקערט מיט דעם אמת וואָס שטעקט אין זיי.

אין די פרייטיק־צונאַכטסן, אין די שבתדיקע נאָכמיטיקן איז שמחה־בונם מיט די וועברישע שכנים, מיטן אַלטן טאַטן געגאַנגען אויף אַ גלעזל בייערישס אין שייע וואַליערס בלינדער שענק אַריין. די שאַרפע זאַכן האָבן אים דאָרט מער נישט געריצט. ער האָט זיך אומהיימיש געשפּירט צווישן די אַלע וועבערניקעס; ער איז געגאַנגען ווייל ר׳האָט נישט געקענט

מעיז־פּנים זיין. „שמחה, קים“ — האָט ער זיך נישט געקענט אַוועקדרייען. דער טאַטע איז פאַרעלטערט, איז דער דרך־ארץ. ווי אויף צו להכעיס דעם וואָס איז טאַקע באַקוועמער האָט שמחה־בונמען גערופן אַן אַנדערע שטים, ס'האָבן געצויגן די סודותדיקע רייד, די געאַנטע מעשים פון דעם צויבער וואָס האָט געליכטיקט אינעם מהות פון דער גבורה, מיט וועלכער עס האָבן אַ בלישטש געטאָן די פאַרבאָרגענישן פון די געסלעך; ממש ביים גאָרגל האָט אים אַ פאַנג געטאָן דאָס באַלוט אין דעם נייעם לבוש, וואָס חבר יאַנקעלע האָט אויף דעם אַרויפגעוואָרפן.

כאָטש שוין ווייט פון יונגשאַפט — די יאָרן פאָדערן מער געזעצטקייט, האָט שמחה־בונמען איצט גענומען לאָקן אַן אַנדערע סביבה, די פאַרבאָ־טענע; ער האָט געפילט בפירושע נאָענטקייט צו דער חברותא פון די אַר־בעטאָרערס: אויב אַ וועלט, זאָל עס זיין די וועלט פון יושר — האָט עס אין אים געפלאַמט מיטן יינגלשן פייער פון נישט חשבונען, נישט ציטערן. שוין, שוין איז ער גרייט מפקיר צו זיין אַלץ, אַלץ.

אַ מאָדנער, אומאויפקלערלעכער בונט קעגן זיך, קעגן אַלץ האָט זיך אָנגעצונדן אין דעם מענטש און ער איז נישט געווען אין שטאַנד אָפּצושטעלן זיך:

„נישט רעכט, שמחה־בונם. ביסטעך אַ...“

און האָט אין דרויסן זיך געבעט אַ שטרייק פון די וועבער־געזעלן, איז די ברוסט אין שמחה־בונמען צעטראָגן געוואָרן. עפּעס ווי שרעק און אומרו האָבן אין אים געוירט, געשווימט זיך. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אָנגעשפּיצטן געהער; אין אים איז אויפגעשטיגן אַ נעפּלהאַפטיקע האָפענונג: אָ, אָ, ס'עט זיין, ס'עט — — מיט אַ מאָל האָט דאָס דאָזיקע געפיל אָנגענומען וואָג, באַקומען פּרצוף. אין גאַנצן האָט ער געצאַפּלט פון אומבאַגריפענער דערוואַרטונג, זיין האַרץ האָט זיך געהויבן מיט האַסטי־קייט, גלייך פאַר זיינעטוועגן וואָלט געקומען אַן אויפריכטונג. קנופּן וועלן זיך אויפקניפּן, שמחה־בונם, האָט'ס געהייסן אויפן שטומען לשון פון זיינע שפּירונגען. טעג, וואָכן איז ער אַרומגעגאַנגען אין אָט דער שפּאַ־נונג, פון אומעטום האָט ער געוואָלט אויסשנאַפּן אַ ידיעה, כאָטש אַ וואָרט, צו וואָס עס האָט פלוצלינג געגאַרט זיין גאַנצער נפש.

דאָס ווייב אין דער היים האָט דערווייל זיך געגעסן לעבעדיקערהייט.

— לאַ־עלינו ווי אויף צו להכעיס טוט ער אַלץ, — האָט זי גע־מורמלט — מיר אויף צו פּלאַצעניש. וואַאַבער ווערן געבענטשט מיט מענער און איך בין באַגאַבט געוואָרן. אַ שמע קולינו זיך גענומען אין קאָפּ אַריין, אַ משוגעת — —

זי האָט זיך שיער נישט צעוויינט יעדעס מאָל ווען זי האָט אַ קוק געטאָן, זי איז איינע אַליין אויג אויף אויג מיט דער אומהיימלעכער ווע־בער־שטוב און די הילצערנע געלענדערס וואָס טרייסלען זיך קדחתדיק.

— ס׳וואָלט געפּאַסט, ער איז אַ בחורל, אַלץ אויסגעזאָרגט — כאָטש שפּיל זיך קוצעבאַבע. ווייב, קינד, אַ כּפּרה פאַר די הינט...

די ייִדענע האָט זיך צעריסן:

— אַ מאַן, מיט אַ מאַן איז זי באַגאַבט געוואָרן! שמחהלע, ווייַ איז צו אים!

## קאַפּיטל פינף און דרייסיק

# מיט טעכטער איז נישט קיין געלעכטער

### א.

מיט אַ מאָל האָט מע זיך אַרומגעזען:

אַן אויסטערלישער להכעיס האָט ווי פון אונטער דר'ערד אויפגע־שפּראָצט פאַר אַלע וועבערס, און נישט נאָר פאַר שרהן, דער ייִדענע פון שמחה־בונמען. זי האָט זיך טאַקע איר אייגענעם האַרצווייטיק. דער כלל אָבער האָט זיך געהאַט איין גרויס געוויין: ווילקע שלאָפט!... ווידער איז מען אַ ווינטער לאַנג געווען פאַרסטאַיעט אין די חושכע היימען, געזעסן אין געהאַקטע ווונדן און ווי אויף דער גאולה געוואַרט אַז דער הימל זאָל זיך נעמען אויסלייטערן. און דרייט זיך אויס ס'וועטער, מוז זיך אויך ווילקע אַ דריי טאָן. ערשט מ'כאַפּט זיך — דער פרילינג איז אַ פאַרשפּע־טיקטער און אַז ס'פאַרשפּעטיקט זיך ס'וואַרעמע ווינטל, שטאַרקט זיך די אָרעמקייט צווישן די אָרעמעלייט. וואָלט די זון נישט נאָר אַ בלענד געטאָן און פון דאָס ניי פאַרשווונדן, זי וואָלט אויף אַ רעכטן אמת אַרויס פון איר פוטערפאַס, וואָלטן די פאַבריקאַנטן שוין אַנגעקלאַפּט אין זייערע טירן, געבעטן די באַלוטער זיי זאָלן מאַכן טיכלעך, גיכער אַראָפּציִען די באַסטלעך פון די „ביימער״, געבן צייג, ליווערן, וואָס מער ליווערן. „פּערטיגען זי־אויס, הער קינצקער; איך האָבע איילע מיט דיזע קעטן, הער יאָזעפּאָוויטש, איך ביטטע זי״. זיי קאַרגן נישט אַ חניפהלע, די ווילקער, אויב ס'לוינט זיך זיי. אַז ס'בריט איז טאַקע נישט קאַלט, זאָגן זיך די וועבערלעך מיט

הנאה, ווען דער הלך ילכט. איצט אָבער זענען זיי געפּגרט באַגלייך מיט אַלע פּגרים, די ווילקער. נישט עס בריט ביי זיי — עס בלאָזט אַ קעלט און די באַלוטער שפּירן עס גאָר שטאַרק.

באַלוט ליגט נאָך אַלץ אַ פאַרצאַפּלטע; באַלוט וועקט זיך נאָך נישט כדי זיך אָפּצונעמען פאַר די שווערע ווינטערדיקע חדשים פון חלשות־דרימל. דערווייל האָבן נאָר די געוועלבניקעס זיך געפּעדערט: פון די באַהעלטענישן אַרויסגעקייקלט די פּעסלעך הערינג, געגרייט זיך צו אַ זשויב פון די אויסגעהונגערטע וועברישע שטובן. הייבט מע נאָר אָן „דורכצושיסן", מ׳גיט אַ רודער, דערשפּירט מע באַלד ס׳אַנטגאַנגענע האַרץ. ס׳אַוועק ס׳האַרץ — קרימט זיך אַ וועברישער האַרעפּאַשניק, קרימט זיך ס׳ווייב — און אַז אַוועק, מוז מען עס דערכאַפּן. באַלוטער קרעמערס וואַרטן עקשנותדיק אַז ס׳זאָלן זיך עפענען די קוואַלן פון אָט דעם פאַרטייבטן הונגער. איטלעך מאָל וועלן זיי זיך ווידער אַ בייג טאָן איבער אַ געשאָכטענעם הערינג, פאַרוויקלען אין אַ פּאַפּירל אַ קאָפּ, אָן עק צי אַ מיטלשטיקל און ס׳האַרטע קופּערנע מינץ קאָלערט זיך אַריין אין טיפן טישקעסטל, ס׳גיט צומאָל אַ ברום צו: וואַרט, ר׳ נחום, ער קומט באַלד ווידער, דער געשמדטער האַלדז. אַ וועבעריש קינד האָט דעמאָלט נישט קיין צייט צו גיין מיט אַ דאַרן קאָפּ הערינג, עס לויפט און באַלעקט זיך אויפן וועג מיטן שאַרפן לויג וואָס רינט פון פאַרפעטסטן פּאַפּירל און די אייגעלעך פינקלען צו: אַ־אַאַ! מיטן געשמאַק פון אַ גוטן פדיון פון באַלוט דערקוויקן זיך באַצייטנס אויך סוחרים פון אַלטשטאָט. זיי האָבן שוין אויפגעזוכט זעק שימלדיקע אַרבעס, געוואַשן זיי, געטריקנט אין דער אויסרעכענונג אַז קבצנישע מאָגנס וועלן זיי פאַרציקן. אויך די בעקערס האָבן זיך געמכינט צו אַ שטאַרק לייזעכץ. וועברישע פּיקערס וועלן ביי זיי פאַרפלאַמען די אַלטע מעלן. און אויף פּסח שתבוא מיט גאָטס הילעף וועלן זיי זיך דערכאַפּן די מערכה ביים אויסבאַק פון מצות.

האָבן זיך אָבער פאַרשלעפּט די קעלטן, זיי האָבן זיך שוין ברוך־השם איינגעביסן אין חודש אייר און ס׳איז נישט צו זען קיין צייכן אַז ס׳וועט זיך ענדיקן דער משוגענער ווינטער, וואָס שפּילט זיך מיט זיי, מיט די באַלוטער, ווי די היץ שפּילט זיך מיט אַ חולה לאַ־עלינו.

אין מרה־שחורה איז אַדורך דער פּסח, דאָס געקרעכץ אויפן פאַר־לוירענעם פרילינג איז אַ ביטערער און ווילקע, רע־ווילקע שווייגט.

— ס׳אַ צרה נישט נאָר אַן אונדזעריקע... קאַלט איז נאָך נישט ס׳ערגסטע, — האָט מען מיט אַ פלאַסטער פון חכמה געוואָלט טרייסטן ס׳פאַרצרהטע באַלוט — אַן אומרו איבער דער וועלט האָט זיך געלייגט. אין רוסנלאַנד קאַכט זיך... לאַדזש מוז׳ס שפּירן, יאָ, יאָ.

און אַז אפילו אונטער יענעמס אָרעם אַ מכה איז שוין גוט? ניין, אַזאַ האַרץ־חלשות איז אַ שוואַכע נחמה פאַר אַן עדה וואָס דאַרף אַ רפואה אין ברויט, אין קאַרטאָפל, אַ רפואה־שלימה אין אַלעם, אַלעם!

— אוי, רחמים, רחמים, — האָבן באַלוטער אָפּגעזיפצט און אַלץ געקוקט צום הימל.

## ב.

אויך ביי ר׳ וואָווע געלבאַרט קוקט מען שטאַרק אויס ס׳זאָל זיך אַ ריר טאָן. כאָטש ער אַליין ד ל י ב י ע ט ביי אַ סעפּער־קעטעלע, איז פון דעסטוועגן צו רו׳ק אונטער זיין באַלקן. די לאַנגע, שמאָלע שטוב שטאַרט שוין חדשימווייז אין טרויעריקן וואַרטן; עס זעט אויס ווי די גאַס וואָס שטיקט זיך, האָט זיך אַהער אַריינגעריסן און זי וואַרפט אַן אַ מרה־שחורה. אין די אויפדערנאַכטן איז שוין נישט היימלעך. יונגעלייט ווייזן זיך ווינ־ציקער אַריין, די מיידלעך וואָס קומען צו די טעכטער, זענען מער נישט אַזוי פריילעך, און וואָלף געלבאַרטס בנות גייען זיך פונאַנדער יעדן טאָג איבער דער שטאָט, קומען אַהיים מיט אומעטיקע נייעסן: דער שטיל־שטאַנד איז אומעטום. די באַלעבאַטים זייערע בייסן זיך אָפּ די פינגער פאַר אַ רובל. ס׳אַן אמת, וואָס מ׳רעדט, הערסט, טאַטע — שאָקלען די טעכטער מיט די קעפּ. און ס׳זעט זיך גאַרנישט קאַ׳ סוף צו דעם — קומט שפרה צו דער מסקנה. גאָלדע הערט זיך שוין נישט מיט איר קלינגעוודיקן גע־לעכטער און זי, די מאַמע, האָט נישט קיין סבלנות פאַר די נאַרישקייטן, וואָס ס׳יונגוואַרג ברענגט דאָך אין שטוב אַריין. אויסגעזאָרגטע קעפּ. ברומט שפרה און דער טאַטע קלעפּיעט פאַמעלעך זיינע אײדעלע סעפּער־טיכער, טרעט איבער די פּושימל ווי ער וואָלט אַ פאַרטראַכטער געגאַנ־גען אויף דער שטילער סטעזשקע פון זיין תהילים:

הקשיבה לקול שועי מלכי ואלהי, כי אליך אתפלל, אדוני בוקר תשמע קולי, בוקר אערך־לך ואצפה, כי לא אל חפץ רשע ואתה לא יגרך רע. ביי דיר, גאָט, קען נישט וווינען דער שלעכטער, עס קענען נישט בלייבן שטיין די באַרימער פאַר דיינע אויגן, דו האָסט פיינט אַלע וואָס טוען אומרעכט — — פאַרנעם דאָס קול פון מיין געשריי, מיין קיניג און מיין גאָט, מורמלט ער.

ווי דערפרישנדיק וואַסער פאַרן פאַרטריקנטן גומען פון אַ דאָרשטיקן האָט ער בלחש געזופּט פּסוקים פון די הייליקע געזאַנגען און די אויגן אַריינגעטאָן אין דעם געלבלעך־ווייסן, זיידיק־וואָלענעם געוועב, וואָס האָט זיך געשפּרייט פאַר אים. ר׳ וואָווע, דער אָפּגעהיטענער ייִד, האָט געהאַט מזל צו ווילקע. ער האָט נושא חן געווען דאָרט און אַ גאַנץ יאָר כמעט געהאַט צו טוען. פּונקט ווי ער ביים שטול־אַרבעט איז געלאַסענערהייט אין זיין ענין געווען אַריינגעטאָן דער פאַבריקאַנט פון די סעפער־טיכער, דער ליטוואַק בער־באָריס ווילק. אומגעאיילט איז געווען זיין דרך אין דער פאַבריקאַציע. ווען אומעטום ביי לאָדזשער פירמעס האָט זיך גערעשט פון סוחרים, פון ברענגען און אָפּשיקן טראַנספּאָרטן, האָט בער ווילק געהאַט צייט. „ס׳ניט קיין גאָריאַטשקע“, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט די הענט — „פּאַרספּעטיקן פּאַרספּעטיקט מע נאָר דעם פּאָיעזד“ און קאַלט אָפּגעשמייכלט. ער האָט געהאַט געדולד צו זיינע פּאָר וועב־שטולן וואָס ערגעץ אין די באַלוטער געסלעך און געדולד געהאַט צו רעדן מיט די אָפּנעמערס פון זיין סחורה. וואָיאַזשאָרן האָט ער געטריבן פון זיך, מעקלערס נישט געוואָלט אָנקוקן. „כ׳האָב ניט צופיל און כ׳באַדאַרף ניט אַ סך מער, — איז געווען זיין אני־מאמין. — כ׳בין אַ מענטש און אַ מענטש באַדאַרף מע בלייבן“. וואָווע געלבאַרט האָט זיך צו אים געפּאַסט ווי אַ דעקל צו אַ טעפּל. און ד ע ר האָט אים געהאַלטן בכבוד פאַר זיין אומגעווײנטלעכער אָרנטלעכקייט: וואָלף געלבאַרט וועט אים חלילה ניט אַראָפּמאַצן*) אַ פּאָר שפּולן פונעם טייערן שוס און ער וועט אָפּהיטן די סחורה, זי זאָל נישט דאַרפן קיין נופּערקע, צי אַ שטאָפּערקע. דעליקאַטנע איז מיין אַרטיקל און דעליקאַטנע דאַרפן זיין מיינע וועבערס, איז טאַקע ווילקס ווערטל און

---

*) אַראָפּגנבענען.

וואָווע געלבאַרט שוינט זיין באַלעבאָס׳ פיינקייט. עס טוט אים הנאה וואָס ער, דער עושר, פרעגט אים אויף זיין געזונט, פרעגט אַ מאָל צי ר׳נייטיקט זיך נישט אין אַ קערבל פאַרשוס*) און איז אַנומלט געווען ביי אים אַ מינוט אַן אויפגעלייגטע האָט ער זיך משתתף געווען צו ר׳ וואָוועס פאָטערישע דאגות: ווי האַלט עס מיט אַ שידוך, וואָלף געלבאַרט? ווי, צער גידול בנים ובנות איז אַ ביטערע ברכה פון זיין ליבן נאָמען. נאָר נאָמיר ניט זינדיקן. נחת דאַרף מע זיך אויכעט פאַרדינען; גוטע קינדער זענען אַ שטיק נחת. — דער מענטש האָט אונטערגעזיפצט ווי אים גופא וואָלט אויך עפּעס געקוועטשט; ער האָט אַנגעשפּאַרט אַ האַנט אויפן ווערבערס אַקסל און וואַרעם געקוקט אים אין די אויגן אַריין.

— ווער, וואָלפקע, זיך מאַכן עפּעס פאַר אייערס אַ קינד, האָט איר ביי מיר אַ צושטייער פון אַ היימיסן.

ר׳ וואָווע האָט בשעת־מעשה זיך פאַרלוירן; אומגעריכט געקומען צו רייד וועגן דעם; טעכטער האָט ברוך־הוא אים דווקא געגעבן טעלעכע, שי־דוכים דאַרף מע טוען, אוי־אוי — און ס׳האָט אים אַ צופּ געטאָן.

— אַ דאַנק, הער ווילק. כ׳בין עס גאָרנישט ווערט. אַזאַ גרויס איינ־זעעניש.

— עס מאַכט ניט אויס, וואָלף געלבאַרט, — האָט יענער זיך שוין אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט זיך מיט אים. — איך בין אויך אַ פאָטער. כ׳ווייס מיט וואָס עס סמעקט אַזאַ ביסן. גאָט וועט העלפן, וועט...

ער האָט נישט דעררעדט, דער סעפּער־פאַבריקאַנט, וואָס שטאַמט אפנים פון אַן איידעלער גזע ערגעץ אין וואָלין.

אַן אַנגעגאָסענער פון פולקייט מיט וואָס אָט דער כלאחר־ידיקער שמועס האָט אים פול געמאַכט, האָט וואָווע געלבאַרט זיך געטראָגן אַהיים. דער רבונו של עולם זאָל העלפן, האָט ער געלאָזן געטראַכט ווי ר׳וואָלט זיך אויכעט ס׳טראַכטן זיינס געוואָלט פאַרדינען בזיעת אפו ווי ער פאַר־דינט זיך ס׳ברויט. ער איז נישט קיין ראַסלער. דערפאַר האָט ער אויך דעם ווייב באַלד נישט געזאָגט וועגן שמועס מיט בער־באַריסן דעם פאַ־בריקאַנט. גאָט זאָל העלפן, האָט זיך געשפּינט זיין רעיון, ס׳זאָל זיך מאַכן

---

*) אַן אַדערויף.

אַרבעט פאַר מענטשן, ס׳זאָל זיך אַ ריר טאָן און ר׳זאָל האָבן די זכיה מיט מזל זיין קינד צו פירן צו דער חופה.

בסוד האָט זיך שוין געמאַכט אַ שידוך פאַר דער עלטסטער, נאָר ס׳שטילשטאַנד לא־עלינו האָט ביי אַלעמען צוגענומען ס׳לעבן. לאָמיר האָפן און גלייבן, האָט ער געזאָגט צו זיין שפרהן. ע ר איז אַ מכלכל חיים און אַ מזווג זיווגים.

### ג.

אין דער אמתן איז גאָלדע, די יינגערע, שוין געשטאַנען גרייט. כאָטש קיין כלה נאָך נישט געוואָרן, אָבער דער חתן, דער לייטישער יונגערמאַן שלמה, האָט שוין געוואַרט אויף איר. אין שטוב האָט מען עס געזען, נאָר מ׳האָט זיך געמאַכט אַז מ׳זעט נישט. ק ו ד ם א י ז ד י ע ל ט ס ט ע, אַזוי פירט זיך שוין פון דור־דורות. און ביי ר׳ וואָווע געלבאַרטס הויז־געזינד איז נישט געווען אַנדערש. פירן צו דער חופה וועט מען צוערשט די עלטסטע.

דער טאַטע האָט אין דער שטיל געריידט דערוועגן מיט דער מאַמען און זי, שפרה, האָט צוזאַמענגעלייגט אַ גראָשן צו אַ גראָשן; אַ זמן־רב האָט זי ביי די קינדער צוזאַמענגענומען ס׳גאַנצע פאַרדינסט, וואָס זיי האָבן אַהיימגעברענגט און פון דעם געזאַמלט אַ שטיקל נדן. אַלץ פאַר דער עלטסטער. יאָרן פריער האָט מע נישט געקענט אָפּשפּאָרן אַ פרוטה. אַלע זענען זיי אָנגעהאָרע געווען פיצעלעך קינדער; וואָס דער טאַטע האָט אויסגעקלאַפּט מיט זיין לאַדע, האָט קוים געקלעקט ס׳מויל אָפּצוזאָגן. היינט, די מיידלעך זענען אונטערגעוואַקסן, קען מע גיכער קלערן וועגן תכלית. און מיידלעך אין אַ ייִדישער שטוב איז נישט קיין געלעכטער. טאַטע־מאַמען רייסט עס דעם קאָפּ אַראָפּ. ערשט איז אַ קאַפּעלע לייכטער. איטלעכס ברענגט אין שטוב אַריין אַ צושטייער, אַ גראָשן גייט צו אַ גראָשן און עס ווערט אַ צווייער, אַזויערנאָך וואַקסט אַ רובל. במשך פון חדשים און זמנים נעמט זיך צונויף עפּעס. דערנאָך, גאָט וועט וועלן, מ׳וועט אויס־געבן איינע, וועט זי אַליין שוין אַרויסהעלפן די אַנדערע. אַ שוועסטער פאַר שוועסטער. דערווייל האָט מען אין הויז געקליבן אויף אַן אויסשטייער פאַר דער עלטסטער. יעדע האָט צוגעלייגט חשק צו דעם און אויך אַ ביסל

אייגענעם טרוים — אַרויספּטרן אַ שוועסטער וועט דעם טאַטנס געזונט געשטאַרקט ווערן, די מאַמע וועט פרייער אָפּעטעמען און דערנאָך וועט אויף זיי קומען די צייט. אַ זיווג איז פאַר יעדן מיידל אָנגעצייכנט אין הימל. ע ר  וו ע ט  ק ו מ ע ן, און דער חלום לייכט צו אַ יעדער ייִדישער טאָכטער. יעדע דערוואַרט זיך ס'איריקע. ס'אַ מזל־זאַך... דערווייל זענען געגאַנגען אַבצעגערס. יעדער אַבצעגער האָט אין הויז אַריינגעטראָגן עפּעס אַנדערש — אַ מאָל איבערצוג, אַ האַלב טוץ ליילעכער, אַ האַלב טוץ האַנטעכער, אַ ביסל אונטערוועש. גראָשנס, קאָפּיקעס צאָלט זיך פאַר דעם יעדע וואָך און דער גרויסער קופערט האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעפּראָפּט מיט פאַכלדיק ווייס־וואַרג. צוגעוואָרפן די אַבצעגערס קליינגעלט און אויפן געמיט איז יאַקאָש גרינגער געוואָרן. אָפּגעצאָלט איינס האָט מען גענומען אַ צווייטס. און נעמען האָט מע געדאַרפט אָן אויפהער. וואָס אַזוינס דאַרף נישט אַ קבצנישע שטוב? צו וואָס מ'רירט זיך צו דאַרף מען, בפרט אַז חתונה מאַכן אַ קינד איז ווי אויפשטעלן אַ קאָמיעניצע. און כאָטש גענומען אַלץ אויף באָרג, מ'האָט געצאָלט צינזן פון דעם, איז דאָך מאָדנע היימלעך געוואָרן. אַלע אין הויז האָבן געהאַט ס'געפיל, אַז עס וואַקסט אַן אומאָפּשאַצלעך פאַרמעגן ביי זיי, ס'שפּראָצט אַן ערשטיק גליק און אַזוינס געשעט נאָר איין מאָל אין לעבן. צי די חתונה, וואָס פאַרבאָרגט זיך אונטער דעם הייסן אומרו, וועט באמת ברענגען די געהאָפטע פרייד, נאָך וועלכער עס בענקט זיך אַזוי שאַרף, דאָס האָט מע נישט געוווּסט; וועגן דעם האָט מע צומאָל נישט געקלערט. גענוג אַז דאָס געפיל האָט דערהויבן, ס'איז אַראָפּגעפאַלן אַ סך זאָרג. אַליין פון זיך האָט זיך עפּעס געטאָן  פ אַ ר  ד ע ם. ווי עמעצער האָט נאָר געקענט ערגעץ דקרימע־דקראַצן עפּעס, האָט מען עס אַהיימגעברענגט פאַר דער כלה, וועלכע האָט בשתיקה, אין צניעותדיקער גרייטקייט געוואַרט אויף איר באַשערטן.

יונגעלייט זענען געקראָכן צו וואָווע געלבאַרט. זיי האָבן געמיינט זיינע טעכטער, צו קיין ערנסטס איז פון דעסטוועגן נישט געקומען אַזוי לייכט. מאַמע־קינדער אַלע, זיי ווילן נישט אַרויסגיין מיט אַ בחור שפּאַצירן. קודם מוז די מאַמע קענען דעם יונגנמאַן, ער דאַרף איר געפעלן ווערן. דער יחוס דאַרף איר אָנשטיין. און טרעפט אַז דער יונגערמאַן איז פון אַן אָרנטלעכער היים, מ'ווייס פון וואַנען ער קומט אַרויס, קען זיין הילוך

נישט נושא חן זיין. הן געגאַליעט און הן אָפּגעשניטן דאָס כאַלאַטל איז נישט פאַר ר׳ וואָווע געלבאַרט קיין פּאַסיקער איידעם. וואָס־וואָס, אַ יונ־גערמאַן דאַרף זיין יידישלעך, מ׳דאַרף קענען קומען מיט אים צווישן מענטשן. און נאָך אַ באַהאַלטענער, ווייטיקלעכער קלער איז פאַראַן. איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר דאַרף אַן איידעם זיין זייער קדיש־זאָגער. זיי זענען לא־עלינו געשטראָפט געוואָרן, און אַן איידעם דאַרף זיין אייגן ווי אַ קינד. האָט מע טאַקע געקליבן. מער ווי איין בחור האָט זיך געברוגזט, און נישט איין שדכן האָט זיך געקלאָגט אויף ר׳ וואָוועס באשר ער איז אַ קרימער האָקן. וואַרפט זיך מיט חתן־בחורים ווי מיט פאַרפוילטע עפּע־לעך, האָבן זיי געטענהט. דער ייִד האָט געבעך נישט געקענט זיך אָפּיאָגן סיי פון די יונגעלייטלעך און סיי פון די שדכנים. ווער האָט געשיקט נאָך זיי, האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַרן ווייב און טייל פון די ברוגזע האָבן זיך דערוועגט איידל אים אויסצומוסרן:

— געדענקט, ר׳זאָלט זיך נאָר נישט פאַרזינדיקן, ר׳ וואָווע געל־באַרט. עמעצנס קינד פאַרשעמט מע נישט.

און האָט איינער אַ פשוטער, אַן אָרנטלעכער און אַן אַרבעט־יונג געפּו־נען לייטזעליקייט אין טאַטע־מאַמעס אויגן, האָט זי, די טאָכטער, ס׳כלה־מיידל זיך געבערעקט מיט אים:

— שוין, צ׳זענט שוין פאַרטיק? און איך ווו בין? איך בין אַ פּלעווע, וואָס מ׳דאַרף פאַרמישן פאַר דער בהמה, זי זאָל עס אויפפרעסן? ניין, צ׳האָט געהערט?!

און זיך צעוויינט אַז ס׳איז געוואָרן חושך אין שטוב.

## ד.

נישט ווילנדיק האָט שרה שמחה־בונמס ווייב געפונען אַ שטיקל טרייסט:

— נישט אומעטום ווו ס׳איז שלום־ושלווה איז נישטאָ קאַ׳ שרפה. ווייַ איז צום הויז, ווו ס׳ברענט אינעווייניק.

געמיינט האָט זי ר׳ וואָווע געלבאַרטן, וועגן וועלכן מ׳האָט זיך איבער־געוווּנקען אַז ר׳האָט געבעך צרות פון די טעכטער. אַ לונגן־לעבער פאַר דער

נאָז חלומט זיך דער עלטסטער זיינער, און זי גיט דעם פיינעם טאַטן די גאַל אין דער האַנט אַריין.

אַ רגע האָט זי פאַרגעסן איר צרה:

— אַ טאַטע פון קינדער און אָפּגעגעבן דעם טייוול די זעל.

געמיינט האָט זי איר שמחה־בונמען, וועלכער האָט זיך גענומען אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין: ר׳ברויך נישט מער ווי ר׳האָט. אַלעמענס איז די וועלט און זי דאַרף זיין מער גערעכטיק.

די ייִדענע האָט אַ זיפץ געטאָן און אין איינוועגס באַדויערט דעם איידעלן ר׳ וואָווע וואָס קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט זיין פּ ע ק ל.

## קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

# אויף אַ מענטש זאָל מען זאָגן: אַ פּושיק!

### א.

אַ חלשות־איבל האָבן אין יענעם פאַרשלעפּטן ערב־סעזאָן דערשפּירט די וועבערס און צוזאַמען מיט זיי די אַנדערע אָרעמעלייט וואָס האָבן זיך דערנערט פון לאַטען, צירעווען און פאַרשפּאַרן די לעכער, דורך וועלכע דער דלות האָט די טבע דורכצוקריכן. ס'איז געווען אַן אומגליק פאַר אַלעמען. צום געקרעכץ אין באַלוט האָט נישט געוומען קיין סוף. וואָס ווייטער דער נישט-זומער, נישט־ווינטער האָט זיך פאַרצויגן, אַלץ מער האָבן די אויסגעבלייכטע פּנימער זיך אויסגעשפּיצט, אַלץ אָפטער האָבן זיך דערהערט יללות. אין לוויות לא־עלינו, ייִדישע לוויות איז געוואָרן אַ גרויס געדרעטעניש. ס'שוואַכע קליינוואַרג, וואָס האָט שוין אין דער מאַמעס בויך זיך אָנגעהויבן האָדעווען מיט קאַרטאָפלעס און קלייען־ברויט, האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם אומרחמנותדיקן הונגער; און עס איז נישט געווען מיט וואָס צו ראַטעווען. און סתם קראַנקע, אויסגעטריקנטע האָבן זיך נעבעך אָפּגערוקט. איינגעשלאָפן ווי פייגעלעך אין די שאַרפע קרירות.

דאָ און דאָרט האָט זיך געטראָגן אַ געיאָמער פון די וואָס מוזן **דאָס צוזען** און ווידער האָט זיך איינגעשניטן דער איבל פונעם מעמד אַן אויסגאַנג.

...נישט דערוואַרט שוין אַן אויסבעסערעכץ, נאָר פון דעסטוועגן האָט מע זיך געכאַפּט ווי מיט אַ מאָל האָט אין דער באַלוטער ענגשאַפּט זיך

אַריינגעשלייכט די שפּעדיקע ברייטקייט פון ליבן זומער. אַ פּאַרשפּעטיק־טער, אָבער געקומען. און נישט קיין חילוק, ווי ער הייסט דאָרט: פרילינג צי שפּילינג. ווערט נאָר וואַרעם, רופט מען עס זומער, כאָטש ס'איז נאָך פּאָר שבועות און אין די גבירישע הייזער קריגט מע די כאַפּ פּאַר אַ לילע־קאַליריק צווייגל מיט דריבנע בלעטלעך בעז און זיי צירן מיט דעם זייערע שיינע סאַליעס. וועגן פרילינג מיט זיין גערימטער צאַרטקייט ווייסט מען לעולם קיין מאָל נישט צווישן די אביונים. אַזעלכענע ווערן נישט צעקראָכן מחמת גערירטקייט פון אַ בילע־וואָס. די חנעוודיקייט פון אַנגע־קוואָלענע קנאָספּן, די זיסלעכע ריחות וואָס עס ברענגען פאַרבלאָנדזשעטע לינדע ווינטלעך — די אַלע איידלקייטן האָט מע נישט געקענט אין דעם מלכות פון אָרעמשאַפט. זענען פּלוצלינג געוואָרן צו קליין די טוכלע, טונ־קעלע שטובן און פון דער ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ באַנג געשריי: „ס'איז אַזוי פינצטער!" — האָט מען ערשט דערשפּירט אַז דער דרויסן איז אויף דער צייט. זומער ווערט געבוירן. ווילקע וועט ענדלעך אויפקומען! און באמת: אַלץ זעט אויס ווי אויסגעוואַשן, קוקט מיט קלאָרע אויגן, אַלץ האָט מיט אַ מאָל גענומען אויפיערן.

אין באַלוט האָט אָנגעקלאַפּט גרויסער בין־הזמנים.

און איידער מ'האָט זיך אומגעקוקט האָבן זיך צעפּראַלט די קורצזיכ־טיקע פענצטער. זיי בליקן אַרויס צו די הויקערדיק־ברוקירטע געסלעך, קוקן צו די תהומיק טונקעלע ליקן, לענען זיך אָן אין די שכנישע סמאָלע־דעכער און די דאָזיקע סאָפּען פויל מיט רייכערנדיקע קוימענדלעך.

נייע אויסגעוועלבטע הימלען האָבן בלאָ און לויטער זיך געשפּרייט איבער די דעכער וואָס זענען דאָך געבליבן אומעטיק שוואַרץ; דאָ און דאָרט האָבן אויף זיי זיך שוין געפּלעקט נאָר וואָס אָוועקגעלייגטע אונטער־גענעצטע איבערבעטן מיט קישנס אין געבליאַקעוועטן רויטן איינשיט, אין געקעסטלטע ציכן און אין ליכטיקן דרויסן האָט דאָס אָפּגעגעבן מיט תרעו־מותדיקער וואָכעדיקייט.

וואָכעדיקייט איז אויך ווייטער געבליבן הויזן מיט די געסלעך, וואָס לענגערן זיך ערשט אויס אונטער דער זון, אָבער אַ ליכטיקע לעבעדיקייט האָט דאָך אַריינגעדרונגען אין די פאַרשמאַכטע מענטשישע הערצער. ווילקע האָט געגעבן העלע, פאַרביקע קעטעס, וועב־שטולן האָבן זיך באַוועגט

זשוואָווע און נישט ווו, נישט ווען האָט זיך ערגעץ אַדורכגעריסן אויך אַ האָפּערדיק לידל.

ביי וואָווע געלבאַרט אין הויז האָט אויך זיך אויפגעטייעט דער גלי־ווער, כאָטש מיטן שידוך פון דער עלטסטער טאָכטער איז גאָרנישט גע־גאַנגען גלאַטיק. און דאָס איז געווען די הויפּט־דאגה אין שטוב. פאַרדעקן דעם קאָפּ דעם מיידל, דער ערשטער כאָטש, איז געווען דער אַלץ מיט־אַנאַנד. הדס האָט זיך אָבער פאַרעקשנט. דער טאַטע פרעגט איר, די מאַמע וויינט אין איר אַריין; זי זאָגט נישט „יאָ" און נישט זי זאָגט „ניין". פאַר דעם איינעם פּיפּס האָט זי מודה, זי ציטערט, ס׳קען חלילה־וחס קומען צו אַן אומגליק. די אַלטע לייט קענען׳ס גאָט באַהיט נישט איבערהאַלטן. און דאָס וואַרטן און ס׳ציטערן נעמט צו ס׳חיות ביי טאַטע־מאַמען און נאָר זיי באַמיִען זיך ס׳זאָל נישט אַרויסקומען אין דרויסן. וואָס ס׳זאָל נישט געשען, זאָל עס זיין פאַרדעקט. מענטשן, זאָגן זיי, זעען, מענטשן וויסן פון אַלעם. אַ יונגערמאַן גייט צו ר׳ וואָווען, ס׳אַ חתן און דאָ נאַדיר... ווי פון מיטן ווינטער, ווען ס׳איז געשריבן געוואָרן ס׳וואָרט איז דער חתן ווייטער אַריינגעקומען אין שטוב, שפרה האָט אים ליבלעך אויפגעוואַרט מיט געזיסטן טיי, מיט קיכלעך; פון זיין כבודס וועגן האָט שפרה יעדעס מאָל זיך איבערגעטאָן, ר׳ וואָווע איז אָפּערגעגאַנגען פונעם וועב־שטול, האָט געשמועסט מיטן יונגערמאַן, דעם פלאַם פון לאָמפּ עקסטרע אַרויפ־געדרייט. שעהן לאַנג איז מע געזעסן מיטן חתן און זי, ס׳כלה־מיידל, צוליב וועלכער עס איז דאָס גאַנצע געטועכץ, זי האָט זיך נישט געוויזן ביים טיש, ווו עס איז געווען ליכטיקער ווי אין דער גאַנצער שטוב, ווו אַ שטיקל יום־טוב האָט זיך געהאַט צוגעשפּאַרט. פאַרבאָרגן ס׳פּנים אין די האַנט־פלאַכן האָט די כלה זיך געקלאָגט קלאָמפּערשט אויף קאָפּווייטיק אָדער זי האָט זיך פאַררוקט ערגעץ אין אַ ווינקל. יעדעס מאָל געפונען אַן אַנדערן תירוץ. די גאַנצע צייט וואָס ער איז געזעסן אין שטוב איז זי געווען שטום און טאַטע־מאַמען האָט דאָס מין פירעכץ געלעכערט דעם מוח. פאַרן גאַסט האָבן זיי פאַרענטפערט ס׳מיידל:

— זי שפירט זיך עפּעס לאַ־עלינודיק. פון דעם רויש אין פאַבריק, ווערט אַ תל פון איר.

אַ מיושבער, אַ געזעצטער האָט דער חתן מיט אַ ציקנדיק פּנים געקוקט

די אַלטע לייט אין די איבערגעלאָפּענע אויגן אַריין און געשוויגן. ער קען דען אַרויסווייזן, ר׳גייט אויס נאָך איר? ס׳אי׳ דען שיין צו טשוטשלען זיך מיט אַ כלה: הדס, וואָס אי׳ דיער...?

אַן אַנדערש מאָל, ווען טאַטע־מאַמע האָבן זי דאָך געבראַכט צום טיש זענען הדסעס אויגן געווען פאַרשוואָלן פון וויינען, וואָס זי האָט פריער געוויינט. דער יונגערמאַן האָט שעמעוודיק אַ קוק געטאָן אויף איר און מחמת דרך־ארץ פאַרן מחותן גאָרנישט גערעדט, כאָטש ס׳האַרץ האָט׳ן אַ צאַפּל געגעבן: הע, וואָס? מיט באַנגיקייט האָט ער נאָך דעם אויך אויפגענומען דער וואָרעכעס ברכהדיקן זאָג:

— ווי דערלעבט מע שוין דעם טאָג!... מיט גאָטס הילעף ׳עט זי קימען צי זיך.

דעם יום־החתונה האָט זי בפירוש געמיינט, דער כלהס מאַמע; דער יונגערמאַן האָט עס אַזוי באַנומען און זיין פּנים האָט אָנגעהויבן פלאַקערן. ר׳ וואָווע האָט׳ס קענטיק נישט געזען, וואָרן ער האָט זיך אומרו׳יק אַ דריי געטאָן אויפן זיץ, פאַרקוועטשט די אויגנלעפלעך און זיפצנדיק באַגלייט דער ייִדענעס אָכץ:

— כ׳פאַרהאָף, רבונו של עולם!

דער חתן האָט אויף אַן אמת זיך פאַרלוירן; טאַקע ער איז דאָ דער עיקר אין חשבון און אַז ער, מיינט מע דאָך זי אויך, די כלה זאָל געזונט זיין.

זי, הדס, איז געבליבן זיצן אַן אומפאַרענדערטע: קאַלט ווי אַ שטיין.

און איז ער אַוועק איז זי ערשט אויסגעבראָכן מיט אַ העשן, מ׳האָט זי קוים געקענט איינגעמען.

ר׳ וואָווע איז געווען שטאַרק צערודערט. וויי, וויי, יגון־ואנחה שטאָטס שימחה איז׳ן באַשערט. אוי, אַזוינס זאָל אים צוהאַנדן קומען. דעם אייגענעם קאָרצן שכל וויל דאָס דווקא נאָכגיין. איי־איי, וואָס טיט מען! וואָס טיט מע־עען — — —

פול צער איז ר׳ וואָווע דערנאָכדעם אַרויס פאַר דער טיר כאַפּן דעם אָטעם.

מחמת דעם עקשנות דעם מיידלס איז די מאַמע צו צו דער טאָכטער מיט אַן איבערגעגאַנגען האַרץ:

— געדענק, הדס, דו מאַכסט נ׳טויט דעם טאַטן! ער איז אַ חרובדיקער מענטש. ער וועט זיך חלילה וחס אַנידערלייגן. וואָס פאַרא וועלטן פירסטע? ווי די זון אין הימל אַ יונגערמאַן, אָרנטלעך, אָפּגעהיטן און דו... — שטאַמלט זי — ווער געפעלט דיר, ווער?... געדענק, געדענק, הדס, די ערד וועל איך קילן איבער דיר!

זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון דער טאָכטער, זי זאָל איר צוזאָגן, זי ׳עט בעסער ווערן, אַנישט וועלן זיך „ריסעס״ אָפּטאָן. הערסט, הדס, העע־ערסט! — און זיך די צונג אָפּ־געביסן.

ווייל ס׳האָבן זיך דערהערט טריט.

און ז י האָט פאַרעקשנט זיך אַריינגעשוויגן אין דער מאַמעס העפטיקן געבייזער. אין איר האָט געזאָטן די ביטערניש און די מאַמע אַ גע־שרומפּענע, אַ פינצטערע ווי אַ קזשאַק אין וויכער האָט זיך אין גאַנצן געוואָרפן פון כעס, פון דערשטיקטן געיאָמער: הדס, הדס!

אַ פאַרביסענע ווי זי איז, האָט ס׳מיידל ציטריק געקוקט אויף דעם־אָ צעוויגטן קזשאַק און געהאַט ס׳געפיל אַז אָט־אָט פאַלט זי אויף איר, די מאַמע, צעדורסט זי.

## ב.

געדורסט האָט זי נישט די טאָכטער, נאָר איינגעבראָכן האָט זי איר עקשנות, איינגעבראָכן מיט וויסטע קללות אויף איר אייגענעם קאָפּ.

— זאָלסט אין געכן באַגראָבן די מאַמע, וועסטו גאָר האָבן פריי. וועסט שוין טאָן ווי דיר געפעלט!

— האָסט זיך אָנגעניגלט אין מיר און ווייסט נישט ווען אויפצוהערן. באַגראָב דו מיך און אַראָפּ אַן עול, — און ס׳מיידל איז ווידער אַ מאָל אַרויס מיט אַ הייס געוויין. און וויינענדיק, דורך טרערן, האָט זי איבער דער אומעטיקער שטוב צעשאָטן איר ביטערע טענה: אַ גוטע מאַמע זאָגסטע, ביסטע; ווינטשסט מיר אַל דאָס גוטס, כ׳זע טאַקעש.

— ניין, אַ שונא בינ׳עך דיר. שלאָכטס וויל די מאַמע זען ביי איר קינד.

— אודאי שלאכטס, וואָ׳דען! גליק גינסטע מיר, הע? פּאָר אַ רויען יונג ווילסטו מיך פאַרשלייערן, דאָס איז ס׳גלי־ייק? גלאָאַכער צו פאַר־זיצן. די כאַליערע וועט מיך נישט נעמען אַז כ׳על זיצן ביזן גראָען צאָפּ אַריין. ערגער איז מיט אַזאַנעם... גיי שוין האַנדלען מיט עם, העלפן צו די פינאַסע. „אַ וואָאַב נעם עד זי זאָל ניש׳ זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. איך וועל נעמען דעם קויבער ביי איין אויער, דו ביים צווייטן אויער" — דאָס איז ס׳גיטע, מאַמע, צו וועלכן דו טראַבסט מיך... וואָלט ער׳ס מיר כאַטשיק נישט געזאָגט, געוואַרט אויף נאָך דעם. מילא, ווי עס קומט אויס ביי אַ פאַרפאַלק. אַ וואָאַב דאַרף זיך שטעלן גלאַך אויף גלאַך מיטן מאַן, אַפילוכע אין דער פינאַסע, וואָס מ׳מיז אַ מאָל באַנעזאַמען אַראַנבערענגען אין שטיב אַראַן. כ׳פאַרשטיי, אָבער פאַרויס זיך אַזוי אויסצורעדן, דאָס זעסטע, איז שוין דער ראַכטיקער פּאַטשאַנטעק אויפן גיטן לעבן...

באַוואַשן זיך מיט די טרערן, ס׳פּנים האָט איר געפלאַמט און דערנאָך שוין געדעדט ניכטער, מיט אַ טאָן פון בעטעניש: באַטראַכט זיך וואָס עץ גייט טיען.

אַ קיל גריזשעניש האָט זיך דורכגעריסן אין חלל; ווער עס האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אין די פויסטן אַריין און ווער עס האָט פאַרקוועטשט די אויגן. דער מאַמען אָבער האָט געהויבן דאָס געדעדעכץ.

— זע נאָר, זע, ווי דאָס רעדט זיך אַאָן! אַ יונגערמאַן ווי אַ לעכט, אָרנטלעך און שווינט זיך נישט און איר געפעלט עס נישט. וואָס פאַר אַ בייזס איז אַז ר׳האָט דיר געזאָגט די נעוואָרעט? קאַ׳ באַטלשנאַדער איז ער נישט, ר׳איז אַ סוחר, אַ פיצל סוחר, אָבער אַ סוחר, ס׳מזל קען עם געכער צושפּילן. ס׳געכער פּרנסה ווי באַ וועבעריי. ס׳גאָרנישט קאָ׳ חרפּה... און וואָס האָסטע דיר איינצורעדן אַזוינס, שנאָרערס טאָכטער, דעם טויטן וואָ־וועס טאָכטער! זעסט דען נישט אין וואָס פאַר אַ גאַלדענע צויטלען דאַן טאַטע גייט אַרום? אויף וועמענען ווילסטו וואַרטן, קליגער מוח; מיט וועמענען וואָלטסטו געוואָלט טאַנצן, מיט פּאָזנאַנסקין אפשר? — — אַן איינ־רעדעניש אַז מ׳האָט, איז ערגער ווי אַ קרענק. געדענק, געדענק! טו, טו, ווי דו פאַרשטייסט, טראַב טאַטע־מאַמען אין דר׳ערד אַראַן!

צעקאָכט איז זי געוועזן די יידענע. מיט אַנגסט־שווייס האָט זי זיך אָפּ־געגאָסן און מיט אַ מאָל זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אונטערגעהאַקטע.

מיט כל הכוחות האָט זי געוואָלט פאַרדעקן די צרה, זי זאָל נישט אַרויסקומען פון שטוב. אפילו דער מאַן זאָל נישט וויסן אַזוי פיל. עס האָט זיך אָבער נישט געלאָזן. ס׳פייער האָט אויסגעבראָכן. צעשריגן זיך איבער דער טאָכטער, אַוועקגעפאַלן אין חלשות, פאַרהאַקט די ציין און ער, דער טאַטע, האָט׳ס דערזען — האָט ער זיך אויך אָנגעריסן אויף איר. וואָסי, אַזאַ גיהנום האָבן אין שטוב! אַך, אַך, דערלעבט! ער האָט זיך נישט געשאָלטן מיט טויטע קללות ווי זי, די ייִדענע, האָט׳ס געטאָן. ר׳ וואָווע האָט זי געמוסרט מיט די האַרבסטע רייד. דער ייִד האָט אַזש געציטערט פון צאָרן, ר׳איז גרין געוואָרן און דאָס האָט זי, אַן אייגענע טאָכטער, גורם געווען. די שווערסטע האָבן׳ס צוגעזען און זיך בפירוש געקרימט אויף איר, הדסן. ער ווידער, דער טאַטע, אַזוי תהילימדיק ווי ער איז שטענדיק, האָט כלומרשט זיך באַרויִקט און איצט אויסגעברומט זיין מוסר. — פיל האָבן מיך באַליידיקט פון מיין יוגנט אָן, פון דעסטוועגן זענען זיי מיך נישט בייגעקומען; אויף מיין רוקן האָבן געאַקערט אַקערער, זייערע לאַנגע בייטן געמאַכט. גאָט איז דער גערעכטער. זיי ווערן פאַרשעמט און זיי מוזן זיך אָפּקערן — —

ס׳מיידל האָט זיך דערשראָקן פאַרן פאָטערס אויסטערלישן צאָרן. וואָס, וואָס, ווי שטאַרק זי זאָל נישט נישט וועלן דעם־אָ פּאַר אַ מאַן, וויפל זי זאָל זיך נישט עקשנען, נאָר צוזען דעם טאַטנס עגמת־נפש האָט זי נישט געקענט. דער טאַטע איז איר טייער. דעם טאַטן שאַנעווען פרעמדע, קומען אים אַנטקעגן מיט ווייכקייט און זי, זיין טאָכטער... די וואָגשאָל האָט דאָ ראַפּטעם זיך אויסגעבויגן. דער דרך־ארץ פאַרן פאָטער האָט מכריע געווען.

זי האָט שוין מסכים געווען. „זאָל די מאַמע עס אים זאָגן״, האָט זי זיך געבעטן ביי דער מאַמען.

אַ לענגערע צייט האָט הדס זיך געשעמט דעם פאָטער צו קוקן אין פּנים אַריין. און אַז דער חתן איז אַריינגעקומען, האָט זי זיך די ערשטע צוגעזעצט צום טיש.

— האָסט דאָ אַ בענקל, שמואל.

זי האָט אים צוגערופן און באַמיט זיך צו שענקען אים אַ שמייכל.

עס איז געווען גוט, מיט אַ מאָל גוט געוואָרן, נאָר דער מאַמען האָט עס שוין געשטאָכן:

— אַזאַ קינד אָנעהאָרע. ווער ווייס, צי דער קרבן אירער איז נישט צו גרויס. אַ האָרץ, ווי איז איר, איז אַ מאָל אַ נביא... אַזאַלכענע טרערן ווי זי האָט פאַרגאָסן, זענען זעכער נישט קאָ׳ ברכה־רעגן פאַר אַן אויסגע־דאַרטן גאָרטן.

שפרה האָט זיך פון דאָס ניי געגעסן. ערגער איז איר געווען וואָס זי האָט איצט נישט געהאַט פאַר וועמען זיך אויסצוווייגען. דעם מאַן האָט זי נישט געוואָלט אָנטאָן דעם צער, און זי האָט זיך אַליין געגרימט.

## ג.

דער זמן־החתונה איז אָפּגעשמועסט געוואָרן אויף נאָך די יום-טובים אַז מ׳עט׳ס דערלעבן. אין שטוב האָט מע געענוי שוין אויסגערעכנט: שבת פרשת תולדות מיט אַ גוט געזונט וועט מע דעם חתן „אויפרופן" און שבייסצונאַכטס וועט מע מיט מזל שטעלן די חופּה.

אַ בכבודיקע חתונה וועט עס זיין. אין אויפרייסן די אויגן „דער וועלט" גייט עס טאַקע נישט — און קאָ׳ כוח פאַר דעם איז דאָך אוודאי נישטאָ! — ס׳אָבער פאָרט אַן ערשט קינד. אַ קניפּ אין דער באַק. אַזוי איז געבליבן בהסכם כולם. די מיידלעך זענען אַרומגעזעסן דעם טיש, דער טאַטע איז שוין געווען נאָך מעריב. הדס האָט זיך נישט געוואָלט מישן. „ס׳ענקער זאַך, האָט זי געטענהט. אויב צ׳ווילט זיך נישט צעברעכן, לאָמיר מאַכן שטיל. די חופּה און אַ לעקעך מיט בראָנפן פאַר די נאָענטסטע. מער דאַרף מע נישט. דער יויזל ווערט דאָך נישט געבוירן" — — די שוועסטערן האָבן נישט מסכים געווען: אָן מוזיק איז נישט קאָ׳ חתונה. מ׳עט אַלץ טיִען אַז ס׳זאָל זאַן. נישט אַלע טאָג קימט פאָר אַ חתונה. ר׳ וואָווע געל־באָרט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „אוודאי וואָלט גלאַכער געווען מיט אַ קאַפּעליע. אַזאַ זאַך איז אויפן לעבן אַרויס". אָבער שטעלן אויף זיין דעה אַז אַזוי וויל ער, דערצו איז ער נישט דער מענטש. ער האָט געוווסט: די פרויען אין שטוב, די מאַמע מיט די טעכטער, זיי פירן. ס׳זייער זאָרג, זייער אחריות. ער, וואָס איז ער משטיינסגעזאָגט?

און ס׳הויז האָט זיך געגרייט. ר׳ וואָווע איז זיך געזעסן ביים וועבשטול, געקלאַפּט מיט דער לאַדע און נישט געזאָגט קיין דעות. אין די אויפדערנאַכטן האָט ס׳ווייב מיט די טעכטער אין שטוב אַריינגעפירט ס׳געמיט פון ערב חתונה. אויפן טיש אַוועקגעשטעלט אַ לאָמפּ מיט אַ הויך־אַרויפגעדרייטן פלאַם און גענומען שניידן, נייען און העפטן. שפרה האָט אָנגעטאָן אירע שפּאַקולן מיט די ווייס־דראָטענע רעמלעך. איר גאָמבע מיט די איינציקע גראָע הערעלעך האָט זיך מערער אויסגעצויגן און אונטער דער שיין פון לאָמפּ געגלאַנצט ווי אַ שטאַרק אויסגעאַרבטע. ווייל דין איז זי געווען און אָנגעצויגן אויף אַ שאַרפן ביין. לייכט האָט געציטערט אָט די קוקנדיקע גאָמבע און צוגלייך מיט די אָנגעשפּאַנטע אויגן פלייסיק זיך אַריינגעבייט אין די שטיקלעך ווייסוואַרג אין איר שויס. שפּיצן־אוזאָרן האָט זי אַריינגעשטעלט נעבן שורות דינע פעלדלעך אין די קישן־ציכלעך און זי האָט אויסגעהאָפטן קליינע געשלענגלטע מאָנאָגראַמען הדסעס. דעם מיידלשן נאָמען וועט מען איר מיטגעבן פון דער היים; אין דעם גאַנצן אויסשטייער פון וועש ווערט איר מיטגעגעבן דער אָנדענק פון איר מיידלשקייט. אַלע האַנטעכער, די ליילעכער און ציכן מוזן טראָגן די חתימה פון הדס געלבאַרט. יעדעס שטיקל וועש מוז דורכגיין דער מאַמעס האַנט. צום מערסטן געדולד האָט זי צו דער פיינער אַרבעט. די טעכטער זענען מער איילעוודיק, זיי האָבן ליב צו זען די זאַכן גיך אויסגעפאַרטיקטע. שערצלעך נייען זיי פאַר דער שוועסטער, מעסטן אָן אויף איר נאַכטהעמדער לאַנגע ביז צום טריט, געפּוצטע מיט שפּיצן־איינזאַץ. גאָלדע זאָרגט זיך פאַר דער אויסצירונג פון דער שוועסטערס שטוב, וואָס זי וועט מערטשעם האָבן. כלעררליי טישטעכלעך האָט זי אויסגענייט מיט פאַרביקן שוטאַש, מיט רויטס וואַרפט זי איבער צעקלעך אויף האַנטעכער, וועלכע מ׳וועט קיין מאָל נישט ניצן ווי מ׳נוצט האַנטעכער. אָט די האַנטעכער מיט די רויטע צעקלעך, מיט דער אויפשריפט „גליק און זעגען״ וועלן הענגען אויף אַ ספּעציעלן האַנטעכהאַלטער. אויף אַ שטרוי־קאָלירענער קאַנווע האָט זי שוין פאַר הדסעס שטוב אויסגעפאַרטיקט אַ בילד מיט אַ קאָליריקער פּאַווע, וואָס האַלט אַ מזל־בריוועלע אין שנאָבל.

מיט לייב און לעבן איז מען אַריינגעטאָן אין דעם וואָס דאַרף פאָרקומען. און שטילערהייט גייט שפרה אַרום צווישן באַקאָנטע זיך אָנבאָרגן

געלט. זי קען אַ קינד נישט אַרויסלאָזן פון שטוב אָן אַ קליידל און אָן אַ פּאָר שיך, באַקלאָגט זי זיך. דער אייבערשטער וועט זי נישט פאַרלאָזן. זי האָפט צו גאָט און זי וועט נאָך זיין אין שטאַנד אָפּצוגעבן. זי ביאַדעט און מענטשן זאָגן נישט אָפּ. בפרט מ׳ווייס, אַז ביי וואָווע געלבאַרט איז עס ווי געוויגענע רענדלעך. שפרה קרעכצט נעמענדיק. שטילערהייט פירט זי די כלה צו אַ שניידערקע, מעסט איר אַ יום־טוב־קלייד און אַ האַבעלאַק מיט אַ ראַטאַנדע אויסגענייט מיט בלומען פון שוואַרצע גלאַנציקע שופּן און אַרומגעזיימט מיט טיף-שוואַרצע סאַמעט־בענדלעך. אַ באַלעבאַטיש קינד לאָזט מע נישט אַרויס פון דער היים אָן אַזעלכע בגדי החתונה. זי מאַכט עס בסוד, שפרה. דערנאָך וועט זי שוין אָפּצאָלן. אַ חופּה־קלייד מיט אַ וועלאָן וועט מע שוין אויסבאָרגן באַ שיינדל די סאַרווערן. עפּעס קע־קערס פון איר נייט אויך נישט קיין חופּה־קלייד. ס׳קאָסט אַ פּאָר גילדן אויף איבער דער חופּה און פאַרטיק. לאָזן מאַכן? אַ ים מיט זייד, מיט טיול און שפּיצן גייט אַריין אין אַזאַנס. שפרה די וועבערקע וועט זיך אַזוי פיל נישט איינשטעלן. פירן פירט מע זיך אַז מ׳זאָל חלילה נישט פאַרשעמט ווערן. מער טאָר זי נישט!

### ד.

וואָכן זענען געלאָפן און די טונקעלע שטוב האָט זיך אויף אַן אמת אָנגעפּוישט מיט דער גרויסער דערוואַרטונג — אַ חתונה, ס׳עט זיין אַ חתונה!

ווי ס׳רוב וועבער־שטובן איז לאַנג און שמאָל די וועבער־שטוב וואָווע געלבאַרטס. אויבנאָן איז זי ברייט־נאָך נאָר דורכגעטיילט מיט אַ דין היל־צערן ווענטל און הינטערן ווענטל שטייען די געלעגערס פּאָר מאַן און ווייב: צוויי אַלטע, גרויסע בעטן מיט געשניצטע גזימסן, אַ קאָמאָדע מיט ברייטע, שווערע שיפלאָדן און אַ שויבנשענקל אָנגעפּולט מיט גלאַנציק געפּוצטן גלאָזוואַרג, קאַליריקע קריגעלעך, אַ קאַרפינקע מיט כוסעלעך ווי אויך אַנטיקע שטיקלעך פּאַיאַנס, פון וועלכע מ׳האָט קיין מאָל נישט קיין נוץ. אין שטוב זענען זיי נאָר פון שאַנקייט וועגן. שטאָטס אַ גזימס איבערן שויבנשענקל שטייט — און דאָס אויך פון שאַנקייט וועגן — אַ וואַזאָן

מיט אַן אויסגעשפּרייטן בוקעט געדיכט־רויטע, גרינע און געלע פּאַפּירענע בלומען, וואָס האַלטן זיך אויף פאַרהוילענע דרעטלעך. איטלעך מאָל, ווען די אַלטע שפרה האָט אַ רגע צייט, גיט זי אַ קוק אַריין אין איר „סאַליע״, נעמט אַרום מיטביידע הענט די בלומען, סדרט זיי גלייך, שטעלט זיי איבער אַז „שלום זאָל זיין צווישן זיי״ און זיי שאַרכן אויף פּאַפּיריק און לאָזן פון זיך אַ דושנעם שטויב.

דאָס איז די שבת־יום־טובדיקע סאַליע. די אומענדלעכע וואָכנעס מיט די טרויעריקע, טריבע טעג און נעכט פאַרברענגט מען מחוץ דעם דאָזיקן אָפּגעזונדערטן ווינקל. בלויז נאַכט־האַלטן גייען אַהין אַריין די אַלטע לייט. אַ פּירקאַנטיקער, ברעטערנער טיש, וואָס ווערט שטענדיק גע־שויערט, אויך ברעטערנע צוויי לאַנגע בענק, עטלעכע טאַבורעטקעס און ענלעכע מטלטלין פאַרפולן די באַלעבאַטישקייט, אָן וואָס אַ וועבער־שטוב איז שוין גאָר הויל. אַ צוויי־דריי פּראָסטע בעטן מיט אַ שלאָפּבאַנק, אַ פּאָר פּאָליצעס און ס׳רומל איז פאַרטיק. די בעטן זענען פאַר די קינדער און די שלאָפּבאַנק פאַרן זמן־יונג, אויב מ׳טרייבט אַ גרעסערע ווערקשטעל. ביי וואָווע געלבאַרט איז אַזאַ רייך קיין מאָל נישט געווען. באַלעבאַטעווען איבער פרעמדע איז נישט זיין סגאַל. ער וועט ב״ה אויסקומען אַזוי אויך. און ס׳פעלט׳ן חלילה גאָרנישט.

אַזוי האָט ער געפירט זיין וועלט.

אָפּגעאַרבעט, אָפּגעדאַוונט, געזאָגט „קרישמע״ און פאַרקליבן זיך אין זיין ווינקל אַריין.

און האָט מע געמאַכט הכנות צו דער חתונה, ס׳זענען געגאַנגען אַב־צעגערס, מ׳האָט געקויפט און געלאָזט נייען און אַליין גענייט אויף עטלעכע פּאָר הענט, האָבן מענטשן געזעען און אַז אויגן זעען, האָט ס׳מויל אויך עפּעס צו טאָן. אין גיכן האָט׳ס שוין געקלונגען:

— הע, מ׳האָט אַ גרויסן גאָט. אַ מענטש, דאַכט זיך, האָט נישט דעם טאָג איבערצוקומען, קלעפּיקע איינער אַליין אַ קעטעלע און דאָך... מ׳גרייט פון דעסטוועגן אַ חתונה. מאַכט אַ גרויסן אויסשטייער. און מסתמא גיט מען אַ שיינעם נדן אויכעט.

האָט זיך אויפגעכאַפּט די מענטשישע קנאה, איז זי שוין אַוועק איבער די געסלעך און זי איז דערגאַנגען אויך צו גנבים. זיי האָט טאַקע פאַרלאָקט

דער אוצר וואָס איז אָנגעגרייט געוואָרן פאַר וואָווע געלבאַרטס כלה־מיידל, וואָרן פּרנסה איז נישט קיין קינדערשפּיל. אויף פּרנסה צעברעכט מע זיך דעם קאָפּ.

— — — שלאָפט זיך די וועבער־שטוב אין איר חלום־שלאָף. מיד פון אַ גאַנצענעם טאָג דאגות און האָרעוואַניע, בלייבט אויף ביינאַכט די וואָר צו וועלכער מ׳דערוועגט זיך בייטאָג אפילו נישט צוצורירן. קבצנים בני קבצנים לאָזט זיך ס׳יונגוואַרג דעמאָלט אַוועק וואַנדלען איבער פּראַכטיקע גאָרטנס און אין די גאָרטנס שטייען פּאַלייען. פאַרלאָזן זענען די פּאַלייען, פון שווילטאָג האָבן די באַלעבאַטים זיך געלאָזן אין דער וייטער וועלט אַריין, איבער ימים און בערג — — פון אומגעהאַרישע פיש זענען זיי איינגעשלונגען געוואָרן און קיין רחמים איז נישט געווען צו בעטן. קיינער, קיינעטשקער ווייסט נישט פון דעם. אָט זיי, נאָר זיי האָבן עס געוואָר געוואָרן; קריגן זיי זיך דאָ אַריין, באַהאַלטן זיך אויס אינעווייניק איין טאָג, אַ צווייטן, געוווינען זיך צו צו אַלעם. דורכגייערס גריסן זיך צו זיי ווי צו די, וואָס האָבן שוין פריער געוווינט אין די הערלעכע פּאַלייען. גאָל־דע, גאָאָלדעע! — רופט הדס דער שוועסטער, וויל זי גיך אַריינצי׳ען צו זיך אין אָ־דער סאַליע, וועלכע זי האָט ביז אַצינד גאָרנישט געזעען — —

מאָדנע האָט אַ דרינזשע געטאָן הינטערן פענצטער. און אפשר דאַכט זיך עס אים. רופן גאָלדען האָט ער בפירוש געהערט, ר׳ וואָווע. אונטערגע־שפּאַרט די הענט אונטערן קאָפּ הערט ער זיך צו צו דער זשומענדיקער פינצטערניש. די מיידלעך שלאָפן אומרו׳ק. רק זיי חלומט זיך. אויף אַן אמת, עס ציטערן לייכט די שויבן. אַ ווינט אפשר זיך אויפגעהויבן? שוין ווידער; ס׳דרינזשען די פענצטער — ער הערט זיך איין. ס׳שטיל, שטיל איז די פינצטערניש, נאַכטיש, קעץ האָבן אפּנים זיך אַריינגעקריגן אין הויף, שפּרינגען אַרום, בייסן זיך, שטערן צו שלאָפן.

פּאַוואָליע האָבן זיך פאַרוועבט וואָווע געלבאַרטס אויגן, כאָטש שלאָפן שלאָפט ער נישט. בפירוש הערט ער דעם דרויסן, ער שפּרייזט נאַכטיש הינטער די פענצטער, דערנעענטערט זיך, גייט אָפּ. נייך, ער שלאָפט נישט. אָט — עס קלינגט צווישן גלאָזוואַרג, דרין־דרין — — דרי־יזין, און נאָך אַ מאָל. ס׳אוודאי אין שויבנשענקל, אָ־וואַ, אַ שאָדן עט׳ס אָפּטאָן; אַ פּזשיק!

אַ פּזשיק! — רופט ער נישט דערוועגנדיק זיך אונטערצוהייבן. אַ פּזשיק, אַ קאַטאַ! — רופט ער שטיל און וויל זיך מערער איינהערן.

שטיל, נאַכט. די נאַכט פּויזעט אין די פינצטערנישן און אַז אַ מענטש וועקט זיך איבער איז׳ן שוין שווער שטאַרק איינצושלאָפן. נאָך אַ פּאָר מאָל האָט וואָווע געלבאַרט אין דער נאַכט פּאַרמאַכט די אויגן, דאַכט זיך ר׳האָט שוין גענומען איינדרימלען, נאָר די קאָץ האָט אַרומגערוחט צווישן גלאָזוואַרג. ס׳האָט שוואַך געקלונגען אין דער טיפער פינצטערניש — „אַ פּזשיק, אַ פּזשיק!" האָט ער גערופן מיט פּאַרקוועטשטע אויגנלעפּלעך, געדרייט זיך אַן אומרויִקער און געקלערט זיין אומעטיקן געקלער: ווי קימט מע שוין איבער ס׳פּעקל! אַ קאַטאָוועס, אַ טאָכטער אַרויסצופּאַקן פון שטיב...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויפגעכאַפּט זיך פּאַרטאָגס, דערזען אַ חורבן אין שטוב, מ׳האָט זיי באַגנבעט, האָט שפרה אויפגעהויבן אַ געוואַלד: אוי וויי, אוי וויי, מ׳האָט מיך שוין חתונה געמאַכט, שוין, שוין!

זי האָט שווער געסאָפּעט, געקרימט ס׳פּנים און אַ דערצונדענע, מיט פּאַרדריקטע ליפּן געריסן זיך די האָר פון קאָפּ. דערהערט די געוואַלדענעס האָבן די מיידלעך זיך אויפגעריסן פון די געלעגערס און צעשויבערטע, פינצ־טערע טרויעריק צוגעווייִנט צו דער מאַמעס יאוש־אויסברוכן. ר׳ וואָווע האָט פּאַרצווייפלט געוואָרפן מיט די הענט, געביסן שטיקער פון דער באָרד און דרייענדיק זיך אַרויף און אַראָפּ שטיל אין זיך עפּעס אַריינגעמורמלט. אויפגעריסן די אויגן האָט׳ן ס׳ערשטע ווייַ געטאָן: די סעפּער־קעטע צוזאַמען מיטן „בוים" האָבן די גנבים אַראָפּגענומען פון וועב־שטול, אויך דעם טייערן שוס פּאַרנומען מיט זיך. דורכן אויסגעבראָכענעם פענצטער געמאַכט ס׳שטיקל, אויסגעבראָכן ס׳פענצטער, אוי, אוי... וואָס פּאָר אַ פּאַרענטפער־ניש ׳עט ער האָבן פאַר בער־באָריסן, אוי־אוי!

טעג דורכאַנאַנד איז חורבן געשטאַנען אין שטוב און אין געשריי און געקלאָג האָט מע זיך נישט געכאַפּט, אַז אייגנטלעך איז דאָ אַ טרייסט אין דעם אומגליק: באַגנבעט האָט מע זיי טאַקע, נאָר דעם אויסשטייער האָבן זיי נישט געדוינזשעט צו פּאַרנעמען, די גנבים. געדוינזשעט צי נישט גע־דוינזשעט, האָט אַ נאָענטע שכנה געטייטשט, די מערכה איז וואָס דער קופערט איז געשטאַנען צווישן די בעטן פון די מיידלעך. בער־באָריסעס

קעטע מיטן שוס איז זיי יאַקאָש געווען צו דער האַנט, נאָענט פון פענצטער. צוגיין צו מיידלעך, און זיי שלאָפן נישט רויק, האָבן זיי זעכער נישט געהאַט קאַ׳ יאַנדעס.

זייטיקע האָט הנאה געטאָן: כאָטש אַ נס דער אויסשטייער. אַ כלה-מיידל אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, אַ מיידל אונטער דער חופה. וואָווע געלבאַרט אָבער האָט זיך עס נישט געקענט שענקען ס׳געשעענע: „בער־באָריסן אין ווילקע ווי ׳עלעך קענען קיקן אין די אויגן אַראַן, אוי, אוי!״

דער געקלונג פון גלאָזוואַרג אין יענעם מיטנסדערנאַכט איז אים אַלץ נאָכגעגאַנגען און ר׳האָט געקרעכצט מיט צער:

— מנע, מנע, אויף אַ מענטש זאָל מע זאָגן אַ פּזשיק!

אַנדערע האָבן צומאָל געשמייכלט אויף דעם זאָג; ר׳ וואָווען האָט עס ס׳זהאַרץ צעשניטן.

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

# און דער וואלד האט געהערט

א.

דאָ צער און דאָרט כסדרדיק עגמת־נפש. נישטאָ קיין יִדיש הויזגע־זינד אין באַלוט ווו פרייד זאָל אויפשפּראָצן אָ לויטערע, מלב מלא. און ווייזט זיך ערגעץ אַן אָנהייב אַ גוטער, איז דער סוף אַ קאַפּויערדיקער. נישטאָ דאָ דאָס אָרט ווו נחת זאָל געדייען.

אויף דעם וויינט און קלאָגט אויך שרה דעם אינעוואליצערס ווייב. ס׳האָט אָנגעהויבן גיין אַ ביסל, גענומען שטעלן זיך אויף די פּיס, איז אויף אים געקומען אַ פּאַרדרייעניש.

נישט ווו, נישט ווען איז ער נעלם געוואָרן פון שטוב. די באַלעבאַ־טישקייט האָט ער איבערגעלאָזן אויפן ווייב. ווילקע איז שמחה־בונמען אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. זי האָט עס צוגעזעצן אַן אָפּהעגטיקע און זיך געגריזשעט: אַ מענטש לאָזט אונטערגיין זיין הויז!

דער וועבער־ייִד איז געכאַפּט געוואָרן פון דער גאַס, פון דעם מורמ־לענדיקן דרויסן, וועלכער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט נייעם מאָדנעם שיכרות —

מיט חבר יאַנקעלע... מיט מאָנונג, מיט אומגעצוימטער ליידנשאַפט. עס שמעקט עפּעס אַזוינס וואָס האָט נישט קיין נאָמען, העפטיקייט האָט עס אין זיך און דאָס גרייט זיך אויפצופלאַצן, גרייט זיך שטילענקערהייט. עפּעס וועט פּעוונע קומען, האָט מע געמורמלט. דערנאָך האָט מען אין די

געסלעך שטאַרק שוין גערעדט וועגן אַ שטרייק. אַ שאַרפער, אַ פּויסטיקער, מיט אַלעמענס גבורה וועט ער זיין.

— אחדות! אַלע אַרבעטאָרערס גיבן זיך די הענט!

אין בית־מדרש, אין דער מנין־שטוב צווישן די פּראָסטע דאַוונערס האָט מע גערעדט וועגן אַ יום־הדין אויף ווילקע און אויף די מייסטערס, די אויסניצערס. אומעטום איז פול געווען מיט דעם.

די וועבער־גאַסן גראָע, צונויפגעטוליעטע, האָבן זיך איינגעהויקערט, די אויערן אָנגעשפּיצט, דערנאָך זיי אַראָפּגעלאָזן האָזיקע, שווערע:

— מ׳עט זעען וואָס ס׳עט זאָגן — —

— ניין, ניין, מוחל! ׳שטאָ קאַ׳ כוח מער!

דער הימל האָט זיך אויך דאָס מאָל שוואַך געלייטערט. וואָלקנס האָבן זיך נאָך געשלעפּט אָנגעטרונקענע, ווי האָריקע רויע פעלן. שוין אַ פּאָר יאָר ווי דער פרילינג פאַרשפּעטיקט זיך אַהער אַריינצוקומען. אַ סך פריי־לינגדיקע טעג האָבן נאָך דערמאָנט אָן האַרבסט, אָנעם קאַלטן רונצל וואָס עס ברענגען רעגנדיקע, הוילנדיקע ווינטערס. וועבער־עולם האָט אויפגע־ציטערט פונעם בילד אין דרויסן; אויפן געמיט האָט עס געוואָיעט, די טריבקייט האָט געמאַכט אויפטויכן פאַרדרענגטע וויטיקן.

און גאָר פּלוצלינג —

די געסלעך האָבן זיך אויסגעטשוכעט, ווי זיי וואָלטן זיך אויפגעריסן פון אַ באַטאָגיקן דרימל.

עס האָט זיך געהערט פּשיקרע נייעס:

אין ווילקעס, אין דער דאַמף־פאַבריק פון מאַקס זילבערשטיין האָבן די אַרבעטאָרערס געמאַכט חושך. אַלץ דאָרט צעהאַקט, צעבראָכט. אַ חורבה. איינגעבראָכן די טיר פון קאָנטאָר, געפּאַטשט דעם באַלעבאָס אין די איידע־לע באַקן אַריין און פאַרשלאָסן אים אין אַ קאַמער: „כאָליע דאָ!“

— וואָס מע הערט!

— יאָ, יאָ. ס׳איז נישט קיין קאַטאָוועס.

עס האָט זיך עפּעס נישט געגלייבט. די צונויפגעבאַבלטע געסלעך האָבן געשטוינט: ווי געשיקט זיך אַזוינס?

„דעם געקעכלטן פריץ האָבן זיי נישט אַרויסגעלאָזן אַהיים אויף מיטיק. אויך נישט אויף נאַכטעסן און נישט געלאָזן גיין שלאָפן. די אַר־

בעטאָרער פוילישע, דייטשישע מיט ווייסע פלאַקסענע קעפּ, און אַזוינע וואָס שוין מיט גראָע וואָנסעס און פרויען מיט צעפּלויגענע האָר, אין פּויע־רישע טיכלעך, זענען אַרומגעשטאַנען דעם באַלעבאָס. אַלע האָבן זיך מיט אים געריצט:

— ס׳שמעקט דיר אַזוי, וויעלמאָזשני פּאַן? פרעסן ווילסטו אַהיימגייען? פרעס שטיינער, פרעס קרענק!... די ווייטיקן פון אונדזערע קינדער עס, איידעלער מאַן!

מ׳האָט אויף אים די צינגער אַרויסגעשטעקט, אין פּנים געשפּיגן:

— אַ בראָך אין דיר אַריין! שמעק זיך אָן מיט דיין פאַבריק.

— באַגנבענען וועסטו אונדז, שטראָפן צוטראַכטן, סוקין סין? ווילסט אפשר ווידער האַנדלען מיט אונדז ווי אַמאָל מיט אונדזערע פאָטערס און זיידעס, הינטישע זרע!

אַ טאָג און אַ נאַכט איז אַזוי אָפּגעהאַלטן אויף גיהנומדיקע צרות. און האָט אים געהונגערט, דעם פאַבריקאַנט, האָבן די אַרבעטאָרערס אים געזידלט, ס׳סאַלידע בערדל האָרווייז אויסגעצופּט:

— נאָ, פרעס!

האָט אים דער דאָרשט געברענט, האָט אַ פּויערטע, אַן אויסגעצערטע, מיט יונגע פלאַקערנדיקע אויגן אים דערלאַנגט צו טרינקען די השתנה, וואָס זי האָט אין זיינע אויגן אָפּגעגעבן:

— נאָ, זויף, וואַרג זיך!...

— שטיק זיך, חזיר, ווי מיר שטיקן זיך מיט דיין גוטס!

— אויסוואורף!

— מערדער!

...ער האָט געהאַט אָפּגעשניטענע יאָרן, דער מאַקס זילבערשטיין, פון די אַרבעטאָרערס. ער איז שוין אָפּגעקומען פאַרן גוטס, וואָס ער האָט געהאַט אַלע יאָרן.

וויכהאַרציקע לייט אין די געסלעך האָבן געקרעכצט אויף זיין דאָליע:

— אַ יאַנדעס... אסור, כ׳קען הערן.

## ב.

אויף שבת נאָכמיטיק האָט זיך געגרייט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין לאַנגעוויניקער וואַלד.

וועבער־געזעלן, שניידער־יונגען, שוסטאַרעס — חברה אחדות — האָבן ס'מויל נישט געעפנט דערוועגן. „קאָנספּיראַציע". דאָס וואָרט האָט אַלע־מען זיך שטאַרק איינגעפּרעגט אין מוח, אין זכרון. „יורטשיק איז נישט איינער אַליין. סישטשיקעס זענען פאַראַן ווי די הינט"...

דעם חבר יאַנקעלעס ווערטער פאַרגעסט מע נישט. אַרבעט־יונגען קוקן שוין גאָר אַנדערש אויף די „פּאָביטניקעס", אויף די ווילע יונגען. „זיי לאָזן זיך איבערקויפן" — ווייסט יעדער. „זיי גייען האַנט ביי האַנט, יורטשיק דער סטראַזשניק מיט די לאָבוזעס. יעדער „פּרעטענזיע"־גייער איז אַ סישטשיק, אַ שונא פון פּראָלעטאַריאַט". היט מען זיך דערפאַר שטאַרק אויס מיט אַ וואָרט וועגן דער אַרבעטער־זאַך. אַן אייגענער ברודער האָט נישט געטאָרט וויסן פון דער פאַרזאַמלונג אין וואַלד.

אַ גאַנצע וואָך צופריִער האָט עס שטיל געקאָכט אויף די בירזשעס. אין אָוונט־ליכט האָבן אַרבעטאָרערס ווי שאָטנס זיך געגנבעט צו געהיימע קרייזלעך. חבר יאַנקעלע האָט גערעדט אין פינצטערע שטובן. מיט וואַ־רעמקייט פון זיין האַרץ האָט ער מיט גערעכטיקייטס־דאָרשט אָנגעצונדן די לעכצנדיקע. מיט האַס קעגן אויסנוצונג האָט ער אָנגעטרונקען זייערע געמיטער. וועבער־געזעלן האָבן מיט שטוינונג זיך צוגעהערט צו דעם נישט־ערדישן גייסט וואָס האָט זיי אָנגעהויכט מיט שטאַרקייט, מיט לוסט אָקערשט צולאָזן זיך די וועלט ענדערן.

אַ גאַנצע וואָך האָט חבר יאַנקעלע זיך נישט געוויזן אין די וועבער־געסלעך. וואָס עס טוט זיך דאָרט, האָט ער דווקא געוווּסט. אָנפאַרטרויטע האָבן אים שוין צוויסן געטאָן אויף זיין קוואַרטיר.

און די פאַרזאַמלונג האָט זיך געגרייט. יעדער, וואָס האָט באַדאַרפט קומען צו דער פאַרזאַמלונג האָט שוין געוווּסט, ווו צו גיין און דורך וואַנען צו גיין.

„אַלץ מוז גוט קלאַפּן"... — האָט חבר יאַנקעלע געוואָרנט.

שבת האָט זיך דער טאָג געשטעלט אַ שיינער, אַ זוניקער. עולם האָט

זיך געקענט אַרויסקלייבן הינטער דער שטאָט „אויף שפּאַציר". דאָס וועטער איז געווען גינציק. געגאַנגען איז מען מיט הינטערוועגן, דורך אַ סך פעלד־סטעזשקעס, אַקוראַט דאָ און דאָרט וואַלט אַ מענטש זיך פאַרבלאָנדזשעט, אַזוי איינער, אַזוי אַ צווייטער. און אַלעמענס וועגן האָבן געפירט צום באַ־שטימטן אָרט — אין לאַגעווניקער וואַלד אַריין. און דער וואַלד האָט גע־מיניעט מיט נייעם ווייכן גרין, מיט שמעקעוודיקער ערד.

אויף די וועגן זענען געשטאַנען חברים, סודותפול פאַרטוענע אין דער זאַך, וואָס דער קליינער יאַנקעלע האָט פאַרגענומען. זיי האָבן געוויזן:

— גייט דורך דאַנען גלייך, גלייך. דערנאָך פאַרקערעוועט אָט אַהינצו, אויף רעכטס. פון דאָרט וועט מען אייך שוין פירן — —

פון אַלע וועגן האָט מע געלענקט צום וואַלד. אַ לאָקנדיק גרינער האָט ער גערופן און געשמעקט אַ פריש אויפגעשטאַנענער פון אַ לאַנגן, פאַרפאַלענעם שלאָף.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — און דער וואַלד האָט גערעדט און מענטש צו מענטש האָט געגעענט, איטלעכנס האַרצצאַפּל אָפּגעפּילט.

אויך שמחה־בונם איז באַנאַנד מיט אַלעמען; מיט די וועבער־געזעלן וואָס זענען דאָ געשטאַנען ווי אַ לעבעדיקער וואַלד, האָט ער זיך צונויפגעגאָסן פונקט אַזוי ווי דער אויפגעוואַכטער וואַלד האָט אין דעם שיינעם טאָג זיך צונויפגעגאָסן מיט אַ יעדן בוים, מיט איטלעכן קוסט, מיט די שיטער־גראָזיקע הרודעס ביי זיין צופוסנס.

— פון דערוואַכטן אַרבעט־מענטש אַ גרוס אייך חברים פון אַרבעט און נויט! געבוג געליטן, גענוג געלאָזן זיך טרעטן — — ווילנע שטרעקט אייך אויס אַ ברידערלעכע האַנט, זשיטאָמיר, באָברויסק, חברים, און מעזריטש! די וועלט פון אונטערדריקטן קלאַס קומט אויף — — איר זענט נישט אַליין — דער אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד, ליטע און פוילן איז מיט אייך. דערוואַכט, חברים, צו אַ נייעם שטרעבן!

אַ מאַכטיקער, אַ ריז פון איינגעזאַמלטן כוח אַלעמענס איז יאַנקעלע געשטאַנען פאַר זיי. ווי אָנגעגליטע זענען זיינע רייד געפאַלן אין די האַר־

צער אַריין און אין אַ שטראָם אַ הייסן זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען איבער די בלוטן. ווער עס האָט נישט געשפּירט אַז אָט דער האָט אַ טרער פֿון ביי אים אַרויסגעקראָגן (אַזוי אמתדיק רעדט ער!) און ווער עס האָט נישט געוווּסט אַז אַ געזאַנג פֿון האַרצן האָט זיך פֿון אים אַ ריס געטאָן. דער וואַלד האָט זיך צערעדט און הימל און ערד האַרכן זיך איין.

„וואָס האָבן מיר ברי־י?!?-דעער צו פּאַאַרלי־י־ירן?" — האָט פֿון וואַלד פּלוצלינג זיך אויפֿגעהויבן אַ הויך אויפֿגעטורעמט, אַ געדריידלט לויטער געזאַנג ווי פֿון האַרנס, וואָס האָט זיך געריסן אין די וויטן אַריין, אין די ברייטן. עס האָט זיך אָבער ווידערגעקערט, גלאָקיק זיך פֿונאַנ־דערגאַנגען איבערן וואַלד און ווי אַ גרויסער טייך זיך צעכוואַליעט —

— ברי־י־ידעער צו־ו־ו פּאַאַאַר־לי־י־ירן — —

און אויגן הייסע, פֿינקלענדיקע ווי אין אַ שיכרות האָבן זיך ברייט צעעפֿנט.

ווידערקולות האָבן טיף אָפּגעהילכט אין די מענטשן און דער וואַלד אַ שטיל צעשטורעמטער האָט אַלץ געברומט מיט די עכאָס וואָס האָבן זיך אָקערשט געפֿלאָכטן, צעכוואַליעט זיך און רעכט אים פֿונאַנדערגעוויגט.

אין וואַלדישן גערדענג האָט שמחה־בונם אָפּגעפֿונען זיין חבר שכנא פֿון טשעמנע געסל, דעם לאַנגן שכנא וואָס מיטן הויכן כאַרכלענדיקן האַלדז פֿון אַמאָל, ווען יענער האָט זיך מיט אים געטיילט דעם ביסן. ווי אַן אַנט־פּלעקונג אויפֿן שטח פֿון דעם לאַנג פֿאַרוויַיעטן זכרון האָבן ביידע אומגע־ריכט זיך אָפּגעשטעלט. טיף האָבן זיי דערשפּירט אין זיך אַ דריקנדיק קניילכל, ס'האָט זיך פּלוצלינג אַ דריי געטאָן אין זייערע איינגעווייידן, נאָר מיט אויפֿגעזאָטענעם קוויטש איז עס נישט אַרויס. דער געשריי דער גע־וואַלטער האָט אין די הערצער זיך צעפּויקט. שטאַרק האָט זיך באַוועגט די ברוסט. דערנאָך האָבן די חברים זיך אין די אויגן אַריינגעקוקט, לאַנג אַ וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען.

— דו, שמחה?

— און דו...

לסוף האָט איינער דעם אַנדערן איינגעקלאַמערט אין זיין אָרעם און אינערלעך צעפּלאַמטע אָן רעדן זיך אַריינגעגאָסן אין וואַלדישן געברום:

— וואָס האָבן מיר, ברי־י־דעער צו פאַרלי־י־ירררן?

דער אינעווליצער האָט זיך פון שכנאן נישט געקענט אָפּרייסן. שכנא האָט אַלץ געזונגען, געזונגען — —

ג.

אויפדערנאַכט האָט דער אומעט אַן אביונישער, אַ באָרוועסער פון דאָס ניי אַריינגעפויזעט אין די שמאָלע געסלעך, געגראָבן זיך אַ וועג צום געקרענקטן געמיט.

— ס'עט זאַן אַ סטרייק.

— העי? וואָס זאָגסטע?

— שוין מאָרגן 'עט זאַן אַ סטרייק!

— זעכער?

— 'עסט שוין צו גלייבן קימען...

גראָד איז אַ קינד אַ יִדישס געפאַלן אויף דער וועלט אין מילנער־גאַס. מ'האָט אין שטוב געצונדן ליכט אַז פרייד זאָל אַנטקעגנגיין דעם ניי־געבוירענעם, האָט אַ שטיין ווי אַ דונער אומגעריכט זיך אַריינגעשניטן אין צעהעלטן פענצטער, די שויבן צעשפּריצט. שטאַרק איבערגעשראָקן האָט די געווינערן געקריגן גרויס היץ און ס'עופהלע האָט מיט אַ ביטער געשריי געריסן די פינצטערניש.

אומרו איז געקומען אויף באַלוט.

# אינהאַלט


| | | |
|---|---|---|
| | | זייט |
| | פון מחבר | I |

## אויפגעטרייסלטע פונדאַמענטן

| | | |
|---|---|---|
| קאַפּיטל 1: | ערגעץ אין אַ העק | 15 |
| „ 2: | משה אינעוווליצער | 19 |
| „ 3: | די מעשה פון מזל | 31 |
| „ 4: | די גאָלדענע שטאָט | 39 |
| „ 5: | דאָס געוויין פון אַ יידענע | 43 |
| „ 6: | יאוש און ביטחון | 52 |
| „ 7: | די נייע פּרנסה | 63 |
| „ 8: | די שטאָט איז גרויס און ברייט | 68 |
| „ 9: | תכלית | 74 |
| „ 10: | פאָטער און זון | 85 |
| „ 11: | שמחה־בונם און זיין חבר שכנא | 93 |

## אַרום יונהדל פּילצערס פּלאַץ

| | | |
|---|---|---|
| קאַפּיטל 12: | די פעפער־גאַס | 101 |
| „ 13: | יונה פּילצערס פּלאַץ | 105 |
| „ 14: | דער מייסטער אברהם באַראָן | 115 |
| „ 15: | די מייסטערשע שיינדל | 120 |
| „ 16: | אין אַזעלכע טעג | 131 |
| „ 17: | וועבערס האָבן צו דערציילן | 140 |
| „ 18: | שמחה־בונם איז נישט דער אייגענער | 154 |

| | | |
|---|---|---|
| | | זייט |
| קאַפּיטל 19: | באַלוטער אויפדערנאַכטן | 159 |
| „ 20: | גאָלדע און חוה | 176 |
| „ 21: | עס איז אומעטיק | 183 |
| „ 22: | צוויי שרפות | 193 |
| „ 23: | אָרעמע געלוסטן | 206 |
| „ 24: | וואָס איז דאָס אַזוינס? | 216 |
| „ 25: | אַנטקעגן די סדר־ליכט | 224 |
| „ 26: | בענקשאַפט | 232 |
| „ 27: | מאַשינען | 235 |

## וווהין?

| | | |
|---|---|---|
| קאַפּיטל 28: | דער וועג אַהיים | 245 |
| „ 29: | איבערגעבעטן זיך | 258 |
| „ 30: | די בלינדע שענק | 268 |
| „ 31: | ווידער אַ ביטערער ווינטער | 280 |
| „ 32: | פון די אָרעמעלייטס וועגן | 288 |
| „ 33: | דער קליינער יאַנקעלע | 292 |
| „ 34: | ביי די קוואַלן | 304 |
| „ 35: | מיט טעכטער איז נישט קיין געלעכטער | 312 |
| „ 36: | אויף אַ מענטש זאָל מע זאָגן אַ פּזשיק | 321 |
| „ 37: | און דער וואַלד האָט גערעדט | 335 |

Este libro terminóse de imprimir el día 23 de Enero de 1953 en los Tall. Gráficos Zlotopioro Hnos., Gascón 1231 — Buenos Aires.